STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01182

FUN MAYN LEBEN

Vladimir Medem

Permanent preservation of this book was made possible
by Natalie Minoff
in memory of
David Minoff

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון מיין לעבן

וולאדימיר מעדעם

ערשטער באנד.

ארויסגעגעבן פון דער וולאדימיר מעדעם קאמיטע
1923

פאָרוואָרט.

וולאַדימיר מעדעם! דאָס איז אַ מערקווירדיגער נאָמען אין דער געשיכטע פון דעם רוסישען פרייהייטס קאַמף בכלל, און פון דעם אידישען ארבייטער קאַמף בפרט. אין דער גאַלעריע פון העלדען און מאַרטירער, וועלכע דיזע געשיכטע האָט איבערגעלאָזען, געפינען זיך פילע אינטערעסאַנטע פערזענליכקייטען. מעדעם איז איינע פון זיי, אָבער אין אַ געוויסען זין האָט ער צו זיך קיין עהנליכען ניט. זיין פיגור פאַרנעמט אַ באַזונדערען ווינקעל.

העלדען געפינען מיר אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפען פון אַלע לענדער. דער רוסישער קאַמף אָבער, האָט ענטוויקעלט געשטאַלטען וועלכע זיינען אַנדערשוואו ניטאָ. די געשיכטע פון די נאַראָדניקעס פון די 70'ער יאָהרען, און פון די נאַראָדאָוואָלצעס פון די 80'ער יאָהרען, אָטעמט מיט די בשמים פון לעגענדע־צייטען. פריצישע קינדער פאַרלאָזען פאַלאַצען און לוקסוס, טוען אָן פויערים־קליידער, מישען זיך צוזאַמען מיט דאָרפסלייט, און רעדען צו זיי פון פרייהייט און ברידערליכקייט. די דעספּאָטישע מאַכט פילט מיט זיי אָן די טורמעס; זי פאַרשיקט זיי אין סי־ביר, זי פאַרמוטשעט זיי, זי הענגט זיי. אָבער נייע ריטערס פון פרייהייט פאַרנעמען זייערע פּלעצער און זעצען פאָר זייער וואונדערליכע ארבייט. דערנאָך שטעלט זיך אַ גרופּע יונגע לייט און מיידלאַך אַנידער קעגען דער ריזיגער מאַכט פון דער רוסישער טיראַניי און ווייזט ארוים העלדישקייטען, וועלכע שטורמען אויף אייראָפּא און אמעריקא.

נאָר פון אזא וועלט מיט אזא גייסט האָט געקאָנט ארויס־קומען אַ פערזענליכקייט ווי וולאַדימיר מעדעם.

זיין אידעאַליזם איז געווען אַן עכט רוסישער אידעאַליזם פון יענע העלדען יאָהרען. ער איז געווען אַ „נאַראָדניק"; אָבער אויף אַן אייגענאַרטיגען שטייגער.

ער איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרען אַלס אַ קריסט, אַלס

פריץ, און ווי פילע פון די רוסישע פריצים, איז ער אין די סטו־דענטען יאָהרען באגייסטערט געוואָרען פאר דעם סאָציא־ליזם. אין רוסלאנד וואוינען פארשידענע פעלקער, און ווי אלע סאָציאליסטען, האָט ער געהאט אין זינען אלע פעלקער אָהן אויסנאהם. אָבער איינע פון דיזע האָט אויף זיך געטראָגען א שווערערען יאָך ווי אלע אַנדערע, און דאָס איז דער אידישער פאָלק. אויף יעדען טראָט וואָס דער צארישער שטיוועל האָט געטאָן אויף דעם רוס, אָדער זאָגאר אויף דעם פּאָלאַק, האָט ער געטאָן דריי טראָטען אויף דעם אידען. מעדעם האָט דאָס גע־פיהלט, און ער האָט אין זיין געדאנקען צוזאמענגעבונדען צוויי פאַקטען: דעם פאקט אַז זיין פאָטער און מוטער זיינען גע־באָרען געוואָרען אידען מיט דעם פאקט, אַז דער אונטערדריקטער איד איז דרייפאַך אונטערדריקט. א זאָנדערבארער געדאנק האָט זיך גענומען ענטוויקלען אין מעדעם׳ס מח. א נייער פלאַם האָט ארויסגעשפּראָצט אין זיין באוואוסטזיין — ליבע צו יענע דריי מאָל געפּייניגטע איינוואוינער פון רוסלאַנד.

אלס סאָציאַליסט האָט ער זיך ספּעציעל פאר אינטערעסירט אין אידישע ארבייטער. זיין אויפמערקזאמקייט איז צוגעצויגען געוואָרען צו יענער אַפּטיילונג פון דעם רעוואָלוציאָנערען קאמף, וועלכע האָט אויף זיך געטראָגען די פאָהן פון דעם „בונד". דער דאָזיגער געפיהל און געדאנק איז ביי איהם שנעל געוואקסען און דער רעזולטאט איז געווען אַז די וויכטיגערע טייל פון זיין לע־בען האָט ער אין גאנצען אָפּגעגעבען דעם אידישען פּראָלעטאַ־ריער.

ווען מעדעם וואָלט געלעבט אין די 70'ער יאָהרען, ווען מען האָט נאָך וועגען ספּעציעלע אידישע פּראָלעטאריער ניט גערעדט, וואָלט ער געווען א „נאראָדניק" אויף דעם רוסישען שטייגער פון יענע יאָהרען. ער וואָלט זיך אויסגעלערנט רעדען ווי א רוסי־שער פויער, ער וואָלט אָנגעטאָן די קליידער פון דעם רוסישען דאָרף, ער וואָלט געגאנגען זיך צוזאמענמישען מיט דעם רוסישען ערד־ארבייטער. איצט איז ער געוואָרען א „נאראָדניק" אויף א נייעם שטייגער.

דיזער רוסישער „בארין" מיט א זעלטען שעהנע, ליכטיגע

געזיכט, מיט אן אריסטאָקראַטישע פיגור, און מאַניערען, האָט זיך גענומען לערנען רעדען אידיש.

ער האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין די געפעהרליכע ארבייט און זעלבסט־אָפּפערונג, וועלכע עס האָט געפאָדערט די אגיטאציע צווישען אידישע בעל מלאכות אין די אידישע שטעדט און שטעד־לאַך.

צוערשט האָט ער זיינע רעדעס פאַר די אידישע מאסען גע־האַלטען אויף רוסיש. ביסלעכווייז אָבער, האָט ער אָנגעפאנגען צו רעדען אונזער לשון צו זיי. איך געדענק דעם טיפען איינ־דרוק, וואס עס האָט געמאַכט ביי אונז אין ניו יאָרק, ווען מען האָט אונז דערצעהלט ווי מעדעם האָט געהאַלטען זיין ערשטע אי־דישע רעדע אויף א וואהל־פארזאמלונג אין קאָוונע.

דער אינטערעס אין דיזען „גר” אונזערען, דער רעספּעקט און ליבע צו איהם איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז אריבער־געגאנגען איבער די גרעניצען פון דעם קלאסען־קאַמף. אידישע געשעפטס לייטע, פארביסענע געגנער פון אונזער באוועגונג, פלע־גען לויפען הערען דיזען לעגענדארישען העלד מיט א ציטער פון עהרע־פורכט אין זייערע הערצער.

ער האָט זיך צו דער אידישער שפּראַך גענומען מיט דער זעלבער ענערגיע, מיט וועלכער ער האָט זיך גענומען צו דעם גאַנצען קאַמף. ער האָט אונזער לשון אויסגעשטודירט מיט א מערקווירדיגע גרינדליכקייט. ער האָט אונזער אידיש גערעדט און געשריבען שעהן און רייך — רייכער ווי פילע געבאָרענע אידישע שרייבער און רעדנער.

נאָר דעם אַקצענט האָט ער ניט געקאָנט אין גאַנצען בייקו־מען. די אויסשפּראַכע פלעגט איהם אָפט פאררעטען אין רעכטען מיטען פון א שטראָם רעדנער־פּראַכט. מיר האָט עס אָבער אימער הנאה געטאָן, עפּעס אַזוי ווי עס וואָלט זיך ניט געוואָלט אַז מען זאָל אויף איין מינוט פארגעסען די וואונדערבארע געשיכטע פון דיזען מאָן.

מיר זיינען צוגעוואוינט צו הערען — לײדער צו אָפט — וועגען אידען וואָס שעמען זיך מיט זייער אייגענער אָפּשטאַמונג, וועגען אידען וואָס זוכען צו פארגעסען זייער מוטער־שפּראַך. דאָ איז געווען א פארקעהרטע ערשיינונג. א פּריץ האָט זיך

געלערענט אונזער שפּראַך און זיך צוזאַמענגעלעבט מיט אונזער לעבען אום צו קעמפען פאַר אונזערע אַרבייטער.

איך האָב אַמאָל זיך אויסגעדריקט, אַז זייענדיג איינער פון אונז, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק אַז צו דער זעלבער צייט איז ער אַן אָפּגעזונדערטער אויך. דאָס איז דערפאַר וואָס אַזאַ ספּעציעלע פּערזענליכקייט איז ביי אונז אַ זעלטענהייט, אַזוי ווי אַ ספּעציעלע שכינה האָט איהם אַרומגערינגעלט, אַן אייגענאַרטיגער גייסטיגער קאַליר, וועלכען מען וואָלט געקאָנט באַשטימען נאָר אין פּאָעזיע.

זיין ענטוויקעלטען לעבען האָט ער פאַרבראַכט אין דיזען קאַמף פאַר די אידישע אַרבייטער. אימער פול מיט מוטה, און מיט נאָבעלע זעלבסט-רעספּעקט, האָט ער אַרויסגעוואָרפען באַוואונדערונג אפילו פון די פינסטערע קרעפטען פון דעם צאַר'ס פאַרשטעהער.

יאָהרען און יאָהרען האָט ער זיך געוואַלגערט אין טורמעס, ביז די טורמעס האָבען אין זיין געזונט אריינגעלייגט די קערנער פון זיין פריהצייטיגען טויט.

אין זיינע לעצטע עטליכע יאָהרען איז ער געווען דער „בונד" און דער „בונד" איז געווען ער. די פאַר יאָהר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי אונז אין אַמעריקא, איז ער געווען אין קערפּער ביי אונז, אָבער מיט דער נשמה איז ער אַלץ געבליבען ביי דעם „בונד" פון רוסלאַנד און פּוילען.

צופּערטיגענדיג דיזע הקדמה צו זיין אויטאָ-ביאָגראַפיע איז מיר אָנגענעהם זיך צו דערמאָנען אַז דעם פּלאַן צונויפצושטעלען אַזאַ ווערק האָט מעדעם'ן געגעבען דער, וואָס שרייבט דיזע צייל֊ען. אין וואַרשע, אין 1919 איז דאָס געווען. דער געדאַנק איז איהם געפעלען געווען, און ער האָט צוגעזאָגט אָנצופאַנגען. עס איז אָבער אַוועק אַ היבשע צייט און ער האָט גאַרניט געטאָן אין דעם. שפּעטער, ווען ער איז געקומען צו אונז קיין אַמעריקא, האָב איך איהם ווידער דערמאָנט, און דיזע מאָל האָט ער זיך גענומען פאַר דער אַרבייט. ער האָט זיינע ערינערונגען געשריבען פאַר'ן „פאָרווערטס", וואו זיי זיינען געגאַנגען אומגעפעהר אַ יאָהר צייט. מיר האָבען ערוואַרטעט אַז נאָך דעם ווי עס וועט זיך ענדיגען, זאָל דאָס ערשיינען אין בוך-פאָרם. אָבער

קיינער פון אונז האָט ניט חושד געווען אַז איידער דאָס וועט ערפילט ווערען, וועט אונזער אַמעריקאַנער באַוועגונג אויפגערו־דערט ווערען מיט איינע פון די מערקווירדיגסטע לויות וואָס די באַפעלקערונג האָט ווען געזעהן — די לויה פון וולאַדימיר מעדעם.

איצט איז דער בוך פאַרטיג. איך באַגריס איהם אַלס איי־נעם פון די טייערסטע פערלען און דעם אוצר פון אונזער היס־טאָריע.

אב. קאַהאַן,

ניו יארק, יוני 4, 1923

אַ פּאַר ווערטער.

אַט די צוויי בענדער פון גענאַסע מעדעם ווערען ארויסגע־
געבען אַ דאַנק דעם אינטערעס און גרויסמוטיגקייט פון אייניגע
פריינט און גענאָסען פון אונזער פארשטאָרבענעם ליבען חבר,
וועלכע האָבען געליהען געגוג געלט אום זיי צו פאַרעפענטליכען.
אַלס סעקרעטערע פון דער קאָמיטע זיינען זיי בארעכטיגט צו אַן
עפענטליכען דאַנק פאר איינוויליגען צו דינען אויף דעם קאָמי־
טעט און צו מאַכען די ארויסגאַבען מעגליך. זיי זיינען:

א. בעקערמאַן, פילאדעלפיא.

מאָרים בערמאַן, נ. י.

י. גילמאַן, נ. י.

א. ליפמאַן, נ. י.

לואיס שנייער, פילאַדעלפיא.

מ. מ. עליש, נ. י.

מ. דאַווידאָף, נ. י.

מ. טוריטץ, נ. י.

א. קאַהאַן, נ. י.

העגרי גרינפעלד, נ. י.

הערים גאָלדבערג, קייאמישא.

דר. וו. מ. ליאָף, פילא.

דר. מ. ראַפּאָפּאָרט, יוניאָן היל, נ. דזש.

דר. מ. באַראַנאָוו, נ. י.

א. ב. מעהלמאַן, נ. י.

דזש. לעווענסאָן, סידאַר הוירסט.

באַרנעט פיינבערג, נ. י.

ב. וולאַדעק, סעק.

אינהאַלט:

צווישען צוויי וועלטען — 7—12
דער קליינער קריסט — 13—27
דער טאַטע און די מאַמע — 28—31
די סביבה — 32—34
דער מיזיניקעל — 35—38
די מאַמע איז קראַנק — 39—42
די מוזיק — 43—45
די פּאָליטישע איינדריקע — 46—48
זומער לעב — 49—53
איך געה אין גימנאַזיע — 54—62
גאָליניעוויטש׳עס הויז — 63—69
די חברים — 70—77
דער סוף פון די קינדער יאָהרען — 78—83
נאָכ׳ן פאַטער׳ס טויט — 84—87
די ערשטע ליטעראַרישע מפּלה — 88—91
מיין שוואָגער זשאַבאַ — 92—95
פּאָליטישע השגות — 96—106
ביכער, פּראַגען, שטימונגען — 107—111
דער נייער פריינד — 112—119
אַביסעל אידישקייט — 120—126
טעאַטער — 127—132
אונטער די היימישע סאָסנעס — 133—135
אויפ׳ן שוועל — 136—140
קיעוו — 141—146
מיין מוטער׳ס טויט — 147—149
דער צווייטער יאָהר אין אוניווערזיטעט — 150—157
מיר סטרייקען — 158—166
צוריק אין דער היים — 167—175
יום כיפּור — 176—178
גערשוני׳ס קרייז — 183—190
איך הויב אָן צו אַרבייטען — 191—197
די ראָזבאָרקע — 198—206
די אַרבייט — 207—217
אין די גאַסען צו די מאַסען — 218—224
שפּראַצונגען פון בונדישען געדאַנק — 225—230

ווייטער אידישקייט — 231—233
דער שפיטאל — 234—240
„אין די ליכטיגע טעג" — 241—245
דער ארעסט — 246—251
הינטער די גראטעס — 252—259
פאר'ן אנטלויפען — 260—264
איבער דער גרעניץ — 265—273
אליין אין דער פרעמד — 274—276
די בערנ'ער „קאלאניע" — 277—285
„איסקרא" — 286—295
דער בונדיזם — 296—300
מיין לעבען אין בערן — 301—308
קלאראן — 309—314
מעשה לעקערט — 315—320
דער ערשטער זומער אין די בערג — 321—325
די אנארכיסטען — 326—329
ווידער אין בערן — 330—335
ווידער אנגעווארען די היים — 336—338

פון מיין לעבען

1

צווישען צוויי וועלטען.

מיין מוטער זיצט אויף א שטול אין עס־צימער, אנטקעגען איהר שטעהט א קליינטשקע אלטינקע אידענע. איך געדענק איהר נאָמען: לאה, אָדער ווי מען פלעגט זי רופען ביי אונז אין שטוב — לאה'קע. מיין מוטער זיצט, און לאה'קע שטעהט, און זיי האלטען אין איין שמועסען. וועגען וואָס — געדענק איך ניט, און ס'איז ניט וויכטיג. כ'געדענק אָבער, אז זיי רעדען — א י ד י ש!

איך — א אינגעל פון א יאָהר זעקס אָדער זיבען — דרעה זיך ארום דער מאמען. איך הער ווי לאה'קע רופט זי כסדר „מאדאמעטשקע"", איך הער ווי די מאמע ענטפערט איהר אויף „זשארגאָן", און איך בין אויסער זיך פון אויפרעגונג און פאר־דרוס. סטייטש, ווי קען מען דאָס מאכען אזעלכע זאכען! א געבילדעטע אינטעליגענטע דאמע, א פרוי פון א רוסישען „גענעראל" זאָל רעדען אויף „זשארגאָן"! אן אמת'ער סקאנדאל! און איך קען זיך קוים דערוואַרטען, עס זאָל קומען אהיים דער טאטע. איך ווייס, אז אין זיין אנוועזענהייט וועט אזעלכעס ניט פאר־קומען. און באלד דערהערען זיך טאקע זיינע טריט, און לאה'קע פארשווינדט האסטיג אין דער קיך. איך אטהעם אָפּ מיט אן אמת'ער באפרייאונג: די שטוב איז ווידער געוואָרען א כשר־רוסישע.

לאה פלעגט קומען אין דער דאָזיגער „רוסישער" הויז אלע פרייטאג מאכען אידישע פיש. אמת, ס'איז ניט געווען פרייטאג־צו־נאכטס, ווי עס פיהרט זיך ביי אידען, נאָר סתם אזוי בייטאָג צו מיטאָג. ס'איז אָבער פאָרט געווען אן אפּקלאנג פון אלטע „אידישע" צייטען, א שפור פון אויסגעוועפּטער אידישקייט. פון יאָהר צו יאָהר פלעגען אזעלכע שפורען ווערען אלץ קלענער און

זעלטענער. די שטוב פלעגט זיך אלץ מעהר פארוואנדלען אין אן אמת־רוסישע — ניט נאר לויט דער שפראך, נאר לויט דעם גאנצען אינהאלט פונ׳ם לעבען. אין די גאר יונגע קינדער־יאהרען מיינע זיינען די דאזיגע שפורען פון אידישקייט געווען נאר פארהעלטניסמעסיג שטארק. שפעטער האבען זיי זיך אויך אויסגעוועפט אין גאנצען.

און אט פון דער דאזיגער שפעטערדיגער צייט האבען זיך מסתמא גענומען די קלאנגען, אז מיינע עלטערן (אדער וועניגס־טענס איינער פון זיי) זיינען אמת׳ע געבוירענע רוסען. ס׳איז אבער מעהר ניט א לעגענדע.

לויט דער אפשטאמונג זיינען מיינע עלטערן געווען אידען. אמת׳ע, כשר׳ע אידען. דאכט זיך, אז מיין פאטער איז אפילו געווען א כהן. געשטאמט האט ער פון שאוולי (קאוונער גור־בערניע) און זיך באזעצט אין מינסק; מיין מוטער — פון ווילנא. איך האב קיינמאל ניט געקענט מיין פאטער׳ס עלטערן און וויים פון זיי קיין זאך ניט. וואס איז אבער שייך דעם דור פון מיין פאטער גופא, איז ער ארומגעכאפט געווארען פון אן אמת׳ער מגפה פון שמד. און אין דער פאמיליע פון מיין מוטער איז עס אויך געווען אזוי. כמעט אלע מיינע פעטערס און מוהמעס זיינען געווארען קריסטען, און צווישען דעם אינגערען דור גע־פינען זיך שוין אזעלכע, וואס ווייסען אין גאנצען ניט, אז זיי שטאמען פון אידען.

כדי דאס צו פארשטעהן, דארף מען האבען אין זינען, אז די דאזיגע מגפה האט זיך ביי אונז אנגעהויבען, אדער אלענפאלס צוגעגרייט אין גאנץ אלטע צייטען. מיין פאטער, למשל, איז געבוירען געווארען אינ׳ם יאהר 1836. אלס אינגעל איז ער שוין אריין אין א רוסישער גימנאזיע און דערנאך אין דער פעטערבורגער מיליטעריש־מעדיצינישע אקאדעמיע. געענדיגט די אקאדעמיע איז ער געווארען א מיליטערישער דאקטאר און איז ממילא אריין אין א רוסישער סביבה. פונ׳ם טראדיציאנעלען אידישען לעבען איז ער אוועק זעהר פריה, און אפשר האט ער איהם גאר ניט געקענט. און אויף וויפיל ער פלעגט שוין יא באקומען גרוסען פונ׳ם אידישען לעבען, האבען זיך דארטען געטראגען בולט אסי־מילאטארישע ווינטען. ס׳איז געווען די צייט פון די זעכציגער

יאָהרען, די פריהלינג־יאָהרען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטענס ממשלה. די באַציהונג צו אידען איז געווען א ליבעראַלע, און די אידישע געזעלשאַפט גופא האָט דארויף געענטפערט מיט א הייסען דראַנג צוזאַמענצוגיסען זיך מיט'ן רוסישען פאָלק. א דורכ־שניטליכער אידישער אינטעליגענט האָט זיך געפיהלט פאר א רוס. און וואָס האָט איהם דאַמאָלט געקענט צוזאַמענבינדען מיט דער אידישקייט? די רעליגיע? זי האָט זיך אויסגעוועפּט. דער נאַציאָנאַלער געדאַנק? ער איז דעמאָלט נאָך ניט אויפגעקומען. איז מען טאַקע געוואָרען אָדער וועניגסטענס געוואָלט ווערען אמת'ע רוסען. אזא איז געווען די גאַנצע סביבה. מען האָט געוואָלט פאַרגעסען פון דער אידישער אפשטאַמונג. און ביס־לעכווייז האָט מען טאַקע אָנגעהויבען צו פאַרגעסען.

דאַן איז אָבער געקומען א געוויסער איבערברוך. דער פּאָ־ליטישער פריהלינג האָט זיך געענדיגט. עס זיינען ווידער געקו־מען די יאָהרען פון דער רעאַקציע, פון פּאָגראָמען און אנטיסעמי־טיזם, באַזונדערס נאָך דעם, ווי אויפ'ן טראָן איז אַרויף אַלעק־סאַנדער דער דריטער. און צוזאַמען מיט די פּאָליטישע רדיפות האָט זיך גענומען פרובּפערן אויף דער געזעלשאַפטליכער אידען־האַס. די לאַגע האָט זיך געביטען. ווי שטאַרק מען האָט ניט געוואָלט פאַרגעסען, אַז מען איז אַמאָל געווען א איד, האָט דאָס די אַרומיגע סביבה שוין ניט דערלאָזט. זי האָט דערמאָהנט אויף יעדען שריט און טריט: „דו ביזט א איד“. און דער איד האָט אין די דאָזיגע ווערטער געהערט א פאַרוואורף, א באַליידיגונג, א גרינגשעצונג: ס'איז א חרפּה צו זיין א איד! שעמען דאַרפסטו זיך צו זיין א איד!

און ער האָט זיך טאַקע גענומען שעמען מיט זיין אידיש־קייט; זיך שעמען מיט איהר און זעהן צו באַהאַלטען די שאַנד.

אָט די פּסיכאָלאָגיע פון שעמען זיך מיט דער אידישקייט און צו מאַכען א סוד פון דער אידישער אָפּשטאַמונג, איז געווען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער גאַנצער סביבה. איך געדענק זי נאָך גאַנץ גוט פון מיינע קינדערשע יאָהרען. איך געדענק, ווי מען פלעגט כסדר שמועסען וועגען דעם אָדער יענעם: ווייס מען יאָ אָדער ווייס מען ניט, אַז ער איז א איד? איך געדענק, אַז ביי מאַנכע אונזערע קרובים איז דאָס וואָרט „איד“ גופא

געוועזן טריף און שטרענג פארוועהרט, — עס זאָל, חלילה, דאָס דיענסטמיידעל ניט דערהערען! עס האָט זיך אויסגעארבייט א מין געהיימע שפראַך, מיט איהרע ספּעציעלע אויסדריקע, וואָס נאָר אייגענע מענשען האָבען געקענט פארשטעהן: אנשטאט „אידען" פלעגט מען זאָגען „איטאַליענער" אָדער „פון די אונזע־ריגע", („איז נאַשיך"), מען פלעגט דאָס זאָגען מיט א שמייכעל, ווי א מין וויץ, אָבער דער אונטערשלאַק פון דעם וויץ איז געוועזן א גאַנץ ערנסטער. ביי אונז אין שטוב איז די דאָזיגע מורא קיינמאָל ניט דערגאַנגען צו די עכסטע, משונה'דיגע פאָרמען; מען איז פאָרט געוועזן צו שטאָלץ דערצו, אָבער די שטימונג איז יא געווען. און איך געדענק גאַנץ גוט, אז איך אליין, נאָך אלס קליינער אינגעל, בין געוועזן טיעף דורכגעדרונגען מיט איהר. איך האָב געשלעפּט אויף זיך די אידישע אפּשטאַמונג ווי א לאַסט. ס'איז פאַר מיר געוועזן א שאַנד, אַן ערנידערונג, א מין געהיימע קרענק — די מענשען דאַרפען פון איהר ניט וויסען; און טאָמער וויסען זיי יאָ, דאַרפען זיי, אויב זיי זיינען נאָר גוטע און פריינדליכע מענשען, זיך מאַכען ניט וויסענדיג — פּונקט אזוי, ווי מען מאַכט זיך ניט וויסענדיג פון א הויקער אָדער פון א לאָמען פוס, כדי ניט צו פאַרשאַפען קיין עגמת נפש א קאַליקע.

און דעריבער טאַקע פלעג איך אזוי אויפגעבראַכט ווערען, הערענדיג ווי מיין מאַמע רעדט אידיש מיט דער אַלטער אידענע לאה. איטליכס וואָרט האָט דערמאַהנט אַן דער מיאוס'ער קרענק: ביזט א איד, ביזט א קאַליקע. און איך האָב ניט גע־וואָלט זיין קיין איד, און איך האָב זיך ניט געהאַלטען פאַר קיין איד, און איך פלעג נאָכפּלאַפּלען דאָס, וואָס איך פלעג הערען פון די דערוואַקסענע: מיר זיינען רוסען.

אָט דאָס איז געוועזן די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין אונזער סביבה. זי האָט ברייט געעפענט דעם וועג צום שמד. אויב די אידישקייט איז געוועזן מעהר ניט ווי א געהיימע קרענק, איז דער שמד געוועזן די לעצטע און ראַדיקאַלסטע היילונג. ס'איז געוועזן מעהר ניט ווי א פאָרמאַליטעט, א לעצטער שטאַפעל פון'ם לייטער.

מיינע עלטערן זיינען ארויף אויף דעם דאָזיגען שטאַפּעל גאַנץ שפּעט. מיין פאָטער האָט זיך גע'שמד'ט שוין אלס אַלטער

מענש פון 56 יאָהר, עטליכע חדשים פאַר זיין טויט. צוליב וואָס האָט ער דאָס געטאָן? און דוקא צום סוף פון זיין לעבען? אויף קיין „קאַריערע” אין אייגענטליכען זין פון וואָרט האָט ער ניט גערעכנט האָפען. און אייגענטליך האָט ער שוין דעמאָלט געמאַכט די קאַריערע. ער איז געווען איינער פון די אָנגעזע־הענסטע מענשען ביי אונז אין שטאָדט, א דיוויזיע־ארצט, כמעט א גענעראל (ער איז געווען א „סטאַטסקי סאָוויעטניק”, דאָס איז א טשין, וואָס פארנעמט א מיטעלען אָרט צווישען א פּאָלקאָווניק און א גענעראל). אן אמת'ער גענעראל האָט ער טאקע ניט גע־קענט ווערען צוליב דעם, וואָס ער איז געווען א איד. אָבער ניט צוליב דעם האָט ער זיך גע'שמד'ט. ווי איך האָב פארשטאַנען פון די שמועסען, וואָס די דערוואַקסענע האָבען געפיהרט צווישען זיך (איך אליין בין דעמאָלט געווען א אינגעל פון 13 יאָהר), האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבען עפּעס א גזרה אויף די אידישע בעאַמטע, און עס האָט איהם געדראָהט צו פארלירען זיין שטעלע. און אזוי ווי מיט קיין פריוואַטער פּראַקטיק פלעגט ער זיך ניט פארנעמען, וואָלט דאָס געווען פשוט א חורבן. אן אַלטער, א קראַנקער מענש, וואָס ער איז דעמאָלט געווען, האָט ער ניט גע־קענט אפילו חלום'ען וועגען אָנהויבען עפּעס א נייעם לעבען, און דעריבער האָט ער באַשלאָסען זיך צו שמד'ען און איז אריבער צום לוטעראַנישען גלויבען.

מיין פאָטער איז אָבער געווען א פיינער, געבילדעטער און אינטעליגענטער מענש. ס'איז איהם פיינליך געווען דורכצומאַכען די שמד־פאָרמאַליטעט אַלס א פּוסטע אויסערליכע צערעמאָניע אָהן א ברעקעל אינערליכען געפיהל. האָט ער זיך גענומען אינ־טערעסירען מיט'ן קריסטליכען גלויבען גופא. און איך געדענק, ווי ער פלעגט זיצען מיט'ן עוואַנגעליום — מיט דער קריסטליכער תורה — אין האַנד, און זיך אריינטיפען אין איהם און קלייבען נחת פון די שעהנע זאַכען, וואָס ער פלעגט דאָרטען געפינען. און אין איין וועגס פלעגט ער אָבער אויך מיט גרויס חשק דער־לאַנגען א קוק אינ'ם תנ"ך — בפרט אין די נביאים. צי זיין אינטערעס איז געווען א רעליגיעזער, אָדער אַן עסטעטישער און פילאָזאָפישער, ווייס איך ניט.

מיין מוטער האָט זיך גע'שמד'ט אביסעל שפּעטער, באַלד

נאָכ׳ן פאָטער׳ס טויט. זי איז געלעגען אַ שווער קראַנקע. די קינדער האָבען איהר איינגערעדט, זי זאָל דאָס טאָן. מען האָט איהר פארזיכערט, אַז דאָס איז געווען אַ וואונש פון דעם נפטר. זי האָט נאָכגעגעבען — זעהר אונגערן, מיט גרויס עגמת נפש. ווען ניט דאָס אקשנות׳דיגע איינרעדען פון די ארומיגע, וואָלט זי דאָס זיכער ניט געטאָן.

צו יענער צייט זיינען שוין אַלע קינדער געווען קריסטען. מיין שוועסטער האָט זיך כמעט גלייכצייטיג מיט מיין פאָטער גע׳שמד׳ט, כדי חתונה צו האָבען מיט אַ רוס; דער עלטסטער ברודער איז שוין לאַנג געווען אַ רוסישער אָפיציער — און ממילא אַ קריסט — צוויי אַנדערע ברידער האָבען זיך אויך גע׳שמד׳ט (איך האָב אפילו ניט באַמערקט ווען און ווי דאָס איז געשעהן; אַזוי ווייניג האָט מען גערעדט וועגען דעם). אַ כאַראַקטעריסטישע קליינינקייט — זיי אַלע זיינען געוואָרען לוטעראַנער (פּראָטעס־טאַנטען); און בכלל דאָס רוב אידען, וועלכע פלעגען זיך שמד׳ען, פלעגען אריבערגעהן דוקא אין דעם פּראָטעסטאַנטישען גלויבען. ביי אונז אין מינסק האָט „געארבייט״ אַ פּראָטעסטאַנ־טישער מיסיאָנער, אַליין אַ געוועזענער איד, וואָס פלעגט זיך ספּעציעל אָפּגעבען צו דער מלאכה. פאַר וואָס איז דאָס געווען אַזוי? צי איז דער פּראָטעסטאַנטישער אני מאמין עפּעס מעהר איבערציייגענד ווי, למשל, דער פּראַוואָסלאַוונער? צי האָט די דאָזיגע אמונה געהאַט עפּעס אַ גרעסערע אינערליכע צוציהונגס־קראַפט? עס הויבט זיך ניט אָן. פשוט, דער שמד גופא איז ביי די פּראָטעסטאַנטען פארבונדען מיט ווייניגער צערעמאָניעס און מיט ווייניגער טעכנישע, אויסערליכע שוועריגקייטען. פלעגט מען ווערען לוטעראַנער. און אַזוי איז אונזער גאַנצע משפחה געוואָרען ביסלעכווייז לוטעראַנער.

בלויז איך אַליין בין געווען אַן אויסנאַהם: ניט קיין פּראָ־טעסטאַנט, נאָר אַ פּראַוואָסלאַוונער.

אויבערשטע בילד, רעכטס: מעדעם צו 6 יאהר: לינקס: מעדעם אלס 3־יעהריג קינד; צענטער: מעדעם'ס מוטער; לינקס, אונטען: מעדעם, אלס יונגער גימנאזיסטעל.

2

דער קליינער קריסט.

איך בין געווען דער ערשטער קריסט אין אונזער משפחה, נישט קוקענדיג וואס איך בין דוקא געווען דער אינגסטער, דער „מיזיניקעל". בעת איך בין געבארען געווארען (אין יולי 1879), האבען מיינע עלטערן באשלאסען: געגוג האבען מיר אליין גע־ליטען צוליב אונזער אידישקייט, זאל כאטש אונזער אינגסטער זוהן ניט וויסען פון צרות! און זיי האבען מיך געטויפט אין א פראוואסלאוונער קירך עטליכע טעג נאך מיין געבורט, פונקט ווי איך וואלט געבארען געווארען אין א פראוואסלאוונער פאמיליע. זיי אליין זיינען דעמאלט נאך געווען אידען און זיינען נאך גע־בליבען אידען א לאנגע צייט.

און אזוי בין איך, א פראוואסלאוונער אינגעל, אויפגעוואק־סען אין א אידישער, — שפעטער א האלב־לוטעראנישער און סוף כל סוף אין גאנצען א לוטעראנישער — פאמיליע. קיין סתירה צווישען מיין פראוואסלאוונעם גלויבען און די אידישקייט פון די ארומיגע האב איך אבסאלוט ניט געפיהלט. נאך מעהר, איך בין א לאנגע צייט געווען איבערצייגט, אז מיין פאטער איז שוין א קריסט, און ערשט מיט א פאר יאהרען פאר זיין אמת'ן שמד האב איך זיך דערוואוסט, אז ער איז נאך א איד. ביי אונז פלעגט מען אפהיטען די רוסישע יום טובים. אין די טעג פון אפיציעלע חגאות, פלעגט מיין פאטער אפילו געהן אין די רו־סישע קירך, אזוי אז דאס רעליגיעזע לעבען האט זיך געקענט ביי מיר ענטוויקלען פראנק און פריי, אהן קיין שום קינסטליכע מניעות. און איך מוז טאקע זאגען, אז די רעליגיע האט גע־שפילט אין מיינע קינדערשע יאהרען זעהר א גרויסע ראליע.

איך בין נאך געווען גאר א קליין אינגעלע — אפשר פון א יאהר 5, — ווען מען האט מיך צום ערשטען מאל גענומען אין

קלויסטער. געפיהרט אהין האָט מיך א סאָלדאט. אזוי ווי מיין פאָטער איז געווען א מיליטערישער דאָקטאָר, און אויך מיין על־טערער ברודער איז געווען אן אָפיציער, האָבען מיר שטענדיג געהאט אין שטוב א סאָלדאט — א „דיענשטשיק״ (א דיענער). די דאָזיגע דיענשטשיקעס זיינען אלע מאָל געווען מיינע בעסטע פריינד (בכלל האָב איך גוואלדיג ליב געהאט צו פארברייננגען מיט די דינסטלייט, און ס׳איז געווען אונמעגליך מיך ארויסצור־שלעפען פון דער קיך).

צי מען האָט איהם געהייסען מיך פיהרען אין קלויסטער, אָדער מיר פלעגען גלאט אריינגעהן אהין שפאצירענדיג, ווייס איך נישט. איך ווייס אָבער, אז עס האָט אויף מיר געהאט א שטארקען איינדרוק. מינסק איז א גובערנסקע שטאָדט; ס׳איז דאָ פאראן אן „ארכיערעי״ (א בישאָף), און די קירכליכע צערע־מאָניעס, וואָס ווערען געפּראוועט מיט זיין באטיילונג, זיינען שטענדיג שעהן און פייערליך. ס׳איז געווען שעהן פאר׳ן אויג, ס׳איז געווען שעהן פאר׳ן אויער. די טונקעל־גאָלדענע הייליגע בילדער, די ברענענדיגע לעמפּלעך און ליכטלעך, די ערנסטע, שטרענגע גלחים אין זעלטענע, שעהנע בגדים, די געהיימניס־פולע צערעמאָניעס, דער הארציגער, סאמעטענער באס פון „פּראָ־טאָדיאקאָן״ (א מין הויפּט־חזן) און די הויפּט־זאך — דער גע־זאנג פונ׳ם כאָר! ס׳איז שווער צו באשרייבען די גאנצע שעהנ־קייט פון דעם רוסישען קריסטליכען געזאנג, מיט זיין ערנסטער, אייגענאַרטיגער, געהויבענער הארמאָניע.

איך בין געווען ווי פאר׳כשופ׳ט. די זינגער גופא האָב איך נישט געזעהן — צוליב דעם, וואָס זיי זיינען געשטאנען באהאל־טען הינטער די קאָלאָנעס אָדער גלאט צוליב דעם, וואס איך בין געווען צו קליין. עס האָט זיך מיר געדאכט, אז דאָס זיינען עפּעס גאָר געהיימניספולע שטימען, וואָס נעמען זיך פון ערגעץ א מיסטישען קוואל פון הייליגקייט און שעהנקייט.

דער איינדרוק איז געווען א גוואלדיגער. און קומענדיג אהיים פלעג איך זיך פּרואווען נאָכמאכען דאָס, וואָס איך האָב געזעהן אין דער קירך. נישט איין מאָל פלעג איך אראָפּשלעפּען פון א בעט א קאָלדרע, באדעקען זיך מיט איהר אויפ׳ן גלח׳ישען שטייגער, זיך באהאלטען ערגעץ הינטער א קאנאפּע — מען זאָל

מיך נישט זעהן (מען זעהט דאך נישט די זינגער אין דער קירך) — און ארויסלאָזען גאַנץ ווילדע קולות. און אז מען פלעגט מיך פרעגען: וואָס מאַכסטו עפּעס אזא גוואלד? פלעג איך ענט־פערען: „דאָס איז א כאַר“. דעם דאָזיגען שפּיל האָב איך געהאַט זעהר ליב.

וואָס מעהר איך פלעג געהן אין קלויסטער, וואָס מעהר איך פלעג זיך באַקענען מיט אַלע פּרטים פון די קריסטליכע צערעמאָ־ניעס, אַלץ מעהר פלעגען זיי מיר געפעלען. און אַז מען פלעגט מיך פרעגען, וואָס איך וויל ווערען, ווען איך וועל אויסוואַקסען א גרויסער, פלעג איך ענטפערען, אַז אַם בעסטען וואָלט איך גע־וואָרען אַן „ארכיערי“.

די גאַנצע זאַך איז ביי מיר אין יענע יאָהרען געווען א מעהר אויסערליכע. איך געדענק נישט, אַז איך זאָל אין יענע יאָהרען האָבען אַן אמת'ן, באַוואוסטזיניגען רעליגיעזען געפיהל. עס איז געווען א מעהר עסטעטישער איינדרוק, און די הויפּט־זאַך איז אפשר געווען: דאָס אינגעל האָט זיך געשפּילט.

דאַן בין איך אָבער אריין אין גימנאַזיע, און עס האָט זיך אָנגעהויבען א מעהר באַוואוסטזיניגעס לעבען.

מען האָט מיך אָפּגעגעבען אין גימנאַזיע — אין דעם צוגריי־טונגס־קלאַס — אַלס אינגעל פון 9 יאָהר. דאָס ערשטע יאָהר בין איך נאָך געווען גאַנץ פרום און כשר. פון דעם דאָזיגען יאָהר איז ביי מיר אין זכרון כמעט קיין זאַך ניט פארבליבען; איך ווייס אָבער, אז דער גימנאַזיע־גלח פלעגט זיין מיט מיר זעהר צופרידען און באַציהען זיך צו מיר מיט גרויס ליבשאַפט. איך געדענק נאָך איצט א סצענע, ווי איך האָב אַמאָל נאָכ'ן סוף פון די למודים געלייענט אין קלאַס אויפ'ן קול די געהעריגע תפילה (אין גימנאַזיע האָט מען אין יעדען קלאַס אַלע טאָג גע־לייענט א תפילה פאר'ן אָנהויבען די למודים און א תפילה נאָכ'ן סוף), און דער גלח, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט געזאָגט אונזער לעהרער, ווייזענדיג אויף מיר: „פון גאָט געבענשט איז דאָס דאָזיגע קינד“. איך האָב דאָס געהערט און עס האָט מיך טיעף געריהרט.

אָבער אין'ם צווייטען יאָהר, בעת איך בין אריבער אין'ם ערשטען קלאַס, האָט ביי מיר פּלוצלונג אויסגעוואַכט א מין

קריטישער געדאנק. איך האָב דעמאָלט געהאַט צוויי פריינד — רוסישע בחורים, קינדער פון באַפריינדעטע משפחות; מיר פלעגען פאַרברענגען צוזאַמען די גאַנצע פרייע צייט. איך ווייס נישט ווי אַזוי עס איז געקומען, אָבער איך געדענק, אַז באַלד אין׳ם ערשטען קלאַס האָבען מיר אָנגעהויבען פיהרען צווישען זיך אַ דיסקוסיע אויף רעליגיעזע טעמעס. איינמאָל האָבען מיר באַשלאָסען צו מאַכען די זאַך שריפטליך. יעדער פון אונז האָט געדאַרפט אָנשרייבען אַ מין טראַקטאַט און אַזוי אַרום אויס־דריקען זיינע מיינונגען אין אַ פעסטער פאָרמע. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען קריסטוס׳ן און וועגען זיין תחית המתים. איך געדענק נאָך וואָס איך האָב געשריבען אין מיין קליינטשי־קען טראַקטאַטעל. איך האָב גע׳טענה׳ט, אַז קריסטוס איז נישט קיין גאָט; ער איז געווען אַ מענש מיט אַלע מענשען צוגלייך, געבוירען ווי אַלע מענשען, געשטאָרבען ווי אַלע מענשען; ס׳איז אָבער געווען אַ מענש פון אַ זעלטענער גייסטיגער ריינקייט און שעהנקייט, און נאָך זיין טויט איז זיין לעהרע און זיין אָנדענקען צוריק אויפגעשטאַנען צום נייעם לעבען אין די הערצער פון זיינע תלמידים; אַזוי דאַרף מען פאַרשטעהן דאָס תחית המתים.

פון מיינע צוויי פריינד האָט איינער אָנגעשריבען אַ קורצע פאַרטיידיגונג פון אָפיציעלען קריסטענטום; דער צווייטער איז געווען מסכים מיט מיר. דאָס איז געווען מיין ערשטער שריפטליכער דיספוט; איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר עלף.

אָבער מיט דעם דאָזיגען דיספוט האָט זיך אונזער קריטי־שער כח עפּעס מיט אַמאָל אויסגעשעפּט. און פּלוצלונג, אונ־געריכטערהייט, איך ווייס ניט ווי אַזוי און צוליב וואָס, האָבען מיר, די ביידע אפיקורסים, זיך געוואָרפען אין אַ צווייטע זייט. עס האָט אונז אַרומגעכאַפּט אַ ברענענדיג הייסער רעליגיעזער גלויבען. מיר זיינען געוואָרען פאַנאַטישע קריסטען. מיר האָ־בען געגלויבט, ווי עס פלעגט גלויבען אַ פשוט׳ער רוסישער פויער. מיר האָבען אָנגענומען די גאַנצע פּראַוואָסלאַוונע אמונה, ווי זי געהט און שטעהט, אָהן קיין שום ספיקות, אָהן קיין שום קריטיק, נישט איבערקלייבענדיג און נישט אויסקלייבענדיג; אַלץ צוזאַמען, בלינד, נאַאיוו, געטריי.

א נייער אינהאלט איז אריין אין מיין לעבען: גאָט. דריי געשטאַלטען האָט דער קריסטליכער גאָט; זיי גיסען זיך צו־נויף און בילדען איין גאַנצעס — דאָס איז דער מיסטישער קריסטליכער גלויבען אין גאָט'ס דריי־איינינקייט. איך האָב זיך געבויגען און געציטערט פאַר דעם אַלטען שטרענגען גאָט דעם פאָטער, וואָס רעגירט איבער דער וועלט און שטראָפט די זינדיגע מענשען. איך האָב זיך אַליין געפיהלט גאָר זינדיג און שולדיג; מיין פריהערדיגע אפיקורסות איז דאָך געוועזען א גוואַלדיגע עבירה, און איך האָב אויף די קניע געבעטען דעם אַלטען גאָט מוחל צו זיין מיר די דאָזיגע זינד און נישט צו באַשטראָפען מיר מיט אייביגער פיין. אָ, ווי איך האָב געציטערט פאַר'ן אָנווערען מיין עולם הבא! איך פלעג אין יענע יאָהרען גוואַלדיג מורא האָבען פאַר דונערען און בליצען. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז זיי וועלען מיך טויטען איידער איך וועל באַווייזען זיך אויסצולייטערען און אָפּוואַשען מיינע זינד. און אַלע מאָל, ווען עס פלעגט זיך אויפהויבען א שטורעם, פלעג איך מיך באַהאַלטען ערגעץ אין א ווינקעל און זיך צוגי־סען אין הייסע תפילות צום אלטען, גרויסען, שטאַרקען גאָט, ער זאָל זיך דערבאַרימען אויף מיין געפייניגטע נשמה'לע.

ס'איז אָבער געווען נאָך א צווייטער גאָט: דער זוהן, די צווייטע געשטאַלט פון דער הייליגער דריי־איינינקייט, — דער יונגער, גוטהאַרציגער קריסטוס, דער קדוש מיט די לאַנגע, בלאָנדע האָר און בלויע, גוטע, טרויעריגע אויגען. ער האָט זיך אַליין מקריב געווען כדי אויסצולייזען פון זינד די געפאַ־לענע מענשהייט; זיין טויט אויפ'ן קרייץ האָט אונז אַלע געראַטעוועט. ער איז געווען פאַר מיר דער פיהרער אויפ'ן וועג פון מאָראַלישער ריינינגונג, דאָס איז געווען דער נאָהענטער, דער אינטימער, דער ליבהאַרציגער גאָט, — גאָט דער פריינד.

די דריטע געשטאַלט איז געווען דער הייליגער גייסט. פאַר'ן קינדערשען מוח איז ער געווען עפּעס מטושטש, נישט פאַרשטענדליך, נישט אָנצוטאַפּען. אָבער בעטענדיג צום שטרענ־גען פאָטער און צום ליכטיגען זוהן, האָב איך פאָרט געפיהלט די הייליגקייט פונ'ם גייסט, וואָס ס'פלעגט אַרומוועבען מיין תשובה, מיין שטרעבען און מיין ליבע.

די קירכע מיט איהרע צערעמאָניעס איז געוואָרען ביי מיר אן אמת'ע הייליגקייט. אונזער גימנאזיע האָט געהאַט אן אייגענע קירך פאַר די שילער און לעהרער, טאַקע אין דעם גימנאזיע־בנין גופא. ס'איז אָבער ניט געווען קיין פּאַסיגער אָרט, זי איז געווען מעהר עהנליך צו אַ גרויסען זאַל. זעהר ליכטיג, ציכטיג און ניכטער. אַ קירך דאַרף זיין טונקעל און געהיימניספול. די רעליגיעזע שטימונג פאַרטראָגט ניט קיין זון: העכסטענס אפשר אַ שטראַלכעל, וואָס גנב'עט זיך דורך אַ שמאָל פענסטערל, ציהט זיך דורך ווי אַ פייערדיגער שטראָם פון איין וואַנד צו דער צווייטער, גיסט זיך אויס אין אַ פלאַם פון אַ באַגילדעטען הייליגען בילד און מאַכט נאָך בולט'ער, נאָך געדיכטער די אַרומיגע פינסטערניש פון די הויכע ווענד און באַהאַלטענע ווינקעלעך. אַ קירך מוז זיין מיסטיש.

איך האָב אָבער געהאַט אַ מזל. גראָד צו יענער צייט האָט מען אין אונזער קירך געדאַרפט עפּעס פאַרריכטען, און מען פלעגט אונז דעריבער פיהרען אין אַ געוועהנליכע קירך אין שטאָדט אריין. און דאָס איז שוין געווען אן אמת'ע קירך ווי ס'דאַרף צו זיין.

מען פלעגט געהן אין קירך צוויי מאָל אַ וואָך: זונטאַג אין דער פריה און שבת פאַר נאַכט. דאָס שעהנסטע איז פאַר מיר אַלע מאָל געווען שבת. ערשטענס, ווייל ס'איז אָוועגד, צווייטענס ווייל מ'דאַרף ניט געהן מאָרגען אין שול, דריטענס, זיינען טאַקע די תפילות שעהנער. אגב, ס'איז דאָ פאַראַן אַ סך אידישע זאַכען (תפילות). פאַרשטעהט זיך, אַז דעמאָלט האָב איך זיי ניט באַטראַכט אַלס אידישע. די ליכטלעך ברענען, דער גלח געהט אַרום פייערליך און ערנסט. די אַלטע סלאַווישע ווערטער קלינגען אזוי געהויבען, אזוי הערליך — מען מעג זיך אפילו ניט איינהערען אין זייער תוך, מען מעג זיי אפילו נישט פאַרשטעהן — דער קלאַנג גופא האָט אין זיך אַ זעלטענע שעהנקייט. איך געה אַרום אַ גערייניגטער, אַ באַרוהיגטער, אַ געלייטערטער... ס'איז דאָס גליק.

און ערשט די גרויסע יום־טובים! דער גרויסער פריהלינגס יום טוב, דער קריסטליכער פּסח! איידער ער קומט אָן, ציהט זיך דער לאַנגער זיבען־וואָכעדיגער „גרויסער תענית“ מיט זיין

הייליג טרויריגער לעצטער וואָך. די קריסטליכע וועלט רייניגט זיך און גרייט זיך צום יום טוב. מען טוט תשובה. די גלחים טוען אָן שווארצע טרויער־בגדים, שווארצע סאַמעט מיט זיל־בערנער באַצירונג ווי אויף א לויה. טרויעריג קלינגען די גע־זאַנגען. דער עולם פאַלט אויף די קניה און בוקט זיך מיט'ן שטערן צו דער ערד. דאַן געהט מען צום גלח און מ'דערצעהלט איהם די זינד, מיט דעם ווערט מען פון זיי אָפּגעוואַשען. מען איז ריין און מען איז גרייט צו דער געהיימניספולער צערעמאָ־ניע, צום אויפנעמען דאָס פלייש און דאָס בלוט פון קריסטוס'ען אליין. דאָס איז ברויט און וויין, אָבער דער קריסטליכער גלויי־בען זאָגט, אז דאָס ווערט פאַרוואַנדעלט אין אמת'ן בלוט און פלייש פון גאָט אליין. און נאָכ'ן אָפּרייניגען זיך דורכ'ן וידוי, נעמט מען די הייליגע שפייז... ס'איז גרינג זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אן איינדרוק דאָס מאַכט אויף א קינדערשען מוח!

און דאַן קומט די לעצטע וואָך פאַר פסח. די גרויסע טרויער־טעג. מען דערמאַהנט זיך אן קריסטוס ליידען, יעדער טאָג איז א נייער עטאַפּ. אָט ווערט ער געכאַפּט פון די רוי־מישע זעלנער, און זיין אייגענער תלמיד, דער פאַררעטער גיט איהם דעם צביעות'דיגען קוש, כדי די זעלנער זאָלען איהם דער־קענען. אָט פייניגט מען איהם, אָט קרייציגט מען איהם. ער שטאַרבט און ווערט באַגראָבען, און מען שטעלט טאַקע ארויס אין דער קירך א מין ארון, און עס ליגט אין איהם, געמאָהלט אויף לייוועוונד, דאָס בילד פון געשטאָרבענעם יונגען גאָט.

און ענדליך קומט די הייליגע נאַכט. ביז צוועלף אזייגער איז אין דער קירך נאָך טונקעל און טרויעריג. טרויעריג קלינ־גען די געזאַנגען, מען נעמט דעם ארון און מ'טראָגט איהם אוועק. און פּלוצלונג ווערט די גאַנצע קירך באַגאָסען מיט'ן שיין פון הונדערטער ליכטער, גלחים אין ווייס־גאָלדענע קליי־דער באַווייזען זיך אין א ליכטיגער שורה מיט יום־טוב'דיגע פנים'ער.

„קריסטוס איז אויפגעשטאַנען"! — הילכט די גוטע בשורה.

„באמת אויפגעשטאַנען", ענטפערט דער עולם. א פרעה־ליכען טאַנץ־קלאַנג קלינגען די גלאָקען, א פרעהליכען הימלישען געזאַנג זינגט דער כאָר. דער עולם צוקושט זיך, די אויגען

גלאַנצען, די ליכטער ברענען. תחית המתים! יום טוב פון פריהלינג!

ווען עס פלעגט קומען דער זומער, און מיר פלעגען ארויס־פאָהרען ערגעץ אונטער דער שטאָדט אויף א זומער־וואוינונג (עס האָבען זיך געצויגען ארום מינסק גרויסע שעהנע וועלדער), פלעגען מיר בענטשען אונזער גאָט אָהן א קירך און אָהן א גלח אין דער גרויסער הייליגער נאַטור. אין די שטילע פריהמאָרגענס פלעגען מיר זאלבע צוויי (איך און דער צווייטער געוועזענער אפיקורס) אוועקגעהן אין וואלד, זיך אוועקשטעלען יעדער אונ־טער א סאָסנע, ווייט איינער פון צווייטען, כדי נישט צו שטע־רען דעם איינזאמען שמועס פון דעם קליינעם מענשעלע מיט'ן גרויסען גאָט; — און בעטען, בעטען נישט מיט די אָפיציעלע ווערטער פון די תפילות, נאָר מיט אונזערע אייגענע פשוט'ע קינדערשע ווערטער, און דאכט זיך מיר, אויף וויפיל איך גע־דענק נאָך איצט, מיט 30 יאָהר שפעטער, מיינע קינדערשע תפילות אונטער דער גרויסער סאָסנע אין וואלד — דאכט זיך מיר, אז איך האָב דאָס כסדר געבעטען ביי גאָט מחילה פאַר מיינע זינד, און אז דאָס איז געווען מיין הויפּט־געבעט. און איך געדענק גאַנץ קלאָר און דייטליך, ווי די תפילה מיינע פלעגט מיך עפּעס נישט באפרידיגען. איך האָב עפּעס נישט געקאָנט אריינלעגען אין איהר א גענוג שטארקע כונה, איך בין עפּעס נישט געווען אימשטאנד אריינלעגען אין דעם וואָרט „איך בעט דיך" א גענוג אינטענסיווען געפיהל פון בעטען. איך האָב גע־האט א מאָדנעם געפיהל, אז עס איז נישט דאָס. עס איז געווען — אויב מען קען דאָס אויסדריקען מיט א פארגלייך — ווי איינער וויל אָנדרעהען א זייגער, אָבער די ספּרוזשינע איז קאליע, און מען דרעהט און דרעהט. אָבער דאַרטען אינווענינ פאר־טשעפּעט זיך נישט דאָס רעדעל און דאָס דרעהען דערגרעהט נישט צו דער עצם זאַך. אגב האָב איך זיך אויך אין די שפּע־טערע יאָהרען נישט אויסגעלערענט צו בעטען — נישט נאָר ביי גאָט, נאָר אויך ביי מענשען; איך האָב דאָס פיינד ביז'ן היינטיגען טאָג.

איך האָב שוין פריהער געזאָגט, אז מיין גלויבען איז געווען א פאַנאַטישער, א בלינדער. איך האָב נישט נאָר פארגעסען

אַלע מיינע ספיקות, נאָר איך האָב זיך פּשוט נישט געקענט פאַר־שטעלען, ווי אַזוי קענען דאָס מענשען צווייפלען אין דער ריכ־טיגקייט פון די רעליגיעזע אמת׳ען, א פּשיטא שוין — ווי קאָן מען דאָס זיין אין גאַנצען אַ נישט גלויביגער, אַן אַטעאיסט!

און דוקא יענע סביבה, אין וועלכער איך האָב געלעבט, איז געווען גאַנץ גלייכגילטיג צו דער רעליגיע. איך רעד נישט וועגען דער גימנאַזיע־„נאַטשאַלסטוואָ" מיט איהר אָפיציעלען אָפּהיטען דעם אָפיציעלען גלויבען. די לעהרער זיינען פאַר אונז געווען פרעמד, ווייט, פיינדליך; די שול איז געווען נישט קיין שול, נאָר א מין קאַטאָרגע. אין גייסטיגער הינזיכט האָט זי אויף אונז נישט געהאַט קיין שום השפעה. אָבער אין דער היים און ביי די באַקאַנטע משפחות האָט אומעטום ביי די דערוואַק־סענע געהערשט אַ נישט רעליגיעזע שטימונג. און איך האָב דאָס בשום אופן נישט געקענט פאַרשטעהן.

וויפיל מאָל איך פלעג מאַטערען מיין מוח מיט דער שווערער פראַגע: ווי אַזוי קען דאָס זיין, אַז דערוואַקסענע, ענטוויקעלטע, אינטעליגענטע מענשען זאָלען זיין אַזוי בלינד און טויב צו די גרויסע רעליגיעזע אמת׳ען? ווי אַזוי קען דאָס זיין, אַז מענשען, וואָס זיינען בטבע נישט קיין שלעכטע, זאָלען נישט שפּירען אין זיך אַ דראַנג צום תשובה־טאָן, צום אָפּרייני־גען זיך פון זייערע זינד, צו ווערען מאָראַליש פאָלקאָמען, צו פאַרדיענען דעם עולם הבא? ווי קען מען דאָס זיין אַזוי פאַר־טאָן אין די קליינע זאַכען פון קליינעם ערדישען לעבען, און פאַרגעסען, אַז דאָס דאָזיגע לעבען איז מעהר נישט ווי אַ קליינ־טשיקער עפּיזאָד, אַז נאָך איהם קומט דער טויט, און אַז אויף יענער זייט טויט עפענט זיך דאָס אמת׳ע, דאָס גרויסע, דאָס הייליגע, און אַז מען מוז פאַרדיענען זיין חלק אין איהם. אויב נישט — וועט דאָס זיין אַן אייביגע פּיין, אייביגע יסורים, אייביגע ליידען אָהן אַ שיער און אָהן אַ ברעג!

און איך האָב זיך אַליין געשטעלט מיט שרעק אַ צווייטע פראַגע: ווי זשע וועט זיין, אַז איך אַליין וועל ווערען אַ דער־וואַקסענער, אַ גרויסער? ניט שוין־זשע וועל איך ווערען גלייך צו זיי אַלעמען? ניט שוין־זשע וועט מיך אויך פאַרשלינגען דער גרויסער טומעל פון׳ם קליינעם לעבען, פאַרשטעלען מיר די

אויגען, פארשטאָפּען מיר מיינע אויערען, פארטעמפּען מיין גלויבען, ארויסרייסען פון מיין הארץ די גרויסע ליבע און דאָס גרויסע ציטערן פאר'ן גערעכטען און שטרענגען גאָט?

און איך האָב געענטפערט זיך אליין: ניין, דאָס קען ניט זיין! איך זעה דאָך אזוי קלאָר, אזוי בולט, אזוי באשיינ־פערליך, ווי שרעקליך גרויס איז דער טעות, וואס זיי באגעהען. ס'איז גלייך ווי איך וואָלט געשטאנען אויף א הויכען בארג אין א פרייער, ריינער לופט און ליכטיגען שיין פון דער זון און געזעהן ערגעץ־וואו, העט ווייט אונטען, זיי אלעמען אין א טיפען שווארצען זומפּ. און איך וויים אין פאָראוים, אז ווען מען ווערט א דערוואקסענער, ציהט דאָס לעבען אריין ביסלעכווייז, טריט ביי טריט אין דעם דאָזיגען זומפּ. אָבער דוקא ווייל איך וויים דאָס אין פאָראוים, און דוקא ווייל איך וויים, אז דאָס איז א זומפּ, וועל איך זיך נישט לאָזען אריינציהען. מען דארף בלויז געדענקען וועגען דעם און שטענדיג בלייבען אויף דער וואך, און נישט לאָזען זיך אראָפּזינקען.

אזוי האָב איך געקלערט מיט 30 יאָהר צוריק. איצט געהער איך פאָרט צו יענער מחנה אונגלויביגע, אויף וועלכע עס האָט געקוקט מיט אזא שרעק דער 12־יעהריגער אינגעל. אין איין הינזיכט איז אָבער דער אינגעל יאָ געווען גערעכט. ער האָט זיך פאָרט נישט געלאָזט אריינציהען אין די בלאָטע. און אויב ער האָט אָנגעוואָרען זיין קינדערשען גלויבען אין א הימלישען גאָט, איז ער אויך דערוואקסענערהייט ניט געבליבען אָהן א גלויבען...

נישט אזא גלויבען בין איך אָבער געווען אויסען דעמאָלט. איך האָב געהאט אין זינען דוקא די אמונה, און דוקא דעם עולם הבא, און דוקא די רעליגיע; און עס האָט מיך גוואלדיג פארדראָסען — ניין, מעהר ווי פארדראָסען, — ממש געפּייניגט דאָס, וואָס די ארומיגע נאָהענטע מענשען באציהען זיך צו דער דאָזיגער וויכטיגסטער זאך מיט אזא שרעקליכער גלייכ־גילטיגקייט. עס וועט דאָך קומען א טאָג, און זיי וועלען שטאר־בען — אלע, איינער נאָכ'ן צווייטען, נישט האָבענדיג קיין צייט צו טאָן תשובה, אויסצולייטערען זייערע זינדיגע נשמות, שלי־סען שלום מיט'ן גרויסען, שטרענגען גאָט. און זיי וועלען

שטאַרבען אזוי ווי זיי לעבען, פארטאָן אין די נידעריגע קליינ־ליכע טאָג־טעגליכקייט, באדעקט מיט'ן שטויב און מיט דער ברודיגקייט פון טויזענדער עבירות; און ווי זיי האָבען בלינד געלעבט, אזוי וועלען זיי זיך בלינד אראָפּקייקלען אין דעם שרעקליכען שווארצען תהום פון אייביגער שטראָף! ס'אַרא מורא'דיג גרויזאמע אויסזיכט! ווי ראטעוועט מען זיי? וואָס טוט מען? מען מוז דאָך עפּעס טאָן; מען קען דאָך נישט שטעהן מיט צונויפגעלייגטע הענט. זיי זיינען דאָך בלינד, און איך — האָב אָפענע אויגען; ווי־זשע קען איך קוקען ווי די בלינדע, רוקען זיך אַלץ נעהנטער צום ברעג פון תהום! ס'איז מיין חוב זיי אָפּצושטעלען, זיי צו וואָרענען.

דער דאָזיגער געדאנק האָט מיך זעהר געפּייניגט. איך האָב געפיהלט א ברענענדיגען חוב. איך האָב אָבער נישט געהאט די דרייסטקייט איהם צו ערפילען. איך האָב פּאָרט געפיהלט, אז די דערוואקסענע מענשען וועלען זיך אויסלאַכען פון דעם קליינינקען בחור'ל, וואָס גיהט זיי זאָגען מוסר. און איך האָב דאָס נישט געקענט טאָן.

באזאָנדערס שטארק האָט מיך געמאַטערט די זאָרג פאר'ן פאָטער. ווארים גראד אין יענער צייט איז ער געוואָרען שווער קראַנק, טויט קראנק. די קרענק האָט זיך געצויגען העכער א האלבען יאָהר, מיט אונטערברעכונגען, מיט צייטווייליגע אויס־בעסערונגען. און די גאנצע צייט האָט מיך געמאַטערט דער געדאנק און די מורא: טאָמער שטאַרבט ער איידער ער וועט תשובה טאָן! און דער צווייטער געדאנק: פארוואָס געה איך נישט צו איהם און ערפיל נישט מיין פליכט צו עפענען איהם די אויגען!... איך האָב דאָס אָבער נישט געטאָן.

איך געדענק דעם טאָג, ווען מיין פאָטער איז געשטאָרבען. ס'איז געווען אין מיטען ווינטער, דעם 30טען יאנואר לויט'ן רוסישען סטיל, אין'ם יאָהר 1893, א וואָך נאָך דעם, ווי מען האָט מיט גרויס פאראד און פרעהליכקייט אָפּגעפראוועט די חתונה פון מיין שוועסטער.

איך בין געווען אין גימנאזיע. איך זיץ אין קלאס. פּלוצ־לונג זעה איך דורך די גלעזערנע שויבען פון דער טיר א לעהרער־געהילף, וואָס שטעהט אויפ'ן קאָרידאָר און קוקט אריין אין

אונזער קלאַס. און עס דערלאַנגט מיר עפּעס א שטאָך. איך פיהל, אז עס האָט זיך געטראָפען אן אומגליק. די טיר עפענט זיך, דער געהילף געהט אריין, קומט צו צום לעהרער און שושקעט איהם עפּעס אין אויער אריין. איצט ווייס איך שוין באשטימט, אז ס'איז אן אומגליק, און אז דאָס אומגליק האָט א דירעקטע שייכות דוקא צו מיר. „מעדעם — הער איך פלוצלונג די שטים פון לעהרער, — נעמט אייער רענצעל און געהט אהיים". איך נעם מיין רענצעל און געה ארויס אויפ'ן קאָרידאָר, אראָפּ די טרעפּ אין דעם פאָרצימער. דאָרט וואַרט אויף מיר דער שליח פון דערהיים — קאָליא, דער זוהן פון אונזער קעכין. „קומט — זאָגט ער — מיט'ן פאָטער האַלט עס זעהר שלעכט. דער פּאַסטאָר איז שוין אויך געקומען".

איך בין ווי אין א נעבעל. אָבער ווי אן אמת'ע גאולה קלינגען מיר די לעצטע ווערטער: דער פּאַסטאָר (דער לוטעראַ־נישער גלח, הייסט עס), איז דאָרטען פאַראַן! אָ, אויב אזוי, איז אַלץ גוט. אמת, ס'קומט פאָר א שרעקליכער אומגליק. דער טאַטע שטאַרבט! א הארץ־וועהטאָג, א צער! אָבער דער פּאַס־טאָר איז דאָ. ער וועט איהם זאָגען אַלץ, וואָס מען דאַרף. תשובה וועט זיין. דעם פאָטער'ס נשמה איז געראַטעוועט!

מיר געהען איילענדיג. נאָך א געסעל. נאָך א געסעל. אָט איז שוין אונזער הויז. מען טאָר נישט קלינגען. איך געה אריין דורך דער קיך. קאָליאַ איז ערגעץ וואו נעלם געוואָרען. די קיך איז פּוסט. פון דער גאַנצער דינערשאַפט (מיר האָבען זיי געהאַט א פיר מאַן) — קיין איינער ניטאָ. ס'איז מאָדנע שטיל. איך רוק זיך צום קאָרידאָר, וואָס פיהרט אין די צימערען, — פלוצלונג באַווייזט זיך אנטקעגען מיר א פיגור; ס'איז איינער א ווייטער פארוואַנדטער אונזערער. זיין פּנים איז פאַרוויינט. „וואָליעטשקע, — פרעגט ער ביי מיר — ווען איז דער טאַטע געשטאָרבען?" איך לויף אין די צימערען. די מאַמע זיצט אויף איהר שטול און קלאָגט הויך אויפ'ן קול און וויינט מיט ביטערע טרעהרען. ארום איהר דאָס גאַנצע הויז־געזינד. דער טאַטע איז טויט.

ער איז געשטאָרבען פּלוצלונג, אָהן א זיפץ, אָהן א קרעכץ. דאָס הארץ האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער איז אנטשלאָפען גע־

וואָרען. און די גאנצע מעשה מיט'ן פאסטאָר, וואָס מען האָט בלומרשט באַוויזען צו רופען, איז געווען אויסגעטראכט פונ'ם ערשטען ביז'ן לעצטען וואָרט. דער פאסטאָר איז געקומען ערשט צו דער לויה.

און דאַן געדענק איך אונזער גרויסען, שעהנעם זאַל מיט פאַר־דעקטע שפּיגלען, מיט לייכטער און גרינס. און אויפ'ן גרויסען טיש ליגט דער פאָטער, אָנגעטאָן אין זיין מיליטערישען מונדיר, מיט אַ רוהיגען, ממש שמייכלענדיגען פּנים. און איך געדענק נישט, אַז איך זאָל בעטען ביי זיין טויט־געלעגער, אין די שווערע טעג, ווען דער בר־מנן ליגט אין שטוב, אין דער שרעקליכער מי־נוט, ווען מען טראָגט איהם ארויס פון זיין היים, ביי דער פייערליכער צערעמאָניע אין קירך און אפילו אין דער שווערסטער און שרעקליכסטער מינוט, ווען מען קעהרט זיך אום פון בית־עולם אין דער פארוויסטער פאר'יתום'טער היים. און אפשר האָב איך פאָרט געבעטען? איך געדענק דאָס אָבער לגמרי נישט.

איך בין געווען פארטעמפּט און נידערגעשלאָגען און נערוועז געוואָרען ביז גאָר. איך געדענק: איידער מען האָט צום לעצטען מאָל פארמאכט דעם דעקעל פון ארון, זיינען אַלע קינדער און קרובים צוגעגאנגען צו געזעגענען זיך מיט'ן נפטר, דערלאַנגענדיג אַ קוש אין האַנד אָדער אויפ'ן שטערען. איך אָבער האָב נישט געוואָלט, ניט געקאָנט! איך, אַ דרייצעהן־יעהריגער בחור, האָב מורא געהאַט פאר'ן טויטען — פאר'ן אייגענעם פאָטער; און אַז מען האָט מיך פאָרט געוואָלט צופיהרען, האָב איך זיך מיט געוויין ארויסגעריסען און געבליבען אָן אַ זייט...

ווי עס פיהרט זיך ביי קריסטען, האָט מען דעם בר־מנן אוועק־געפיהרט פארנאַכט פון דערהיים אין קירך אריין. דאָרט לאָזט מען איהם איבער דער נאַכט, און ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג קומט פאָר אַ פייערליכע צערעמאָניע מיט תפילות, מיט געזאנג, אָרגעל־שפּיל, און דאַן געהט מען אויפ'ן בית־עולם צו קבורה. עס שטעהט נאָך פאָר מיינע אויגען דער לעצטער, פייערליכסטער מאָמענט פון דער קירכליכער צערעמאָניע. דער פאסטאָר מאַכט איבער דעם נפטר די לעצטע ברכה. ס'איז געווען דעמאָלט ביי אונז אין מינסק אַ פאַסטאָר, אַ דייטש מיט'ן נאָמען ערנסט קלוגע — אַ זעלטענער מענש. שוין אויסערליך איז ער נישט

געווען גלייך צו אלעמען. א הויכער, א בלאסער, מיט א שווארצען באָרד און מיט וואונדערבאַרע שווארצע, טיפע, ווייכע, איידעלע אויגען, — אויגען פון יענע מענשען, וואָס מען רופט זיי „נישט פון דער וועלט”. און מען פלעגט טאקע דערציילען פון זיין גרויסער גייסטיגער שעהנקייט, פון זיין איידעלער, ריינער נשמה. ער האָט דאָס געמאכט די ברכה, ער איז געשטאנען אנט־קעגען דעם אָפענעם ארון אין זיין לאנגען, שווארצען פאַסטאָרי־שען קיטעל, און האָט אויפגעהויבען זיין ווייסע האנד אין דעם ברייטען שווארצען ארבעל, און זיין מערקווירדיג־שעהנע, האר־ציגע, שטילע און דאָך קלינגענדיגע שטים האָט געזאָגט צום טוי־טען דעם שעהנעם, רוהיגען וואונש פון דער ברכה: „גאָט זאָל דיך זעגנען און באהיטען”... און דער נפטר איז געלעגען ביי איהם צופוסען אין זיין ארון, מיט זיין רוהיגען, שמייכלענדיגען פנים, באשיינט פון דער זון, און עס האָט זיך געדוכט: ער הערט די שטילע ווערטער פון דער ברכה, און עס נידערט אויף איהם אראָפּ די גרויסע רוה פון אייביגען שלום, און די אייביגע ליכטיגקייט נעהמט איהם ארום מיט איהרע ווייסע פליגלען.

דאן זיינען מיר ארוים אויף דער גאַס, און ס'איז געווען א גרויסער עולם, און אלץ איז געווען ווי אויף אלע גרויסע לויות.

אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז מיין רעליגיעזע ליי־דענשאַפט צו יענער צייט שוין אריבער איהר העכסטען שפּיץ. און עס האָט זיך אָנגעהויבען דער וועג באַרג אַראָפּ. ביסלעכ־ווייז, אין משך פון עטליכע יאָהרען, האָט זיך מיין רעליגיעזער געפיהל גענומען אויסוועפּען אלץ מעהר און מעהר. און צוזאַ־מען מיט דעם האָט ווידער אויפגעוואכט דער גייסט פון קריטיק, פון צווייפעל, אָפּלייקענען. ווי אזוי איז עס געגאנגען, וואָס האָב איך דערביי איבערגעלעבט — וועגען דעם זיינען אין מיין זכרון נים איבערגעבליבען קיין שפּורען. איך געדענק מעהר נישט איין שמועס, וואָס איך האָב געהאט וועגען דעם ענין מיט א פריינד שוין אין די עלטסטע קלאַסען פון גימנאזיע, ווען דער פּראָצעס פון אויסניכטערען זיך האָט זיך שוין געענדיגט אָדער האָט גע־האלטען ביים פארענדיגען זיך. מיר האָבען גערעדט וועגען דעם, אז דער אטעאיזם, דאָס נישט גלויבען, דער ניכטערער, קלאָרער קוק — דאָס איז א טייערער אוצר, א גייסטיגער רייכטום. און איך

האָב דערביי דערמאָנט אַ שטעלע פון פּושקינ'ס באַריהמטער זאַך „דער קאַרגער ריטער" („סקופאָי ריצאַר"), וואו ער זאָגט, אַז דאָס רייכטום ווערט געקליבען אין ליידען און פּיין. איך האָב דע־מאָלט געבראַכט די ווערטער אין דעם זין, אַז אויך מיר קומט אוים צו ליידען (איך מיין אינערליך ליידען) ביים שאַפען זיך דעם אוצר פון נישט גלויבען. און דער פריינד האָט מיך געטרייסט מיט אַ פּאָר וואַרימע ווערטער. די ליידען גופא געדענק איך אָבער נישט.

אין די לעצטע פּאָר יאָהרען פון מיין גימנאַזיע־לעבען, איז פון מיין גלויבען נישט געבליבען קיין שפּור. די רעליגיעזע תקופה איז פאַראיבער.

אָבער איין זאַך מוז איך דאָך זאָגען. אויב איך האָב אָנ־געוואָרען מיין רעליגיע, איז דער עסטעטישער אינטערעס צו די קירכען און צו דעם קירכליכען גאָטעס־דינסט און די עסטעטי־שע ליבשאַפט צום פּראַוואָסלאַוונעם געזאַנג ביי מיר פאַרבליבען אויף שטענדיג. ווען איך בין געקומען קיין קיעוו שטודירען אין אוניווערזיטעט, האָב איך זיך קודם כל גענומען צו באַזוכען די קירכען און קלויסטערס, און עס פלעגט זיך טרעפען, אַז גע־הענדיג אין־דער־פריה אין אוניווערזיטעט, פלעג איך, אָנשטאָט אויף אַ לעקציע פון אַנאַטאָמיע, פאַרבלאָנדזשען גאָר אין אַ קירך, וואָס איז מיר אַריינגעפאַלען אין די אויגען ערגעץ אויפ'ן מיטען וועג. און נאָך מיט פילע יאָהרען שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַן אַלטער פּאַרטיי־טוער און אַ מיטגליד פון אָנפיהרענדע פּאַרטיי־אינסטיטוציעס, בין איך אין דער שווייץ, אין זשענעוו, געגאַנגען אין די דאָרטיגע רוסישע קירך צו דעם ביינאַכטיגען גאָטעס־דינסט אין דער נאַכט פון רוסישען פּסח. מען האָט מיך אָבער נישט אַריינגעלאָזט, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין קאַר־טע פון קאָנסול.

אָבער איך הויב שוין אָן צו רעדען גאָר וועגען די שפּע־טערדיגע יאָהרען, איך האָב דאָס אָבער געמאַכט, נאָר כדי צו פאַרענדיגען מיט'ן ענין רעליגיע. איצט קאָן איך זיך אומ־קעהרען צוריק צו מיינע פריהסטע קינדער־יאָהרען.

3

דער טאַטע און די מאַמע.

איינע פון מיינע ערשטע עראינערונגען, אפשר טאַקע די ערשטע.

איך בין אַ יאָהר דריי אַלט. ס'איז אבענד־צייט. איך ליג אין מיין בעטעל. ערגעץ אין אַ צווייטען צימער זיצט הערמינע. הערמינע — דאָס איז אַ באַלטישע דייטשקע, וואָס מען האָט גענומען ספּעציעל פאַר מיר, זי זאָל אויף מיר השגחה געבען, זיך שפּילען מיט מיר, און אגב זאָל איך זיך אויסלערנען דייטש; מיט עטליכע יאָהרען שפּעטער האָט מען אויף איהר אָרט גענומען אַ פראַנצויזקע. איך האָב גוואַלדיג ליב הערמינע'ן. איך ליג אין מיין בעטעל, און פּלוצלונג הויב איך אָן ביטער צו וויינען. הערמינע קומט צו לויפען: „וואָס איז מיט דיר?" איך וויין ווייטער. „האָסט אַ וועהטאָג? ביזט ניט געזונד? טאָ רעד זשע!" איך וויין אַלץ ביטערער און ביטערער, און צווישען דעם כליפּען און שלוכצען פון דעם וויינענדען קינד רייסען זיך מיט גרויס מיה אַדורך די שטאַמעלדיגע ווערטער: „אַז איהר וועט אוועקפאָהרען... און אַז מאַמע וועט שטאַרבען..."

אָט דאָס פייניגט דעם קליינעם אינגעלע, ווען ער פאַרטראַכט זיך אין אַ שטילען אבענד וועגען דער צוקונפט. צוויי שרעקליכע פּערספּעקטיוען: הערמינע פאָהרט אוועק, מאַמע שטאַרבט, די צוויי מענשען, וואָס זיינען פאַר מיר די ליבסטע, דאָס טייערסטע אויף דער וועלט.

די צוגעבונדענקייט צו הערמינאַ'ן איז געווען מעהר נישט אַ צייטווייליגער עפּיזאָד. אין אַ צייט ארום איז הערמינע טאַקע אוועקגעפאָהרען און — גאָרנישט, איך האָב אָן איהר גאַנץ גיך פאַרגעסען. אָבער די מאַמע איז פאַר מיר שטענדיג פאַרבליבען דאָס אייגענע, וואָס זי איז געווען דאַמאָלט, אין יענעם לאַנג פאַר־

גאַנגענעם אבענד, ווען דאָס דריי־יאָהריגע קינד האָט געוויינט ביים גערדאַנק, אַז די מאַמע קאָן אמאָל חלילה שטאַרבען.

די מאַמע איז געווען די צענטראַלע פיגור פון מיין קינדהייט, און אַז איך רייד וועגען מיינע קינדער־יאָהרען, רייד איך איי־גענטליך פון מיין מאַמען.

איך בין געווען דער איינגסטער אין דער משפחה, און אַזוי פיהרט זיך שוין, אַז דער מיזיניק איז אַלעמאָל ארום דער מאַמע. ס'איז טאַקע געווען דער איינציגער מענש, צו וועלכען איך בין דעמאָלט געווען באמת נאָהענט. די איבעריגע קינדער האָבען נישט געקאָנט זיין קיין חברים פאַר מיר — פשוט צוליב דעם, ווייל זיי זיינען שוין קיין קינדער נישט געווען. דער איינגסטער פון מיינע ברידער איז מיט אַכט יאָהר עלטער פון מיר; דער עלטסטער — מיט אַ יאָהר 16 אָדער 17; זיינען זיי שוין געווען דערוואַקסענע אָדער האַלב־דערוואַקסענע, בעת איך בין געווען נאָך אַ קליינינקער שנעק. אָבער די מאַמע איז אַלעמאָל אַן אייגענער מענש און אַ חבר, מעג זי זיין מיט פערציג יאָהר עלטער פון מיר.

דער טאַטע — דאָס איז שוין אַן אנדער זאַך. פאַר'ן טאַטען האָט מען מורא. ערשטענס איז ער אַ מאַנסביל, און צו אַ מאַנס־ביל האָט מען אַלעמאָל דרך ארץ. דאַן איז ער אַ מעהר שטרענ־גער, אַ פאַרנומענער, אַן ערנסטער. און די וויכטיגסטע זאַך: ער איז עפּעס אַ ווייטערער. מען זעהט איהם אַ סך ווייניגער. ער באַווייזט זיך נאָר בעת די מאָלצייטען. די איבעריגע צייט איז ער אָדער אין זיין אמט, אָדער ביי זיך אין קאַבינעט, איז ער פאַרנומען, פלעגט מען צו איהם נישט אריינגעהן.

אָבער אַז די מאַמע קען זיך נישט געבען קיין עצה מיט מיינע קאַפּריזען (איך בין דאָך פאָרט אַ מיזיניק און גוט צו־פּיעשטשעט), דאַמאָלט קומט מען אָן צום לעצטען מיטעל — מען רופט דעם טאַטען. און דער טאַטע קומט און גיט מיר אַ געהערי־גען גאָב. נישט קיין קלעפּ, חלילה. זינט איך לעב אויף דער וועלט, האָט מיך נאָך קיינער קיינמאָל ניט געשלאָגען. אָבער ער גיט מיר אַ גוטע פאָרציע מיט ווערטער, און דאָס ווירקט מאָ־מענטאַל. איך ווער צושראָקען, צוטומעלט, ווייך ווי אַ קאָטינקע און וויין ווי אַ ביבער. מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט דער

טאטע אליין רחמנות אויף מיר, און ער קומט נאך אמאל און זאגט מיר א פאר ליבע ווערטער, אדער לייענט מיר עפעס א שעהנע זאך פון א בוך. און איך ווייס גאנץ גוט, אז דער טאטע האט מיך ליב פון גאנצען הארצען און אז ער איז בטבע א גוטער, ווייכער מענש, און איך האב איהם אויך ליב, אבער איך האב פארט מורא פאר איהם, און די דאזיגע מורא שטעהט ווי א וואנד צווישען איהם און מיר, און לאזט נישט אויפקומען אן אמת הארציגע, אינ־טימע פריינדשאפט.

פאר דער מאמען האב איך אבער נישט קיין מורא. איך האב זי נאר ליב און מעהר גארנישט. אמת, עס טרעפט זיך גאנץ אפט, אז איך בייזער זיך אויף איהר; עס טרעפט זיך נאך עפטער, אז איך מאך איהר א טויט מיט מיינע קאפריזען; אבער דערנאך האב איך שטענדיג ביטער חרטה (איהר אין די אויגען בין איך דאס קיינמאל ניט מודה, דאס קען איך ניט), און איך גיב זיך אליין דאס ווארט מעהר ניט צו פארשאפען איהר קיין עגמת נפש; דאס ווארט בלייבט אבער א ווארט, און אין א טאג ארום הויבט זיך אן די מעשה פון דאס ניי.

מיין מוטער איז געווען א קראנקע. ווי אזוי זי האט אויס־געזעהן איידער זי איז געווארען קראנק, געדענק איך נישט. איך ווייס אבער, אז זי איז געווען זעהר א שעהנע. אזוי האב איך זי געזעהן אויף אלטע פאטאגראפיעס, און אפילו אויף א שפע־טערען בילד, וואס איז ביי מיר פארבליבען און וואס איז געמאכט געווארען ווען זי איז שוין געווען פופציג יאהר אלט און שווער קראנק, קאן מען נאך זעהן די שפורען פון דער אמאליגער שעהנ־קייט.

זי איז געווען שווער קראנק. ס'איז געווען א קרענק, וואס טרעפט זיך זעהר זעלטען און וואס טראגט דעם לאטייני־שען נאמען „פאראליזים אגיטאנס", פארטייטשט אויף אידיש — „ציטער־פאראליטש". ער האט זיך אנגעהויבען דערפון, וואס עס איז איהר געווארען שווער צו געהן. דערנאך האבען אנגע־הויבען ציטערען די הענד. נישט שטענדיג, נאר ביי יעדע אנ־שטרענגונג, אפילו דער קלענסטער. און טריט ביי טריט, פא־מעלאך, אבער אהן אויפהער, איז די קרענק געווארען אלץ שווע־רער און שווערער. בעת איך בין געווען אלט א יאהר זעקס, האט

מיין מאמע נאך געמאכט א גרויסע רייזע אין אויסלאנד און אין מאסקווע. מיט דריי יאהר שפעטער האט זיך שוין אין אונזער הויז באוויזען א ג׳ויסער „פאטער־שטוהל" אויף רעדער. די מאמע האט נאך געקאנט געהן, אבער ס׳איז איהר שוין געווען גאנץ שווער, און מ׳פלעגט דאס רוב זי פיהרען אויף דעם דאזיגען שטוהל. מיט עטליכע יאהר שפעטער האט זי שוין אינגאנצען נישט געקאנט אויפשטעהן. די קרענק איז געווען פארבונדען מיט פיל ליידען; זי פלעגט דאס איבערטראגען מיט א זעלטענער גע־ד׳לד, טאג און נאכט פארטאן אין די קליינע און גרויסע זאר־גען: אלץ וועגען אונז, וועגען די קינדער. זיצענדיג אויף איהר שטוהל, האט זי געהאלטען אין איהרע הענד אלע פעדים פון דער גאנצער הויז־בעל־הבית׳ישקייט; אפילו שפעטער, ווען מיין שוועסטער האט חתונה געהאט און איז געבליבען וואוינען צוזא־מען מיט איהר מאן ביי דער מאמע (דער פאטער איז גראד דא־מאלסט געשטארבען, און מען האט ניט געוואלט זיך צושיידען מיט דער מוטער), איז די מאמע געבליבען די בעל־הבית׳טע, און אפילו איבער דעם אייניקעל, וואס איז מיט א יאהר שפעטער געבוירען געווארען, האט זי געהאט די הויפט השגחה. איהר שטוהל איז געווען דער צענטער פון דער שטוב.

און ארום איהר פלעגט זיך שטענדיג דרעהען דער קליינער וואליא, ווי מען פלעגט מיך רופען (א פארקלענערונגס־נאמען פון „וולאדימיר"). איך בין שטענדיג געווען, אזוי צו זאגען, אונטער **איהרע פליגלען, ווי אין א מין ווארימען, היימישען נעסט. און אזוי בין איך געוואקסען און זיך צוגעקוקט צום ארומיגען לעבען.**

4

די סביבה.

ס'איז געווען א גוט בעל־הבית'יש לעבען. מיינע עלטערן האבען נישט געהאט קיין שום פארמעגען. אבער מיין פאטער האט געהאט צוויי גוטע שטעלעס. איין שטעלע אלס מיליטערישער דאקטאר, און די צווייטע אלס הויפט־דאקטאר פון די ליבאווע־ראמנער אייזענבאהנען, וואס איהר צענטער איז געווען אין מינסק. דאס געהאלט, וואס ער פלעגט באקומען, איז נישט געווען גאר גרויס, אבער דאס לעבען איז געווען דאמאלסט זעהר ביליג, און מיר האבען געלעבט גאנץ ברייט. מיר פלעגען אלעמאל האבען א גוטע, גרויסע דירה פון א צימער פינף־זעקס, פלעגען אויפנעמען א סך געסט, פלעגען גוט עסען און אנטאן זיך; און זומער פלעגט מען אלע יאהר ארויספאהרען אויף א דאטשע. אפילו געבוירען בין איך געווארען בעת מיינע עלטערן זיינען געווען אויף א זומער־וואוינונג אין ליבאווע; און אין די שפעטערדיגע יאהרען פלעגען מיר כסדר ערגעץ פארברענגען דעם זומער אויסער דער שטאדט: א פאר מאל אין מאיארענהאף — א זומער־ארט ביים באלטישען ים־אויסגוס; אן אנדערס מאל אין א דארף ניט ווייט פון מינסק; אן אנדערס מאל אין דרוסקעניקי (גראדנער גובערניע, ביים ברעג פון ניעמאן) און אזוי ווייטער.

אין די ערשטע יאהרען פלעגען אונזערע באקאנטע זיין דאס רוב — אויב ניט אויסשליסליך — אידען, פון דער פארמעגליכער און געבילדעטער מינסקער אינטעליגענץ. ס'איז געווען א צייט, ווען מען האט געפרופט בילדען ביי אונז אין דערהיים א מין קרייזעל צו לייענען צוזאמען די קלאסישע ווערק פון דער ליטעראטור. איך געדענק איינעם אזא אווענט, ווען ביי אונז אין זאל האט זיך צוזאמענגעקליבען דער דאזיגער קרייז. איינער א באקאנטער — איך ווייס נישט, ווי ער האט געהייסען, — האט גע־

לייענט אויפ׳ן קול עפּעס א זאַך פון היינע אָדער פון געטע, און איך זעה נאָך פאר מיינע אויגען אַ בכבד׳יגע אַלטע דאַמע, ווי זי איז געזעסען און צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ צום טאקט פון די שירים. דאָס איז געווען פּאָלינע וועננעראָוו, וואָס האָט מיט א סך יאָהרען שפּעטער ארויסגעלאָזט א בוך, אויף דייטש, אונטער׳ן נאָמען „מעמוארען פון א באָבע". די וועננראָווס זיינען געווע: איינע פון די אינטעליגענטסטע משפחות אין אונזער שטאָדט. די קינדער פון דער אַלטער דאמע זיינען געוואָרען גאַנץ באקאנטע מענשען: דער זוהן — סעמיאָן וועננעראָוו, איז א באוואוסטער היסטאָריקער פון דער רוסישער ליטעראטור, דער אַרויסגעבער פון דעם גרויסען ביאָגראַפישען ווערטער־בוך פון רוסישע שריי־בער; די עלטסטע טאָכטער — זינאאידא — (א שול־חבר׳טע פון מיין שוועסטער) איז אויך באקאנט אין דער רוסישער ליטעראַרי־שער קריטיק, און א צווייטע טאָכטער, איזאבעלא, איז געוואָרען א טאַלאַנטירטע פּיאַנאָ־שפּילערין.

ס׳איז כאראקטעריסטיש, אז מען האָט אין דערמאָנטען קרייזעל געלייענט דוקא דייטשע דיכטער און דוקא אין דער דייט־שער שפּראַך. אין דער בעל־הבית׳יש־אינטעליגענטער סביבה פון אונזער שטאָדט איז דייטש געווען, אזוי צו זאָגען, די אומגאַנגס־שפּראַך. אין אַלגעמיין אָבער איז די סביבה געווען דורכאויס אָן אסימילירטע. איך געדענק נאָך א פּאָר דאָקטוירים, א זשורנאַ־ליסט — דעם רעדאקטאָר פון א טעגליכער צייטונג, וואָס האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען אין מינסק, און אזוי ווייטער.

עס פלעגען אויך אריינקומען צו אונז די עלטערען פון מיין מוטער, וואָס האָבען אויך געוואוינט אין מינסק, אָבער ביי זיך אין א באַזונדער דירה; מיר דאכט זיך, אז זיי האָבען נאָך אָפּגעהיט די אידישע מנהגים און געהאט א כשר׳ע קיך. דעם זיידען האָב איך זעהר ליב געהאט; ס׳איז געווען זעהר א האַר־ציגער מענש; איך געדענק נאָך זיינע אונטערגעשאָרענע וואָנ־צעס, וואָס פלעגען שטעכען מיין פּנים, בעת ער פלעגט מיך קושען. די באָבע איז געווען אַ מעהר שטרענגע, אָבער מיט מיר האָט זי אויך געלעבט גאָר גוט. אלע מאָל ווען זי פלעגט קומען צו אונז, פלעגט זי ארויסנעהמען פון דעם גרויסען שווארצען לע־

דערנעם בייטעל, וואָס זי האָט שטענדיג געהאַט ביי זיך, א גרויסע קופערנע פינף־קאָפּיקענע מטבעה, און זי מיר שענקען.

מיר דאַכט זיך, אַז אויך ביי אונז אין שטוב פלעגט מען נישט אַלע מאָל זיין אין גאַנצען גלייכגילטיג צו די אידישע ימים טובים; ווענינסטענס אין די פריהערדיגע יאָהרען. איך אליין געדענק דאָס שוין נישט. אָבער איך האָב וועגען דעם געפונען א רמז אין א טאַגע־בוך פון מיינעם א ברודער. ער באַשרייבט דאָרטען עפּעס א פּאַסירונג און זאָגט: ס׳איז געווען ערב א אידישען יום טוב, מען האָט ביי אונז געריינינט די צימערען.

איך בין געווען אַלט סך הכל א פּאָר יאָהר, ווען עס זיינען פאָרגעקומען די גרויסע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד און באַלד נאָכדעם זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען די באַריהמטע „צייט־ווייליגע תקנות" וועגען אידען — די אויסנאַהמס־געזעצען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען 35 יאָהר און וואָס זיינען געווען פאַר־בונדען מיט׳ן נאָמען פון גראַף איגנאַטיעוו. דער נאָמען איג־נאַטיעוו איז מיר געווען גוט באַקאַנט, און איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז א מין ספּעציאַליסט צו רודפ׳ן די אידען. מיר האָבען דעמאָלט געהאַט א קליין הינטעלע מיט׳ן נאָמען „זשיווו־טשיק". איך געדענק, מיר זיינען אמאָל געגאַנגען אין שטאָדט און זשיוווטשיק האָט זיך מיט גרוים כעס געוואָרפען אויף א אידען. דאָס האָט מיך זעהר אויפגערעגט, און איך האָב אויסגע־שיינעצט דעם הונט: „זשיוווטשיק, דו, איגנאַטיעוו איינער!"
איך בין דעמאָלט געווען מסתמא א יאָהר 4 אַלט. מען האָט א סך געלאַכט פון מיין קינדערשען ווערטעל און דערצעהלט וועגען דעם איינער דעם צווייטען, אַלס א סימן, וואָס פאַר א חכם דער קליינער „וואָליאַ" איז.

5

דער מיזיניקעל.

אין דער אמת'ן בין איך אָבער גאָר קיין חכם ניט געווען. א פעהיגער — יא; איך האָב זיך, למשל, אויסגעלערענט לייענען אין א פּאָר טעג, בוכשטעבליך שפּילענדיג: מען האָט מיר געקויפט אזעלכע קוביקעס, וואָס אויף יעדער זייט פון זיי איז געווען אָפּגעדרוקט אן אות; איך פלעג פון זיי צונויפ־שטעלען ווערטער, און דאָס איז געגאַנגען איינס—צוויי. אויך אין די שפּעטערע יאָהרען האָב איך זיך געלערענט גוט און אָהן קיין שום אנשטרענגונג, אָבער א חכם בין איך נישט געווען. פארקערט איך בין געווען זעהר א נאַאיווער בחור'ל, מעהר נאַאיוו, ווי עס האָט געדאַרפט זיין לויט די יאָהרען. ס'איז שטענדיג געווען גרינג מיך אָפּצונאַרען; איך פלעג אלעמאָל גלויבען מענשען.

איינמאָל, געדענק איך, האָט מען מיך געפיהרט צום פאָ־טאָגראַפער. בכדי איך זאָל זיצען רוהיג, האָט מיר דער פאָטאָ־גראַפער געהייסען קוקען אויפ'ן דעקעל פון זיין אַפּאַראַט און געזאָגט: קוק זיך גוט איין, באלד וועסטו זעהן, ווי עס וועט דאַרטען ארויסלויפען א קליינע אייזענבאַהן. איך בין געזעסען און פארגלאָצט מיט די אויגען; דאָס פאָטאָגראַפירען האָט זיך בשלום געענדיגט, איך בין אָבער אלץ געבליבען אויפ'ן אָרט, ווארטענדיג אויפ'ן צוג... איך ווארט אויף איהם עד היום...

א צווייטען מאָל, געדענק איך, זיינען צו מיר געקומען צו גאַסט באַקאַנטע קינדער. אָווענד־צייט האָבען זיי געדאַרפט אוועקגעהן, איך האָב אָבער בשום אופן ניט געוואָלט זיי אָפּלאָ־זען. דאַן האָט דער עלטסטער פון די בחורים געזאָגט צו מיר אזוי: זעהסט, אָט נעם איך דאָס קעסטעלע (א קליין פּאַפּירען

קיילעכדיג קעסטעלע), איך לעג אהין אריין דאָס שטיקעל פּאַפּיר, איך פאַרמאַך דאָס קעסטעלע און שטעל דאָס אוועק דאָ אויפ'ן קאָמאָד. און אז דו וועסט זיך איצטער לעגען שלאָפען און מאָר־גען אין דער פריה אויפשטעהן, וועט די זאַך זיין פאַרטיג: דאָס שטיקעל פּאַפּיר וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אן אמתן שטיקעל גאָלד. איך האָב איהם געגלויבט און זיך געלעגט שלאָפען, און אויפגעשפּרונגען דעם צווייטען טאָג, און געפונען דאס אָרימע שטיקעל פּאַפּיר.

דאָס זיינען גאַנץ קלייניטשקע, נישטיגע עפּיזאָדען, אָבער נישט אומזיסט זיינען דוקא זיי פאַרבליבען אין מיין זכרון אין משך פון דריי מיט א האַלבען צעהנדליג יאָהרען. מסתמא זיינען דאָס ניט געווען קיין צופעליגע אינצידענטען, נאָר א זאַך, וואס פלעגט זיך טרעפען אָפט און וואָס איז געווען ענג פאַרבונדען מיט מיין גאַנצען דאמאָלסדיגען לעבען. איך געדענק אָבער קיין איין פאַל נישט, אז צווישען די אָפּנארער זאָל זיך געפינען די מאמע.

איך בין געווען א צאַרט קינד: צופּעסטשעט און קאַפּריזנע. פיל פאַרבראַכט אליין, זיך גענודיעט. וויפיל מאָל פלעג איך זיך ארומדרעהען ארום דער מאמען, דערקוטשענדיג איהר מיט איין און דעם זעלבען פראַגע־פזמון: „מאַ־אַ־אַמע, וואָס זאָל איך טאָ־אָ־אָן? מאַ־אַ־אַמע, וואָס זאָל איך טאָ־אָ־אָן?" דאָס איז אָבער געווען נאָר ווינטער. זומער האָט מען אזוי פיל צו לויפען, צו שפּילען, צו שטיפען, אז עס קלעקט ניט דער גאַנצער לאַנגער זומער־טאָג.

איך בין געווען א טיפּישער מיזיניקעל. קאַפּריזנע, עגאָ־איסטיש; אָבער איך בין פאָרט געווען נישט קיין שלעכטער, איך האָב פאָרט געהאַט אין זיך א ווייכהאַרציגקייט און א גוטסקייט. צו דער סדרה געהערט די מעשה מיט מיינע שעפּסעלעך.

איך האָב גוואַלדיג ליב געהאַט שעפּסעלעך. ניט די אמת'ע, לעבעדיגע — מיט זיי פלעג איך זיך נישט טרעפען, — נאָר קלייניטשקע, געמאַכטע, שפּילציינג. אלע יאָהר פאַר'ן רו־סישען פּסח פלעגען זיך באַווייזען אין די פענסטער פון די קראָ־מען גאַנצע מאַסען אזעלכע שעפּסעלעך. ביי די קריסטען איז דאָס

א סימבאָל פון קריסטוס'ען אליין — אַן אונשולדיגער קרבן; — אָבער די רעליגיעזע זייט האָט מיך דאַמאָלט נאָך נישט געאַרט; איך האָב סתם ליב געהאַט די ווייסינקע, ליבליכע, גוטינקע חיה'לע. מען פלעגט מיר קויפען אזעלכע שעפּסעלאַך. דאָס זיינען אָבער געווען דאָס רוב פון געוועהנליכען מין, געמאַכט פון עפּעס א ווייסע מאַסע. עס זיינען אָבער געווען שעפּסעלאַך פון בעסערען סאָרט, מיט אַן אמת'ען גלאַנציגען, זיידען־ווייכען פעל. און וועגען אזא שעפּסעלע האָב איך אלעמאָל גע'חלומ'ט.

און עס האָט זיך געטראָפען אזא מעשה. עס איז געווען עפּעס א יום־טוב, דאַכט זיך טאַקע דער רוסישער פּסח. איך בין אויפגעשטאַנען אין־דער־פריה און האָב געוואָלט זיך אָנטאָן דוקא באַלד אין דער פריה אין א יום־טוב'דיגען בגד. מען האָט אָבער נישט געלאָזט. בין איך געוואָרען גוואַלדיג אין כעס. איך וויין און ליאַרעם. אין דעם מאָמענט קומט אַריין צו מיר אין צימער די באָבע און לייגט עפּעס אוועק נעבען מיר אויפ'ן טיש. איך וויין ווייטער. „הער אויף" — זאָגט מען מיר — „גיב א קוק, וואָס איז דאָס אזוינס". איך בין אָבער ברוגז, איך וויל נישט קוקען; איך דערלאַנג א מאַך מיט דער האַנד, און דאָס „עפּעס" פאַלט אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע. עס הערט זיך א קלאַפּ, און פּלוצלונג פּיהל איך א שטאָך אין האַרצען: עס וואַלגערט זיך אויף דער ערד א וואונדער־שעהן שעפּסעלע, אזא, ווי איך האָב לאַנג וועגען איהם גע'חלומ'ט: מיט אַן אמת'ען ווייסען פעל, מילד, ליבליך. איהם האָב איך דאָס אזוי גראָב און בייז אַראָפּגעוואָרפען אויף דער ערד, און ביים פאַלען האָט זיך די טייערע חיה'לע צובראָכען א פיסעל. איך האָב זיך געפיהלט ווי אַן אמת'ער פאַרברעכער. ס'איז געווען גלייך, ווי איך וואָלט צוקריפּעלט א לעבעדיג באַשעפעניש. און ס'איז אויפגעקומען אין מיין האַרצען א טיפער וועהטאָג און א טיפע רחמנות צו דעם קליינעם קאַליקע, און אין משך פון לאַנגע חדשים, אפשר אפילו יאָהרען, האָב איך זיך געפיהלט שולדיג פאַר איהם און געליטען פאַר מיין עבירה. און איך געדענק, ווי א לאַנגע צייט נאָך דער דאָזיגער פּאַסירונג האָב איך אָמאָל אוועקגעשטעלט דאָס קליינע הינקעדיגע שעפּסעלע אויף א טישעל, אליין זיך אוועקגעשטעלט פאַר איהם אויף די קני און געבעטען ביי איהם מחילה פאַר דער גרויסער עולה, וואָס איך

האָב געגעזן איהם באַגאַנגען. איך בין שוין דאַמאָלט געווען אַ גאַנץ גרויסער אינגעל, אפשר פון 9 אָדער 10 יאָהר.

איך פלעג בכלל איבערלעבען פון צייט צו צייט אָנפאַלען פון שאַרפער, בייסענדער רחמנות. אַ מאָדנע זאַך: איך געדענק בפירוש צוויי אַזעלכע פאַלען, און ביידע זיינען פאַרבונדען מיט יום טובים, מיט דער צייט, ווען מענשען פלעגען זיך אויספּוצען, אויסטראָיען און האָבען אַ צופרידענעם אויסזעהן. איינמאָל זיינען מיר געגאַנ־גען שפּאַצירען (ס'איז ווידער געווען פסח־צייט) און זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ בענקעל אין אַ בולוואַר. לעבען אונז האָט זיך אַוועקגעזעצט עפּעס אַן אַלטיטשקער. ס'איז ניט געווען קיין בעט־לער, נישט קיין קאַליקע, אַ גאַנץ צופרידענער אַלטיטשקער, אָבער דוקא דערפאַר וואָס ער איז געווען צופריעדען און יום טוב'דיג, האָב איך פּלוצלינג דערשפּירט אין מיין האַרצען אַזאַ ביטערע רחמנות צו איהם, אַז איך האָב זיך געדאַרפט זעהר שטאַרק איינהאַלטען, כדי זיך ניט פאַנאַנדערצעוויינען.

אַ צווייטען מאָל איז געווען אַן עהנליכע זאַך, איך האָב זיך געקליבען צו געהן שפּאַצירען מיט איוואַנ'ען אונזער „דיענטשיק"; ס'איז אויך געווען אַ יום־טוב, און איוואַן האָט זיך אַרומגעבונדען אַרום דעם האַלז אַ בונט־בלויען טוך. ער האָט געמיינט, אַז דאָס וועט זיין יום־טוב'דיג שעהן, מיר האָט זיך דאָס אָבער אויסגעוויזען מיאוס. און ווייעדער האָט מיר אַרומגעכאַפּט אַ רחמנות אויף אי־וואַנ'ען. און ס'איז געווען אַזוי נאָך אַ סך מאָל. דוקא דעמאָלט ווען אַ מענש פלעגט זיין צופרידען און יום־טוב'דיג, פלעג איך דער־שפּירען אין זיך דאָס מאָדנע שטעכיגע רחמנות געפיהל: און מיט אַזאַ שרעקליך שאַרפען וועהטאָג, מיט וועלכען עס איז שווער צו פערגלייכען אַ וואָס איז ניט אַנדער געפיהל. עס פלעגט מיר פּשוט רייסען דאָס האַרץ, ווי מיט שאַרפע צייהן. און ס'פלעגט זיך אי־בער'חזר'ן נאָך אַמאָהל און ווידער אַמאָהל, אפילו מיט אַ סך יאָה־רען שפּעטער, ווען איך פלעג זיך נור דערמאָנען וועגען דעם ער־שטען איינדרוק. ס'איז אפשר געווען דאָס שטאַרקסטע געפיהל אין מיין לעבען.

6

די מאַמע איז קראַנק.

אין אַנדער מיין צער און וועהטאָג האָב איך געהאַט צוליעב מיין מאַמע'ס קרענק. דאָס זיינען שוין ניט געווען קיין אָנפּאַלען פון שאַרפען רחמנות, נאָר אַ שטענדיגער, יאָהרען־לאַנגער שמערץ, ווי אַ מין גייסטיגער צאָהן־וועהטאָג. ס'איז אפילו ניט געווען קיין אייגענטליכער רחמנות־געפיהל. רחמנות קען מען האָבען אויף יע־נעם. די מאַמע איז אָבער געווען אַזוי נאָהענט, אַזוי צונויפגעגאָ־סען מיט מיין אייגענעם לעבען, אַז איהר קרענק איז געווען מיין אייגענער אומגליק, און איך האָב געטראָגען דעם דאָזיגען אומגליק יאָהר־איין, יאָהר־אויס, מיט בענקשאַפט און טרויעריגקייט און מיט אַ שטילע האָפנונג: טאָמער וועט פאָרט קומען אַ גאולה.

וואָס קען זיין מעהר פּשוט און וואָכעדיג, ווי אַ גאַנג מיט דער מאַמען איבער די גאַסען? אַלע קינדער האָבען דאָס געהאַט, איך — ניט. און איך האָב גע'חלומ'ט וועגען דעם—אפשר מעהר ווי וועגען אַלע איבעריגע זאַכען — ווי עס וואָלט געווען הערליך, ווען די מאַמע וואָלט געווען געזונד און מיר וואָלטען געקאָנט צו־זאַמען, האַנד ביי האַנד, אַרויסגעהן פון שטוב. דאָס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט ווי אַזאַ גליק—אַן אונפאַרגלייכליכעס, שטראַהלענ־דעס גליק, — אַז איך וויים נישט וואָס איך וואָלט געווען גרייט צו טהאָן, אבי דאָס צו דערלעבען. און בעת דאָס געזונד פון מיין מו־טער פלעגט ווערען אַלץ ערגער און ערגער, פלעגט מיין בענקשאַפט זיך פאַנאַנדערברענען, פאַנאַנדערפלאַקערען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז וואַנען עס איז קלאָר געוואָרען — צוערשט פאַר די דערוואַקסענע און דערנאָך אויך פאַר מיר, אַז דער חלום קאָן ניט און וועט ניט מקוים ווערען.

צום סוף פון די אַכציגער יאָהרען, ווען אַלע באַמיהונגען פון דאָקטוירים זיינען געבליבען אָהן אַ פּעולה, האָט מען זיך גענומען

צו נאָר א נייעם, אונגעוועהנליכען מיטעל. ס'איז דאמאָלט גראָד געקומען צו אונז אין שטאָדט דער באריהמטער היפּנאָטיזירער פעלדמאַן. אין די ברייטע קרייזען פון דער רוסישער געזעלשאַפט האט מען זיך ערשט דאמאָלט באקענט מיט היפּנאָטיזם. פעלד־מאַן, וועלכער פלעגט איינאָרדנען עפענטליכע פאָרשטעלונגען, האָט געמאַכט א גרויסען רושם. עס האָט זיך אויסגעדוכט, ווי עפּעס אַן איבערנאטירליכע קראַפט: א מענש שלעפערט איין א צווייטען, און דאַן ווערט ער זיין אויבערהאַר. אַלץ וואס ער הייסט, מוז יע־נער טהאָן. ער קען איהם שטעכען מיט נאָדלען און זאָגען אז ס'טהוט ניט וועה — און עס טהוט איהם ניט וועה. ער קען איהם הייסען פארגעסען אַלץ וואס עס האָט זיך מיט איהם געטראָפען — און ער וועט פאַרגעסען; ער קאָן טהאָן מיט איהם אַלץ וואָס ער וויל. אפשר קען ער אויך אויסהיילען מיין מאמע?

מען פלעגט טאקע מאכען אזעלכע פּראָבען. און מען האָט אויך איינגעלאַדען פעלדמאַן'ען צו מיין מוטער.

קודם כל האָט ער געמאַכט סתם א פּראָבע, כדי צו זעהן אויב דער פּאציענט לאָזט זיך היפּנאָטיזירען גרינג און מיט ערפאָלג. די פּראָבע איז דאָס מאָל געווען אזא: פעלדמאַן האָט איינגעשלע־פערט מיין מאַמען און האָט איהר געגעבען א היפּנאָטישען באַ־פעהל בזה הלשון: „מאָרגען, א פיערטעל נאָך פיער בייטאָג וועט איהר אויפשטעהן פון דעם פּלאַץ, וואו איהר וועט זיך צו יענער צייט געפינען, איהר וועט אריינגעהן אין קאבינעט פון אייער מאַן, זיך אוועקזעצען ביים טיש און אנשרייבען א בריעף צו אייער זוהן סאשא אין פּעטערבורג; דערנאָך וועט איהר אָנקלינגען און דעם, ווער עס וועט אריינקומען, וועט איהר אָפּגעבען דעם בריעף, ער זאָל איהם אָפּשיקען. איצט אָבער וועט איהר ערוואַכען און איהר וועט אין גאַנצען פאַרגעסען, אז איך האָב אייך געהייסען עפּעס טהאָן. וואכט אויף".

מיין מאַמע האָט אויפגעוואַכט און האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט. ס'איז געקומען דער צווייטער טאָג. מיר זיינען אַלע גע־ווען צוגעגרייט און געוואַרט מיט אונגעדולד אויף דער באַשטימ־טער שעה. די מאַמע איז גראָד געזעסען אין זאַל, און פּלוצלינג, אונגעריכטערהייט, כאַפּט זי זיך אויף. ס'איז געווען מיט א האַל־בע שעה פריהער פאַר דער באַשטימטער צייט (קענטיג אז ס'איז

פאַרגעקומען אַ מיספאַרשטענדניס: דער היפּנאָטיזירער האָט איהר געזאָגט: „אַ פיערטעל נאָך פיער”, און זי האָט מסתמא געהערט „אַ פיערטעל צו פיער”) ,און מיר האָבען די ערשטע מינוט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז. די מאַמע איז אויפגעשטאַנען פון שטוהל, אוועקגעשטעלט זיך אויף ביידע פיס און זיך גענומען געהן. דאָס געהן איז שוין דאמאָלט געווען זעהר שווער, און זי פלעגט זיך דארפען אויף אימיצען שטיצען. דאָס מאָל האָט זי אָבער קיינעם ניט גערופען, אויף קיינעם נישט געוואַרט, נאָר פלוצלינג זיך אַ לאָז געטהאָן גלייך ווי עס וואָלט זי עפּעס געטריבען, ארויס פון זאַל, אריין אין קאַבינעט, אוועקגעזעצט זיך ביים טיש און אָנ־געהויבען צו שרייבען. אויף וויפיעל איך געדענק, פלעגט זי צו יענער צייט שוין ניט קאָנען שרייבען צוליעב'ן ציטערן פון איהר האנד; דאָס מאָל האָט זי אָבער יאָ באוויזען אָנצושרייבען אַ קור־צען בריעף. אין'ם בריעף איז געשטאַנען אַן ערך אזוי:

„ליעבער סאַשאַ, קום באַלד צופאָהרען. איך וויל דיך זעהן”.

דערנאָך האָט זי אַ קלונג געטאָן מיט'ן עלעקטרישען גלעקעל, וואָס איז געווען אויפ'ן טיש גופא. ס'איז געווען אין פאראויס אָפּ־גערעדט, אַז איך זאָל ווארטען אין דעם צווייטען צימער, און זאָל אריינגעהן — אָנשטאָט די דינסט־מיידעל — ווי נור איך וועל הערען דעם קלונג. איך בין אריין. די מאַמע האָט מיר געגעבען דעם בריעף, געהייסען איהם אוועקטראָגען צו דער פּאָסט, און דאַן האָט זי זיך אוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע — אַ בלאַסע, אַ פאַר־מאַטערטע — און איז איינגעשלאָפען.

די פּראָבע האָט זיך איינגעגעבען גלענצענד, און מען האָט באַ־שלאָסען צוצוטרעטען צום היילען גופא. איך געדענק זעהר גוט דעם אָוועגד, ווען מען האָט געמאכט דעם אָנהויב. איך האָב דע־מאָלט נישט געהאַט קיין באזונדער צימער פאַר זיך; מיין בעטעל איז געשטאַנען ביי דער מאַמע אין צימער. דאָס צימער איז געווען גאַנץ גרויס און צוטיילט מיט אַ לאַנגען שווערען פאָרהאַנג אין צוויי טהיילען. פון איין זייט איז געווען אַ מין קליינער סאַלאָן, פון דער צווייטער זייט איז געווען דאָס איינגענטליכע שלאָף־צימער מיט אונזערע צוויי בעטען. די מאַמע, דער היפּנאָטיזירער און נאָך אַ פּאָר מענשען זיינען געווען אין דעם סאַלאָן; מיר האָט מען אָבער נישט ערלויבט צו בלייבען; מען האָט מיר געהייסען געהן זיך לעגען

שלאָפען. איך בין אוועק הינטער דעם פאָרהאַנג. ס'פארשטעהט זיך, אז איך האָב נישט אָנגעהויבען צו שלאָפען. איך בין געווען גוואל־דיג אויפגערעגט: אָט דאָ, א טריט פון מיר, הינטער אָט דעם פאָר־האנג, וואָס איך טאָפּ אָן מיט דער האנד, הויבט זיך אָן א שרעקליכע און גוואלדיגע וויכטיגע זאַך. א זאַך, וואָס אן איהר אויסגאַנג וועג־דעט זיך אַלעס. די וויכטיגסטע זאך, וואס עס קאָן נאָר זיין פאר מיר אויף דער וועלט. איך הער זיך צו צו יעדען שאָרך. איך הער די שטילע אָבער פעסטע שטים פון דעם נייעם בעל הנס. אָט־אָט וועט זיך אָנהויבען די גרויסע איבערקעהרעניש, דער גרויסער ליכטיגער וואונדער. און איך שטעל זיך אויף די קניע, און אין דער זעלבער צייט, ווען פון יענער זייט פאָרהאנג, ווערט גע־מאכט א פּראָבע פון היפּנאָטישען אויסהיילונגס־באפעהל, בעט איך דאָ, אין מיין בעט, צום גרויסען גאָט, ער זאָל קומען צו הילף און האָבען רחמנות. איך בעט מיט דער גאַנצער אָנשטרענגונג פון מיין כח, פון דער טיפסטער טיפעניש פון הארצען, — אזוי ווי עס קען נור בעטען א קינד, וואס וויל ראטעווען זיין מאמע.

די מאַמע איז געבליבען קראַנק.

7

די מוזיק.

א נישט קיין קליינעם אָרט אין מיינע קינדער־יאהרען (און נישט נור אין די קינדער יאהרען) האָט פאַרנומען די מוזיק. איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, אַז אין זומער פלעגען מיר ארויס־פאָהרען אויף א דאטשע אין דעם ים שטעדטעל מאַיאָרענהאָף, וואו מיר האָבען פאַרבראַכט דריי זומערען, און אין דרוסקעניקי, וואו מיר זיינען אויך געווען, איז דאָ א גרויסער פאַרק פאַר די זומער־געסט, וואו עס פלעגט צוויי מאָל א טאָג שפּיעלען אַן אָרקעסטער. איך פלעג זיך אוועקזעצען אין דער ערשטער רייהע ביים סאַמע אָרקעסטער, און שלינגען יעדען קלאַנג. באַזונדערס בולט געדענק איך אין דער הינזיכט דרוסקעניקי. איך געדענק נאָך גוט דעם דירי־געגט (זיין נאָמען איז געווען עבאַן), ווי ער איז געשטאַנען אויף דער עסטראַדע מיט'ן פּנים צום פּובליקום (איך געדענק אויך זיין פּנים מיט א גרויסען שוואַרץ־גרויען באָרד). איך פלעג זיצען אַנט־קעגען איהם מיט א קליין שטעקעלע אין האַנד און „דיריזשירען" צוזאַמען מיט איהם. איך געדענק אפילו זיינע אַן אייגענע זאַך, וואָס ער פלעגט דעמאָלט שפּילען; זי האָט געהייסען: „די דרוס־קעניקער מיהל", און איך האָב נאָך איצט אין קאָפּ די גאַנצע מעלאָדיע.

אויך ביי אונז אין הויז איז געווען א סך מוזיק. צוויי פון מיי־נע ברידער זיינען אויסגעצייכענטע מוזיקאַנטען. דער אינגסטער, — דערזעלבער „סאַשאַ" (אַלעקסאַנדער), צו וועלכען מיין מוטער האָט געשריבען דעם „היפּנאָטישען" בריעף, האָט שוין אַלס אינגעל גלענצענד געשפּיעלט פּיאַנאָ. שפּעטער איז ער געוואָרען א פּראָ־פעסאָר אין פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע. דער עלטסטער ברו־דער, פּאַוועל, הגם ער איז נישט געוואָרען קיין פּראָפעסיאָנעלער מוזיקאַנט, האָט אויך אויסערגעוועהנליכע מוזיקאַלישע פעהיגקיי־

טען. א טאַלאַנטירטער פּיאַניסט, פלעגט ער שפּיעלען שיער ניט אויף אַלע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען. ס'איז געווען ביי איהם א גאַנצער סקלאַד פון אַזעלכע אינסרומענטען: א וויאָלאָנטשעל, א טרומייט, א ציטרע, א רוסישע פייפעלע, א קאָנצערטינאָ — אַלע וואָס דאָס האַרץ געלוסט, און אויף אַלע האָט ער געקאָנט שפּיעלען. אגב איז ער אויך אַן אויסגעצייכענטער דראַמאַטישער אַרטיסט און אויך א זעלטען גוטער פאָטאָגראַף.

עס פלעגען קומען צו אונז נאָך א פּאָר מוזיקאַלישע מענשען; מען פלעגט מאַכען קוואַרטעט־אָווענדען; באַקאַנטע אַרטיסטען פלעגען זינגען. ס'איז געווען א לעבען.

איך אליין האָב אויך געוואָלט שפּיעלען. איך בין נאָך געווען גאָר א קליין אינגעל (אפשר פון א יאָהר 4), בעת איך האָב גע־פועל'ט, אַז מען זאָל מיר קויפען א קליין פידעלע. קיין אמת'ע פי־דעלע איז דאָס נישט געווען, מעהר נישט א שפּיעלצייג. איך בין אָבער געווען לכתחילה זיכער, אַז איך וועל קאָנען באַווייזען נסים. איך האָב צונויפגעקליבען דעם עולם פון די דערוואַקסענע און האָב זיי פייערליך ערקלעהרט: איך וועל אַזוי שפּיעלען, אַז טרעהרען וועלען זיך גיסען. און איך האָב אָנגעהויבען. אין טרעהרען האָבען זיך טאַקע געגאָסען, אָבער נישט ביי די צוהערער, נור ביי מיר אליין: די פידעל האָט געגרילצט און געכזריפעט. ס'איז געווען א ביטערע מפּלה.

אָבער א מוזיקאַלישען חוש האָב איך יאָ געהאַט. איך געדענק, אַמאָל אויף עפּעס א מוזיקאַלישען אָבענד, וואו מען האָט מיך אויך גענומען, האָט מיין ברודער געשפּיעלט א ראַפּסאָדיע פון ליסט'ען. מען האָט מיר געפרעגט: „ווי געפעהלט דיר זיין שפּילען?" איך האָב געענטפערט: מיר דוכט זיך, אַז ער האָט דאָס געשפּיעלט צו גיך. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז איך בין טאַקע געווען גע־רעכט: די דערוואַקסענע האָבען אויך געפונען, אַז ס'איז געווען גע־שפּיעלט צו גיך.

אַז איך בין געוואָרען אַלט א יאָהר 8, האָט מען מיך אָנגעהוי־בען צו לערנען שפּילען פּיאַנאָ. מיין ערשטע לעהרערין איז געווען מיין שוועסטער. ס'איז פאַר איהר געווען א האַרבע מלאכה. איך וויים נישט, צו די מוזיק האָט מיך געמאַכט נערוועז, צי איך בין בטבע געווען א קאַפּריזנער בחור'ל (כ'האָב מורא, אַז עס איז

טאָקע געווען אזוי), אָבער זי האָט געהאַט אויסצושטעהן פון מיר צרות אָהן א שיעור. איך פלעג זיך כסדר קריגען מיט איהר, נישט געוואָלט פאָלגען, געמאַכט פאַרשידענע הינטישע שטיק, און לסוף פלעגט זי וואַרפען די גאַנצע לעהרע און איבעררייסען מיט מיר די „דיפּלאָמאַטישע באַציהונגען". דאַן פלעג איך האָבען חרטה. וואָס־זשע טוט מען ? געהן צו איהר און בעטען מחילה, דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געקענט. דאָס בשום אופן נישט. פלעג איך דאָס מאַכען שריפטליך און אוועקשיקען צו איהר א בריוועלע. פלעגט מען שליסען שלום און אָנהויבען צוריק די לעהרע, — ביז א צווייטען סקאַנדאַל, מיט א צווייטער מלחמה, מיט א צווייטען בריוועלע און מיט א צווייטען וואַפענשטילשטאַנד. סוף כל סוף האָט מען דערזעהן, אז קיין גוטס קען פון דעם נישט אַרויסקומען. מען דאַרף נעהמען א פרעמדען לעהרער, איך זאָל האָבען פאַר איהם דרך ארץ. מען האָט טאָקע גענומען איינעם א מיליטערי־שען קאַפּעלמייסטער — א מאַן אין א מונדיר און מיט אויסער־געוועהנליך לאַנגע וואָנצעס. דאָס האָט מיר אימפּאָנירט, און איך האָב געלערענט. איך האָב געמאַכט גאַנץ גוטע ערפאָלגען. דאַן איז אָבער געקומען דער זומער, און מיר זיינען אוועק אויף דאַטשע אונטער דער שטאָדט. האָב איך זיך אָנגעהויבען פוילען. צום באַדויערען האָט מען נישט אָנגענומען די געהעריגע מיטלען געגען מיין פוילקייט. מען האָט מיך געלאָזען צו רוה, און איך האָב אויפגעהערט צו לערנען זיך. ס'איז מיר זעהר א שאָד.

8

די ערשטע פּאָליטישע איינדריקע.

די פּאָליטישע שטימונג וואָס האָט געהערשט ביי אונז אין שטוב, איז געווען אַ מעסיג-ליבעראַלע. קענטיג, אַז עס זיינען גע־ווען נאָך לעבעדיג די אָפּקלאַנגען פון די 60־גער יאָהרען — פון יענער צייט, וואָס די רוסישע ליבעראַלען פלעגען רופען „עפּאָכע פון גרויסע רעפאָרמען” (אָפּשאַפונג פון פּאַנשטשיזנע א. ז. וו.), און וועלכע איז געווען פאַרבונדען מיט'ן נאָמען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

דער דאָזיגער נאָמען האָט געהאַט אין אונזער הויז אַ באַזונ־דערען חן. אין'ם קאַבינעט פון מיין פאָטער איז געהאַנגען אַ גרוי־סער פּאָרטרעט פון דעם צאַר. איך פלעג נאָך אַלס קינד, זיך אָפט ארייַנקוקען אין דעם דאָזיגען פּנים, וועלכער האָט זיך מיר אויסגעוויזען פאַר זעלטען איידעל און שעהן. מען פלעגט רעדען וועגען איהם מיט גרויס ליבשאַפט און דרך ארץ. ווען ער איז געשטאָרבען (איך אַליין געדענק דאָס נישט איך בין געווען דע־מאָלסט אַ אינגעל פון 1½ יאָהר, אָבער איך האָב וועגען דעם גע־הערט שפּעטער) האָט מען איהם אין קרייז פון אונזער געזעלשאַפט שטאַרק באַוויינט און די דאַמען האָבען געטראָגען טרויער־קליידער. איך געדענק אויך — גאַנץ נעפּעלדיג, — ווי די מאַמע האָט דער־צעהלט, אַז אונמיטעלבאַר פאַר זיין טוידט האָט זי געהאַט אַ מין פּאָרגעפיהל פון דער קאַטאַסטראָפע. 3 נעכט נאָכאַנאַנד האָט זי געזעהען אין חלום אַ שוואַרצען ארון. די דאָזיגע ערצעהלונג האָט זעהר שטאַרק געווירקט אויף מיין קינדערשע פאַנטאַזיע.

קיין רעוואָלוציאָנערע סימפּאַטיעס זיינען אין אונזער שטוב נישט געווען. מען איז געווען זעהר לאָיאַל, אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט מען מיין עלטערען ברודער געמאַכט פאַר אַ מי־ליטער־מאַן דוקא אויס מורא פאַר דער רעוואָלוציאָנערער „מגפה”.

ער האָט געענדיגט די גימנאַזיע צום סוף פון די זיבעציגער יאָה־
רען, אין דער צייט פון דעם גרעסטען ברען פון דער דאַמאָלסט־
דיגער טעררעריסטישער באַוועגונג ; מען האָט איהם נישט גע־
וואָלט שיקען אין אוניווערזיטעט, ער זאָל זיך דאָרטען נישט אָנ־
שטעקען מיט ,,רעוואָלוציאָנערע אידעען ; און מען האָט איהם דע־
ריבער אָפּגעגעבען אין אַ יונקער־שוהלע. פון דאָרטען איז ער
אַרויס אַן אָפיצער און איז געבליבען אַן אָפיצער אַ פּאָר צעהנדליג
יאָהר.

פון מיינע שפּעטערע קינדער־יאָהרען געדענק איך אַזאַ אינ־
צידענט. דער אינגסטער פון מיינע ברידער, וואָס איז דאַמאָלסט
געווען אין די העכערע קלאַסען פון גימנאַזיע האָט געהאַט אַ שוהל־
חבר, איינעם ל., אַ הויכען, דאַרען בחור מיט אַ מאָדנער פאַנפּע־
ריגער שטימע. מסתמא איז דער בחור אָנגעשטעקט געוואָרען מיט
רעוואָלוציאָניזם, און עס האָט זיך איהם פאַרוואָלט דורכצופיהרען
אַ שטיקעל אַגיטאַציע אין אונזער שטוב. מיר האָבען דעמאָלט
געהאַט חוץ דעם מיליטערישען דענשטשיק אַ צווייטען דינער —
לאַוורענטי. האָט דער בחור אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען פאַר־
טשעפּעט דעם דינער און זיך גענומען פרעגען ביי איהם : ווייסט
איהר, לאַוורענטי, צוליב וואָס מען האָט געהרג׳עט אַלעקסאַנדער
דעם צווייטען ? איך ווייס נישט ווי אַזוי, אָבער מיין פאָטער האָט
זיך באַלד אויפ׳ן אָרט דערוואוסט וועגען דעם אַפּיקורסישען שמועס,
און דער בחור האָט געכאַפּט אַ מיאוס׳ען פסק : מען האָט איהם
תיכף משלח געווען און פאַרוועהרט צו קומען אַ צווייטען מאָל.

ביי מיר אַליין האָט זיך געבאָמבעלט אין קאָפּ עפּעס אַ מאָד־
נער געדאַנק : אַז גע׳הרג׳עט דעם צאַר האָבען דוקא שונאים פון
פאָלק, פריצים, וואָס זיינען ברוגז געווען אויף אַלעקסאַנדער דעם
צווייטען דערפאַר, וואָס ער האָט באַפרייט די פּויערים. און איך
האָב פון דעם געמאַכט אויך געוויסע אויספוהרען בנוגע זיין יורש
אַלעקסאַנדער דעם דריטען. עס איז געווען אין יאָהר 1887. מיר
האָבען פאַרבראַכט דעם זומער אין דרוסקעניקי, און איך האָב זיך
גע׳חבר׳עט מיט איינעם אַ בחור פון מיינע יאָהרען : דעם נאָמען
געדענק איך נישט ; עס איז געווען אַ זוהן פון אַ רוסישען אינ־
זשעניר. איינמאָל האָט זיך מיר פאַרוואָלט צו פאַרפיהרען אַ
שמועס וועגען פּאָליטיק. איך האָב ערגעץ וואו דערהערט אַ רע־

דעריי וועגען עפּעס אַ נייער רעפאָרם לטובת די פּויערים, וועלכע מען האָט געהאַלטען פאַר נויטיג, און וועלכע איז אָבער נישט דורכ־געפיהרט געוואָרען. האָב איך מיט גרויס אויטאָריטעט ערקלעהרט מיין פריינד, אַז דער צאַר וואָלט זעהר גערן דורכגעפיהרט די דאָ־זיגע רעפאָרם, ער קען דאָס אָבער נישט טאָן, ווייל מען וועט איהם דערפאַר דער׳הרג׳ענען פּונקט אַזוי, ווי מען האָט גע׳הרג׳עט אַלעק־סאַנדער דעם צווייטען. דער בחור האָט וועגען דעם שמועס דער־צעהלט זיין פאָטער. זיין פאָטער האָט זיך גוואַלדיג דערשראָקען; וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ מין רייד! וועגען הרג׳ענען דעם קייזער אַליין! איז ער געלאָפען זיך באַקלאָגען צו מיין פאָטער. עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ גאַנצע מהומה, איך האָב באַקומען אַ גוטע פאַרציע און אַ שטרענגען באַפעהל, נישט מישען זיך אין פּאָליטיק. און איך האָב טאַקע געלאָזט דעם צאַר צורוה.

9

זומער־לעב.

די ליעבסטע צייט איז פאר מיר אלע מאל געווען דער זומער. זומער־צייט — דאס איז אייגענטליך געווען דאס אמת'ע לעבען; ווינטער — מעהר א הפסקה צווישען צוויי זומערען, און אויך ביי היינטיגען טאג, ווען איך האלט ביים אפפרישען מיין זכרון און ארייננקוקען זיך צוריק אין דעם אדורכגעגאנגענעם וועג, זעה איך פאר מיר קודם כל די עטליכע צעהנדליגע זומערען. דאס איז דאס בולט'סטע, דאס פארביגסטע, דאס בונטעסטע; יעדער פון זיי האט זיין פנים, זיין געשטאלט, זיין חן. זיי זיינען דאס די קענטיגע וועג־עטאפען; און ערשט צווישען זיי ציהען זיך איינפארביג און מאנאטאן די גרויע ווינטערען.

פאר'ן קינד איז דער זומער געווען שטענדיג א צייט פון נייע איינדריקע. פון א מעהר רייכען, מעהר אינטערעסאנטען לעבען. קודם כל — מען פאהרט און דוקא מיט דער אייזענבאהן. מען שטעהט, פארשטעהט זיך, ביים פענסטער. אין די רוסישע וואגאנעס פלעגט אונטען ביים פענסטער דורכגעהען עפעס א ברייטע רעהר; פלעג איך זיך אוועקשטעלען מיט די פיס אויף די דאזיגע רעהר, כדי מיין קאפ זאל אקוראט דערגרייכען צום פענסטער און אזוי פלעג איך שטעהען און קוקען, קוקען אהן א שיעור אין די נייע, ברייטע וועלט.

ווי איך האב שוין פריהער אמאל געזאגט, פלעגען מיר פאהרען אין פארשידענע ערטער — צום ים, צום ניעמאן אדער גלאט אין דארף אריין. ביים ים האב איך פארבראכט גאנצע דריי זומערען. קיין סך איז אבער נישט פארבליבען אין מיין זכרון און אז איך דערמאן זיך שוין יא עפעס, בין איך נישט זיכער, צי עס איז געווען אן אמת'ע זאך אדער איך האב דאס געזעהן אויף א בילד. איין זאך איז אבער זעהר קלאר. עס איז געווען דער

15טער יולי, 1888. דער 15טער יולי (לויט'ן אלטען סטיל) — דאס איז דער טאג פון היילינען וולאדימיר, דער דאזיגער טאג איז שטענדיג געווען מיין פערזענליכער יום טוב (ביי די פראוואס־לאווגע פייערט מען געוועהנליך נישט דעם געבורטס־טאג, נאר דעם טאג פונ'ם היילינגען נאמען, דאס זיינען די אזוי־גערופענע „אימע־נינעס"). אין יענעם יאהר איז עס אבער געווען א גאנץ באזונ־דערער, אן אלגעמיינער יום־טוב: . עס איז געווען דער 900־יאה־ריגער יובילעאום פון יענעם טאג, ווען דער פירסט וולאדימיר האט אין קיעוו געטויפט די רוסען. האט מען געפייערט דעם יום-טוב מיט פאראדען און צערעמאניעס, און די הויפט־צערעמאניע איז באשטאנען אין דער „היילינונג פון וואסער".

געוועהנליך קומט פאר אזא צערעמאניע איין מאל א יאהר, דעם 6טען יאנואר — דעם טאג ווען קריסטוס האט זיך גע'שמד'ט. ביים טויפען ווערט דער מענש דריי מאל איינגעטונקען אין וואס־סער. אלס אנדענקען און סימוואל פלעגט מען אין דעם דאזיגען טאג איינטונקען אין וואסער א קרייץ, דאס דאזיגע וואסער הייסט שוין דאן א „געהייליגטעס", מען פלעגט מיט איהם באשפריצען דעם עולם, און גלויביגע מענשען גיסען עס אריין אין פלעשלאך און נעהמען צו זיך אהיים. די צערעמאניע קומט אלע מאל פאר ביים טייך. אזוי ווי עס איז ווינטער, און דער טייך איז פאר־פרוירען, ווערט אינ'ם אייז אויסגעהאקט א מין פענסטער, און דארטען טונקט מען אריין דעם צלם. פון דער הויפט-קירך געהט א גרויסע, פייערליכע פראצעסיע. אויף די גאסען שטעהען אויס־געשטעלט סאלדאטען, די מוזיק שפילט. עס זינגט דער כאר, עס גלאנצען די גאלדענע קירכען־פאהנען און די בגדים פון די גלחים, עס איז זעהר שעהן, דאס מאל איז אבער די גאנצע זאך געמאכט געווארען אויף א באזונדערען אופן. עס איז געווען זומער, און עס איז נישט געווען קיין טייך, און אנשטאט דעם קליינעם פענס־טערל אין מיטען אייז האט דער גאלדענער צלם פון דעם גלח זיך אראפגעלאזט אין דעם גרויסען, ברייטען, אונענדליכען ים.

דאס האט אויף מיר געמאכט א גוואלדיגען איינדרוק. מען בענטשט דעם ים! דער געדאנק אליין האט געהאט אן אמת'ע צויבערקראפט. עס איז געווען עפעס ביבלישעס אין דעם, עפעס פון די ערשטע טעג פון דער וועלט־באשאפונג, ווען דער גייסט פון

גרויסען גאָט האָט געשוועבט איבער די טונקעלע וואסערען. איך האָב בולט געשפירט די מאַכט פון דעם דאָזיגען גייסט, די קראַפט פון הייליגקייט. פון אויבען האָט געשיינט די זון און אונטען האָבען זיך געשפרייט די ברייטע כוואַליעס, און דער ים האָט גערוישט און געמורמעלט רוהיג און שטיל, ווי א באַזיגטער לייב, וואָס ליגט האַרכענדיג ביי די פיס פון זיין האר און געביטער. און איך בין געשטאַנען ביים ברעג און גערעדט ביי זיך אין די געדאנקען צו די גרויסע געבענטשטע, איידעלע וואסערען וואָס האָבען געהאַט די זכיה צו דערלעבען צו דער גרויסער הייליגונג.

אין עטליכע וואָכען ארום זיינען מיר אוועקגעפאָהרען. דעם לעצטען טאָג זיינען מיר געגאַנגען זיך געזעגענען מיט'ן ים. עס איז געווען א שטורמישער טאָג, — עס האָט זיך שוין געשניטען אויפ'ן הערבסט. מיר זיינען ארויף אויפ'ן לאַנגען ,הויכען, הילצערנעם בריק, וואָס ציהט זיך ווייט אין דעם ים אריין, מיר האָבען אריינגעוואָרפען אין ים — אזוי איז געווען דער מנהג — א פּאָר קליינע מטבעות און געזאָגט איהם אונזער „בלייב געזונד”. פאַר מיר איז עס שוין ניט געווען קיין טויט וואסער ; עס איז געווען פאַר מיר א לעבעדיגע באַשעפעניש, א געבענטשטע באַשעפעניש און א ליבער פריינד, און עס האָט מיר שטאַרק געקלעמט דאָס הארץ. אין יענע ערטער בין איך טאַקע ביז היינטיגען טאָג מעהר נישט געווען.

איך געדענק אויך ווי מיר זיינען געגאַנגען פאַר'ן אוועקפאָהרען אין וואַלד, געקליבען קליינינקע וואַלד־בלומען, וואָס האָבען געשמעקט מיט סמאָלע און געמאַכט פון זיי קרענץ. שוין אין יענע צייטען פלעגט מיר דאָס צושיידען זיך מיט'ן זומער שאַפען גרוים עגמת נפש. דאָס צושיידען זיך איז פאַר מיר שטענדיג געווען א שווערע זאַך, אָבער פאַרלאָזען דעם זומער־אָרט, דאָס אָפּפאָהרען אין דעם גראָען הערבסט אריין און אין קאַלטען לאַנגען ווינטער, איז געווען דאָפּעלט שווער. און אין די לאַנגע ווינטער־חדשים פלעג איך גוואַלדיג בענקען נאָך די גרינע זומער־טעג. איך געדענק נאָך היינט א פיער־שורה'דיג געדיכט, וואָס איך האָב מיט א פּאָר יאָהר שפּעטער אָנגעשריבען אַלס א נאאיווען קינדערשען אויסדריק פון מיין בענקשאַפט. איבערזעצט אויף אידיש, לייענט זיך דאָס לידעל אָן ערך אזוי :

„זומער, קום גיכער צוריק,
איך בעט דיך גאָר הארציג.
ברייננ ווארימע לופטען מיט זיך,
ווייל איך לייד גאָר שטאַרק״.

רייך אין פּאַסירונגען איז געווען דער זומער פון יאָהר 1887, אין דרוסקעניקי. דאָרטען האָב איך דאָס געהאַט יענעם שמועס וועגען אלעקסאַנדער דעם דריטען. דאָרטען איז פאָרגעקומען די גרויסע זונענפינסטערניש; אמת, געזעהן האָב איך נאָר די פינ־סטערניש גופא, אָבער נישט די זון, ווייל דער הימעל איז געווען באַדעקט מיט וואָלקענס; אָבער ס׳איז פאָרט געווען א גרויס געשעהניש. דאָרטען האָב איך געזעהן א משוגענעם הונד. דאָר־טען האָב איך געזעהן די געפּלאַצטע ערד; דאָס הייסט, איך האָב געמיינט, אז דאָס איז געווען עפּעס א וואולקאַנישער מין פּלאַצען. די זאַך איז אָבער געווען א סך פּשוט׳ער: דער זומער איז געווען זעהר א הייסער, און די ערד א ליימיגע; האָבען זיך פון גרויס טרוקענקייט געבילדעט מאַסען שפּעלטעלאַך, ווי אַן אלטע קאָרע.

דאָרטען האָב איך געזעהן דעם גרויסען, ברייטען, זעלטען־שעהנעם טייך ניעמאַן און דאָס קליינינקע, רווישיגע, גיכע, ריהר־רעוודיגע טייכעל ראָדניטשאַנקע. דאָרטען האָב איך געזעהן א קאַ־לאָסאַלע, הונדערט־יעהריגע סאָסנע, אַן אונגעהייער גראָבע, — מען פלעגט זי רופען די „באָבע״, און א צווייטע סאָסנע — א דינערע אָבער א העכערע, וואָס האָט געהייסען „דער זיידע״. דאָר־טען האָב איך זיך פאַרנומען מיט גימנאַסטיקע און אפילו באַקו־מען א פּרייז פאַר׳ן ארויפכאַפּען זיך אויף א הויכען, גלאַטיגען, גליטשיגען סלופּ. דאָרטען האָבען מיר זיך געיאָגט נאָך די קראָ־טעס. און דאָרטען האָב איך צום ערשטען מאָל געזעהן קאָזאַקען.

די קאָזאַקען — דאָס איז געווען אפשר דאָס וויכטיגסטע גע־שעהניש פון גאַנצען זומער. עטליכע טעג נאָכאַנאַנד זיינען זיי געגאַנגען דורך דאָס שטעדטעל. זיי פלעגען זיך באַווייזען אויף יענער זייט ניעמאַן, אריבערפאָהרען אויף א פּראָם איבער׳ן וואַ־סער און ארויסגעהן פון דער צווייטער זייט שטעדטעל. איך האָב זיי פריהער קיינמאָל ניט געזעהן, סיידען אויף די בילדער און עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אז איך פלעג פאַרברייגען ביים פּראָם גאַנצע טעג, באַקוקענדיג זייערע פערד, זייערע פּיקעס און

זייערע נאהאיקעס. ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט איז ביי מיר צום ערשטען מאָל אויפגעקומען א געפיהל, וועגען וועלכען איך וויל דערצעהלען.

די קאָזאקען פלעגען אָנקומען אין קליינע גרופען: צו עט־ליכע צעהנדליג מאַן. מיך האָט דאָס נישט באפרידיגט. איך האָב געוואָלט זיי זאָלען קומען דוקא מחנות־ווייז. איך בין געשטאַנען ביים פאָראָס און כסדר געקוקט אהין. אויף יענער זייט טייך, וואו מען האָט זיי געקענט זעהן קומענדיג פון דערווייטענס. און איך האָב כסדר געוואָרט: ווען־זשע וועט דאָס ענדליך קומען די מחנה? און צייטענווייז האָט זיך געדוכט: אָט קומט דאָס, אָט ציהט זיך דאָרטען ווייט א לענגערע, א געדיכטע שורה. אָבער די שורה פלעגט זיך באַלד אויסשעפען און איבעררייסען, און אָנ־שטאָט דעם גרויסען שטראָם האָבען ווייטער געקאַפּעט מאָגערע טראָפּענס.

ביז'ן היינטיגען טאָג שפּיר איך נאָך דאָס געפיהל, וואָס איך האָב דעמאָלט געהאָט: דער דורשט נאָך דער גרעסטער מאָס, נאָך דער פולקייט אָהן א שיעור, און די מורא, אז אָט־אָט וועט זיך דער שטראָם אויסשעפען, און דער ביטערער פאַרדרוס, ווען ער פלעגט טאַקע באַלד זיך איבעררייסען. אזא מורא און אזא ענט־טוישונג פלעג איך אויך אין די שפעטערע יאָהרען איבערלעבען א סך מאָל. איך וועל נאָך וועגען דעם האָבען וואָס צו זאָגען שפעטער.

דער זומער אין דרוסקעניקי און דער זומער ביים ים זיינען גע־ווען די לעצטע זומערען פון מיין „פרייער" צייט. אין א יאָהר ארום בין איך שוין געווען א גימנאַזיסט. עס האָט זיך אָנגעהויבען א נייע לעבען, און אויך די זומערען האָבען באַקומען גאָר א נייעם טעם.

10

איך געה אין גימנאַזיע.

ס'איז געווען הערבסט־צייט. מיר זיינען געקומען צו פּאָה־רען פון דער זומער וואָהנונג. איך בין געווען אַ בחור פון 9 יאָהר. פלוצלינג רופט מיך דער טאַטע און גיט מיר צו וויסען, אַז מאָרגען וועט ער מיך פיהרען אין גימנאַזיע. די ידיעה איז אויף מיר אַראָפּגעפאַלען ווי אַ דונער אין מיטען העלען טאָג. ס'איז מיר פריהער קיינמאָל אויפ'ן שכל ניט געקומען, אַז איך וועל אויך אַמאָל דאַרפען געהן אין גימנאַזיע. איך האָב זיך געפיהלט אַזוי גוט, רוהיג און היימיש אונטער דער מאַמע'ס פליגלען. און פלוצ־לינג דאַרף איך אָנהויבען געהן דאָרטען אין יענע גרויסע, לאַנגע, פרעמדע געביידע, מיט די הונדערטער פרעמדע, אומבאַקאַנטע בחורים, מיט די שטרענגע לעהרער, מיט טויזענד נייע אונגעוועהנ־ליכע זאַכען. קיין דרייסטער בחור בין איך לכתחילה ניט געווען, און ס'האָט מיך באַפאַלען אַן אימה.

דעם ערשטען טאָג האָט מיך דער טאַטע אַליין געפיהרט אין גימנאַזיע. ס'איז שוין געווען אַ פּאָר וואָכען נאָכ'ן אָנהויב פון שול־יאָהר. איך וויים נישט, פאַרוואָס מען האָט זיך מיט מיר פאַר־שפּעטיגט. מען האָט מיך אַריינגעפיהרט נישט אין קלאַס אריין, נאָר איך בין אַריין צוזאַמען מיט'ן טאַטען אין דעם לעהרער־צי־מער. קיין שום עקזאַמינעם האָט מען נישט געמאַכט, נאָר דער גלח האָט מיך עפּעס געפרעגט אַ תפילה; איך האָב זי טאַקע נישט גע־קענט, און ער האָט מיר געהייסען, איך זאָל זי אויסלערנען. דערביי איז פאָרגעקומען דאָס ערשטע מיספערשטענדעניס, דער גלח האָט צו מיר געזאָגט: „חזר דיר דאָס איין צום נעקסטען קלאַס". האָב איך מיר געטראַכט: ס'אַראַ מאָדנער מענש! וואָס הייסט, ער גיט מיר איצטער לערנען אַ זאַך צום נעקסטען קלאַס? איך האָב דאָך

ביז'ן נעקסטען קלאַס נאָך אַ גאַנצען יאָהר צייט ! האָב איך עס טאַקע נישט אויסגעלערנט. דעם צווייטען טאָג פרעגט מיר אָבער דער גלח די דאָזיגע תפילה. פאַרשטעהט זיך, אַז איך הויב נישט אָן צו ווייסען. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז אין זיין לשון האָט דאָס געהייסען ניט דאָס נעקסטע יאָהר, נאָר די נעקסטע לעקציע. איך בין זעהר פאַרשעמט געוואָרען.

בכלל האָב איך די ערשטע טעג געפיהלט ניט גאָר פויגעלדיג. איינע פון די הויפט־צרות איז געווען, וואָס איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין „פּאָרמענע" קליידער ווי די איבעריגע אינגלאַך. אַלע בחורים זיינען געווען אָנגעטאָן אין שוואַרץ־גרויע, טוכענע קורט־קעס, לאַנגע הויזען און גראָהע מיליטערישע מאַנטלען מיט זילבער־נע קנעפּלאַך. איך אָבער בין נאָך אַלץ געווען אָנגעטאָן אין פּריי־וואַטע קליידער. איך האָב געטראָגען קורצע הויזען, שיך אויף קנעפּלאַך (צוליב די דאָזיגע שיך האָט מען מיך גערופען „דאָס מיידעל") און אַ בלויער מאַנטעל מיט גאָלדענע קנעפּלאַך. דאָס האָט זיך אַלעמען געוואָרפען אין די אויגען, און מען האָט זיך מיט מיר אַביסעל גערייצט. נידערגעשלאָגען ווי איך בין געווען, האָב איך פונדעסטוועגען באַשלאָסען, אַז איך דאַרף זיך האַלטען שטייף און ניט לאָזען זיך בע'עולה'ן. אַ אינגעל איז צוגעגאַנגען צו מיר אויפ'ן הויף, און ווייזענדיג אויף מיינע קנעפּלאַך, האָט ער מיר געזאָגט : „דו גילדערנער איינער !" ער האָט דאָס מסתמא געהאַלטען פאַר אַ גרויסען וויץ. איך אָבער האָב איהם באַלד אויפ'ן אָרט אָפּגעענטפערט, ווייזענדיג אויף זיינע קנעפּלאַך : „און דו ביזט אַ זילבערנער !" איך האָב דעם דאָזיגען ענטפער געהאַל־טען פאַר אַ נאָך גרעסערען וויץ און בין געווען זעהר שטאָלץ מיט דעם. ווי געזאָגט, בין איך נישט געווען פון די גרויסע חכמים.

די ערשטע צייט בין איך געווען שטאַרק צוטומעלט. איך גע־דענק, ווי אויף אַ לעקציע פון דער רוסישער שפּראַך (באַלד אין אָנהויב) האָט מען אונז דיקטירט עפּעס אַ מעשה'לע, וואָס מיר האָבען געמוזט אָנשרייבען. איך בין געווען אַזוי צומישט, אַז די ווערטער, וואָס דער לעהרער האָט אַרויסגעזאָגט, האָבען זיך אין מיינע אויגען צונויפגעגאָסען אין עפּעס אַ מאָדנע קאַשע, און גאָט אַליין ווייס, וואָס פאַר אַ ווילדע זאַכען איך האָב אָנגעשריבען אין מיין העפט. דאָס האָט אָבער געדויערט נישט לאַנג. איך בין זעהר

גיך געקומען צו זיך ; פעהיגקייטען האָב איך פּאָרט געהאַט גאַנץ גוטע, און איך בין גאָר אין גיכען געוואָרען דער ערשטער שילער אין קלאַס.

אָבער די גאַנצע ניין יאָהר, וואָס איך בין געגאַנגען אין שול, איז די גימנאַזיע פּאָרט געבליבען — נישט נאָר פאַר מיר אליין, נאָר פאַר אונז אַלעמען — אַן אמת׳ע אָנשיקעניש, אַ גאָט׳ס שטראָף.

די אַמאָליגע רוסישע גימנאַזיע איז נישט געווען קיין אמת׳ע ערציהונגס־און בילדונגס־אַנשטאַלט אין דעם מאָדערנעם זין פון וואָרט, נאָר אַ מין „קאַזיאָנע" קאַנצעלאַריע, וואו די הויפּט־זאַך איז געווען מיליטערישע דיסציפּלין. דאָס רוב לערער זיינען געווען מענשען אָהן קיין שום פּעדאַגאָגישע פעהיגקייטען, אָהן קיין שום ליבשאַפט צו דער זאַך און צו די קינדער, אָהן קיין שום ברייטע־רען קוק און גרינדליכער בילדונג. גלאַט בעאַמטע און מעהר גאָר־נישט. מיר פלעגען זיי נישט ליב האָבען. פאַרקעהרט, דאָס זיינען געווען אונזערע פיינד, אונזערע אונטערדריקער. מיר זיינען גע־ווען זייערע קנעכט.

אונזער שטאָדט האָט געהערט צו דעם ווילנער לעהר־קרייז. דער דאָזיגער קרייז האָט גע׳שם׳ט אין גאַנץ רוסלאַנד אַלס דער שטרענגסטער און דער שווערסטער. באַזונדערס שווער איז גע־וואָרען דאָס גימנאַזיע־לעבען, ווען איך בין געווען אין דריטען קלאַס, און מען האָט אונז צוגעשיקט אַ נייעם אינספּעקטאָר. ער האָט דאָס געדאַרפט געבען השגחה איבער דער אויפפיהרונג פון די שילער ; ער איז געווען דער גימנאַזיעלער אינערן־מיניסטער און הויפּט־זשאַנדאַרם. דער נאָמען פון דעם דאָזיגען בעל הבית אונ־זערען איז געווען ניקאָלאַי גריגאָריעוויטש קאַסאַקאָווסקי. נישט קיין אַלטער מענש, אַ זעלטען־שעהנער, מיט אַ שטילער שטים, מיט ווייכע באַוועגונגען, מיט שוואַרצע, סאַמעטענע אויגען, עהנליך צו אַ גרויסען שוואַרצען קאָטער. ער איז געווען אַ שרעק פאַר דער גאַנצער גימנאַזיע. ער פלעגט אונז ממש פאַר׳סם׳ען דאָס לעבען. די תקנות פון דער גימנאַזיע זיינען געווען פאַרפלייצט מיט אַלער־ליי פאַרבאָטען. און ער פלעגט זיי אָפּהיטען מיט אַ קאַלטער, טרו־קענער, אייזערנער גענויקייט. מיר האָבען געוואוסט, אַז ער וועט קיינמאָל קיין זאַך נישט מוחל זיין. און הגם ער פלעגט קיינמאָל

נישט שרייען, פלעגען מיר אלע ציטערען פאר איהם. מיר האבען איהם געהאסט פון גאנצען הארצען, און ער האט דאס זיכער געוואוסט.

אין די שפעטערדיגע יאהרען, שוין נאכדעם ווי איך האב געענדיגט די גימנאזיע, איז ער געווארען א קרייז־אינספעקטאר; ער פלעגט ארומפאהרען אין די פראווינץ־שטעדט קאנטראלירען די עקזאמענס און האט זיך ספעציעל פארנומען מיט שטעלען אזעלכע פראגען, אויף וועלכע דער בעסטער און פעהיגסטער שי־לער איז נישט געווען אימשטאנד צו ענטפערען; א סך יונגע לייט זיינען געווארען קרבנות פון זיין גרויזאמקייט; ער האט זיי בוכשטעבליך געבראכען דאס לעבען.

ערשט מיט פילע יאהרען שפעטער האט זיך ענטפלעקט דער אונטערשלאק פון דער דאזיגער גרויזאמקייט. שוין נאך זיין טויט האט א באקאנטער ווילנער נערוועז־דאקטאר, וואס פלעגט פריהער קורירען קאסאקאווסקי'ן, אנגעשריבען וועגען איהם א סענסאציאנעלען ארטיקעל, וועלכער האט אנגעמאכט א גרויסען רושם. צוליב דעם דאזיגען ארטיקעל האט א זוהן פון קאסא־קאווסקי'ן — א יונגער אפיציער — אפילו ארויסגערופען דעם דאקטאר אויף א דועל, געפינענדיג אז ער האט באליידיגט דעם אנדענקען פון זיין געשטארבענעם פאטער. דער דאקטאר האט, נעמליך, ענטדעקט, אז קאסאקאווסקי איז געווען פשוט א קראנקער מענש: א סאדיסט. די גרויזאמקייט, דאס מאטערען די קינדער, פלעגט איהם פארשאפען א סעקסועלע הנאה! אט אזא מענש איז געווען דער בעל הבית איבער הונדערטער און הונדערטער קינדערשע נשמות!

אויב דער אינספעקטאר איז געווען א שטילער גזלן, איז דער דירעקטאר, גאווריל פיאדאראוויטש וואסיליעוו, געווען אן אמת'ער וואולקאן. בטבע איז ער גראד נישט געווען קיין שלעכטער, ער האט אבער שטארק געהאלטען פון מאכט און כבוד. זייענדיג דער אויבערהאר פון גימנאזיע, האט ער זיך געהאלטען ווי א קליינער גאט. די הויפט־זאך איז געווען ביי איהם — דאס שרייען. נאך די פילע יאהרען וואס זיינען אריבער פון יענער צייט, קלינגען נאך ביי מיר אין די אויערען זיינע דונערען. זיין הויפט ארענע איז געווען דער קארידאר. ס'איז געווען זעהר א לאנגער און א

ברייטער קאָרידאָר, וואָס האָט זיך געצויגען לענגאויס פון דער גאַנצער גימנאַזיע, און פוןביידע זייטען זיינען געווען די טירען פון די קלאַסען. אַלע טאָג פלעגט זיך „גאַווריִלקאַ", ווי מיר פלעג־גען איהם רופען, באַווייזען אין דעם קאָרידאָר, און ווי נאָר ער איז אַרויף אויף די טרעפּ, האָבען שוין אַלע פיער הונדערט בחורים געוואוסט: ער איז דאָ. דער קאָרידאָר איז געווען אַזוי איינגע־ריכטעט, אַז עס פלעגט זיך זעהר גוט הערען יעדער קלאַנג, און ווי אַ דונער פון אַ הונגעריגען לייב אין אַ וויסטעניש, פלעגען זיינע קולות הילכען פון איין עק בנין צום צווייטען. און עס פלעגען דערציטערט ווערען נישט נאָר די שילער, נאָר אויך די לעהרער. צוריק רעדענדיג, איז דאָס געווען אַ גרויסע מעלה. מען האָט שטענדיג געוואוסט אין פאָראויס, אַז ער קומט, און אַזוי אַרום האָט מען אַלע מאָל געקאָנט באַצייטענס אָפּשטעלען די שטיפעררייען און ווערען שטיל ווי קאַטינקעס. און פלעגט זיך אַמאָל טרעפען אַ נס און „גאַווריִלקאַ" האָט נישט געשריען, האָבען מיר געהאַט נאָך אַ צווייטען מין וואַרנונג. ער האָט געטראָגען אויפ'ן קייטעל פון זיין זייגער אַ גאַנצען פּאַק מיט צאַצקעלאַך, און ביי יעדען טריט זיינעם פלעגען זיי קלינגען ווי קליינע גלעקלעך. האָט מען דעם גע־קלינגעל געהערט פון דער ווייטענס פונקט אַזוי ווי זיינע קולות און אָנגענומען באַצייטענס די נויטיגע מיטלען. אין די העכערע קלאַסען האָט ער געגעבען לעקציעס פון לאַטיין. ער האָט אפילו געפּרובט אַריינצוטראָגען אין די דאָזיגע לעקציעס אביסעל אינטע־ליגענטקייט און דערצעהלען אונז אַזעלכע זאַכען, וואָס זיינען נישט געשטאַנען אין דעם לעהר־בוך; די גרעסטע מעלה, וואָס ער האָט געהאַט פאַר אונז, איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט זיך שטאַרק פאַרשפּעטיגען אויף די לעקציעס און טייל־מאָל גאָר ניט קומען; דאָס איז געווען אַלע מאָל אַן אמת'ער יום טוב.

די איבעריגע לערער זיינען געווען דאָס רוב גאַנץ אונבאַ־דייטענדע מענשען, און מיר פלעגען זיך באַציהען צו זיי מיט אַ גרויסער גרינגשעצונג; יעדער האָט געהאַט זיין צונעמעניש. דער לעהרער פון דער רוסישער ליטעראַטור האָט ביי אונז געהייסען „מיכאַלקע". מען פלעגט דערצעהלען אַז ער האָט שוין אין משך פון אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר נישט געלייענט קיין צייטונג. דער מאַטעמאַטיקער האָט ביי אונז געהייסען „קאָנאָוואַל": דער היס־

טאָריקער — דער „ציגענבאָק”, און אַ צווייטער היסטאָריקער האָט ביי אונז באַקומען אַזאַ נאָמען וואָס לאָזט זיך בשום אופן ניט איבערגעבען עפענטליך. פון דעם זעהט מען שוין מיט וואָס פאַר אַ דרך ארץ מיר פלעגען זיך באַציהען צו אונזערע ערציהער.

און באמת, אין׳ם זין פון ערציהונג און אפילו פון בילדונג, פלעגט אונז די גימנאַזיע כמעט קיין זאַך ניט געבען. ווער עס פלעגט זיך באַנוגענען מיט דער אָפיציעלער לעהרע, דער איז ארויס פון די גימנאַזיע־ווענד׳ אַ גרויסער עם הארץ און אַ גראָבער יונג. קיין ברעקעל ליבשאַפט צו דער שול האָבען מיר ניט געהאַט. אַלע אין דערפריה פלעג איך אויפשטעהן מיט׳ן גרעסטען אומרוה, מיט אַ געפיהל, אַז איך דאַרף געהן אָפקומען אַ שווערע צוואַנגס־ארבייט. די לעקציעס פלעגען מעהרסטענסטיילס באַשטעהן אין דעם, וואָס דער לעהרער פלעגט אונז „ארויסרופען” איינעם נאָכ׳ן אנדערען, און מיר האָבען געמוזט ענטפערען די „לעקציע”. האָט איינער גוט איינגעע׳חזר׳ט דאָס וואָס איז באַשטעלט געוואָרען פון פאָריגען טאָג, פלעגט ער באַקומען אַ גוטע „אָטמעטקע” ; פלעגט ער ניט וויסען, איז דער פסק געווען אַ מיאוס׳ער. און ס׳איז אַ מאָדנע זאַך : מיר אַלע, אָנהויבענדיג פון דעם ערשטען און ענדיגענדיג מיט דעם לעצטען שילער, זיינען קיינמאָל ניט געווען זיכער, אַז מיר קאָנען די לעקציע ווי געהעריג איז, און מיר האָבען געלעבט אין אַ שטענ־דיגער מורא.

פינף מאָל אַ טאָג פלעגט זיך איבער׳חזר׳ען די זעלבע סצענע. דער לעהרער געהט אריין אין קלאַס. אַלע שטעהען אויף און זעצען זיך ווידער אנידער. ער עפענט דעם גרויסען „זשורנאַל” מיט דער רשימה פון די שילער. ער קוקט זיך אריין אין די לאַנגע ליסטע און זוכט אַ קרבן. אַן אָנגעשטרענגטע פויזע. דרייסיג בחורים וואַרטען מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, ווען ער וועט ארויסרופען. מען מאַכט פאַרשידענע אויסרעכענונגען. איין לע־רער פלעגט ארויסרופען לויט׳ן אלף־בית ; האָט מען שוין, דאַכט זיך, געקאָנט וויסען, וואו מען האַלט, און זיין רוהיג ; אָבער ניין ; פון צייט צו צייט פלעגט ער דוקא וועלען „כאַפּען” און ארויסרופען אימיצען נישט לויט דער רייהע ; — פלעגט מען מיאוס אריינפאַלען. אַ צווייטער פלעגט ארויסרופען סתם אָהן אַ סדר, אַזוי אויפ׳ן אויג. האָבען אַלע געמוזט ציטערען. אַזוי איז מען

גענעסען די גאַנצע שעה און געוואַרט, — געוואַרט מיט אונגעדולד, ווען וועט שוין א קלונג טאָן דער גרויסער גלאָק אין קאָרידאָר און מאַכען א סוף צו דער מורא און צו דעם אומעט. און אויב א איינגעל האָט געהאַט ביי זיך א זייגער, פלעגט מען אַלע מינוט פון אַלע זייטען צושושקען איהם די שטענדיגע פראַגע: וויפיעל איז נאָך געבליבען? וויפיעל איז נאָך געבליבען? צו דעם גלאָק, הייסט עס.

מיר האָבען געהאַט אַן אמת אַרעסטאַנטישע פסיכאָלאָגיע; א פסיכאָלאָגיע פון מענשען, וואָס וואַרטען כסדר אויף זייער באַ־פרייאונג, און צעהלען די יאָהרען, די טעג און די מינוטען וואָס זיינען נאָך פאַרבליבען ביז דער גאולה. פונקט אזוי ווי מיר האָ־בען געצעהלט די מינוטען ביז'ן סוף פון דער לעקציע, האָבען מיר געצעהלט די שעה'ען ביז'ן סוף פון שול־טאָג, די טעג ביז דער זונטאָג־הפסקה, די וואָכען ביז די גרעסערע יום טוב'ים, די חדשים ביז'ן סוף פון שול־יאָהר און צו די גרויסע זומער־וואַקאַציעס. און איבער דעם אַלעמען האָט זיך געטראָגען די שטענדיגע בענק־שאַפט נאָך יענעם וויטען, וויטען, שעהנעם, ליכטיגען טאָג, ווען עס וועט שוין נעהמען א סוף צו די גאַנצע מאַטערניש און מען וועט שוין זיך אָפזעגענען איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיט די פאַרהאַסטע ווענד און אַרויסגעהן פון דער תפיסה אויף דער פרייער גרויסער וועלט.

אויך אונזער באַציהונג צו די לערער איז געווען אַן אַרעסטאַנ־טישע. מיר האָבען אויף זיי געקוקט ווי אויף אונטערדריקער, און עס איז געווען א מצוה זיי אָפצונאַרען אָדער זיי צו פאַרשאַפען אַן עגמת נפש. און דוקא אויף דעם דאָזיגען באָדען איז ביי אונז אויסגעוואַקסען דאָס ערשטע געפיהל פון חבר'ישקייט און אחדות.

אויסגעוואַקסען אויף אזא ניט נאָרמאַלען באָדען, האָט דאָס ביי מיר אין דער ערשטער צייט אַרויסגערופען גרויסע ספקות און אפילו א געוויסען ווידערשטאַנד. די מעשה איז געווען אזוי: איך געדענק ווי איך בין אמאָל געגאַנגען שפּאַצירען מיט מיין ברו־דער אַלעקסאַנדער, וואָס האָט געענדיגט די גימנאַזיע גראָד אין דעם יאָהר, ווען איך בין אַריבער פונ'ם פאַרבערייטונגס־קלאַס אין דעם ערשטען. שמועסענדיג וועגען פאַרשידענע זאַכען, האָט ער זיך גענומען אויפקלערען מיר וועגען די כללים פון דער חבר'שער

מאָראַל. אויב עס טרעפט זיך עפּעס אין קלאַס — האָט ער גע־זאָגט — אויב איינער האָט עפּעס אָנגעשטיפט, געטאָן עפּעס אַ פאַרבאָטענע זאַך, טאָר מען איהם בשום אופן ניט „ארויסגעבען".
אויב דער לעהרער וועט דיך פרעגן, דאַרפסטו זאָגען, אַז דו ווייסט פון קיין זאַך נישט. ווען ניט — ביזטו אַ מסור, אַ „פּיסקאַל", אַ „סוקע" (כלב'טע), און דאָס איז די גרעסטע שאַנד און די גרעס־טע עברה.

אזוי האָט צו מיר גע'טענה'ט מיין ברודער. פאַר מיר איז דאָס אָבער געווען גאַנץ ווילד. איך בין נאָך געווען דאַמאָלט דורכגעדרונגען מיט דער פּראָסטער, קלאָרער, גראַד־ליניגער מאָ־ראַל פון די עשרת הדברות. מען טאָר דאָך נישט זאָגען קיין ליגען! און ווי קען מען דאָס טאָקע אָפּנאַרען אַ מענשען, מעג ער זיין אַפילו אַ לעהרער. ס'איז דאָך גלאַט מיאוס!

איך האָב זיך פון דעסטוועגען זעהר גיך איינגעלעבט אין דעם גייסט פון קאָלעקטיווע יד־אחת און חבר'שע פאַרשווערונגען. איך האָב געהיט די חבר'ישקייט, פּונקט אזוי געטריי, ווי אַלע איבעריגע, אָבער איך מוז זיך מודה זיין, אַז דער עקעל צום ליגען איז ביי מיר פאַרבליבען אויף שטענדיג, און נישט נאָר צוליב די עשרת הדברות, נאָר סתם אַן אינערליכער, אינסטינקטיווער עקעל, ווי צו אַ שלאַנג, אָדער צו אַ זשאַבע.

אונזער פיינדשאַפט צו די לעהרער איז אָבער אין אַלגעמיין געווען אַ מעהר פּאַסיווע. קיין גרויסע זאַכען פלעגען מיר זיי נישט אָפּטאָן; קיין גאָר גרויסע שטיפערייען פלעגען ניט פּאָרקומען.
אין די אינגערע קלאַסען זיינען מיר בכלל געווען זעהר שטיל און שרעקענדיג. און אַז מען פלעגט אין די עלטערע קלאַסען אַמאָל ברייגגען אין קלאַס אַ פלעשעלע בראַנפען אָדער שפּילען אין קאָר־טען אונטער די טישען בעת די לעקציעס, איז דאָס שוין געווען דאָס גרעסטע וואָס מען פלעגט זיך ערלויבען אין די פיר ווענד פון אונזער טורמע. די קאַזאַרמע־דיסציפּלין האָט געדריקט אויף אונז מיט איהר גאַנצער שווערער לאַסט און ניט דערלאָזען אַפילו אויפצוקומען אַ מעהר דרייסטען געדאַנק. די לופט איז געווען שטיקענד. די איניציאַטיווע איז געווען פּאַראַליזירט.

אין גימנאַזיע האָבען מיר געשמאַכט. און אַפילו אויסער איה־רע פיר ווענד, אויף דער גאַס, זיינען מיר געווען אין שטענדיגער

סכנה אַריינצופאַלען אין די הענד פון אונזערע טייערע משגיחים: טאָמער איז אַ קנעפּעל פון מאַנטעל נישט פאַרקנעפּעלט, טאָמער איז מען אַרויס פון שטוב אַ האַלבע שעה נאָך דער ערלויבטער צייט. אַלץ פאַרברעכען, פאַר וועלכע עס קומט אַ שטראָף!

דאָס אמת׳ע לעבען איז געווען אין דערהיים.

11

גאַליניעוויטש'ס הויז.

בשעת איך בין אריבער פון ערשטען קלאַס גימנאַזיע אינ'ם צווייטען, האָט דער טאַטע געדונגען פאַר אונז אַ נייע דירה. די דאָזיגע דירה איז געווען גאָר אַנדערש ווי די פריהערדיגע, און דאָס גאַנצע לעבען האָט דאָרטען באַקומען אַן אַנדער אויסזעהן. די פריהערדיגע דירות אונזערע זיינען אפילו אויך געווען גוט בעל הבית'ישע; די נייע איז אָבער געווען אַן אמת פריצישע. דאָס איז געווען „גאַליניעוויטש'עס הויז".

גאַליניעוויטש איז געווען דער מינסקער „גאַלאָווא", דער שטאָדט־פּרעזידענט, און זעהר אַ רייכער מענש. נאָך זיין טויט האָט די הויז גע'ירשנ'ט זיין ברודער; אַליין האָט ער אָבער נישט געוואָלט דאָרטען וואוינען; ער האָט זיך באַזעצט אין אַ צווייטען, קליינעם הייזעל, און דאָס גרויסע הויז האָט ער פאַרדונגען. דער־נאָך האָט איהם אָפּגעקויפט דער שפּעטערדיגער שטאָדט־פּרעזי־דענט — דער רייכער פּוילישער גראַף טשאַפּסקי. ס'איז געווען איינס פון די שעהנסטע און אפשר טאַקע נאָר דאָס שעהנסטע הויז אין גאַנץ מינסק.

באַלד פון טויער איז מען אַריין אין אַ גאָר גרויסען הויף, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ הויף פון אַ פּריצישען מאַיאָנטעק, ברייט און גערוים ווי אַ גאַנצער שטאָדט־פּלאַץ. אין מיטען הויף, פאַר'ן הויז גופא, איז געווען אַ קליין קיילעכדיג גערטענדעל, באַ־פלאַנצט מיט שעהנע רויזען, פון ביידע זייטען — אַ פּאָר קליי־ניטשקע געביידעס; אין איינער האָט געוואָהנט דער בעל הבית, אין אַ צווייטער — אַ פּאָר באַקאַנטע אָפיצירען; און פון יענער זייט גערטענדעל, אַנטקעגען דעם טויער, האָט זיך געצויגען דאָס גרויסע, שעהנע הילצערנע הויז, וואו מיר האָבען געוואָהנט. ס'איז געווען דאָרטען אַ גרויסער פאַראַדנער זאַל מיט אַ שעהנער פאַר־

סעט־פּאָרלאַגע פון אמת'ן דעמבענעם האָליץ (אין יענע צייטען אַ זעלטענע זאַך), אַ גרויסער עס־צימער, אַ שעהנער קאַבינעט פאַר'ן פּאַטער און אַ גאַנצע רייהע וואָהן־צימערען. עס זיינען געווען אין הויז פארשיידענע קאָרידאָרען און קעמערלאַך מיט ווינקעלאַך, מיט טרעפּלאַך, מיט אַ באָד, מיט אַנדערע באַקוועמליכקייטען. ס'איז געווען אפילו אַן אָראַנזשערעע (אמת, אַ פּוסטע, נאָר איין־איינציגער ציטרין־בוים איז דאָרטען פארבליבען פון די אמאָליגע צייטען). פונ'ם זאַל פלעגט מען ארויסגעהן אויף אַן אויסערגע־וועהנליך גרויסער און לאַנגער ווערענדע, און פון דער ווערענדע האָבען די שטיגען געפיהרט אין אַ גרויסען גאָרטען. דער דאָזיגער גאָרטען איז געווען אַן אמת'ע מחיה. איין טייל איז געווען באַ־פלאַנצט מיט די שעהנסטע בלומען; דער בעל הבית האָט דאָרטען געהאַלטען אַ גערטנעריי. אַ צווייטער טייל איז געווען פול מיט אויבסט־בוימער; אַ דריטער טייל — גלאַט אַ פּאַרק. דאָס גאַנצע האָט זיך געצויגען אין דער לענג און אין דער ברייט, פארנעה־מענדיג כמעט אַ גאַנצען שטאָדט־קווארטאַל — עס האָט געגרע־נעצט פון דריי זייטען מיט גאַנצע דריי גאַסען. איין זייט פון גאָרטען האָט זיך געצויגען לענגאויס דעם טייך סווישלאַטש, און פון יענער זייט טייך איז געווען דער גרויסער שטאָדט־פּאַרק — דער „גובערנאַטאָרסקי סאַד". אין די זומער־אָוונדען פלעגט מען קאָנען, זיצענדיג אויף אונזער ווערענדע, הערען די מוזיק פון שטאָדט־פּאַרק און זעהן די פייערווערקען.

ס'איז גרינג זיך פאָרצושטעלען וויפיל הנאה אַ אינגעל האָט פון אַזאַ הויז, פון אַזאַ הויף, און איבערהויפּט פון דעם גרויסען, שעהנעם גאָרטען, אין וועלכען מען קאָן אַזוי פיל ארומלויפען און שפּילען. קומט אַ חבר, שפּילט מען מיט איהם צוזאַמען. קומט ניט קיין חבר, איז דאָ דער קעבין'ס זוהן. און אַלענפאַלס האָב איך שטענדיג געהאַט ביי זיך מיינע גוטע געטרייע פריינד — אונזערע הינט. מיר האָבען אין יענער צייט געהאַט גאַנצע דריי הינט. איינער, אַן אַלטער הונד, וואָס איז געבליבען בירושה פון אַלטען הויז־ווירט, אַ הערליכער גרויסער ניו־פאונדלענד (וואַסער־הונד) מיט'ן נאָמען טומרי. אַ צווייטער האָט געהערט צו מיין ברודער, האָט געהייסען לײדי און איז געווען אַ ווייסער יאַגד־הונד. אַ דריטער אָבער איז געווען מיינער אַן אייגענער. איך

האָב איהם גענומען צו זיך נאָך אַלס קליין באַשעפעניש און אויפגעהאָדעוועט איהם אין דער אָראַנזשערעע. אויסגעוואַקסענערהייט האָט ער זיך ארויסגעוויזען פאַר אַ גאַנץ געוועהנליכען, נאָר דעמאָקראַטישן גאַסען־הונד, דערצו נאָך האָט איהם אימיצער איבערגעבראָכען אַ פוס, און ער איז געבליבען אַ לאָהמער. איך בין אָבער געווען גוואַלדיג צוגעבונדען צו מיין קאַסטאָר (אַזאַ נאָמען האָב איך איהם געגעבען) און האָב איהם ליב געהאַט ניט ווענינגער פון זיינע אַריסטאָקראַטישע חברים. אָט מיט די דאָזיגע הינט פלעג איך זיך אַ לאָז טאָן צו שפּרייזען איבער דעם גאָרטען, פיהרען מלחמה מיט די ארומיגע הינט, רייצען זיך מיט די קעץ, באַווייזען פאַרשיידענע קונצען. עס פלעגט מיך אָבער זעהר שטאַרק פאַרדריסען, וואָס דער קעכין'ס זוהן קאָליאַ האָט אויף זיי געהאַט אַ גרעסערע השפּעה ווי איך. טומרי, גרויס ווי אַ בער, פלעגט האָרכען אויף זיין קלענסטען וואונק. צו מיר אָבער פלעגט ער זיך באַציהען מיט אַ מעהר חבר'שער פריינדשאַפט. אַ צייט לאַנג האָבען מיר אויך געהאַלטען אַ קוה. אויפ'ן הויף האָבען זיך ארומגעטומעלט הינער, אין צימער איז געהאַנגען אַ שטייג מיט אַ פויגעל, אָבער די הויפּט־ראָליע האָבען פאָרט געשפּילט די הינט. אין מיין זכרון פאַרנעהמען זיי אַ גאַנץ באַדייטענדען אָרט, אַ סך אַ גרעסערען ווי די עטליכע שורות, וואָס איך האָב וועגען זיי אָנגעשריבען. דאָס רוב אידישע אינגלאַך האָבען אַזעלכעס נישט איבערגעלעבט, בפרט אין די גרעסערע שטעדט. דער אידישער אינגעל באַציהט זיך צום הונד שלעכט: אָדער ער האָט מורא פאַר איהם, אָדער ער האַלט פאַר זיין פליכט צו דערלאַנגען איהם מיט אַ שטיין. ס'איז זעהר נישט גוט, און איך בין זעהר צופרידען, וואָס איך האָב געהאַט פריינד נישט נאָר צווישען מענשען, נאָר אויך צווישען הינט. דאָס איז גאָר נישט אַזאַ קלייניגקייט, ווי איינער וואָלט געקענט מיינען.

צוגלייך מיט דער דירה האָט זיך אויך געביטען די געזעלשאַפט. ביז יענעם יאָהר פלעגען צו אונז אין שטוב קומען הויפּטזעכליך אידישע באַקאַנטע. נאָך מיט אַ יאָהר פריהער האָט מיין שוועסטער געזאָלט חתונה האָבען מיט אַ אידישען דאָקטאָר, זי האָט איהם אָבער דאַן געגעבען אַן אָפּזאָג. איך ווייס ניט צי דאָס איז געווען אַ צופאַל, אָדער די עלטערען האָבען זיך דאַן

מישב געוועז און האָבען בכיון געוואָלט געפינען א קריסטליכען חתן, נאָר מיט׳ן אריבערקלייבען זיך אויף דער נייער דירה, איז די שטוב פול געוואָרען מיט קריסטליכע באקאנטע. מען האָט זיך גראָד אין יענער צייט זעהר באפריינדעט מיט איינער אַן אַנגעזעהענער משפחה, וואָס האָט געוואוינט דוקא גאָר נאָהענט פון אונז — גאָרטען ביי גאָרטען. ס׳איז געוועז איינער אַן אינזשינער וויערכאָווסקי, א העכערער באאמטער פון דער זעלבער אייזענבאהן, וואו מיין פאָטער האָט געדינט. זיין אינגערער זוהן, גליעב, איז געוועז מיין שול־חבר פון ערשטען קלאַס אָן. דער זעלבער בחור, מיט וועלכען מיר האָבען צוזאַמען געהאָט די אפיקורסישע געדאנקען וועגען קריסטוס׳ען און מיט וועלכען מיר פלעגען שפּעטער צוזאַמען בעטען צו גאָט אונטער די סאָסנעס פון די מינסקער וועלדער. עס זיינען געוועז אין דער משפחה אויך עלטערע קינדער — צווישען זיי א מיידעל א כלה. פלעגט דאָס הויז זיין פול מיט יונגע לייט. ביי אונז אין הויז איז אויך געוועז א מיידעל א כלה. מיין ברודער, דער אָפיציר, האָט געהאַט א מאַסע קאָלעגען און פריינד; האָט זיך אזוי ארום צוזאַמענגעפלאָכטען א גרויסער קרייז פון געמיינזאַמע באקאַנטע — אָפיצירען, סטודענטען, יונגע באאַמטע — א קרייז, וואָס פלעגט שטענדיג פארברענגען אין איינעם פון דיביידע הייזער. עס פלעגט שטענדיג זומען און ברומען ווי אין א ביהנשטאָק. מוזיק, געזאַנג, דעקלאַמאַציע, טענץ, שפּילערייען, טעאַטראַלישע ליבהאָבער־פאָרשטעלונגען. ס׳איז געוועז א פרעהליך און זאָרגלאָז לעבען.

פון די פיעלע געסט וואָס פלעגען קומען צו אונז אין הויז, פון דער פרעהליכקייט און טומעל האָב איך, געוועהנליך, אויך געהאַט מיין חלק הנאה. איין זאַך פלעגט מיר אָבער איבערפיהרען דאָס פאַרגעניגען: איך בין געוועז זעהר א שעהמעוודיגער און נישט קיין דרייסטער אינגעל. ס׳איז געוועז פאַר מיר אַן אמת׳ע מאַטערניש אריינצוגעהן אין א צימער פול מיט פרעמדע מענשען. מען פלעגט ביי אונז אין הויז שטענדיג אכטונג געבען דערויף, אַז איך זאָל זיין א לייטישער בחור און זיך פיהרען לויט די תקנות פון דער געזעלשאַפטליכער העפליכקייט. טעאָרעטיש האָב איך זעהר גוט געוואוסט די אלע תקנות. איך האָב געוואוסט ווי

אזוי מען דארף באגריסען א גאסט, ווי אזוי מען דארף א שאר טאן מיט׳ן פוס און א בויג טאן מיט׳ן קאפ. איך האב געוואוסט, אז מען דארף ניט ארויסציהען דער ערשטער די האנד צו א שלום עליכם, נאר ווארטען ביז יענער וועט מיר געבען די האנד דער ערשטער. דאס איז אבער אלץ געווען גוט אין טעאריע. אין דער פראקטיק האט זיך דאס ניט געלאזט מאכען אזוי גרינג. דו געהסט אריין אין צימער, וואו עס זיצען צעהן אדער פופצעהן פרעמדע מענשען; זיי שמועסען צווישען זיך. זיי באמערקען גאר ניט דעם קליינעם גימנאזיסטעל, וואס דרעהט זיך ארום זיי און וויים ניט וואס צו טאן: צוגעהן צו יענעם? שמועסט ער דאך און זעהט דיך נישט. ניט צוגעהן? — וועט מען דאך האבען פאראיבעל. א שעהנער עסק! פלעג איך זיך באמיהען איינצוארדנען די זאך אזוי, אז איך זאל זיין אין זאל שוין פריהער, איידער די געסט וועלען אנהויבען אנצוקומען; אז יענער קומט אריין, וועט ער זיך שוין אליין מיט מיר באגריסען. אבער דאס פלעגט זיך ניט שטענדיג איינגעבען...

עס האט מיר דעמאלט שטארק פארדאסען, אז די דערוואקסענע פארשטעהען נישט די יסורים וואס א שעמעוודיג קינד דארף אויסשטעהן ביי דער באגריסונגס־צערעמאניע. און איך האב דעמאלט באשלאסען, אז ווען איך אליין וועל ווערען א דערוואקסענער, וועל איך שטענדיג דער ערשטער באגריסען די קינדער, כדי זיי זאלען נישט ליידען אזוי ווי איך אליין האב געליטען.

א מענש, וואס האט דאס אליין קיינמאל נישט איבערגעלעבט, קען זיך גאר ניט פארשטעלען, ווי פיינליך איז דאס קינדערשע געפיהל פון ניט דרייסטקייט און שעהמעוודיגקייט. איך האב פון דעם געליטען נאך אין די עלטערע קלאסען פון גימנאזיע. עס איז דא ביי אונז אין מינסק א קליינער שטאדט־גארטען (חוץ דעם גרויסען „גובערנאטארסקי סאד“, וועגען וועלכען איך האב פריהער דערמאנט). דער גארטען איז געווען אין מיטען שטאדט און אלע פארנאכט פול מיט עולם. פלעג איך דארטען זעהר אפט שפאצירען, און אויב אפילו ניט שפאצירען, איז מיר אויסגעקומען צו עטליכע מאל א טאג דורכצוגעהן דורך זיינע אלעען. זיינען אבער פון ביידע זייטען פון די אלעען געשטאנען גאנצע שורות בענק, און די בענק

פלעגען זיין פול באזעצט מיט מענשען, און די מענשען פלעגען זיצען און קוקען אויף די דורכגעהער. און אז איך בין געווען איינער פון די דאזיגע דורכגעהער, פלעג איך פיהלען אויף זיך די דאזיגע בליקען פון די זיצענדע, ממש ווי שטיינער, אדער, ריכ־טיגער געזאגט, ניט ווי שטיינער, נאר ווי שטריקען, וואס פלע־גען מיר צונויפבינדען די הענט און פיס. בפרט די פיס! איך פלעג ווערען אוים בעל הבית איבער מיינע פיס. איך האב געהאט דעם איינדרוק, אז איך קאן זיך נישט רוקען פארוים מיט א נארמאלען טראט, נאר אז די פיס טראגען מיך מיט עפעס מאדנע באווע־גונגען, ווי א שכור'ן מענשען. פון דרויסען האט מען דאס מסתמא ניט געקאנט באמערקען, אבער אינערליך האב איך געהאט אזא גע־פיהל פון פיזישע געבונדענקייט און אומגעלומפערטקייט. און אפשר איז עס געווען קענטיג אויך פון דרויסען. איך געדענק ווי אמאל אין די שפעטערדיגע יאהרען, שוין זייענדיג א דערוואקס־סענער, האב איך געזעהן א קליין מיידעל, וואס איז געגאנגען איבער'ן הויף; דאס מיידעל האט אויך געהערט צו דעם זעלבען מין שעהמעוודיגע, און זי האט געפיהלט, אז מיר קוקען אויף איהר; זי האט אונז אפילו ניט געזעהן, ווייל זי איז געגאנגען מיט'ן רוקען צו אונז, אבער איך האב בפירוש געזעהן, ווי דער דאזיגער רוקען שפירט אויך זיך אונזערע בליקען און ווערט צו־נויפגעקארטשעט ווי אין א קראמף; און דאס מיידעל האט טאקע געשטעלט אזעלכע צודרעהטע, קרומע, מאדנע טריט, אז איך וואלט געדארפט לאכען, ווען איך וואלט זיך ניט דערמאנט אן מיינע אייגענע קינדערשע יאהרען און אן מיין אייגענע דאמאלסדיגע פיין. איך אליין האב זיך אויסגעהיילט פון דער דאזיגער קרענק ערשט נאכדעם ווי איך בין ארוים פון גימנאזיע.

א סך בעסער האב איך זיך געפיהלט צווישען די דיענסטלייט. מיט זיי פלעג איך פארברענגען זעהר פיעל און זעהר גערן, און מיר דאכט זיך, אז זיי פלעגען מיך אויך ליעב האבען. אגב האב איך אין דער הינזיכט געהאט א גרויסען אויסוואהל. מיר אליין הא־בען דעמאלט געהאלטען גאנצע פיער מאן: א קעכין, (אן עלטערע פרוי, וואס האט ביי אונז געדינט לאנגע יאהרען און איז געווא־רען אן אמת'ער מיטגליד פון דער משפחה: מען פלעגט זי רופען „פאני מיכאלינא"); א דינסטמיידעל, א דענשטשיק (ווענען איך

פלעג איינפויקען — איך ווייס ניט פארוואס — דוקא געאגראַ־פיע און אסטראנאמיע), און נאך א דינער. ביי די אפיצירען ווי־דער, וואס האבען געוואוינט אויפ׳ן זעלבען הויף, זיינען ווייטער געווען צוויי דענשטשיקעס, און איך פלעג כסדר לויפען צו זיי און עסען מיט זיי צוזאמען קאשע מיט שמאלץ, וואס זיי פלעגען זיך ברענגען פון די קאזארמעס. דעם טעם פון דער דאזיגער קאשע פיהל איך ביז׳ן היינטיגען טאג.

12

די חברים.

איך בין געווען א שילער פון צוגרייטונגס־קלאס, און מיר האָבען דעמאָלט נאָך ניט געוואָהנט ביי גאָליניעוויטשען. אין א שעהנעם פריהמאָרגען קומען צו אונז געסט. גאָר נייע מענשען, וואָס איך האָב פריהער קיינמאָל ניט געזעהן. אן עלטערער מאַן, מיט א פרוי, מיט קינדער. מען רופט מיך, מען פיהרט מיך צו צו א בחור'על — א דארען, א שווארצען, א הויכען, א ביסעל עלטער פאר מיר — און מען זאָגט מיר „אָט דאָס איז יענער מישא", און מען זאָגט צו איהם: „אָט דאָס איז יענער וואָליא". און די באקאנטשאפט איז געמאכט.

דעם אמת צו זאָגען, האָב איך פון „יענעם" מישא קיינמאָל ניט געהערט, און מסתמא האָט דער מישא פונקט אזוי פיל געהערט אויך פון „יענעם" וואָליא. אָבער גאָר אין גיכען זיינען מיר געוואָרען די הארציגסטע, די אינטימסטע פריינד.

מישא איז געווען מיינער א גליד־שוועסטערקינד. געקומען איז ער דעמאָלט דירעקט פון סיביר. דאָרטען האָט ער געלעבט מיט זיינע עלטערן. צוליב וואָס זיינען זיי אוועק פון סיביר ווייס איך נישט. איך ווייס אָבער, אז זיי זיינען געקומען מיט פינף קינדער (מישא, דער צעהן־יעהריגער, איז געווען דער עלטסטער; דאָס קלענסטע מיידעל איז געווען אלט אפשר א יאָהר) און אז זיי האָבען געהאט גרויסע צרות, זאָרגען און דאגות.

מישא איז געוואָרען מיין ערשטער און בעסטער פריינד. די קורצע ווינטער־טעג און די לאנגע ווינטער־אווענדען פלעגען מיר אָפט פארברענגען צוזאמען, און אז ס'איז געקומען דער זומער — דער ערשטער זומער, וואָס איך האָב פארבראכט שוין אלס גימנאזיסט — איז מישא א לאנגע צייט געווען צוזאמען מיט אונז אויף דער „דאטשע".

מיר זיינען דעמאָלט ניט געפאָהרען ווייט פון מינסק: מיר האָבען געדונגען א זומער־וואָהנונג אונטער דער שטאָדט גופא, אין א מין פארם, וואָס האָט געטראָגען דעם מאָדנעם נאָמען „ליודאמאָנט". ס'איז געווען א גרויסע הויז, זעהר א גרויסער, א ביסעל אָפּגעלאָזענער גאָרטען, א טייך, גרויסע פעלדער און זומפּען ארום און ארום, און אין דער נאָהענט — א מיליטערי־שער לאגער. פאר אונז, בחרים, איז דער מיליטערישער לאגער געווען, פארשטעהט זיך, די וויכטיגסטע זאך. א שפּאס צו זאָ־גען: עס זיינען דאָרטען געשטאַנען צוויי גאַנצע פּאָלקען. און מען האָט געקענט זעהן די פארשידענע איבונגען מיט מארשען, מיט פאראדען, מיט שיסערייען. וואָס קען זיין אינטערעסאנטער ווי דאָס? און ס'איז זעלבסטפערשטענדליך, אז מיר פלעגען דאָס אלץ נאָכטאָן מיט'ן גרויסען ברען. און מיר האָבען זיך גע־חבר'ט מיט די זעלנער און באקומען די ערשטע מיליטערישע „ערציהונג". לעבען סאמע הויז זיינען געשטאנען די מאגאזיינען מיט קליידער און עסענוואַרג פאר די זעלנער. מען פלעגט פון דאָרטען ארויספיהרען גאנצע פוהרען זעק מיט סוכארעס. מיר, אינגלאך, פלעגען זיך דאָרטען שטענדיג ארומדרעהען, און מען פלעגט אונז אמאָל אויך מכבד זיין מיט'ן סאָלדאטסקען מאכל. ווער עס האָט אמאָל געדינט אין דער רוסישער ארמעע, דער דער־מאָנט זיך מסתמא אָן די סוכארעס: שווארץ זיינען זיי געווען ווי דזשעגאכץ, און באדעקט מיט שימעל, און הארט ווי גראניט. צו־בייסען זיי טרוקענערהייט איז געווען אַן אוממעגליכע זאך, מען האָט זיי געדארפט פריהער ווייקען אין וואסער. פלעגען מיר זיי טאקע טונקען אין וואסער און גריזען מיט'ן גרעסטען מסירת נפש. און ס'איז אונז געוואלדיג געפעלען געוואָרען. די הויפּטזאך איז מסתמא געווען ניט דער טעם גופא, נאָר דאָס געפיהל, אז מיר עסען אמת'ע סאָלדאטסקע סוכארעס, די זעלבע סוכארעס, וואָס מען עסט אויף דער מלחמה. פיהלט מען זיך דערביי, ווי א גרויסער מענש, ווי א דערוואקסענער.

אגב, ביי דער געלעגענהייט דערמאָן איך זיך, אז א געווויסער ארט, ווי אזוי א מענש עסט, איז ביי מיר געווען אמאָל א סימן פון דערוואָקסענקייט. איך מיין ניט דאָס האלטען זיך ביים טיש, נאָר די באוועגונגען פונ'ם מויל גופא. ווען איך בין געווען

א גאַר קליין אינגעל, האָט זיך מיר געוואָרפֿען אין די אויגען, אַז בײַ די דערוואַקסענע מאַנסלײַט (דווקא די מאַנסלײַט) אַרבײַט דאָס מויל בײַם עסען אין ווערטיקאַלער ריכטונג — פֿון אויבען אַראָפּ און פֿון אונטען אַרויף. זיי עסען, אַזוי צו זאָגען, אין דער הויך, בעת איך, למשל, פֿלעג עסען אין דער ברייט, און אַז איך האָב זיך אַמאָל, אַלס קליינער וואָרים פֿון פֿינף־זעקס יאָהר אײַ־בערגעטאָן אַלס דערוואַקסענער, האָב איך קודם כל גענומען אַ שטיקעל ברויט און אָנגעהויבען צו קײַען „אין דער הויך" — אַ סימן, אַז איך בין אַ דערוואַקסענער...

דאָס שפּילען זיך אין זעלנער — דאָס איז אַזאַ קרענק, וואָס יעטוועדער אינגעל מאַכט דורך, פּונקט ווי מאָזלען. איך האָב דורכגעמאַכט אויך די איבעריגע קרענק, טאַקע די מאָזלען אויך. און דאָס קלייבען ברויף־מאַרקעס, און דאָס שפּילען אין פֿייער־לעשער, און איך בין געווען אַן אײַנוואַנדערער אין די ווילדע וועל־דער פֿון אַמעריקאַ און אַ פֿאַרשווענדער אין די אונטעראירדישע באַהעלטענישען פֿון אינדיען — אַלץ (חוץ די מאָזלען) אין די דריי ערשטע קלאַסען פֿון גימנאַזיע און אַלץ (ווידער חוץ די מאָז־לען) צוזאַמען מיט מישאַ. און צוזאַמען מיט איהם האָב איך דורכגעמאַכט אויך די געפֿעהרליכסטע פֿון די אַלע — די געפֿעהר־ליכסטע, ווײַל זי בלײַבט אַמאָל אַ כראָנישע, פֿאַר'ן גאַנצען לע־בען — דאָס שרײַבען שירים.

גראַד אין יענעם זומער איז אויף אונז אָנגעפֿאַלען די שרײַב־מגפֿה. געוועהנליך פֿלעגען מיר באַשרײַבען די שעהנהייטען פֿון דער נאַטור. און מיר פֿלעגען דאָס ביידע מאַכען אויפ'ן זעלבען שטייגער. איך געדענק, אײַנמאָל אין אָוועגד זיץ איך בײַ מיר אין צימער און שרײַב. מישאַ זיצט בײַ זיך אין צימער און שרײַבט אויך. קוים האָב איך געענדיגט, לויפֿט ער צו מיר אַרײַן: ער האָט אויך עפּעס אָנגעשריבען. לייען איך דאָס מײַנע, לייענט ער דאָס זײַנע. און עס לאָזט זיך אויס, אַז זײַן שיר פּאַסט גראָד פֿאַר אַ המשך צו מײַנעם — סײַ לויט דער פֿאָרם, סײַ לויט דעם אינהאַלט. מיר זײַנען געווען ממש נתפּעל. אין דער אמת'ן זײַנען ביידע לידער געווען ווי שפּיל־קאָרטען: מען וואָלט זיי געקענט צומישען און איבערטאַשען ווי מען וויל, — עס וואָלט

זיך זעהר ווייניג געביטען. ס'איז געווען א גאנץ געוועהנליכע קינדערשע געשרייבעכץ.

איך האָב זיך נישט בענוגענט מיט נאַטור־בעשרייבונגען. איך האָב אָנגעשריבען א ליד „צו גאָט", א לויב־געזאַנג לכבוד דעם אויבערשטען. דער אָנהויב פון דעם געדיכט האָט אויסגע־זעהן אין ערך אזוי:

„דו ביזט דער גאָט, פון קיינעם ניט געזעהן,
„אַ קוואַל פון נסים אָהן א שיעור,
„געעהרט פון מיר, געעהרט פון אַלע מענשען,
„דער גלאַנץ, דער האַר פון הימעל און פון ערד".

די איבערזעצונג איז ניט קיין גאָר געטרייע. זי גיט ניט איבער דעם קינדערשען כאראקטער פון די אויסדרוקען און פון די גראַ־מען. אָבער אויך פון דער איבערזעצונג קען מען זעהן, אז קיין דיכטערשען טאַלאַנט האָב איך, נעבאך, ניט געהאַט. איך האָב אָבער געשריבען ווייטער, און איך האָב זיך ניט באנוגענט מיט לידער. איך האָב אָנגעגורט מיינע לענדען און אָנגעשריבען א ראָמאַן. דאָס הייסט, עס האָט געדאַרפט זיין א ראָמאַן. ארויס־געקומען איז עפּעס אנדערש: די גאנצע זאַך האָט געהאַלטען איין גרויסען בלאַט שרייב־פּאַפּיר. ס'איז עפּעס א דאָרף־מעשה. א קאַלטער ווינטער, א דאָרף־שול, אן אָרים מיידעל, א ליבע לעה־רערין, און פּלוצלינג קומט אָן א שרעקליכע ידיעה — ס'איז גע־שטאָרבען דער פאָטער (איך געדענק שוין ניט וועמענס — צי דער לעהרערינ'ס צי דער מיידעל'ס), און די גאנצע זאך ענדיגט זיך. ס'איז אַן אמת'ער גליק, אַז איך האָב זיך גרינג אויסגעהיילט פון דער פּאָעטישער קרענק. אין די שפּעטערע יאָהרען האָב איך גע־מאַכט נאָך אַ פּאָר לידער, און מיט דעם האָט זיך די זאַך געענ־דיגט. און ערשט אין דעם אכטען קלאַס פון גימנאַזיע האָב איך אָנגעשריבען א לידעל לכבוד א מיידעל, אָבער דאָס איז שוין גאָר אַן אנדער זאַך. איבריגענס דאַרף איך זאָגען, אז דאָס שפּעטער־דיגע לידעל איז אויך נישט געווען פון די פויגעלדיגע.

די אנדערע צוויי פריינד מיינע פּלעגען זיך מיט אזעלכע זאכען נישט פארנעמען. דאָס זיינען געווען יענע צוויי חברים, מיט וועלכע איך האָב צוזאמען איבערגעלעבט מיינע רעליגיעזע ספיקות און מיינע רעליגיעזע התפּעלות: גליעב וויערכאָווסקי און ארקאַשאַ ל. מיט די צוויי בחורים האָב איך זיך באפריינדעט אין

ערשטען קלאס פון גימנאזיע, און מיר פלעגען יאָהרען לאנג בילדען אַן אמת'ן דריילינג — א „טריאומווירא̇ט", דאָס האָט געהייסען אויפ'ן היסטאָריש־לאטיינישען לשון, — א „קאָלעגיע פון דריי מענער". און אזוי ארום האָב איך געהאט צוויי פריינדשאפטען, צוויי פארבאנדען מיט אמאָל: איינעם מיט מישא, און א צווייטען — מיט יענע צוויי חברה־לייט. דאָס זיינען אָבער געווען צוויי דורכאויס אָפּגעזונדערטע קרייזען, צוויי וועלטלאך, יעדע פאר זיך. איך געדענק קיין פאל ניט, אז מיר זאָלען האָבען פארבראכט א טאָג אָדער אַן אווענד צוזאמען אלע פיער. איך געדענק ניט אזא פאל, אז מישא זאָל זיך צונויפטרעפען מיט די איבעריגע צוויי פריינד מיינע. איך ווייס אפילו ניט, צו זיי זיינען געווען באקאנט צווישען זיך. ס'איז עפּעס געווען א וואנד, וואָס פלעגט צעשניידען די צוויי קרייזען, און בלויז איך אליין פלעג זיין אויףביידע זייטען פון דער וואנד.

גליעב און ארקאשא זיינען געווען מיינע שול־חברים. מיר זיינען געגאנגען אין איין קלאס. מיט גליעב'ן זיינען מיר געזעסען אויף איין באנק. מישא איז אָבער ניט געווען קיין גימנאזיסט. פאר מיר איז ער געווען א קרוב, פאר זיי — נאָר א זייטיגער, א פרעמדער מענש. מיר דאכט זיך אָבער (אפשר האָב איך א טעות), אז ניט דאָס איז געווען די הויפּט־זאך. מיר דאכט זיך, אז עס האָט דאָ געשפּילט א ראָליע דער אונטערשיד אין דער סאָציאלער לאגע און אפשר אין דער רעליגיע. מישא איז געווען א איד, און זיינע עלטערן האָבען ניט געהערט צו דער געזעלשאפט פון די „אויסערוועהלטע".

איך וויל ניט זאָגען, אז ביי די קינדער גופא האָט עס געשפּילט א וואָסער־ניט־איז ראָליע. איך ווייס אפילו ניט צי איך האָב זיך דעמאָלט אָנגעשטויסען אָן דער גאנצער זאך. אָבער עס האָט זיך געמאכט פון זיך אליין, גאנץ אויטאָמאטיש, אלס א פשוט'ע אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן צווישען די דערוואקסענע.

ווי עס זאָל ניט זיין, נאָר איך האָב, הייסט דאָס, געהאט א צווייפאכע פריינדשאפט מיט צווייערליי באזונדערע אינהאלטען און אינטערעסען. מאנכע זאכען, וואָס איך האָב געהאט געמיינזאם מיט די איינע, האָב איך ניט געהאט מיט'ן צווייטען, און

פארקעהרט. מיט די שול־חברים, למשל, האב איך געהאט געמיינ־זאם מיינע רעליגיעזע און אנטי־רעליגיעזע שטימונגען. מיט מי־שא'ן אבער פלעג איך וועגען דעם ניט רעדען. אפשר צוליב דעם וואס ער איז געווען א איד. איך ווייס ניט. דערפאר האב איך מיט מישא צוזאמען געשריבען לידער, און מיט יענע צוויי ניט. און אפילו אין די שפילערייען איז געווען א געוויסע צעטיילונג. למשל: אין זעלנער פלעג איך שפילען מיט מישא, ניט מיט יענע צוויי. אין קארטען, אבער, פלעג איך שפילען דוקא מיט זיי. מיט איהם זיינען מיר געווען די אינדישע פארשווערער; מיט זיי — די וואנדערער אין די ווילדע וועלדער. מעהר ניט אין פייער־לעשעריי האב איך זיך געשפילט סיי מיט זיי, סיי מיט איהם. דאס איז געווען א ליבלינגס־זאך און דאס האט ניט געהאט קיין ברעג און קיין שיעור.

ס'איז נאך געווען אן אונטערשיד צווישען די צוויי קרייזען. די ראליע, וואס איך האב אין זיי געשפילט. אין די באציהונגען מיינע מיט מישא'ן פלעג איך פארנעמען דעם אויבען־אן און זיין דער גאנצער דעה־זאגער. אין דעם טריאומוויראט אבער האב איך קיין פריווילעגירטע שטעלונג ניט געהאט.

אלעמאל, ווען ס'איז דא פאראן א קרייז פון דריי אדער מעהר קינדער, רוקט זיך ארויס צווישען זיי א צענטראלע פיגור. די דאזיגע צענטראלע פיגור האבען די איבעריגע פריינד באזונדערס ליב, און זיי פיהרען צווישען זיך א שטילען קאמף פאר דער בכורה צו זיין באזונדערס נאהענט און אינטים מיט'ן אנפיהרער פון קריי־זעל. אין אונזער טריאומוויראט איז געווען פיל־וועניג דעמאקראַ־טישע גלייכהייט, אבער ווי עס פיהרט זיך אין דער היינטיגער וועלט, איז די גלייכהייט געווען בלויז א פארמעלע; מיר האבען פארט געהאט א צענטראלע פיגור, און דאס איז געווען גליעב. גע־ווען זעהר א גוטער בחור, א פראסטע רוסישע נשמה מיט א פראס־טען רוסישען פנים, מיט עהרליכע רוסישע בלויע אויגען; גע־שטאמט האט ער ערגעץ פון קאסטראמא. ניט געווען קיין איבער־געשפיצטער, נאר זעהר א הארציגער, און די הויפט זאך: ער האט געהאט אין זיך די גאנצקייט פון א געזונטער, פשוט'ער נאטור, פון א געזונטער קערענדיגער ראסע. מיר, איך און ארקאשא, זיינען געווען פון אן אנדער מין. ארקאשא איז שוין דעמאלט געווען א

מעהר אויסגעפיינערטער, א שטאָדט־מענש; ער האָט געהאט אין זיך עפּעס אידישעס; מען האָט אפילו געשמועסט אין שטאָדט, אז זיין פאָטער האָט טאקע געשטאמט פון אידען, הגם דער בעל-דבר גופא פלעגט דאָס ענטשידען אָפּלייקענען. גליעב איז געוואָרען ביי אונז אזוי צו זאָגען די כלה. פלעגען מיר, די איבעריגע צוויי, האָבען איינער צום צווייטען אן אייפערזוכט. איבעריגענס קאָן איך ניט באהויפּטען אויף זיכער וועגען ארקאשא; איך קאָן זאָגען נאָר וועגען מיר אליין, אז איך בין יאָ געווען אייפערזיכטיג און עס פלעגט מיך זעהר פארדריסען, ווען די וואָג־שאָל פון גליעב'ס פריינדשאפט פלעגט זיך אראָפּלאָזען מעהר אויף יענעמ'ס זייט און ניט צו מיר.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם האָב איך איבערגעלעבט איינע פון די ביטערסטע קינדהייטס־ענטוישונגען.

עס האָט זיך איינמאָל געטראָפען א מעשה, און גליעב מיט ארקאשא האָבען זיך צוקריגט. אָבער צוקריגט טאקע מיט'ן גאַנצען ברען און אויפגעהערט אינגאנצען צו רעדען איינער מיט'ן צווייטען: דער קריגס-צושטאנד האָט געדויערט וואָכען לאנג. איך בין ניט געווען פארמישט אינ'ם סכסוך; איך בין געבליבען נייטראל און אין די בעסטע באציהונגען מיט דיביידע. די זאך האָט אייגענטליך געהאט פאר מיר א גרויסע מעלה. איך בין געוואָרען דער איינציגער פריינד, אָהן קאָנקורענץ! איך האָב אָבער פאָרט באשלאָסען, אז איך דארף אויסגלייכען דעם סכסוך. איך האָב זיך גענומען אויסצוארבייטען א גאנצען סטראטעגישען פּלאן, ווי אזוי דאָס צו מאכען. איך האָב זיך לאנג ארומגעטראָגען מיט'ן פּלאן, און איך האָב גע'חלום'ט וועגען דעם, ווי עס וועט זיין שעהן און פיין. און פּלוצלונג, אין א שעהנעם פריהמאָרגען, דערוויס איך זיך, אז די ביידע חברה־לייט האָבען מיך גאנץ מיאוס אָפּגענארט עס ווייזט זיך ארויס, אז זיי האָבען שוין לאנג אליין געשלאָסען שלום און האָבען בלויז אין מיין אנוועזענהייט געמאכט אן אָנשטעל פון פיינדשאפט; הינטער מיין רוקען פלעגען זיי זיך טרעפען איינער מיט'ן צווייטען אויפ'ן פריינדליכסטען אופן און לאכען פון מיר און פון מיינע שלום-פּלענער. צוליב וואָס האָבען זיי דאָס געטאָן, ווייס איך ניט, איך ווייס אָבער, אז ס'איז געווען פאר מיר א שרעקליכער קלאפּ. ניט דאָס, וואָס די פיינדשאפט האָט זיך

געענדיגט. אדרבא, איך האָב דאָך אליין געוואָלט, אז די מלחמה זאָל נעמען א סוף, אָבער אז מיינע בעסטע פריינד האָבען מיך אָפּגענארט, אז זיי האָבען פון מיר געמאכט א קאָמישע פיגור, געמאכט פון מיר שטילערהייט חוזק, דאָס האָט מיך טיף באליידיגט, און אויב מיר זיינען אויך ווייטער געבליבען גוטע פריינד, האָט פונדעסטוועגען דער דאָזיגער אינצידענט איבערגעלאָזען א טיפע וואונד אין מיין קינדישען הארצען.

.13

דער סוף פון די קינדער־יאָהרען.

אין יאָהר 1839 בין איך אריבער אין פינפטען קלאַס פון גימ־נאַזיע, דאָס איז שוין דער אָנהויב פון די עלטערע קלאַסען. און דאָס איז דער סוף פון דער אייגענטליכער קינדער־צייט. איך וואָלט דאָס אפשר ניט געפיהלט אזוי בולט, אָבער גראָד אין דעם זעלבען יאָהר האָט זיך געטראָפען א קאטאסטראָפע, און עס איז געקומען אַן איבערברוך אין מיין גאַנצען לעבען.

ס'איז געשטאָרבען מיין פאָטער.

אין די לעצטע חדשים, ווען ער איז שוין געווען א שווער־קראַנקער מענש, פלעגט מיין פאָטער מעהר פארברייננגען אין דער היים, און איך פלעג איהם מעהר זעהן און מעהר הערען. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער און באַלעזענער מענש, און ווען עס פלעגט קומען צו איהם אימיצער פון זיינע עלטערע פריינד, פלעג איך זיך גערן צוהערען צו זייערע ערנסטע שמועסען. עס פלעגט דאַמאָלסט אריינקומען צו אונז איינער אַן עלטערער איד, וואָס איך געדענק סיי פון יענע יאָהרען און סיי פון די שפּעטערדיגע. איך ווייס ניט צי ער לעבט נאָך. אויב יאָ, מוז ער זיין א זקן פון א יאָהר אכציג אָדער נאָך מעהר. ס'איז געווען א באקאַנטע פערזאָן אין מינסק, א געוויסער י. הורוויטש. ער האָט פארנומען אַן אָפּי־ציעלען פּאָסטען ביי דער רעגירונג: א „געלערענטער איד ביים מינסקער גובערנאַטאָר" (ס'איז געווען אמאָל אזא שטעלע); גלייכ־צייטיג איז ער געווען א לעהרער פון אידישער רעליגיע אין די ביידע גימנאַזיעס — ביי די אינגלאַך און ביי די מיידלאַך — (דעמאָלט זיינען אין מינסק געווען בלויז צוויי גימנאַזיעס). די גאַנצע שטאָדט האָט איהם געקענט. אין די ראַדיקאַלע קרייזען האָט ער געהאַט נישט קיין גוטען שם. אָבער צו פארברייננגען מיט איהם א פּאָר שעה אין א פריוואַטען שמועס איז געווען אַלע מאָל

אינטערעסאַנט. פלעגט מען שמועסען וועגען פארשידענע זאַכען: וועגען פילאָזאָפיע און רעליגיע, וועגען אידען און וועגען קריסטען, וועגען ליטעראַטור און געשיכטע. דעם אינהאַלט גופא פון די דאָזיגע שמועסען געדענק איך אָבער נישט. איין זאַך געדענק איך נאָר יאָ: איינמאָל האָט מיין פאָטער זיך גענומען ריידען וועגען דעם, וואָס ער וואָלט געטאָן, אויב ער וואָלט געווען א מיליאָנער. צוויי פון זיינע פלענער זיינען ביי מיר פארבליבען אין זכרון. דאָס ערשטע וואָלט ער געשאַפען א נייעם טעאַטער; דער דאַמאָלסדיגער מצב פון דער רוסישער סצענע פלעגט איהם נישט באפרידיגען. ווי אזוי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט זיין נייעם טעאַטער ווייס איך ניט. וועגען דעם צווייטען פלאַן — אָדער ריכטיגער געזאָגט, חלום זיינעם, ווייס איך שוין מעהר גענוי. איך וואָלט אויסגעבויט — פלעגט ער זאָגען — א נייע קירך, א טעמפעל פון א נייעם מין. דאָרטען וואָלט מען נישט געהאַט נישט קיין גלחים און נישט קיין צערעמאָניעס. די רעליגיעזע שטימונג וואָלט געשאַפען געוואָרען נאָר דורך אַן ענטשפּרעכענדע מוזיק און געזאַנג. אין דעם וואָלט באשטאַנען דער גאַנצער גאָטעס-דינסט.

ווי פלעגט זיך מיין פאָטער באציהען צו דער אידישקייט, ווייס איך נישט. מסתמא איז ער געווען אַן אסימילאַטאָר. קענטיג אָבער, אז ער האָט פאָרט געהאַט אין זיך א פונק פון אידישען געפיהל. איך געדענק, ווי ער האָט אמאָל דערצעהלט אזא קליינע, אָבער כאַראַקטעריסטישע פאַסירונג. ער איז געפאָהרען מיט דער באַהן, אין ערשטען קלאַס, ווי דער שטייגער איז; אין דעם זעלבען קופּע איז געזעסען עפּעס א קריסט. האָט מען זיך פאַנאַנדערגערעדט. דער קריסט איז גראָד געווען א גוואַלדיגער אַנטיסעמיט... אין מיין פאָטער האָט ער ניט דערקענט א אידען. האָט ער זיך גענומען אויסגיסען דאָס הארץ און זידלען די אידען. דער פאָטער מיינער האָט איהם געלאָזט אויסרעדען ביז׳ן סוף, אָבער געזעגענדיג זיך מיט איהם, האָט ער מיט א רוהיגען שמייכעל געמאָלדען: „איהר דאַרפט וויסען זיין, אז איך בין אויך איינער פון די, וועגען וועמען איהר האָט גערעדט: איך בין א איד". דער שונא ישראל איז געוואָרען זעהר פארשעהמט.

מיין פאָטער האָט געהאַט א ניש׳קשה׳דיגע ביבליאָטעק. איך פלעג דאָרטען זעהן אויך נומערען פון דעם רוסיש-אידישען זשור-

נאל „וואסכאד", און אויף וויפיל איך געדענק, איז מיין פאטער געווען א שטענדיגער לעזער פון דעם זשורנאל. איך האב אויך געזעהן ביי איהם דאס באוואוסטע בוך פון דעם אלטען אידישען שרייבער באגראוו „זאפיסקי יעווריעיא" (מעמוארען פון א אידען), מיט אן אונטערשריפט פונ'ם מחבר גופא. אבער פון די אלע ביכער וואס מיין פאטער האט געהאט, איז געווען איינס, וואס האט געשפילט גאר א גרויסע ראליע אין מיין שפעטערדיגען לעבען. און דאס איז געווען דער תנ"ך.

אויב איך האב נישט קיין טעות, איז דאס דאזיגע בוך געדרוקט געווען אין קאנסטאנטינאפאל, און מיין פאטער האט איהם געבראכט, אומקערענדיג זיך פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה. זעהר א שעהנע אויסגאבע, איינגעבונדען אין געלען סאפיאן־לעדער און געדרוקט אין צוויי שפראכען. אויף יעדען בלעטעל איז אויף איין זייט געווען דער העברעאישער טעקסט, און אויף דער אנדערער — א פראנצויזישע איבערזעצונג. איך געדענק אן אווענד: מיין פאטער איז ארויס צו אונז אין עס־צימער, וואו מען פלעגט זיצען ביים סאמאוואר; ער האט מיך אוועקגעזעצט לעבען זיך, געעפענט דעם בוך און האט זיך גענומען לייענען אויפ'ן קול, — דעם פראנצויזישען טעקסט, געוועהנליך (צי ער האט געקענט העברעאיש, ווייס איך נית). ס'איז געווען א קאפיטעל פון ישעיה הנביא. ער האט געלייענט און געלויבט די שעהנקייט פון די געדאנקען און פון דער שפראך. ס'איז פאר מיר אייגענטליך נישט געווען קיין נייעס. מען פלעגט אין גימנאזיע לערנען א סך פסוקים אויף אויסוועניג, און נישט נאר פון דעם נייעם טעסטאמענט, נאר אויך פון דעם אלטען, פון דעם אידישען תנ"ך. מען פלעגט דאס לערנען אין דער סלאווישער שפראך, און הגם מען פלעגט דאס איינ'חזר'ען גאנץ אויטאמאטיש, האט פונדעסטוועגען דער סלאווישער טעקסט פון די אלטע אידישע ספרים געקלונגען אין מיינע אויערען מיט א געוואלדיגער, אונפארגלייכליכער שעהנקייט. אין גימנאזיע איז עס אבער געווען א טייל פון דער קריסטליכער רעליגיעזער לעהרע. אין יענעם אווענד אבער בין איך געזעסען לעבען מיין פאטער און ארייינגעקוקט אין דעם אידישען תנ"ך. און צום ערשטען מאל האבען זיך די ווערטער פון דעם אלטען נביא צונויפגעפלאכטען אין מיין פאנטאזיע מיט די מאדנע, אונבעקאנטע, אונ־

פערשטענדליכע אותיות פון דעם העברעאישען ספר. און אזוי האָט זיך דאָס איינגעקריצט אין מיין זכרון און פארבליבען דאָרטען אויף שטענדיג.

יאָהרען זיינען אריבער. איך בין געוואָרען א דערוואקסענער יונגערמאן; און אז עס האָט ערוואכט אין מיר דער אינטערעס צו דער אידישקייט, האָט דאָ דער אלטער תנ"ך פון מיין פאָטער גע־שפּילט אַ גרויסע, אפשר די גרעסטע ראָליע. עס האָט זיך מיר פארוואָלט צו לייענען דעם טעקסט פון דעם אלטען בוך נישט אין א פראנצויזישער אָדער סלאַווישער איבערזעצונג, נאָר דוקא אין דעם העברעאישען אָריגינאל. און דאָס ערשטע בוך, ביי וועלכען איך האָב אָנגעהויבען צו לערנען די אונפערשטענדליכע, אויס־טערלישע העברעאישע אותיות, איז געווען יענער קאָנסטאנטינאָ־פּאָלער תנ"ך פון מיין פאָטער אין דעם געלבען סאפיאן־לעדערנעם איינבונד. אָבער דאָס איז געווען א סך שפּעטער. איך וועל נאָך קומען צו רעדען וועגען דעם.

מיין פאָטער איז געשטאָרבען, און איך בין געבליבען מיט א געפיהל פון א ביטערער שולד. ווען עס שטארבט א נאָהענטער מענש, האָבען מיר אלע מאָל אזא געפיהל. עס דאכט זיך אונז, אז ביי זיין לעבען האָבען מיר נישט ערפילט אונזער פליכט. עס דאכט זיך אונז, אז מיר האָבען נישט ארויסגעוויזען באצייטענס די ליבשאפט און ווארימקייט, וואָס ער האָט פארדינט. און דאָס געפיהל פייניגט און מאטערט. ווייל ס'איז צו שפּעט, ווייל ס'איז פארפאַלען. עס איז נאָך געווען פריש אין מיין זכרון די עראינע־רונג, ווי דער פאָטער פלעגט קומען צו מיר און ברייגנען עפּעס א מתנה. אם בולט'סטען געדענק איך ביז'ן היינטיגען טאָג, ווי ער איז געקומען אמאָל, אין טאָג פון רוסישען פּסח, אינעדרפריה, ווען איך בין נאָך געווען אין בעט, און האָט מיר געבראַכט א קליין ביי־טעלע פון פערלמוטער אין א פאָרם פון אן איי, מיט קליינע נייע זילבערנע פינפערלאַך אינווייניג (דעמאָלט זיינען די זילבערנע פינ־פערלאַך געווען אַ זעלטענהייט), — און איך האָב איהם ניט געדאנקט מיט דער געהעריגער הארציגקייט. איך בין געווען שעה־מעוודיג און טרוקען...

ווען א מענש שטארבט, ווערען אזעלכע עראינערונגען פריש און שארף, און זיי שטעכען ווי נאָדלען.

דער פאָטער איז געשטאָרבען, און דאָס פרעהליכע, צופרידע־נע, רעש׳יגע לעבען אין גאַלינירעוויטש׳עס הויז האָט גענומען א סוף. די געלד־מיטלען אונזער זיינען געוואָרען גאָר מאָגערע; מיר האָבען געמוזט פארלאָזען די גרויסע דירה און איבערציהען זיך אין א מעהר באשיידענע. עס האָט זיך פארענדיגט א גאנצע תקופה פון לעבען.

איך האָב קיין רעכט נישט צו זאָגען, אז די נייע תקופה איז געווען אן אונגליקליכע. אָבער יענע, די ערשטע, איז פארבליבען אין מיין זכרון, ווי עפּעס גאָר ליכטיגעס, פרעהליכעס, גלאַנציגעס. און אלע מאָל, ווען איך פלעג דערנאָך פארבייגעהן גאַלינירעוויט־שעס הויז, פלעג איך פיהלען א שארפען, א ברענענדיגען וועהטאָג אין הארצען. דאָס איז די בענקשאפט נאָך די קינדער־יאָהרען, וואָס זיינען אוועק אויף אייביג.

* * *

ס׳איז שווער זיך צו שיידען מיט די זכרונות פון קינדהייט. איך האָב פארשריבען נור א קליינעם טייל פון דעם וואָס איך גע־דענק. מאנכע בילדער שווימען נאָך ארום אין מיין זכרון. די איינע — מטושטש און נעבעלדיג, די אנדערע — קלאָר און דייט־ליך, גלייך ווי איך וואָלט זיי געזעהן פאר זיך אויף דער ווייסער, ליכטיגער לייוואנט פון א קינעמאטאָגראף. איך קען זיך נישט העלפען. איך מוז פארנאָטירען נאָך א פּאָר פון די בילדלאָך.

א ווארימער, זוניגער פריהלינגס־טאָג. די מאמע זיצט אויף דער ווערענדע פון גאַלינירעוויטש׳עס הויז. איך שפּרייז ארום אין גאָרטען. עס הויבען זיך אָן די זומער־וואקאציעס. ס׳איז ליכטיג און פרעהליך אויפ׳ן הארצען. און אין גאָרטען בליהען די עפּעל־בוימער. ווייסע עפּעל־בלומען אויפ׳ן בלויען פריהלינגס־הימעל, די שעהנסטע זאַך אויף דער וועלט! איך רייס אראָפּ א בליהענדיג צווייג. איך דערלאַנג א שמעק. ס׳אַרא זיסער ריח! טויזענד מאָל זיסער, טויזענד מאָל שעהנער, ווי ביי דער טייערסטער, פיינסטער רויז. און איך נעהם דעם בליהענדען, זיסען, ווייסען צווייג און לויף צו דער מאמע אויף דער ווערענדע, און איך ווייז איהר די שעהנע בלומען, און איך גיב איהר צו שמעקען, און טייל זיך מיט איהר מיט מיין שמחה און נחת. און דאַן לויף איך צוריק צו שפּרייזען איבער דעם זוניגען זומער־גאָרטען. און דאָס איז אַלץ.

א קליינער מאָמענט, א גאָרנישט. אָבער ביז'ן היינטיגען טאָג זעה איך דאָס דאָזיגע בילד פאר מיר, גלייך ווי דאָס אלץ וואָלט געווען ערשט היינט אָדער נעכטען און ניט מיט דרייסיג יאָהר צוריק. און ביז'ן היינטיגען טאָג איז דער ווייסער צווייג פון א בליהענדען עפעל־בוים פאר מיר פארבליבען די שעהנסטע זאך, וואָס איך קען אויף דער וועלט.

א צווייטער טאָג. ס'איז דריי אזייגער. מיר זיצען אין עס־צימער. עס זיינען געקומען געסט. מען טרינקט טהעע און מען עסט איינגעמאכטס. די מאמע רופט מיך צו זיך און הייסט מיר עפּעס בריינגען. דאכט זיך, א גאנץ געוועהנליכע זאך. אָבער דאָס מאָל טוט זי דאָס מיט אזא ליבליכען שמייכעל, און ס'איז דאָ אינ'ם קלאנג פון איהרע פּשוט'ע ווערטער עפּעס אזא וואַרימקייט און ווייכקייט, אז איך פיהל פּלוצלונג ווי א גאנצע כוואליע פון גליק און ליבע הויבט זיך אויף אין מיין הארצען אזוי מעכטיג און הייס, אז איך ווער פּשוט דערטרונקען אין דעם ליכטיגען שטראָם. ס'איז א קליינער מאָמענט־עפּיזאָד, איך קאָן איהם אָבער קיינמאָל ניט פארגעסען.

און א דריטע עראינערונג, דאָס מאָל פון די גאָר פריהערע צייטען. איך בין נאָך א גאָר קליין קינד. עס איז שבת אוונד. די צייט פון באָדען זיך. איך זיץ אין וואנע, און די קעכין אָדער דאָס דינסט־מיידעל וואשט מיך. דאן נעמט זי מיך ארויס פון באָד, וויקעלט מיך איין אין א גרויסען, דיקען, ווארימען ליילעך; זי וויקעלט מיך ארום אינגאנצען, מיט'ן קאָפּ מיט'ן פּנים — איך זאָל זיך נישט פארקיהלען — און אזוי איינגעוויקעלטערהייד טראָגט זי מיך איבער דעם קאָרידאָר און איבער די צימערען צו מיר אין שלאָפצימער אריין און לייגט מיך אריין אין דעם ווארימען, היי־מישען בעט, דעקט מיך צו מיט דער ווארימער קאָלדרע, און איך ליג איינגעטוליעט און מאך צו די אויגען און ווער אנשלאָפען — גלייך ווי א פויגעל אין א ווייכען נעסט — מיט'ן שטילען געפיהל פון ווארימקייט און גליק.

דאָס איז מיין קינדהייט.

.14

נאָכ'ן פאָטער'ס טויט.

דער פאָטער איז געשטאָרבען אין מיטען ווינטער, און די מאמע איז געוואָרען שווער קראנק, געלעגען אין גרוים היץ און גע־ראנגעלט זיך מיט'ן טויט. ערשט צום סוף ווינטער איז זי געקומען צו זיך. דאָס גרויסע הויז, וואָס האָט פריהער געהילכט פון פרעה־ליכקייט, איז געוואָרען וויסט און טרויעריג. שטיל און אומעטיג איז געוואָרען דאָס לעבען און איבערהויפט שווער זיינען געווען די לאַנגע, אונענדליכע ווינטער־אָווענדען.

מיר פלעגען אלע זיצען ארום דעם סאמאָוואר אין דעם גרוי־סען עס־צימער. עס האָט געברענט איבער'ן טיש א גרויסער הענג־לאָמפ. אָבער לעבען דעם עס־צימער איז געווען דער גרויסער זאַל, דער זעלבער זאַל, וואו ס'איז דאָ ניט לאַנג געלעגען אויף א גרויסען טיש דער טויטער קערפער פון פארשטאָרבענעם פאָטער. דער זאַל איז געווען קאלט פוסט און שווארץ, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז עס טראָגט זיך נאָך דאָרטען ארום דער אָטעם פון טויט. איך בין שוין געווען אַ גרויסער אינגעל, אָבער איך האָב מורא געהאַט ארייַנצוגעהן אין דעם זאַל אָווענד־צייט... און מיר דאכט זיך, אז נישט איך אַליין, נאָר אויך די דערוואקסענע פלעגען דאָס אויס־מיידען.

בייטאָג פלעגט אָבער פאָרקומען די „ליקווידאציע". מיין פאָטער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין שום פארמעגען; ער האָט גע־לעבט פון זיין מאָנאטליכען געהאַלט. א ביסעל חובות זיינען יאָ איבערגעבליבען — אין פארשידענע קראָמען וואו מען פלעגט גע־מען אין קרעדיט... האָבען אָנגעהויבען צו קומען קרעדיטאָרען, און עס פלעגען זיך טרעפען נישט קיין אָנגענעמע 'סצענעס. מען האָט באַשלאָסען צו פארקויפען דעם פאָטער'ס ביבליאָטעק. ס'איז גע־ווען דאָרטען א גרויסע צאָהל מעדיצינישע ביכער; עס זיינען גע־

ווען אויך פארשידענע אלטע זשורנאלען און וויים איך נאָך וואָס. א קליינעם טייל האָט מען איבערגעלאָזען ((דער קאָנסטאנטינאָ־פאָלער תנ"ך איז געבליבען). דעם רעשט האָט א בוך־הענדלער אָפגעקויפט אויפ'ן וואָג.

דאן האָט מען זיך גענומען פאקען און מען איז אריבער אויף א נייע דירה.

די נייע דירה האָט ניט געהאט אזא לוקסוס ווי די אלטע, אָבער ס'איז פאָרט געווען א גאנץ שעהנע, בעל־הבית'ישע דירה. ס'איז געווען א גאנץ גערוימער הילצערנער הויז — א באזונדערע הויז פאר אונז — אויף דער סקאָבעלעווסקער גאַס. די שוועסטער, וואָס האָט נאָר וואָס חתונה געהאט, איז צוזאמען מיט איהר מאַן פארבליבען וואָהנען מיט אונז. אין א יאָהר ארום איז ביי זיי געבאָרען געוואָרען א קינד. איך האָב געהאט א געמיינזאמען ציי־מער מיט די צוויי עלטערע ברידער (דער דריטער האָט שטודירט אין פעטערבורג); שפעטער איז איינער פון די ברידער אוועקגע־פאָהרען קיין קאָוונאָ, און נאָך שפעטער האָט א צווייטער חתונה געהאט און האָט זיך באזעצט אויף אַן אייגענער דירה. אָבער די ערשטע יאָהרען זיינען מיר געווען אלע צוזאמען.

די ערשטע זאך, וואָס פלעגט זיך ווארפען אין די אויגען באלד ביים אריינגעהן אין אונזער נייע שטוב, איז געווען א גרויסער פאָרצימער, אזוי גרויס, ווי איך האָב דאָס אין קיין אנדער דירה ביי אונז אין שטאָדט נישט געזעהן. אין מיטען צימער זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען, מיט'ן פנים צו דער אריינגאנגס־טיר, צוויי גרויסע שרענק — א בופעט און א ביכער־שראנק. זיי פלע־גען צוטיילען דאָס גאנצע צימער אויף צוויי טיילען. אין א הינ־טערשטען טייל, הינטער די שרענק, זיינען געשטאנען לענג־אויס די ווענט צוויי אלטע, גרויסע קופערס, אונזערע אלטע היימישע קופערס. אזעלכע קופערס האָב איך קיינמאָל אין די שפעטערדיגע יאָהרען ביי קיינעם נישט געזעהן. דאָס זיינען געווען גרויסע, גראָבע, שווערע הילצערנע קאסטענס, אפשר פיער פוס הויך און לאַנג ווי א בעט. זיי האָבען געהאט קליינע הילצערנע רעדער, כדי מען זאָל זיי קענען איבעררוקען פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען. אין די פריהערדיגע יאָהרען פלעגט אויף איינעם פון זיי שלאָפען דער „דיענשטשיק". מען האָט אין זיי געהאלטען די ווארימע

ווינטער־זאכען. יעדען פריהלינג פלעגט פארקומען די גרויסע צע־רעמאָניע פון פאקען די פעלצען. עס פלעגט קומען א ספעציאַליסט אין דער זאך, איינער אן אלטער איד, סענדער מיט'ן נאָמען. ער פלעגט נעמען די פעלצען, אויפהענגען זיי אויפ'ן הויף אויף לאנגע שטריק און אויסקלאפען דעם שטויב מיט א דינעם, בויגעוודיגען שטעקען; דאן פלעגט ער זיי באשיטען מיט נאפטאלין און איינ־פאקען.

הינטער די קופערס איז געווען א טיר אין אונזער צימער — דאָס צימער פון די בחורים— דאָרטען האָב איך געוואָהנט צוזאמען מיט די צוויי ברידער. אלע אינדערפריה פלעגט צו אונז אריינקו־מען וואשען זיך מיין שוואָגער. וואָרים אין אונזער צימער איז געשטאנען א באזונדערער מין וואש־טיש, גאָר א באקוועמער: נישט סתם א טיש מיט א שיסעל, נאָר אזא מין אפאראט מיט א רעהר, וואו דאָס וואסער פלעגט שפריצען ווי פון א פאָנטאַן. פלעגט דער שוואָגער זיך באוויזען אין דער פריה אין אונזער צימער, וואשען זיך און דערביי ברומען עפעס א נגון פון דעם רו־סישען קירכען־דיענסט. — ער האָט געהאט א גאנץ שעהנע שטים. ווייטער איז דאָ געווען א גרויסער צימער — א זאל און אן עס־צימער צוגלייך. ווייטער — א צימער פאר דעם שוואָגער מיט מיין שוועסטער; דאן א צימער פאר דער מאמע, און נאָך א צימער, וואו עס פלעגט וואָהנען אונזערע א ווייטע קרובה, וואָס פלעגט פיהרען די בעל־הבית'ישקייט. ביי דער קיך איז געווען א צימער פאר די דינסט־לייט. אין די שפעטערדיגע יאָהרען, ווען איך בין שוין געווען טעטיג אין דער באוועגונג, פלעג איך זיך שפעט ביינאכט אומקעהרען דורך דער קיך און עס פלעגט מיר עפענען די זעלבע אַלטע קעכין, וואָס האָט ביי אונז געדיענט נאָך אין גאַלי־ציעווויטש'עס הויז און אפילו נאָך פריהער, די אַלטע, ליעבע „פאני מיכאַלינאַ".

דאָס איז געווען מיין לעצטע דירה אין מינסק. איך האָב דאָרטען פארבראכט — מיט אונטערברעכונג — איבער אכט יאָהר, ביז וואַנען איך האָב זיך אין גאנצען אָפּגעזעגענט מיט מיין היים. דאָרטען האָב איך דורכגעלעבט מיינע עלטערע גימנאַזיע־יאָהרען. דאָרטען פלעג איך קומען פארברייננגען די וואקאציעס אלס סטודענט; דאָרטען האָב איך אָנגעהויבען מיין רעוואָלוציאָנערע

ארבייט; דאָרטען בין איך אַ פּאָר מאָל ארעסטירט געוואָרען, פון דאָרטען בין איך אַנטלאָפען אין אויסלאַנד. דאָרטען איז אויך געשטאָרבען מיין מוטער.

מיר האָבען זיך באַלד צוגעוועהנט צו דער נייער דירה. זי איז געוואָרען היימיש און ליעב. און ביסלעכווייז איז ביי אונז אין דער היים צוריק געוואָרען לעבעדיג און פרעהלאַך, אמת, ניט אַזוי רוישיג ווי ביי גאַליניעוויטש'ען, אָבער עס האָט זיך געלעבט גאַנץ גוט.

אכט יאָהר לעבען אויף איין אָרט איז נישט קיין קליינינקייט. איך בין אויפ'ן אינטימסטען אופן צונויפגעוואַקסען געוואָרען מיט'ן שטיבעל אויף דער סקאָבעלעווסקער גאַס. און אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ווען דאָס לעבען האָט מיך פארטראָגען אין דעם וויטען אויסלאַנד, און איך האָב געפיהלט אַ שטאַרקע בענקשאַפט אהיים, האָב איך געבענקט ניט סתם נאָך רוסלאַנד און ניט סתם נאָך מיין פאָטער־שטאָדט, נאָר דוקא נאָך דער דאָזיגער דירה, וועלכע איז געווען פאַר מיר דער צענטער און די פארקערפּערונג פון מיין היים און פון מיין יוגענט. און ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז מען האָט — שוין נאָך מיין אָפּפאָהרען — פארלאָזען דאָס אַלטע נעסט און זיך איבערגעקליבען ערגעץ אין אַ נייע, אונבעקאַנטע הויז, — דעמאָלט האָב איך זיך ערשט געפיהלט ווי אַן אמת'ער היימלאָזער נע־ונד'ניק. דער שעהנסטער חלום מיינער, אַז איך וועל זיך אַמאָל אומקעהרען צוריק דאָרטען, וואו איך האָב פארבראַכט די ליכטיגע יוגענט־יאָהרען, איז געוואָרען צו נישט. איך האָב פאַרלוירען מיין היים.

.15

די ערשטע ליטעראַרישע מפּלה.

די אַמאָליגע רוסישע שולע איז געווען אין אַ געוויסען זין אַ מין משה קאַפּויר. מענשען, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרען באַדייטענדע רוסישע שרייבער, פלעגען אין דער גימנאַזיע האָבען אַ שם פון גאָר שלעכטע שילער, און ספּעציעל מיט דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור (ווי זי איז געלערנט געוואָרען אין קלאַס) פלעגען זיי האָבען די גרעסטע צרות. און פאַרקעהרט, ווען אַ שילער פלעגט מאַכען גוטע ערפאָלגען און ווערען דער ערשטער אין קלאַס, איז עס געווען אַ סימן, אַז אין לעבען וועט ער צו קיין זאַך ניט טויגען און וועט ווערען אַ מיטעלמעסיגער טויג־מענש.

ס'איז אַ גליק וואָס אין יענע יאָהרען האָב איך ניט געוואוסט וועגען דעם דאָזיגען משונה'דיגען כלל. ווען נישט, וואָלט איך געדאַרפט אַריינפאַלען אין דעם פינסטערען פּעסימיזם. ווייל איך האָב זיך גראָד געלערנט גוט און בין יאָהרען־לאַנג געווען טאַקע דער ערשטער שילער אין קלאַס. און דוקא אין דער רוסישער שפּראַך פלעג איך מאַכען די בעסטע ערפאָלגען. מען פלעגט מיך ארויסרופען דעקלאַמירען — אפילו עפענטליך, אין די ליטעראַרישע אָווענדען, וואָס די גימנאַזיע פלעגט איינאָרדנען — די ווערק פון די רוסישע קלאַסיקער, און די געשריבענע ארבייטען מיינע פלעגט מען מאַנכעס מאָל פאָרשטעלען דעם קלאַס אלס מוסטער, און עס פלעגען זיך שיטען אויף מיר סאַמע פינפערלאַך אָהן אַ שיעור.

די פינפערלאַך — דאָס מיין איך ניט, חלילה, די מטבע, איך מיין די ציפער, וואָס מען פלעגט אויסשטעלען אין קלאַס צו באַצייכענען די ערפאָלגען פון דעם שילער. יעדעס מאָל ווען מען פלעגט ארויסרופען אַ שילער אָדער מען פלעגט איבערקוקען זיינע אַ געשריבענע זאַך פלעגט דער לעהרער אָנשרייבען אין זשורנאַל איינע פון די פינף ציפערן — פון איינס ביז פינף. פינף — דאָס

האָט געהייסען זעהר גוט ; פיער — גוט ; דריי — באַפרידי־גענד ; און איינס (אַ „קאָל" — אַ דראַנג, ווי מען פלעגט דאָס רופען ביי אונז) — דאָס איז שוין געווען גאָר שלעכט, דאָס איז שוין געווען אַ קאַטאַסטראָפע, און דאָס פלעגט זיך טרעפען אין דעם גאַנצען קלאַס איינמאָל אין אַ יובל.

ווי געזאָגט פלעג איך געוועהנליך קריגען פינפערלאַך, אַמאָל — פיערען, וועניגער ווי פיער האָב איך, דאכט זיך, קיינמאָל ניט געקראָגען — אין די אינגערע קלאַסען, וועניגסטענס. און אַזוי אַרום האָב איך געדאַרפט האָבען פאַר דער צוקונפט די טרויעריגסטע פערספּעקטיווען.

אַזוי איז עס געווען ביז'ן פינפטען קלאַס. אין פינפטען קלאַס האָט מען אָנגעהויבען צו לערנען מיט אונז די געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור און באַלד אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָט מען ביי אונז געשטעלט די ערשטע שריפטליכע אַרבייט. אויך פריהער פלעגען מיר שרייבען רוסישע „סאָטשיניעניעס", דאָס זיינען אָבער געווען דאָס רוב באַשרייבונגען פון נאַטור־געשעהענישען. אָבער איצט האָט מען אונז געגעבען גאָר אַן אַנדער טעמאַ : „די באַדיי־טונג פון די קריסטליכע פּרעדיגער אין דעם אַמאָליגען רוסלאַנד". דער לעהרער פון דער רוסישער ליטעראַטור איז געווען ביי אונז יענער „מיכאַלקאַ", פון וועלכען איך האָב שוין פריהער גערעדט ; דערזעלבער, וואָס פלעגט ניט לייענען קיין צייטונגען. אַ טעמפּער און אַ באַגרענצטער מענש, האָט ער נישט געקענט פאַראינטערעסי־רען דעם קלאַס מיט זיין געגענשטאַנד. און ס'האָט זיך שוין אויס־געאַרבייט אַ טראַדיציע, ווי אַזוי אָפּצו'פּטר'ן די שריפטליכע אַרבייטען. די שילער פלעגען זיך אַ לאָז טאָן אין איינע פון די דריי בוכהאַנדלונגען, וואָס זיינען געווען אין מינסק — אַלע דריי אויף דער גובערנאַטאָרסקע גאַס — אַנטלייהען דאָרטען אַ פּאָר לעהר־ביכער (חוץ דעם אָפיציעלען לעהר־בוך פון סמיר־נאָווסקי, וואָס מיר פלעגען באַנוצען אין קלאַס, זיינען דאָרטען געווען נאָך עטליכע אַנדערע, מיט אַביסעל מעהר אינהאַלט) און איבערשרייבען פון דאָרטען גאַנצע שטיקער. אין דעם איז באַ־שטאַנען די גאַנצע אַרבייט. מיר האָט זיך אָבער פאַרוואָלט צו טאָן די זאַך אויף אַן אַנדערען אופן. איך האָב ניט געוואָלט אי־בערשרייבען. איך האָב געוואָלט אָנשרייבען די זאַך זעלבסט־

שטענדיג, פון קאָפּ ארויס. און אזוי האָב איך עס געמאכט. אלס ערשטער שילער בין איך געווען זיכער, אז איך וועל דאָס מאכען גוט. איך האָב אָפּגעגעבען דאָס העפט אין דעם באַשטימטען טאָג און רוהיג געוואַרט אויף א פינפערעל.

עס זיינען אריבער עטליכע טעג. דער לעהרער קומט אין קלאַס מיט דעם פּעקעל העפטען אונטער דעם אָרים און הויבט אָן זיי פאַנאַנדערצוגעבען. איינער נאָך דעם צווייטען באַקומען די שילער יעדער זיין העפט און זיין פּסק. דאָס פּעקעל ווערט אַלץ דינער, אָבער מיין העפט איז אַלץ נישטאָ. אהא — מיין איך — ער לאָזט מיך איבער צום סוף: מסתמא, די בעסטע ארבייט; ווייל ער זי איבערלייענען אלס מוסטער. און ענדליך נעהמט ער זיך טאַקע צו מיר. און ער הויבט אָן צו לייענען שורה ביי שורה, וואַרט ביי וואָרט און... ער לאַכט. ער לאַכט מיך אויס. ער מאַכט פון מיר חוזק, מיט גאַל, מיט שפּאָט, אונברחמנות׳דיג. יעדער געדאַנק מיינער איז פאַר איהם א נאַרישקייט, יעדער אויסדרוק מיינער — א מיאוס׳קייט, א גרייל. און ער לייענט, און ער רעדט, און ער וויצעלט זיך, און דער גאַנצער קלאַס קייקעלט זיך פון געלעכטער. און אז איך באַקום צוריק מיין העפט, איז עס פול מיט רויטע שטריכען און צייכענס, און אונטען שטעהט א גרויסער, רויטער, פעטער „דראַנג". איך האָב באַקומען אַן איינס!

ס׳איז מיר געוואָרען פינסטער אין די אויגען. איך, דער ערשטער שילער, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט ווענינער ווי פיער, קריג דעם „דראַנג", א זעלטענהייט אפילו פאַר׳ן סאַמע לעצטען גראָבען יונג. ס׳איז געווען א שרעקליכער קלאַפּ, אַן אמת׳ע קאַטאַסטראָפע. איך האָב ניט געוואוסט וואו זיך אהין צו טאָן, איך האָב ניט געהאַט דעם מוטה אהיים צו קומען. איך האָב ניט געהאַט די קראַפט צו קוקען דער מאַמען אין די אויגען. און ס׳איז געווען א געפיהל פון א ביטערער עולה, אַן אונגערעכטע, אונפאַרדינטע עולה.

היינט צו טאָג, ווען איך דערמאָן זיך וועגען דעם, בין איך זעהר צופרידען. עס וואָלט געווען א סך ערגער, ווען איך וואָלט באַקומען א פינף. דאָס וואָלט טאַקע געמיינט, אז איך וועל קיין שרייבער ניט ווערען. ווייל דער לעהרער איז טאַקע געווען

א גאנץ גראָבער יונג, אָהן א ברעקעל ליטעראַרישען געשמאַק. אלץ, וואָס איז ארוים פון די ראַהמען פון אָפיציעלער פלאַפּלערײַ, האָט איהם ממש געריצט די נערוועז, און זײַן אויפרעגונג איבער מײַן שרײַבעכץ איז טאַקע געווען א סימן, אז איך האָב זיך ניט געהאַלטען אָן דעם אָפיציעלען שאַבלאָן, אז איך האָב ארויסגעוויזען א שטיקעל פערזענליכען סטיל. דער „איינס" פון מיכאַלקאַ איז דעריבער געווען אן אמת'ע סמיכה אויף שרײַבערײַ. דעמאָלט האָב איך דאָס אָבער ניט פאַרשטאַנען, און ס'איז געווען זעהר ביטער.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך שוין באַקומען א „צווייערעל". פון דריטען מאָל אָן האָב איך שוין גענומען גנב'ענען פון די לעהר־ביכער און גע'פועל'ט א „דרייער", און ביי דעם איז עס גע־בליבען.

.16

מיין שוואָגער זשאַבאַ.

מיין שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסט, פּאַוועל יאָסיפּאָוויטש זשאַבאַ, אַ מאָסקווער רוס, וואָס האָט געדינט אין אונזער שטאָדט אַלס אָנגעשטעלטער פון דער אייזענבאַהן. לויט דער אָפּשטאַמונג איז ער אייגענטליך געווען אַ פּאָלאַק, ווענינ־סטענס פון פאָטער'ס צד, אָבער אין גאַנצען אַ רוסיפיצערטער. זיין זיידע האָט זיך נאָך באַטייליגט אין דעם פּוילישען אויפ־שטאַנד פון 1831, זיין פאָטער איז געווען פארמישט אין דעם אויפשטאַנד פון 1863. אַלס שטראָף האָט מען ביי איהם צוגע־נומען זיין מאַיאָנטעק (ס'איז דאָ פאַראַן לעבען בריסק אַ סטאַנציע „זשאַבינקאַ" — דאָרטען האָט זיך אַמאָל געפונען זייער ערד־באַזיץ) און אַרויסגעשיקט איהם אין טיף רוסלאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין מאָסקוואַ, האָט דאָרטען חתונה געהאַט מיט אַ רוסי־שער מיידעל, און די קינדער זיינען אויפגעוואַקסען דורך דעם אַלס רוסען, אָהן קיין שום שייכות צו דער פּוילישקייט. מיין שוואָגער האָט ניט פארשטאַנען קיין וואָרט פּויליש און האָט זיך אפילו באַצויגען צו די פּאָלאַקען מיט אַ געוויסען אומ'חן, וואָס פלעגט זיך טרעפען ניט זעלטען אין געוויסע קרייזען פון דער רוסישער געזעלשאַפט.

איך האָב זיך זעהר שטאַרק צוגעבונדען צו איהם, און ער האָט מיך אויך ליעב געהאַט. מיר זיינען געוואָרען גוטע פריינד און פלעגען אַ סך פארברייגנען צוזאַמען . ער איז געווען זעהר אַ הויכער, שעהנער, פרעהליכער יונגערמאַן. פאַר אַן אינגעל ווי איך איז זיין געזעלשאַפט געווען אַן אמת'ער אוצר. ער האָט אַליין געהאַט אין זיך אַ סך אינגעלשעס, וואָס האָט אונז נאָך מעהר דערנעהענטערט איינעם צום צווייטען. אַזוי, למשל, האָט ער געוואַלטיג ליעב געהאַט פארשידענע מיליטערישע פּאַ־

ראדען און קריסטליכע צערעמאָניעס. װעגען מיר איז דאָך געװען אָפּגערעדט. קוים פלעגט זיך טרעפען אין שטאָדט א פאראד, האָב איך בשום אופן ניט געקענט איינזיצען אין דער היים ; איך האָב געמוזט לויפען א קוק טאָן. איז ער אויך געװען דאָ. טרעפט זיך, אז עס פאָהרט אדורך דורך אונזער שטאָדט עפּעס א גרויספירשט אָדער א גרויסער גענעראל, מוז איך לויפען אויפ'ן װאקזאל א קוק טאָן אויף דעם נפש און זשאַבאַ איז אויך דאָ. טרעפט זיך א שרפה אין שטאָדט, איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אז איך מוז פליהען אהין אויף װאָס די װעלט שטעהט ; װעמען געפין איך דאָרטען ? זשאַבאַ איז דאָ. און אומעטום דוקא אויפ'ן ערשטען אָרט. איך אלס קליי־נער גימנאזיסטעל קען ניט האָבען אזא זכיה, איך מוז זיך נעבאך ארומדרעהען הינטער דער קייט פון די פּאָליצלייט און זעלנער, צווישען דעם פּראָסטען עולם. אָבער זשאַבאַ געהט אומעטום דורך און קיינער שטערט איהם ניט. פאַרװאָס ? גלאט אזוי. ער איז געגאַנגען מיט אזא מינע, װי ער װאָלט געװען ספּעציעל איינגעלאדען : זיכער, דרייסט און שטייף. א הויכער מענש מיט אן אימפּאָזאנטע געשטאַלט איז ער געװען, און א יוניפאָרם־היטעל האָט ער געטראָגען, איז עס געװען גענוג, פלעגט ער אויף א פאראד שטעהן דוקא לעבען דעם קאָרפּוסנעם קאָמאַנ־דיר, און אויף א שרפה — לעבען דעם פּאָליצמייסטער, און ביי א גאָטעס־דינסט — לעבען דעם גובערנאַטאָר. פלעגט זיך טרעפען אז איך האָב אויך געקענט נאַשען פון זיין זכות, פלעג איך דאָס געװיס מאכען מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען. און אז עס איז ניט געװען אונטער דער האַנט עפּעס אן אויסערגעװעהנליכע פּאַסי־רונג, פלעגען מיר גלאט ארומשפּרייזען איבער דער שטאָדט און הינטער דער שטאָדט. אין א באָד פלעגען מיר אריינקומען צו־זאַמען, און אין א קירך, און אויפ'ן בית עולם, און אין פּוילישען „קאָסציאָל" און אומעטום פלעגט ער זיך פיהלען היימיש. טאַקע װעגען קאָסציאָל געדענק איך װי מיר האָבען זיך אמאָל א לאָז געטאָן אהין, און בעת מיר זיינען אריין האָט גראָד דער גאַנצער עולם געזונגען. שטעלט זיך אװעק זשאַבאַ אין זיין גאַנצער גרויס אין מיטען קאָסציאָל און הייבט אָן צו זינגען. װאָס ? װען ? קיין װאָרט פאַרשטעהט ער ניט און װייס ניט ; נאָר גאָר ניט,

ער זינגט, גלייך ווי יער וואָלט דאָרטען פאַרבראַכט צעהנדליגע יאָהרען. ס׳איז מיר „געוואָרען פינסטער אין די אויגען, קוים וואָס איך האָב איהם ארויסגעשלעפּט אין גאס.

אן אנדער מאָל זיינען מיר געגאַנגען אויפ׳ן דאך פון דער גרויסער פּראַוואָסלאַוונער קירך, פון דעם „סאָבאָר״. וואָס האָבען מיר געזוכט אויפ׳ן דאך? די מעשה איז געווען אזא: מען האָט דעמאָלט געהאַלטען ביים איבערבויען די קירך אויף דאָס ניי, האָט מען אויפגעבויעט ארום און ארום הויכע הילצערנע גע־שטעלען, און אויבען איז געגאַנגען די ארבייט. עס פאַרשטעהט זיך, אז די גאַנצע קירך איז ארומגעצוימט געוואָרען מיט א פּאַר־קאַן, און קיינער האָט ניט געטאָרט אריינגעהן. איז אָבער זשאַבאַ א מענש מיט דרייסטקייט, פרעגט ער ביי קיינעם ניט און געהט אריין, און איך געה מיט איהם צוזאמען, און מיר קריכען ארויף אויפ׳ן סאמע שפּיץ און באַקוקען די ארבייט, און דער עולם מיינט, אז דאָס איז עפּעס א מין „נאַטשאַלסטוואָ״ און באַציהט זיך צו אונז מיט׳ן גרעסטען דרך ארץ. זשאַבאַ אָבער פיהלט זיך ווי א פיש אין וואסער. מיר געהען ארויף אויפ׳ן דאך, און דאָרטען פאַרנעהמט זיך גראָד אן ארבייטער מיט אריינ־זעצען אין דעם בלויען בלעך פונ׳ם קופּאָל גאָלדענע שטערען. שטעלט זיך אוועק זשאַבאַ לעבען איהם, קוקט א ווײַלע, דערלאַנגט א שאָקעל מיט׳ן קאָפּ און לאָזט ארויס א באַפעהל:

„זאָלסט אריינזעצען די שטערען געדיכטער!“

אזא מענש איז געווען מיין שוואָגער. איך אליין בין געווען גאָר ניט קיין דרייסטער, און זיין שטייפער האַלטען זיך האָט מיר שטאַרק אימפּאָנירט. א חוץ דעם איז געווען א פאַרגעניגען צו פאַרברייגגען מיט איהם. געשמועסט האָבען מיר וועגען טויזענ־טער זאכען, און זינגען פלעגען מיר אָהן א שיעור. ביי אונז אין דער היים פלעגט מען שטענדיג זינגען: זשאַבאַ, מיין עלטערער ברודער און איך. ניט עפּעס ספּעציעל אוועקשטעלען זיך און זינגען, נאָר אזוי, צופעליג. זיצט זשאַבאַ און הויבט אָן צו ברומען עפּעס א קירכליכען נגון אָדער א פאָלקס-ליעד, מוז איך שוין אָנהויבען אונטערצוברומען די צווייטע שטימע, און אז מיין ברודער איז דאָ, איז צו ער קען, צו ער קען ניט דאָס ליד, נאָר מוזיקאַליש ווי ער איז, פלעגט ער שוין באַלד אויפ׳ן אָרט ארויס־

געפינען אַ דריטע שטימע, און עס הילכט שוין אַ גאַנצע טריאָ. טריאָ. זשאַבאַ האָט געהאַט אַ שעהנע שטימע, מיר אַנדערע צוויי האָבען קיין שום זינג־שטימען ניט געהאַט, אָבער געזונגען האָבען מיר און עס האָט אונז הנאה געטאָן.

אָבער דאָס וויכטיגסטע, וואָס איך האָב באַקומען פון מיין שוואָגער, איז געווען דער אינטערעס צו די פּאָליטישע פּראָ־גען. וועגען דעם דאַרף איך דערצעהלען באריכות.

.17

פּאָליטישע השגות.

מיין שוואָגער איז געווען אַ ליבעראַל. אין די שפּעטער־דיגע יאָהרען האָט ער זיך אָרוק געטאָן מעהר אויף לינקס, און אין יאָהר 1905 איז ער געוואָרען דער אָנפיהרער פון דעם גרויסען אייזענבאהן־סטרייק ביי אונז אין מינסק. דעמאָלט האָט מען איהם ארעסטירט, פארפיהרט געגען איהם אַ פּראָצעס און פאַר־משפט צו צוויי יאָהר פעסטונג. אָבער אין יענע, פריהערדיגע יאָהרען איז ער געווען אַ מעהר מעסיגער מענש, אַ ליבעראַל, אַ קאָנסטיטוציאָנאַליסט. ער פלעגט זיך זעהר שטאַרק אינטערע־סירען מיט פּאָליטיק, און האָט זיך גענומען אויך ביי מיר אויפצואוועקען דעם פּאָליטישען אינטערעס. איך פלעג אויך פריהער אריינקוקען אין אַ צייטונג, אָבער געלייענט דאָרטען האָב איך דוקא ניט די פּאָליטישע ארטיקלען, נאָר אַנדערע, גרינגערע זאכען. האָט מיר זשאַבאַ אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס וויכ־טיגסטע אין דער צייטונג איז ניט דער פעליעטאָן אָדער די ער־צעהלונג, נאָר דוקא דער לייט־ארטיקעל, דער עדיטאָריעל. האָב איך טאַקע געפּרופט לייענען די לייט־ארטיקלען, אָבער עס איז געווען שווער צו פאַרשטעהן. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָב איך ערגעץ וואו אין אַ בעלעטריסטישער זאַך געפונען אַ גוט ווערטעל פון אַ פּראָסטען מענשען, וואָס האָט זיך גענומען לייענען די פּאָליטישע ארטיקלען אין די בלעטער: איך הויב זיי ניט אָן צו פאַרשטעהן, האָט ער געזאָגט, דאָס זעהט אוים ווי אַ פאָרטזעצונג פון אַ פריהערדיגער זאַך, און דעם אָנהויב קען איך ניט. אָט אַזאַ איינדרוק האָב איך אויך געהאַט. עס שווימען און גריבעלט מיט פאַרשידענע נעמען און ווערטער און געשעהענישען, וואָס זיינען פריהער פאָרגעקומען; מען ערקלערט ניט, וואָס דאָס איז אַזעלכעס, — מען דענקט מסתמא, אַז דער לעזער וויים דאָס

אליין; איך וויים עס אבער ניט, און איך הויב ניט אן צו פאר־שטעהן, וועגען וואס מען רעדט. ס'איז פונקט, ווי א שילער וואלט דורכגעלאזט די לעקציעס אין קלאס אין משך פון עטליכע חדשים. ער קומט דאן אריין און ער הערט ווי מען רעדט וועגען פאר־שידענע זאכען, וואס די איבעריגע שילער האבען זיך אין דער צייט באקאנט מיט זיי, וואס זיינען אבער פאר איהם א מין טאטערשע שפראך. אזא טאטערשע שפראך זיינען פאר מיר געווען די פא־ליטישע ארטיקלען. דערצו האט די רוסישע ציימונג אין יענע יאהרען ווען ס'האט געהערשט א שטרענגע אונ'ברחמנות'דיגע צענזור, גערעדט מיט א האלבען מויל, און מען האט געדארפט האבען א געוויסע געניטקייט כדי צו פארשטעהן, וואס מען מיינט דא. ביי אונז אין הויז פלעגט מען באקומען א בלאס־ליבעראלע צייטונג „נאוואסטי". פלעגט זיך די צייטונג האלטען גאר פאר־זיכטיג. וועגען פראגען פון רוסישער פאליטיק פלעגט זי אין גאנצען ניט שרייבען. און אין די לייט־ארטיקלען פלעגט זי זיך פארנעהמען מיט עצות פאר'ן אויסלאנד; היינט האט מען גע'דאגה'עט וועגען די איטאליענישע פינאנסען, מארגען וועגען ענגלישע קאלאניעס, איבערמארגען וועגען א מיניסטארען־קריזיס אין פראנקרייך. פאר מיר איז דאס אלץ געווען אבסאלוט אונ־פארשטענדליך, און געשריבען האט מען אזוי נודנע, אז ניט קוקענ־דיג אויף זשאבא'ס עצות האב איך פון יענער צייט אן באקומען א שטארקען אומ'חן צו די לייט־ארטיקלען, און פון דער דאזיגער קרענק קאן איך ביז'ן היינטיגען טאג ניט פטור ווערען, ס'איז פאר מיר גרינגער אליין אנצושרייבען, ווי איבערצולייענען א געדרוקטען לייט־ארטיקעל.

א סך מעהר האבען מיר געגעבען די שמועסען, וואס זשאבא האט מיט מיר געפיהרט. אליין איז ער ניט געווען — ווענינ־סטענס אין יענע יאהרען — קיין רעפובליקאנער. צו דעם קייזער פלעגט ער זיך באציהען מיט גרויס דרך ארץ. ער האט מיר אבער ערקלעהרט, אז דער בעסטער קייזער קאן נישט וויסען אלץ וואס עס טוט זיך אין לאנד. ער רעגירט מיט דער הילף פון די מיניסטארען, און די מיניסטארען טוען וואס זיי ווילען; קומען פאר פארשידענע מיסברויכען, עס הערשט אן אומרעכט, מען נעהמט כאבאר און עס איז ניטא קיין ריכטיגע

אָרדנונג. דאַרף מען די מיניסטאָרען קוקען אויף די פינגער, און דאָס קאָן טאָן נאָר א פּאַרלאַמענט, אויסגעקליבען פונ׳ם פאָלק. כדי עס זאָל זיין אזוי, דאַרף מען האָבען א קאָנסטיטוציע.

דאָס איז געוועזן זעהר פּשוט און זעהר קלאָר. ער האָט זיך מיר גרינג געלייגט אויפ׳ן שכל, און איך בין געוואָרען אן אָנ־הענגער פון א קאָנסטיטוציע.

אָבער דיעז קייזער האָב איך פּאָרט ליעב געהאַט. גראָד אין יענער צייט איז אַלעקסאַנדער דער דריטער געוואָרען גע־פעהרליך קראַנק. ער איז געלעגען אין ליוואַדיע, און אַלע טאָג פלעגט מען אויסהענגען אויף די גאַסען ביולעטינס וועגען דעם צושטאַנד פון זיין געזונט. סאַי מיין שוואָגער, סאַי איך, האָבען מיט א פאַרהאַלטענעם אָטעם פאַרפאָלגט דעם גאַנג פון דער קראַנקהייט. די געשטאַלט פון א קייזער איז אין מיין פאַנטאַזיע געוועזן ארומגערינגעלט מיט א געוואַלדיגען ראָמאַנטישען חן. ס׳איז געוועזן פאַר מיר עפּעס א געהיימניספולע פּערזאָן, ווייט פון אונז אַלעמען, הויך, איבער די וואָלקענס. איך האָב אייגענט־ליך ניט געוואוסט, צי איז ער א גוטער, צי איז ער א שלעכטער. געהערט האָב איך פון איהם געוועהנליך נאָר גוטעס, ווייל קיין שלעכטעס פלעגט מען ניט טאָרען שרייבען, און די קלענסטע מעלה זיינע פלעגט מען פאַנאַנדערבלאָזען אָהן א שיעור און אָהן א ברעג. אָבער נישט דאָס איז געוועזן וויכטיג, דאָס וואָרט אליין „דער קייזער“ איז שוין געוועזן גענוג כדי אויפצואוועקען אין הארצען א ציטער פון דרך ארץ און צוגעבונדענקייט. און מיט הארץ־קלאַפּעניש פלעג איך לויפען אַלע טאָג אין גאַס לייענען די ביולעטינס וועגען דעם קייזער׳ס קרענק.

דעם קייזער׳ס קרענק האָט מיר געשאַפען עגמת נפש. על פּי חוב האָב איך געוואונשען ער זאָל ווערען געזונט, אָבער גלייכ־צייטיג האָב איך דערשפּירט אין זיך אן אַנדער מין געפיהל. דאָס דאָזיגע געפיהל האָט געהאַט אין זיך א מין פאַרברעכערישען עלע־מענט, און איך האָב דאָס געטריבען פון זיך, אָבער עס איז פּאָרט געוועזן, און איך האָב נישט געקענט פּטור ווערען פון איהם. ס׳איז געוועזן דער זעלבער דורשט נאָך דער ערפילונג, נאָכ׳ן דער־גערהן צו דער העכסטער מאָס, וואָס איך האָב שוין געהאַט מיט יאָהרען פריהער, אין דרוסקעניק; ביים דורכפאָהרען פון די

קאַזאַקען. דעמאָלט האָט מיך פּאַרדראָסען, אַז די קאַזאַקען זיינען געגאַנגען אין קליינע אָפּטיילונגען. איך האָב געגאַרט נאָך גרע־סערע מאַסען, נאָך די סאַמע גרעסטע מחנות, נאָך דער פאָלקסטער מאַס און העכסטער מדרגה. דעמאָלט איז עס געווען אַן אומשול־דיג געפיהל. איצט האָב איך געשפּירט עפּעס עהנליכעס, אָבער אויף אַן אנדער שטייגער. איך האָב געפיהלט : די קרענק פון צאַר איז אַ גרויסע פּאַסירונג, אַ וויכטיגע געשעהעניש. איך האָב אָבער אין זיך אַ דורשט נאָך אַזעלכע געשעהענישען, וואָס זאָלען זיין נאָך גרעסער, נאָך וויכטיגער, נאָך מעהר אויפרע־גענד. עס הויבט זיך אויף אַ כוואַליע פון דראַמאַטישע אָנשפּאַ־נונג איך וויל, אַז די דראַמאַ זאָל זיך פאַנאַנדערוויקלען מיט'ן העכסטען ברען. איך לעבע נאָך גאַר שטאַרקע איינדרוקען. איך פיהל... איך האָב מורא דאָס צו זאָגען זיך אַליין. איך בין אַ 15־יעהריגער איינגעל, וואָס האַלט שטאַרק פון גייסטיגער ריינ־קייט און גוטסקייט, אָבער איך פיהל פאָרט, אַז טאָמער וועט זיך אַלץ ענדיגען בשלום, און דער קייזער וועט ווערען געזונט, וועט דאָס זיין... אַן ענטוישונג, און אַט מיט די דאָזיגע גע־מישטע געפיהלען האָב איך געלייענט די ביולעטינס.

און דאַן איז געקומען דער טאָג פון 20־טען אָקטאָבער, 1894. די לעצטע ביולעטינס זיינען געווען גאָר שלעכטע. מען האָט שוין געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז קיין האָפנונג איז נישטאָ, און פון איין שעה צו דער צווייטער האָבען מיר געוואַרט אויף די ענט־שיידענע נאַכריכט. און זי איז געקומען. ס'איז געווען שפּעט אין אָוונט. מיין שוואָגער איז נישט געווען אין דער היים. ער איז געגאַנגען אין זיין ביוראָ, וואו ער פלעגט האָבען עפּעס אַן אָוונט־ארבייט. ס'איז געווען אפשר צעהן אַ זייגער אין אָוונט. איך האָב געוואַרט, און ענדליך איז ער געקומען. אַ בלאַסער, אַן אויפגערעגטער. אריין אין שטוב און ארויסגעזאָגט מיט אַ פייער־ליכער שטים די קורצע, פייערליכע ווערטער : „דער אימפּעראַ־טאָר איז נפטר געוואָרען". און ס'איז געוואָרען שטיל אין צימער.

איך בין געווען ערשיטערט. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז די שטאָדט איז אויפגערודערט פון אויבען ביז אראָפּ. איך האָב געמיינט, אַז די גאַסען זיינען פול מיט מענשען און אַז גרויסע,

שווארצע מחנות שפרייטען זיך אוים פון איין עק שטאָדט צום צווייטען אין א שטילען טרויער, מיט א באהאלטענעם וועהטאָג. איך האָב געהאט דעם איינדרוק, אז דאָס גאנצע לעבען שטעלט זיך אָפּ, און א טרויעריגער יום־טוב הערשט ארום און ארום. אין דער פריה בין איך געגאנגען אין גימנאזיע. איך האָב נישט גע־נומען מיט זיך קיין שום ביכער און העפטען. עס האָט זיך נישט געקאָנט לייגען אויפ׳ן שכל, אז עס קאָנען פּאָרקומען די געוועהנליכע, וואָכעדיגע לעקציעס. אָבער אויף די גאס איז אַלץ געווען רוהיג און וואָכעדיג ווי אַלע טאָג. ארום די פרישע ביולע־טינס מיט די גרויסע שווארצע רעמלעך, זיינען געשטאַנען קליינע גרופּקעס מענשען, אָבער דאָס לעבען איז געגאנגען מיט זיין גאנג, די געוועלבער זיינען געווען אָפען, און ווען איך בין געקומען אין קלאָס, האָב איך איבערגעלעבט א ביטערע ענטוישונג: מען האָט געהאַלטען ביים אָנהויבען די לעקציע.

ס׳איז מיר געוואָרען ביטער אויפ׳ן הארצען. ערשטענס, האָט מיך שטארק פארדראָסען אויף זייער גלייכגילטיגקייט: ווי קען מען דאָס אָפּגעבען זיך מיט דער וואָכעדיגער לעהרע, ווען עס האָט זיך געטראָפען אזא זאך! און צווייטענס, האָב איך אויף מיינע אייגענע פאראנטווארטליכקייט זיך פארמאָסטען צו קומען אָהן דעם רענצעל, אָהן ביכער און אנדערע מכשירים. און איך קען דערפאר קריגען גאָר א מיאוס׳ען פּסק. אָבער אין א האלבע שעה ארום האָט מען די לעקציעס איבערגעריסען. מען האָט אונז אויסגעשטעלט אויפ׳ן גימנאזיע־הויף און געפיהרט אלעמען — קריסטען און אידען צוגלייך — אין דעם גרויסען סאָבאָר צו דעם טרויער־גאָטעסדיענסט. און דאָ איז ווייטער געווען אן ענטוישונג. דער עולם איינגלאך האָט געשטיפּט און געפיהרט זיך שלעכט. די חברה האָט נישט אָנגעהויבען צו פארשטעהן, צו שפּירען די גאַנ־צע הייליגקייט פון דעם מאָמענט. מען האָט זיך געשטופּט אין דער גרויסער ענגשאפט, און געלאכט און געשושקעט זיך; און די אידישע שילער האָבען זיך געפיהרט אין דער רוסישער קירך פּונקט אזוי שקציש ווי די קריסטליכע. און איינער א חבר, זעהענדיג מיין פארדרוס, האָט צו מיר צוגעשושקעט, ווייזענדיג מיט פארדרוס אויף די לצים: „אָן אמת אידישע חוצפּה!“ די דאָזיגע באמערקונג האָט מיר, פארשטעהט זיך,

פארשאפט זעהר ווענינ הנאה און נאך מעהר איבערגעפיהרט די שטימונג.

דעם צווייטען טאג האט מען אונז צונויפגעקליבען אין אונזער גימנאזיע־קירך, און מיר, די שילער פון די עלטערע קלאסען, האבען געשווארען א שבועה דעם נייעם קייזער, ניקאלאי דעם צווייטען. קיין ריכטיגע פייערליכע שטימונג איז אויך דאס מאל נישט געשאפען געווארען.

דאן זיינען די צייטונגען פול געווארען מיט פאטעטישע באשרייבונגען פון דער פייערליכער לויה, און איך האב געשלונגען יעדעס ווארט. און אין עפעס א מאנאטליכען זשורנאל האב איך צו יענער צייט איבערגעלייענט א גרויסען ארטיקעל, געווידמעט דער פאליטיק פון דעם פארשטארבענעם צאר. דער זשורנאל איז גראד געווען א שווארץ־מאה'דיגער. איך פלעג זיך אבער נישט פאנאנדערקלייבען אין אזעלכע זאכען. איך פלעג זיך נאך באציהען מיט אן אונבאגרענעצטען צוטרוי צו דעם געדרוקטען ווארט. און נאכדעם ווי איך האב איבערגעלייענט דעם פייער־דיגען שבח־ליעד, האב איך פארנאטירט אין מיין טאג־בוך (איך פלעג פון צייט צו צייט פיהרען א טאג־בוך) : ערשט איצט פאר־שטעה איך די גאנצע גרויס פון אונזער פארלוסט ; פריהער האב איך געטרויערט איבער אלעקסאנדער דעם דריטען אלס מענשען, איצטער מוז איך איהם באוויינען אלס קייזער. איך בין גע־ווען א גוואלדיג נאאיווער און לייכטזיניגער בחור'ל.

ס'איז פארשטענדליך, אז ביי אזא גייסטיגען צושטאנד, האב איך קיין שום סימפאטיע צו דער רעוואלוציאנערער באוועגונג נים געהאט. אייגענטליך האב איך פון איהר קיין זאך נישט גע־וואוסט. איך האב געוואוסט נאר איין זאך : אז ס'איז דא פאראן אדער עס זיינען געווען עפעס א מין געהיימניספולע מענ־שען, וואס האבען גע'הרג'עט אלעקסאנדער דעם צווייטען. און דאס איז געווען פאר מיר א גרויל. ערשטענס, ווייל ס'איז א הריגה, און צווייטענס, ווייל ס'איז געווענדעט געגען דעם קייזער. וועגען אן ארבייטער־באוועגונג האב איך נישט געהערט. ס'איז א מערקווירדיגע זאך. אין יענע יאהרען האט זיך ביי אונז אין שטאדט שוין אנגעהויבען און גאנץ שטארק ענטוויקעלט די

ארבייטער־באַוועגונג, אָבער איך האָב פון איהר נישט געהאַט די מינדסטע אַהנונג. דאָס וואָרט „רעוואָלוציע" האָט אין מיין פאָרשטעלונג געטראָגען א ריין־פּאָליטישען און טעראָריסטישען כאַראַקטער. אז זי האָט געהאַט א שייכות צו דער סאָציאַלער נויט פון אָרימע מאַסען, האָב איך נישט געוואוסט, וואָלט איך דאָס יאָ געוואוסט, וואָלט איך זיך אפשר באַצויגען אנדערש. וואָרים א געוויסען — זעהר פּרימיטיווען — סאָציאַלען חוש האָב איך יאָ געהאַט. עס האָט מיך טאַקע געפּייניגט דער געדאַנק, אַז ס'איז דאָ פאַראַן אויף דער וועלט אָרימע לייט. איך האָב זיי געזעהן אויף דער גאַס — די בעטלער. איך האָב געפיהלט א חוב און א דראַנג צו העלפען זיי. אָבער אז ס'איז דאָ עפּעס א צוזאַמענהאַנג צווישען אָט דעם מענשליכען דלות און יענע רעוואָלוציאָנערע „פאַרברעכער", וועלכע „רעדען אויפ'ן קייזער" און ווילען איהם דער'הרג'ענען, — וועגען דעם האָב איך נישט געהאַט די מינדעסטע אַהנונג.

איך האָב גראַד דעמאָלט איבערגעלייענט דעם באַריהמטען „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען" (ווי מען וואָלט זיך אויסגעדריקט היינט) ראָמאַן פון טורגעניעוו'ן „נאָוו". ווי באַוואוסט, שטעלט דאָרטען פאָר דער מחבר אין א קאַריקאַטורנער פאָרם א יונגען רעוואָלוציאָנער — זיין נאָמען איז ניעזשדאַנאָוו — וועלכער האָט באַשלאָסען צו „געהן אין פאָלק" אויפצואוועקען איהם צו א רעאָלוציאָנערען אויפשטאַנד. ער טוט זיך איבער אַלס פּויער און געהט אין א שענק צו פיהרען זיין אגיטאַציע. די פּויערים ווילען איהם אָבער ניט הערען. זיי פאַרהאַלטען איהם און גיבען אים אָרויס אין די הענט פון דער פּאָליציי. אַלס א געגענזאַץ צו דעם רעוואָלוציאָנערען בעל־חלומות ווערט אין דעם ראָמאַן אַרויסגעשטעלט אַן אַנדער טיפּ, אויף וועמעס זייט געפינען זיך די סימפּאַטיעס פון מחבר, דער פּרעדיגער פון א לאַנגזאַמען, ביסלעכווייזען פּראָגרעס, סאָלאָמין. צוזאַמען מיט'ן מחבר בין איך געווען דורכאויס אויף דער זייט פון סאָלאָמינ'ען. איך געדענק, אַז אין מיין טאָג־בוך האָב איך דעמאָלט געגעבען א גוטען פּסק דעם יונגען ניעזשדאַנאָוו'ן, וועלכער האָט זיך — ווי איך האָב דאָס דעמאָלט געשריבען — „אָנגעבאַפּט מיט פאַר־שידענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע (!) אידעען" (איך האָב דעמאָלט

ערגעץ־וואו אונטערגעכאפט דאָס וואָרט „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע“, אָבער נישט געוואוסט נעבאך וואָס דאָס איז אזוינס !) און זיך גענומען ארומטראָגען מיט פאַנטאַסטישע פּלענער. דאָס וואָס די פּויערים האָבען נישט געוואָלט הערען פון איהם, האָט אויך מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק. דער אומ'חן צו יענעם מין רעוואָלוציאָנאַריזם איז ביי מיר פאַרבליבען זעהר לאַנג, און אויך אין די שפּעטערע יאָהרען, ווען איך האָב שוין יאָ געהערט וועגען אַן אַנדער מין רעוואָלוציע, וועגען דער אַרביי־טער־באַוועגונג, און האָב זיך אַליין באַצויגען צו איהר סימ־פּאַטיש, האָט זי אין מיין פאָרשטעלונג נישט געהאַט קיין שום שייכות צו יענעם, פריהערדיגען רעוואָלוציאָנאַריזם פון ניעזש־דאַנאָוו'ס שטייגער. דאָס זיינען געווען פאַר מיר צוויי דורכ־אויס פאַרשידענע זאַכען, און צווישען זיי איז געלעגען אַ טיפער תהום.

ביי דעם געמעסיגטען ליבעראַליזם בין איך געבליבען שטעהן אַ גאַנץ לאַנגע צייט. אמת, די קינדערשע ליעבע צום קייזער האָט זיך ביי מיר ביסלעכווייז אויסגעוועפּט. אָבער צו אַ רע־פּובליקאַנישער געזינונג איז נאָך געווען זעהר ווייט. און דער אויסערליכער אינטערעס צום צאַר און צו זיין סביבה איז געבלי־בען זעהר שטאַרק. איך האָב שוין פריהער אָנגעמערקט, אַז איך האָב גוואַלדיג ליעב געהאַט פאַרשידענע מיליטערישע פּאַראַדען און אַנדערע אַזעלכע זאַכען. דער צאַר איז אָבער געווען אין מיין פאָרשטעלונג אַרומגעוועבט מיט'ן גרעסטען גלאַנץ און פייער־ליכקייט. וואָס האָב איך געקאָנט זעהן ביי אונז אין שטאָדט! דאָס גאַנצע ביסעל מיליטערישעס האָב און גוטס, וואָס מיר האָבען פאַרמאָגט, זיינען געווען צוויי געוועהנליכע פּאָלקען פוסגעהער און אַ בריגאַדע אַרטילעריע ; אפילו קיין רייטער האָבען מיר ניט גע־האַט. דאָרטען אָבער, אין פּעטערבורג, האָט דאָס געשוויבעלט און געגריבעלט מיט די גלאַנציגסטע און אינטערעסאַנטסטע זאַכען : גרויספירשטען און גרויספירשטינען, גרויסע גענעראַלען מיט ליענטעס און שטערען, גוואַרדיע־אָפּטיילונגען פון פאַרשידענע מינים — הוזאַרען אין רויטע מונדירען, קאַוואַלערגאַרדען — ווייס אָנגעטאָן מיט גאָלדענע העלמען און גאָלדענע פּאַנצערס, און

נאָך, און נאָך, און נאָך אַ סך אַזעלכעס! און אַלץ אַרום דעם קייזער, אַלץ צוליב דעם קייזער! וואָס פאַר אַ רייכער מאַטעריאַל פאַר אַ אינגעלשער פאַנטאַזיע!

און דאַן איז געקומען דאָס יאָהר פון דער קאָראָנאַציע — 1896. דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אמת'ער יום טוב. מינסק איז געלעגען אויף דער גרויסער באַהן־ליניע, וועלכע פאַרבינדט מאָסקווע איבער ווארשע מיט'ן אויסלאַנד, און דורך אונזער שטאָדט זיינען געפאָהרען די כל'ערליי „הויכע געסט", וואָס האָבען זיך גע־דאַרפט באַטייליגען אין די קאָראָנאַציע־פייערליכקייטען. דער וואָקזאַל איז געלעגען גאַנץ ווייט ביים סאַמע עק שטאָדט. איך פלעג אָבער ניט זשאַלעווען קיין צייט און קיין מיה, און פלעג כסדר לויפען אהין און פאַרברייינגען דאָרטען גאַנצע שעה'ען. און איך האָב געהאַט אַ באַפרידיגונג. איך האָב געזעהן אַ גאַנצע מאַסע „גרויסע מענשען". איך האָב געזעהן דעם בולגאַרישען פירשט פערדינאַנד, און דעם איצטיגען שוועדישען קעניג און אַ הויכען שפּאַנישען שליח, און וויים איך וועמען נאָך. און מיט זיי צוזאַמען זיינען געפאָהרען צו באַגלייטען זיי, גלענצענדע אָפיצירען פון דער רוסישער גוואַרדיע, און פון ווארשע זיינען געפאָהרען גאַנצע דע־פּוטאַציעס פון די דאָרטיגע גוואַרדיע־פּאָלקען, און איך פלעג דאָס אַלץ שלינגען מיט די אויגען, אַ שמחה גדולה!

און אין מינסק גופא האָט מען אין דעם טאָג פון דער קאָראָ־נאַציע געמאַכט אַ באַזאָנדערס גרויסען פּאַראַד. און איך האָב זיך מיט'ן שוואָגער מיינעם אַרויפגעכאַפּט (ביי קיינעם נישט פרע־גענדיג, ווי זשאַבאַ'ס שטייגער איז געווען) גאָר אויפ'ן שטאָדט־זייגער אַרויף, און פון דאָרטען האָבען מיר געקוקט אויפ'ן צע־רעמאָניאַלען מאַרש" און געקלונגען מיט'ן זייגער־גלאָק און גע־שריען „הורא". דאָס איז אָבער שוין געווען ניט צוליב גרויס באַ־גייסטערונג, נאָר פון לצנות וועגען. איך בין שוין געווען אַלט 16 יאָהר.

איך האָב געהאַט אַ טבע צו חלום'ען אויף דער וואָהר. איך פלעג אָנהויבען שטילערהייד צו פאַנטאַזירען וועגען אַ זאַך, און די פאַנטאַזיע שפּרייט זיך און שפּרייט זיך אויס, און איך לעב איבער איין געשעהניש נאָכ'ן צווייטען מיט דער גרעסטער דייטליכקייט

און מיט אַלע פּרטים, מיט די באַשײַנפּערלעכסטע אײנצעלהייטען. אין יענע צייטען פלעג איך האָבען מיליטעריש־מאָנאַרכיסטישע חלומות. איך שטעל מיר פאָר, אַז איך ווער אַ מיליטער־מענש (דאָס הייסט נישט, אַז איך האָב טאַקע געהאַט ערנסט אין זינען אַזאַ פּלאַן; חלילה וחס! נאָר גלאַט אַזוי, עס חלום'ט זיך) און איך דיען אין דער גוואַרדיע, און איך טראָג אַ שעהנעם מונדיר מיט אַ שעהנעם שווערד און שפּאָרען, און איך רייט אויף אַ פערד און בין אַ גלענצענדער אָפיציר. און דאַן טרעפט זיך עפּעס אַזאַ זאַך, אַז דער קייזער אַליין וואַרפט אויף מיר אַן אויג, און איך טו איהם עפּעס אַ טובה, און ער באַקומט מיך ליעב און דערנעהענטערט מיך צו זיך, און ער פרעגט ביי מיר: זאָג־זשע, וואָס האַלטסטו פון מיין רעגירונג? ווי לעבט זיך ביי מיר אין לאַנד און וואָס זאָל איך טאָן כדי אַלץ זאָל ווערען גוט? און איך, וולאַדימיר מעדעם, גיב דעם קייזער אַ קלאָרע און דרייסטע תשובה, און איך זאָג איהם אַלץ וואָס מען דאַרף זאָגען, און איך ווער זיין עצה־געבער...

כדי פאַרשטענדליך צו מאַכען מיינע מיליטערישע אינטערע־סען, דאַרף איך זאָגען, אַז איך האָב זעהר פיל פאַרבראַכט אין דער מיליטערישער סביבה. עטליכע זומערען נאָכאַנאַנד פלעג איך אַרויספאָהרען צו מיין ברודער אין מיליטערישען לאַגער לעבען באָברויסק און פאַרברענגען דאָרטען די זומער־חדשים. כ'האָב אַפילו דורכגעמאַכט — און טאַקע צוויי מאָל — אַ גאַנצען מילי־טערישען מאַרש צוזאַמען מיט מיין ברודער'ס באַטאַרעיע — פון באָברויסק קיין מינסק. דער מאַרש האָט געדויערט צעהן טעג, און איך בין געפאָהרען רייטענדיג אויף אַ פערד דורך די פעלדער און וועלדער און דערפער, מיט'ן אַלטען שליאַך, וואָס געדענקט נאָך די צייטען פון יעקאַטערינאַ דער צווייטער, און געפיהרט אַן אמת מיליטערישעס לעבען. און איך געדענק: ווען מיר פלעגען אַזוי פאָהרען דורך די פעלדער אויף די הויכע, שעהנע פערד, מיט די שווערע האַרמאַטען צווישען אונז, און פלעגען טרעפען אויפ'ן וועג די פויערישע פוהרען מיט די קליינע, אָרימע פערדלאַך, פלעג איך קוקען אויף זיי פון דער הויך פון מיין זאָטעל און איך פלעג זיך פיהלען שטאָלץ און שטאַרק. עס איז נישט געווען סתם אַ מין גאוה. ניין, ס'איז געווען עפּעס אַנדערש. ס'איז געווען אַ געפיהל

און אַ באוואוסטזיין, אַז איך בין אַ רינגעלע פון אַ גרויסער, מעכ־טיגער קאָלעקטיווער קראַפט — אָט יענער קראַפט, וואָס רוקט זיך צוזאַמען מיט מיר אין געשלאָסענע רייהען, מיט שווערדען, מיט האַרמאַטען — הונדערטער מענשען צונויפגעשמידט אין איין מחנה. און ס'איז געווען אַ גאַנץ געהויבען געפיהל: איך בין אַ טייל פון אַ מאַסען־קראַפט.

אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט זיך בלויז געביטען דער אינהאַלט, דאָס געפיהל גופא איז געבליבען.

.18

ביכער, פראַגען, שטימונגען.

איך האָב געהאַט אַ שלעכטע געוואָהנהייט. אַנשטאַט צו לייענען ביכער, פלעג איך זיי שלינגען. איך פלעג איבערמישען אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל, ווארפען אַ קוק, כאַפּען — אין עטליכע סעקונדען—דעם תמצית פון אַ גאַנצען בלעטעל, און מישען ווייטער. אַזוי אַרום האָב איך געקענט לייענען אַ סך, אָבער געדענקען זעהר ווייניג. ס'איז געווען איינענטליך נישט קיין לייענען, נאָר אַן אויבערפלעכליכע נאַשעריי. ווען איך בין אַריבער אין די עלטערע קלאַסען, האָט זיך דאָס טייליוויז געענדערט. עס איז מיר אַריינגעפאַלען אין די הענט אַ בוך (איך קאָן זיך איצט נישט דערמאָנען דעם נאָמען פון מחבר), וועגען דעם, ווי אַזוי מען דאַרף לייענען ביכער. ס'איז דאָרטען געזאָגט געוואָרען, אַז כדי ווי געהעריג צו פאַרדייען אַ בוך, דאַרף מען איהם איבערלייענען גאַנצע דריי מאָל נאָכאַנאַנד און יעדעס מאָל אכטונג געבען אויף אַן אַנדער זאַך: דאָס ערשטע מאָל — אויפ'ן אַלגעמיינעם אינהאַלט, דאָס צווייטע מאָל—אויף די אידעע, דאָס דריטע מאָל—אויף די פאָרם; אָדער אפשר איז עס ניט אין גאַנצען געווען אַזוי ווי איך זאָג עס, נאָר עפּעס אין דעם ערך. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם גע־העריגען איינדרוק. דאָס הייסט נישט, אַז איך האָב זיך טאַקע גענומען גענוי אויסצופיהרען די דאָזיגע פאָרשריפטען; איך האָב זיך אָבער באַמיהט נישט נאָר איבערצוקוקען די ביכער, נאָר אויך צו שטודירען זיי. און גלייכצייטיג איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט מעהר ערנסטע ווערק.

דאָס ערשטע בוך פון דעם מין זיינען געווען די שריפטען פון דעם אַמאָליגען גרויסען רוסישען קריטיקער ביעלינסקי: זיין ווערק איבער פושקינ'ען און אַנדערע זאַכען.

ווער עס קען ביעלינסקי׳ס ווערק, דער ווייס, אז זיי האָבען ניט געטראָגען קיין שמאָלען ליטעראַרישען כאַראַקטער. ס׳איז געווען אַ גאַנצע ענציקלאָפּעדיע — אַ גלענצענדע, אַ שפּאַנענדע, אַ יוגענדליך פרישע און ליידענשאַפטליכע, און עס פלעגען דאָרטען שפּראָצען שעהנע און טיעפע געדאַנקען, אָנריהרענדיג די פאַרשידענסטע צווייגען פון מענשליכען לעבען, די פאַרשידענסטע זייטען פון מענשליכען גייסט. ביעלינסקי האָט מיך בוכשטעבליך אויפגעוועקט. גלייך ווי אַ טיר וואָלט זיך געעפענט, גלייך ווי אַ פאָרהאַנג וואָלט זיך אויפגעהויבען. און איך האָב דערזעהן פאַר מיר... פראַגען.

פראַגען, פראַגען און פראַגען! אַ לאַנגע שורה פראַגע־צייכענס האָבען אָנגעהויבען צו שפּראָצען איינער נאָכ׳ן צווייטען. און פון יעדען פראַגע־צייכען פלעגט אַרויסוואַקסען — ווי אַ צווייג פון שטאַם — אַ צווייטער, און פון צווייטען אַ דריטער... איך האָב אָנגעהויבען צו טראַכטען.

ביי ביעלינסקי׳ן גופא האָב איך ניט געקענט געפינען אַן ענטפער. ער האָט נאָר געגעבען דעם שטויס. און איך האָב זיך גענומען זוכען ביי אַנדערע. געזוכט אָהן סיסטעם, פון קיינעם נישט אָנגעפיהרט, אָנכאַפּענדיג זיך צופעליג אָן דאָס, וואָס פלעגט אַריינפאַלען אין די הענט. אַזוי האָב איך זיך גענומען צו אַ בוך, וואָס איז גראַד געווען ביי אונז אין דערהיים: דרעפּער׳ס „געשיכטע פון דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון אייראָפּאַ”. דאָס בוך האָט מיר אַ סך געגעבען און גלייכצייטיג אויפגעוועקט נייע פראַגען. איך געדענק נישט ווי אַזוי, נאָר גאָר אין גיכען האָב איך דערלאַנגט אַ שפּרונג צו דער נאַטור־וויסענשאַפט און דורכגעשטודירט אַ פּאָר ביכער וועגען פיזיאָלאָגיע. איך דאָב שוין דאַמאָלט פאַרשטאַנען, אַז פון אַזאַ מין צופעליגער שפּרינגערייַ וועט קיין גרויסער טאָלק ניט זיין. איך האָב זיך עטליכע מאָל גענומען צונויפשטעלען אַ סיסטעמאַטישען פּלאַן פון לייענען, לויט אַ געוויסען לאָגישען סדר. איך בין אָבער געווען גאַנץ הילפלאָז, און ס׳איז פון דעם קיין זאַך נישט אַרויסגעקומען. ס׳איז אָבער געווען גוט, וואָס איך האָב זיך גענומען ערנסט לייענען און טראַכטען.

איך האָב זיך גענומען אויך מיט מעהר ערנסטקייט צו די

ליטעראַרישע זאַכען איך האָב זיך דעמאָלט גרינדליכער באַקענט מיט די רוסישע קלאַסיקער. ביי זיי פלעג איך שוין נישט נאַשען. איך פלעג זיי לייענען אויפמערקזאַם און ערנסט. פון צייט צו צייט פלעג איך פאָרמולירען מיין איינדרוק אין אַ פאָרם פון אַ טאָג־בוך. דעמאָלט האָב איך צום ערשטען מאָל אָנגעהויבען צו קוקען אויף דער בעלעטריסטישער ליטעראַטור נישט ווי אויף אַ פאַר־ווייליגונג, נאָר ווי אויף אַן ערנסטע זאַך. איך געדענק, עס פלעגט זיך טרעפען, אַז אימיצער פון די דערוואַקסענע, זעהענדיג ווי איך פאַרברענג שעה'ען מיט אַ ראָמאַן אין האַנד, פלעגט מיר זאָגען: אפשר וועסטו שוין אויפהערען? אפשר וועסטו זיך נעהמען צו עפּעס אַן ערנסטערען בוך? דאָס פלעגט מיך זעהר פאַרדריסען און איך פלעג זיי נישט פאָלגען. פאַר מיר איז מאַנכע בעלעט־ריסטישע זאַך געווען אַ גרעסערער קוואַל פון געדאַנקען, אַ שטאַר־קערער שטויס צו אַ זעלבסט־שטענדיגען טראַכטען, ווי אַ טרוקענער וויסענשאַפטליכער מאמר, און דאָס איז געווען גאַנץ פאַרשטענד־ליך און נאָרמאַל. און דאָס האָט מיך אָפּגעהיט פון אַ טרוקענער שכל'דיגקייט.

איך האָב שוין פריהער געזאָגט, אַז אין די עלטערע קלאַסען פון גימנאַזיע האָט זיך די רעליגיעזע שטימונג ביי מיר ביסלעכווייז אייסגעשעפּט. איך פלעג אויך ווייטער געהן אין די קירך אַלע שבת פאַרנאַכט און אַלע זונטאָג אין דער פריה, אָבער איך האָב דאָס געטאָן, ווייל ס'איז געווען אַ צוואַנגס־זאַך: אַלע פּראַוואָסלאַוונע שילער האָבען געמוזט באַזוכען די קירך. עס האָט זיך געפיהרט אַ שטרענגע רעגיסטראַציע, און ווער עס פלעגט נישט קומען, פלעגט באַקומען אַ שטראָף. אין די לעצטע קלאַסען איז דאָס געווען אַן אמת'ער פּיין. איך האָב זיך שרעקליך גענודיעט. די צייט האָט זיך געצויגען מורא'דיג לאַנג, און כדי זי אויסצופיהלען מיט וואָסער נישט איז באַשעפטיגונג, פלעג איך זיך פאַרנעהמען מיט... אַריפ־מעטיק: איך פלעג כפל'ען אויף אויסוועניג גרעסערע צאָהלען.

זעהר פיינליכע זאַכען זיינען געווען אין די לעצטע פּאָר קלאַ־סען די לעקציעס פון רעליגיע. מיר האָבען באַקומען דאַמאָלט אַ נייעם גלח: דאָס איז געווען דער גלח יוראַסקעוויטש, וועלכער האָט מיט אַ צעהנדליג יאָהר שפּעטער געשפּילט אַ געוויסע ראָליע

אין רוסישען פאליטישען לעבען, אלס דעפוטאט אין דער דריטער דומע; אין דער דומע האט ער געהערט צו די אזוי גערופענע „נאציאנאליסטען" — א פראקציע פון געמעסיגטע שווארץ־מאה'־ניקעס. ס'איז געווען א גאנץ אינטעליגענטער מענש, וועלכער פלעגט אויסנוצען די לעקציעס, כדי צו שמועסען מיט אונז וועגען פארשידענע טעמאס, סיי רעליגיעזע, סיי פאליטישע. איך פלעג זיצען אויפ'ן ערשטען בענקעל, אונטער די סאמע אויגען פונ'ם גלח. ער פלעגט זיך אפט צוקוקען צו מיר בשעת'ן רעדען, און איך האב געהאט דעם איינדרוק, אז ער האט געוואלט הערען מיין מיינונג, אבער אלץ וואס ער פלעגט זאגען, איז פאר מיר געווען פאלש און אפגעלעבט, און איך האב ניט געטארט רעדען. בין איך געזעסען מיט צונויפגעביסענע צייהן אראפגעלאזענע אויגען און געשוויגען.

פון די אמאליגע רעליגיעזע שטימונגען איז ביי מיר א צייט־לאנג פארבליבען א געוויסע ירושה: א מין נייגונג צום אסקעטיזם, א שטרעבונג אפצוזאגען זיך פון פארגעניגונגען און פארווייי־לונגען. איך געדענק, ווי איינמאל האב איך זיך קאטעגאריש אפ־געזאגט צו געהען ערגעץ אין א טעאטער אדער א קאנצערט, און דעמאלט האט מען אין דער היים בשום אופן נישט געקענט פאר־שטעהען, וואס איז דאס פאר א קאפריז. מען האט אפילו געמיינט, אז איך טו עס צוליב קארגקייט; ס'איז מיר אבער גלאט איינגע־פאלען, אז איך האב נישט קיין רעכט צו פארווייילונגען. איבערי־גענס ווייס איך ניט, צי דאס איז נאך געווען אן אפקלאנג פון א רעליגיעזע טראדיציע אדער ס'איז געווען דאס ערשטע אויפוואכען פון א מין סאציאלען געוויסען: א געפיהל פון גערעכטיגקייט, וואס ערלויבט נישט צו פארברענגען לוסטיג בעת עס זיינען דא אויף דער וועלט אנדערע מענשען, וועלכע ליידען פון דלות און נויט און ווייסען ניט פון קיין פארגעניגענס. אלענפאלס איז דאס געווען ביי מיר מעהר נישט אן עפיזאד, וועלכער האט לאנג נישט געדויערט.

א סך לענגער האט זיך אבער ביי מיר געהאלטען אן אנדער שטימונג: די זארג פאר דער מאראלישער ריינקייט. ווי אזוי איך האב זיך דעמאלט פארגעשטעלט די דאזיגע ריינקייט, ווייס

איך ניט. אָבער דעמאָלט האָב איך דאָס יא געוואוסט, און איך האָב פון דעם זעהר שטארק געהאַלטען. איך געדענק אפילו אזא קינדערשען פּרט: איך פלעג פון צייט צו צייט צוגעהן צום שפּי־געל און זיך ארײַנקוקען אין מיינע אייגענע אויגען, צו זעהן, צי זיי האָבען נאָך אין זיך אַן אויסדרוק פון אַ ריינער און גוטער מענשלי־כער נשמה, און איך געדענק, ווי איך האָב אמאָל, מיט הארצווייי־טאָג געפונען, אז דער דאָזיגער אויסדרוק ווערט פארלאָרען.

.19

דער נייער פריינד.

אין פינפטען אָדער אין זעקסטען קלאַס האָב איך באַקומען אַ נייעם פריינד, אַלעקסאַנדער עליאַסבערג, אָדער „סאַשקאַ", ווי מיר פלעגען איהם רופען צווישען זיך. ער איז געווען מיט אַ יאָהר עלטער און מיט אַ קלאַס העכער פאַר מיר. ער פלעגט זיך אָבער אַ ביסעל אונטערפוילען, און איז פאַרבליבען אין אַ קלאַס אויף אַ צווייטען יאָהר; האָב איך איהם דעריאָגט. נאָך פריהער האָט זיך אין אונזער טריאומווירעט געמאַכט אַ פרייער אָרט: גליעב וויער־כאָווסקי איז צוזאַמען מיט זיינע עלטערען אַוועקגעפאָהרען פון מינסק קיין ווילנא, און סאַשקאַ האָט פאַרנומען זיין שטעל אין אונזער פריינדשאַפטס־פאַרבאַנד.

סאַשקאַ איז געווען ניט נאָר עלטער פאַר מיר, ער איז געווען אויך אַ סך ענטוויקעלטער און באַלעזענער. אַ זוהן פון פאַרמעגליכע אידישע עלטערען (זיין פאָטער האָט געהאַט אַ באַנק־געשעפט אויף דער זאַכאַריעווער גאַס) האָט ער שוין אין די גימנאַזיע־יאָהרען ניט וועניג אַרומגערייזט און געזעהן די וועלט; אין די עלטערע קלאַסען פון גימנאַזיע האָט ער שוין געמאַכט אַ גרעסערע רייזע איבער אויסלאַנד; אַ סך געלעזען, באַהערשט פאָלשטענדיג די דייטשע שפּראַך און געהאַט אַ באַגריף פון דער מאָדערנער ליטעראַטור און קונסט. ער האָט שוין דאַמאָלט געהאַט אַ פיינעם קינסטלערישען חוש. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט ער זיך באַזעצט (און געבליבען ביז'ן היינטיגען טאָג) אין דייטשלאַנד; ער האָט דאָרטען אַ גאַנץ אַנגעזעהענעם ליטעראַרישען נאָמען אַלס איבערזעצער און שרייבער. זיין חבר'שאַפט האָט מיר זעהר אַ סך געגעבען.

סאַשקאַ איז געוואָרען מיין נאָהענטסטער און בעסטער פריינד;

און די גאַנצע פרייע צייט אונזערע פלעגען מיר פאַרברענגען צוזאַ־מען.

וואָס טוען צוויי בחורים, ווען זיי האָבען אַ פּאָר פרייע שעה'ען? מען בלאָנדזשעט צוזאַמען איבער די גאַסען, אָדער ווען עס איז וואַרעם זיצט מען אויפ'ן גאַניק אָדער אין אַ גאָרטען, און — מען שמועסט. אָדער מען גערט אַרויס צו כאַפּען אַ שפּאַציער אונטער דער שטאָדט. דער ליעבסטער אָרט, וואו מיר פלעגען אַרויסגעהען איז געווען דער לוטעראַנישער בית־עולם. מען פלעגט זיך אַריינזעצען אין אונזער גרויסאַרטיגער מינסקער „טראַמוואַי" (אייגענטליך איז עס ניט געווען קיין טראַמוואַי, נאָר אַ „קאָנקע", געשלעפּט פון צוויי נעבאַכדיגע סוסים; אַז מען האָט געדאַרפט פאָהרען בארג אַרויף, פלעגט מען צושפּאַנען נאָך אַ דריטען פערד, און אַ קליין אינגעל אין משונה'דיג גרויסע און ברייטע שטיוועל, פלעגט פאָהרען רייטענדיג אויף דעם דאָזיגען דריטען פערד און אונטעריאָגען איהם מיט קולות און מיט שמיץ); די „קאָנקע" פלעגט אונז צופיהרען ביז'ן אייזענבאַהן־בריק; דאָר־טען פלעגען מיר זיך אַרויפכאַפּען אויף די באַהן־ליניע און געהן צופוס לענגאויס די רעלסען. אַ שפּאַציר אויף די רעלסען איז ביי אונז אין מינסק בכלל געווען אַ באַליבטע זאַך, און איך בין טאַקע אויסגעגאַנגען אַ היבש ביסעל וועג, אין אַלע פיער ריכטונגען, וואָס עס פאַרמאָגען די צוויי באַהן־ליניעס פון אונזער שטאָדט. דער בית־עולם איז געלעגען ניט ווייט פון דער באַהן. דאָרטען איז געווען דער קבר פון מיין פאָטער. ס'איז געשטאַנען אַ שעהנע שטיינערנע מצבה, נעבען איהר אַ בענקעל, און דער גאַנצער קבר איז אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט אַ געגאָסענעם אייזערנעם פּאַרקאַן; אויפ'ן פּאַרקאַן זיינען געהאַנגען אין גרויסע בלעכענע קאַסטענס מיט גלעזערנע שויבען — די קרענץ. אָט אויף יענעם בענקעל פלעגען מיר זיך אַוועקזעצען און שמועסען.

וועגען וואָס שמועסען צוויי האַלב־דערוואַקסענע בחורים? וועגען אַלץ אויף דער וועלט. די וועלט איז גרויס און פול מיט פראַגען. און ס'איז ווי די לייכטע, שעהנע נעבלען פאַר'ן אויפ־גאַנג פון דער זון. און דער שמועס פאַרטראָגט זיך גאָר אין די הויכע, ווייטע הימלען, און מען פיהלט ביי זיך אין דער נשמה

דעם אטעם פון דער אונענדליכקייט, די גוואלדיגע געהויבענקייט פון די גרויסע סודות, — די גרויסע געהיימניסען פון דער גרויסער וועלט.

ס'איז ביי מיר ווייניג פארבליבען אין זכרון פון דעם ממשות'־דיגען אינהאלט פון יענע שמועסען, וואס מיר האבען געפיהרט צווישען זיך בעת אונזער ארומבלאנדזשען אויף די רעלסען און אין די גאסען. איך האב בלויז דעם אלגעמיינעם איינדרוק און א פאר איינצעלנע עפיזאדען. איין זאך געדענק איך אבער מיט דער גרעסטער קלארקייט, און איך וואלט נאך היינט צוטאג גע־קאנט אנווייזען גאנץ גענוי די גאס און דעם ארט פון דער גאס, וואו דער שמועס איז פארגעקומען. סאשקא האט ערגעץ־וואו אונטערגעכאפט א שטיקעל נאטור־פילאזאפישע אנשויאונג וועגען דעם, אז די גאנצע וועלט איז לעבעדיג: ניט נאר דאס, וואס מען רופט „לעבעדיג" אין געוועהנליכען זין פון ווארט, נאר אויך די „טויטע" זאכען. און ער האט מיר וועגען דעם געווארפען א ווערטעל. ס'איז מיר אויסגעקומען גוואלדיג ווילד. „וואס הייסט דאס, אז „אליץ לעבט?" — האב איך איהם געפרעגט מיט אן אונ־גלויביגען שמייכעל. „א שטיין, דהיינו, ניט שוין זשע לעבט ער אויך?" סאשקא האט זיך אבער גענומען צו פארטייטשען די זאך: איך וויים ניט, צי איך האב איהם פארשטאנען ווי געהעריג איז; איך וויים אפילו ניט, צי ער אליין האט דאס אין גאנצען קלאר פער־שטאנען; אבער עס האבען זיך דאך געעפענט נייע, גוואלדיג־ברייטע פערספעקטיווען.

אן אנדערס מאל געדענק איך, — דאס איז שוין געווען א צייט, ווען איך האב געהאלטען ביי'ם באפרייען זיך פון מיין רע־ליגיעזען גלויבען — האט ער מיר געבראכט א בוך פון דעם דעני־שען שרייבער יאקאבסאן, א ראמאן מיט'ן נאמען „ניל'ס לינע". עס קומט דארטען פאר א שמועס צווישען צוויי יונגע מענשען וועגען רעליגיע, און איינער פון זיי זאגט ארוים אזא געדאנק: ס'איז דא פאראן אויף דער וועלט א קאלאסאלער שטראם פון ליעבע, וואס געהט פון מיליאנען מענשליכע הערצער אין די הימלען אריין — די ליעבע צו גאט. דער שטראם גיסט זיך אוים אין דעם הימעל און געהט לאיבוד. אבער שטעל זיך פאר, וואס וואלט געווען,

ווען דער דאָזיגער קאָלאָסאַלער שטראָם וואָלט זיך אויסגעגאָסען ניט אין דעם הימעל אריין, אויפ'ן אדרעס פון א ווייטען אונבאַ־קאַנטען גאָט, נאָר ער וואָלט זיך א קעהר געטאָן צו דער ערד, זיך א לאָז געטאָן צו די מענשען פאר די מענשען, לטובת די מענשען,— וואָס פאר א גוואַלדיגע שעפּפערישע קראַפט וואָלט דאָס געווען, די דאָזיגע גרויסע כוואַליע פון א לעבעדיגער מענשליכער ליעבע!

דער דאָזיגער געדאנק איז געווען פאר מיר אן אמת'ע ענט־פּלעקונג און האָט געמאַכט דעם טיפסטען איינדרוק.

נאָך מעהר האָב איך אָבער באַקומען פון מיין נייעם פריינד אין אן אַנדער הינזיכט: ס'איז געווען די ליטעראַרישע און קינסט־לערישע ערציהונג. גאַנצע מאַסען נייע ווערק, נייע מחברים און נייע שעהנהייטען האָבען זיך דעמאָלט ענטפּלעקט פאר מיר. דער ערשטער און געליבטעסטער דיכטער איז ביי סאַשאַ'ן געווען היינ־ריך היינע, און איך האָב זיך באַלד אָנגעשטעקט מיט דער דאָזיגער ליעבע. און ס'איז קיין וואונדער נישט. די יוגענד מוז ליעב האָבען היינע'ן, ווייל זיינע ווערק — דאָס איז די יוגענד גופא, און איך ווייס נישט מיט וואָס ער האָט מעהר אויסגענומען ביי אונז: מיט די קינדערשע שפּרונגען פון קאַפּריזנעם, אומגעריכ־טען וויץ, אָדער מיט'ן געהויבענעם, פייערדיגען ברען פון א גרוי־סער מענשליכער נשמה. מיר האָבען געקליבען נחת פון אַלעם. איך געדענק, ווי איך בין פּשוט פאַרבלענדט געוואָרען פון א קליינעם ליעבעס־געדיכט: דער דיכטער רייסט אַרויס מיט'ן וואָרצעל אן אַלטע סאָסנע, טונקט זי אריין אין א וואולקאַן, און מיט דער דאָזיגער ברענענדיגער פעדער שרייבט ער אויפ'ן שוואַרצען נאַכט־הימעל: „אגנעס, איך האָב דיר ליעב". היינט צו טאָג געפין איך אין דעם בילד קיין שום באַזאָנדערעס, דאַמאָלט איז דאָס געווען אומבאַ־שרייבליך גרויס און שעהן. אָדער א צווייטע זאַך, וואָס האָט גע־מאַכט אן איינדרוק פון אן אמת'ען בליץ. דאָס באַקאַנטע געדיכט פון א טרויעריגען יונגען מאַן, וואָס זיצט ביים ברעג פון ים און פרעגט קשיות: וועגען דער וועלט, וועגען דעם לעבען, פון וואַנען קומט דער מענש, וואו געהט ער אַהין, וואָס איז דער זין פון דעם אַלעם? דאָס געדיכט איז ערנסט און טרויעריג — ביז'ן סוף. דער סוף אָבער איז:

„עס רוישט דער ים, און עס ברויזען די וועלען... און א נאר וואָרט אויף א תשובה".

דער דאָזיגער אומגעריכטער שפרונג איז טאַקע הערליך, און אין דעם דריקט זיך אויס דער גאַנצער היינע, ווי ער שטעהט און געהט.

אָדער דאָס וואָס ער האָט געשריבען וועגען די געטער פון אַלטען גריכענלאַנד. לויט די נעמען זיינען אונז די אַלטע גריכישע געטער געווען גוט באַקאַנט. מיר זיינען דאָך געווען שילער פון א קלאַסישער גימנאַזיע, און מען האָט אונז פון דריטען בי'ן אכטען קלאַס געמאַטערט מיט דער גריכישער שפראַך און גריכישע שרייבער. אָבער דאָרטען איז עס געווען א ריין מעכאַנישע זאַך: מען פלעגט איינ'חזר'ן „פון דאַנעט ביז דאַנעט", — און פטור. אויב איך האָב יאָ ליעב באַקומען דאָס גריכישע אַלטערטום, איז דאָס נישט געווען פון די גריכישע לימודים, נאָר פון היינע'ס דייטשע ווערק, און זיי האָבען טאַקע געעפענט פאַר מיר א וועלט פון שעהנקייט.

און אביסעל שפעטער האָט זיך געעפענט א נייע טיר צו דער שעהנקייט — דאָס מאָל אין דער רוסישער שפראַך: ס'איז ארויס אינ'ם יאָהר 1896 (דאכט זיך אזוי) א נייע רוסישע איבערזעצונג פון האָמער'ס „איליאַדע"; די איבערזעצונג איז געווען פון דעם רוסישען דיכטער מינסקי. און סאשקא האָט מיך מיט איהר באַקענט. איך האָב דאָס גענומען מיט זיך אויף די זומער־וואוינונג, און דאָרט בין איך געלעגען אין הויכען, שעהנעם גראָז און געשלונגען די הערליכע ווערטער פון דעם אונשטערבליכען בוך.

סאשקא פלעגט אָבער האָבען אויך אן אנדערען מין ביכער: די נייע, די מאָדערנע שרייבער. און א דאַנק איהם האָב איך זיך באַקענט מיט געוויסע זאכען פון הויפטמאַן, פון האַמסון, פון מערעזשקאָווסקי און אנדערע. א טייל מאָדערנע זאכען האָב איך געשעפט פון אן אנדער קוואַל. עס פלעגט דעמאָלט ארויסגעהן א רוסישער מאָנאַטליכער זשורנאַל „סיעווערני וויעסטניק", ספּעציעל געווידמעט דער נייעסטער, מאָדערנסטער ליטעראַטור. ביי אונז אין דערהיים פלעגט מען לייענען דעם דאָזיגען זשורנאַל — באַ־

זונדערס פלעגט זיך מיט דעם אינטערעסירען מיין שוועסטער, און איך האָב פון איהם אַ סך געשעפּט.

סאשקא פלעגט באַקומען פון אויסלאַנד אַ פּאָר דייטשע אי־לוסטרירטע צייטשריפטען: „די יוגענד", וואָס האָט דעמאָלט פאַר־טראָטען דאָס לעצטע וואָרט פון מאָדערניזם אין דער מאלעריי, און דאָס באַריהמטע הומאָריסטישע וואָכענבלאַט „סימפּליציסי־מוס". איך פלעג דאָס שלינגען מיט'ן גרעסטען אינטערעס, און איינציגע בילדער פון יענע אַלטע נומערען „יוגענד" זעה איך נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג פאַר מיינע אויגען.

נאָך און נאָך פאַרשידענע זאַכען האָב איך דעמאָלט געלעזען און געזעהן, אָבער וואָס טויגען מיר אַלע פּרטים, די נעמען, די בי־כער און זשורנאַלען. נישט דאָס איז וויכטיג. וויכטיג איז די נייע גייסטיגע אַטמאָספערע, וואָס האָט זיך צוליב דעם אַלעמען באַשאַפען.

ס'איז שווער איבערצוגעבען מיט ווערטער דעם אמת'ען תמצית פון דעם דאָזיגען מין פיהלען און עמפּפינדען.

די טיף, וואָס האָט זיך פאַר מיר געעפענט, האָט געפיהרט אין אַ נייע וועלט: אַ וועלט פון אויסגעפיינערטע קינסטלערישע אי־בערלעבונגען. עס איז אַ העכסט וויכטיגער עטאַפּ אינ'ם לעבען פון אַ יונגען מענשען. גלייך ווי עס וואָלטען זיך געעפענט נייע אוי־גען, גלייך ווי עס וואָלטען זיך באַשאַפען נייע חושים; די נשמה ווערט רייכער און אויפנאַהמס־פעהיגער, און זי הויבט אָן אריינ־צוזויגען אין זיך דורך די ניי־געעפענטע פענסטער די פילפאַרביג־קייט און שעהנקייט פון אַ יונגער, פרישער, צאַפּעלדיגער קינסט־לערישער שאַפונג. עס הויבען אָן צו קלינגען נייע סטרונעס — פיינע, טיף־באַהאַלטענע, אינטימע סטרונעס. עס איז די בליהונגס־צייט פון דער נשמה.

עס איז אַן ערנסטע און וויכטיגע זאַך. און ווער עס מיינט, אַז דאָס איז גלאַט עפּעס אַ „בורזשואַזער" לוקסוס, אַ שפּילעריי פון אַ זאַטען מענשען, דער האָט נישט קיין אַהנונג וועגען דעם, וואָס דאָס איז אַזוינס דאָס מענשליכע לעבען און די מענשליכע נשמה.

אַט די דאָזיגע אויפבליהונג פאַרדאַנק איך — אין אַ גרויסער מאָס — מיין פריינד סאַשקאַ.

מיר זיינען אָבער געווען יונגע בחורים. און מיר פלעגען זיך פאַרנעהמען ניט בלויז מיט ערנסטע זאַכען. שול־בחורים דאַרפען שטיפען, און סאַשקאַ איז געווען אַ גרויסער שטיפער. דער דאָזיגער דיקער, שווערער בחור האָט געהאַט מאָדנע איינפאַלען און פלעגט זיך פאַרנעהמען מיט גאָר משונה'דיגע אויפטועכצען. שפּעט אין אָוונט פלעגען מיר שפּרייזען דורך די שטילע פאַרשלאָפענע געסלאַך (לויט די גימנאַזיע־תקנות איז דאָס אַליין שוין געווען אַ גוואַלדיגער חטא), און אַ הויפּט־פאַרגעניגען פאַר סאַשקאַ'ן איז געווען — צו מאַכען חרוב די טויערען. די הויפען אין אונזער שטאָדט האָבען פאַרמאָגט גרויסע טויערען און חוץ דעם קליינע טירעלאַך לעבען דעם טויער. פלעגט סאַשקאַ אראָפּנעהמען די דאָזיגע טירעלאַך, שלעפּען זיי מיט גרויס מיה און מאַטערנישׂ עטליכע צעהנדליג טריט ווייטער און אריינוואַרפען איבער'ן פאַרקאַן ערגעץ אין אַ פרעמדען גאָרטען. וואָלט מען אונז געכאַפּט ביי דער מלאכה, וואָלט מען אונז זיכער ארויסגעוואָרפען פון גימנאַזיע. מען האָט אונז אָבער ניט געכאַפּט.

נאָר געפעהרליך זיינען געווען אונזערע פּלענער. ס'איז דאָ ביי אונז אין מיטען שטאָדט אַ קליינער גאָרטען, דער אַזוי־גערופענער „בולוואַר". אין מיטען בולוואַר שטעהט אַ פאָנטאַן מיט אַ פיגור, וואָס שטעלט פאָר אַ נאַקעטען אינגעל מיט אַ שוואַן. די פיגור איז געווען אַ בראָנזענע, פון אַ נאַטירליכער פאַרב, און דוקא ניט קיין מיאוס'ע. אַן עהנליכע פיגור שטעהט אין וואַרשאָ אין דעם זאַקסישען גאָרטען. האָט זיך אָבער אונזערע שטאָדט־פאַרזאָרגער פאַרוואָלט צו מאַכען די פיגור נאָך שעהנער, האָבען זיי באַשטעלט אַ מאַלער און אויסגעמאָלט די פיגור — דוקא מיט נאַטירליכע קאָלירען: דעם שוואַן האָבען זיי געמאַכט אַ ווייסען, מיט אַ געלען שנאָבעל; דעם אינגעל — באַפאַרבט מיט ראָזאַקאָליר און דעם פייגענבלאַט, וואָס פלעגט באַצירען דעם אינגעל — מיט אַ גרינעם פאַרב. ס'איז געווען אַ שרעקליכע מיאוס'קייט, און עס האָט אונז פּשוט געקלעמט דאָס האַרץ אַלעמאָל, ווען מיר פלעגען פאַרבייגעהן ביים צוקריפּעלטען פאָנטאַן. האָבען מיר זיך אַ לאַנגע צייט ארומגעטראָגען מיט אַ פּלאַן צו פאַרריכטען די זאַך:

אויסקלייבען א פינסטערע נאכט, קויפען די נויטיגע פארבען און פארשמירען די גאנצע פיגור אזוי, אז מען זאָל מוזען אראָפּנעהמען דאָס גאנצע געפארבעכץ. מיר האָבען דאָס אָבער ניט געקענט מאַכען. ווי פינסטער עס זאָל נישט זיין די נאכט, דאָך פלעגען אַלעמאָל ארומבלאָנדזשען גראד ביי דעם פּאָנטאָן עטליכע מענשליכע באשעפענישען: דאָס איז געווען דער נאכטליכער מארק פון עטליכע אָרימע, אָפּגעריסענע פּראָסטיטוטקעס — שרעקליכע געשטאַלטען: אַלט, שמוציג, מיאוס, פלעגען זיי דאָרטען ארומשפּרייזען אין דער פינסטערניש, פארקויפענדיג פאר א פּאָר קאָפּיקעס זייער שווידערליכע „ליבע”. און אַז זיי פלעגען אמאָל צוגעהן צו אימיצען פון אונז, פלעגט אונז פשוט א פראָסט דורכלויפען איבער דער הויט, און מיט שרעק און עקעל פלעגען מיר זיך אָפּשאָקלען פון די אָפּשטויסענדע באשעפענישען, ווי פון א שפּין אָדער א שלאַנג.

אין דער גימנאַזיע פלעגט די „נאַטאַשלסטוואָ” זעהר קרום קוקען אויף אונזער פריינדשאפט; סאַשקא האָט געהאַט ביי די לעהרער א שלעכטען שם: א פּוילער (הגם זעהר א פּעהיגער), א שטיפער, און — חוץ אַלעמען — א איד! האָבען זיי געהאַט מורא, אַז ער זאָל אויף מיר נישט האָבען קיין שלעכטען איינפלוס. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפען. די גאַנצע לעצטע יאָהרען פון גימנאַזיע איז ער געבליבען מיין בעסטער פריינד.

און וואָס איז שייך זיין אידישקייט, איז ער געווען נישט דער איינציגער איד, מיט וועלכען איך האָב זיך גע׳חבר׳ט. וואָס שפּעטער, אַלץ מעהר איז מיין סביבה געוואָרען א אידישע.

אָבער וועגען דעם דאַרף איך דערצעהלען אַביסעל גענויער:

.20

אַביסעל אידישקייט.

ביסלעכוויז, אונבאמערקטערהייט, האָט זיך מיין סביבה גע־נומען צו פאראידישען. אמת, די ערוואקסענע, וואָס פלעגען קו־מען צו אונז אהיים, זיינען געבליבען דאָס רוב רוסען. אָבער די חברים, מיט וועלכע איך פלעג זיין מעהר נאָהענט, זיינען — אין די עלטערע קלאַסען — געווען כמעט אויסשליסליך אידען. סאשקא איז נישט געווען דער איינציגער. ס'איז געווען נאָך אַ צווייטער בחור, מיט וועלכען איך פלעג פאַרברייננגען ניט וועניג צייט — „יאשקא" קאפּלאַן (גאָר אַ נאָהענטער פריינד בין איך מיט איהם געוואָרען שפּעטער אין די סטודענטישע יאָהרען). איך פלעג זיך גאַנץ אָפט ארייננכאַפּען צו איהם אין שטוב, און די דאָ־זיגע שטוב האָט שוין געטראָגען אויף זיך אַ בולט'ען אידישען קליינ־בירגערליכען שטעמפּעל. ביי סאשקא'ן איז די שטוב אויך געווען אַ טיפּיש־אידישע. מען פלעגט דאָרטען אָפּהיטען די אידישע מנהגים אויף אַזוי ווייט, אַז סאשקא פלעגט מורא האָבען צו פאָה־רען אום שבת, כדי די קרובים זאָלען חלילה זיך נישט אָנשטוי־סען, אָבער זייער שטוב האָט געטראָגען אַ מעהר „אַריסטאָקראַטי־שען" כאַראַקטער: אַ סימן, אַז מען פלעגט ביי זיי אין דער היים ריידען דאָס רוב דייטש! איך פלעג זיך מיט יענע מענשען ניט טרעפען. אַז איך פלעג אריינקומען צו סאשקא'ן, פלעג איך זיך באַלד אריינכאַפּען צו איהם אין צימער, וואָס איז געווען אין גאַנ־צען אָפּגעזונדערט, און נאָר צופעליג פלעג איך זעהן און באַגריסען זיין פאָטער אָדער זיין מוטער אין דעם פאַרצימער אָדער אין קאָ־רידאָר. ביי קאפּלאַנ'ען איז עס אָבער געווען אַנדערש: ס'איז געווען מעהר דעמאָקראַטיש, מעהר פאָלקסטימליך. אויף דער וואַנד איז געהאַנגען אַ בילד פון באַראָן הירש; מען פלעגט הערען אַמאָל

א אידיש וואָרט; איינמאָל, געדענק איך, בין איך גראד געווען ביי זיי בשעת עס זיינען געקומען צו זיי א פּאָר באַקאַנטע — א יונגערמאַן מיט א פרוי, וואָס האָבען געזונגען אידישע לידעלאך; דאַכט זיך, אַז דאָס זיינען געווען שטיקלאך פון גאָלדפאַדען׳ס זאַכען. און דאָס אידיש האָט מיר שוין דעמאָלט נישט געריסען די אויערען.

עס זיינען געווען נאָך עטליכע אידישע חברים, מיט וועלכע איך פלעג ארומגעהן און וועלכע פלעגען אריינקומען צו מיר. עס האָט זיך געמאַכט גאַנץ אויטאָמאַטיש. פון די דריי צעהנדליג שילער, וואָס זיינען געווען צוזאַמען מיט מיר אין איין קלאַס, זיינען די 7 אָדער 8 אידען געווען די מעהר אינטעליגענטע; דער גייסטיגער מצב פון די איבעריגע, איז געווען א גאַנץ נידעריגער; האָב איך זיך, גאַנץ נאַטירליך, בעסער געפיהלט מיט די אידען.

ביי אונז אין דערהיים האָט מען באַמערקט די אידישע חבר׳-שאַפט. מיין עלטסטער ברודער פלעגט זיך גוטמוטיג וויצלען איבער דעם. „גאָט שוין, — פלעגט ער זאָגען, — ס׳איז דאָרטען געקומען צו דיר איינער פון דיינע גינזבורגס: איך ווייס נאָר ניט, צי ס׳איז קאַפּלאַן אָדער עליאַסבערג". ס׳איז אָבער געווען מעהר נישט א שפּאַס, און מען האָט מיך נישט געשטערט.

א פּאָר גימנאַזיסטקעס, מיט וועלכע איך האָב זיך בעקענט, זיינען אויך געווען אידישע. די באַקאַנטשאַפט איז געמאַכט גע-וואָרען אויף דער גאַס, און דאָס איז געווען א גאַנצע געשעהעניש. ס׳איז געווען אין מינסק א מנהג נאָך די לעקציעס צו געהן זיך דורכשפּאַצירען איבער צוויי צענטראַלע גאַסען. אין יעדער שטאָדט איז פאַראַן אַזאַ טייל — א גאַנץ באַשטימטער טייל פון די גאַסען, — וואו מען געהט שפּאַצירען. דאָרטען זיינען די הויפּט געוועל-בער, דאָרטען זעהט מען די מענשען, דאָרטען איז דער צענטער פון לעבען. ביי אונז אין מינסק פלעגט זיך דער דאָזיגער שטח אָנ-הויבען ביים „בולוואַר". דאָרטען געפינט זיך אויפ׳ן ראָג פון צוויי גאַסען א קאָנדיטעריי פון איינעם שענינג (שפּעטער ווענגזשעצקי). א לאַנגע צייט איז דאָס געווען די איינציגע קאָנדיטעריי אין דער גאַנצער שטאָדט. אָט די קאָנדיטעריי איז געווען דער אויסגאַנגס-פּונקט. פון דאָרטען פלעגט מען געהן מיט דער זאַכאַריעווער גאַס

ביז'ן צווייטען ראָג; פון דאַנעט פאַרקירעוועט מען זיך אויף רעכטס אין די צווייטע הויפּט־גאַס — גובערנאַטאָרסקע — און מ'געהט ביז'ן סוף, ביז לעווינ'ס געוועלב, און דאַן געהט מען צו־ריק, און ווידער אַהין און ווידער צוריק; דער גאַנצער מהלך נעהמט אַרום דריי בלאָק און הייסט טאַקע לויט די נעמען פון די צוויי גרענעץ־פּונקטען: „פון שענינג ביז לעווין". דאָס איז געווען דער אָרט, וואו עס פלעגט זיך צונויפטרעפען „גאַנץ מינסק", און בפרט דער אידישער מינסק; שבת פלעגט מען זיך דאָרטען ניט קענען ריהרען, אזוי געדיכט זיינען די טראָטואַרען געווען אָנגעפּאַקט מיט יום־טוב'דיגע מענשען.

אָט דאָרטען פלעגען מיר פאַרברייננגען אַ שעה צייט כמעט אַלע טאָג, און דאָרטען פלעגען שפּאַצירען אויך די גימנאַזיסטקעס. מיר געהען אַהין, זיי געהען צוריק — מיידט מען זיך אויס און מ'קוקט איינע אויף די צווייטע; מיר געהען צוריק, זיי געהען אַהין — מיידט מען זיך ווידער אויס און מ'קוקט איינע אויף די צווייטע. און אזוי פינף־זעקס מאָל נאָכאַנאַנד, און דאַן געהט מען אַהיים. ס'איז געווען צווישען זיי איינע אַ שוואַרץ־חן'עווידיגע מיידעל, וואָס איז געווען דער צענטער פון אונזער אויפמערקזאַמ־קייט. איינגע פון אונז זיינען אַפילו שוין באַקאַנט געווען מיט איהר, און פלעגען אַמאָל צוגעהן און באַגלייטען זי אַהיים. איך — נישט. איך האָב מורא געהאַט. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל ניט געפינען וועגען וואָס צו ריידען און וואָס צו זאָגען. און געהן מיט אַ מיידעל גאָר שווייגענדיג, איז דאָך אַ סקאַנדאַל און אַ חרפּה. און אַ לאַנגע צייט זיינען מיר אזוי געגאַנגען — איך אַהין, זי אַהער; זי אַהין, איך אַהער. און זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען און — גאַנץ גוט פאַרבראַכט די צייט. סוף כל סוף האָב איך אָבער צונויפגעקליבען מיין גאַנצען מוט, אויסגעאַרבייט אין פאָראויס אַ גאַנצען שמועס און זיך געלאָזט פאָרשטעלען דער מיידעל. און איך האָב זי טאַקע באַגלייט אַהיים, און געשטאַנען ביים גאַניק און געשמועסט; און ס'איז געווען גאַנץ גוט. איינער פון די אידישע חברים האָט מיר דערביי אויסגעהאָלפען.

אין יענער צייט האָב איך געהאַט נאָך צוויי אידישע פריינד גאָר פון אַן אַנדער מין. דאָס זיינען געווען צוויי בחורים, ניט

קיין גימנאזיסטען, נאר גלאט גאסען־אינגלאך, צוויי זיהן פון א אידישען קרעמער, וואס האט געהאט זיין קליינינטשקע קרעמעל אויף דעם זעלבען הויף, וואו איך האב געוואוינט. זיי פלעגען זיך ארומדרעהען דעם גאנצען טאג אויפ'ן הויף, ביז וואנען עס פלעגט זיך באווייזען די מאמע און טרייבען זיי אין שטוב אריין. דער עלטערער האט געהייסען מיט א מאדנעם נאמען „מיטשע", דער אינגערער — אברהם־איטשע. און עס הילכט נאך ביז'ן היינטיגען טאג אין מיינע אויערען די קוויטשענדיגע שטימע פון זייער מאמע ,ווי זי פלעגט זיי רופען, אויסציהענדיג די ווער־טער — „מ־י־י־טשע, אברהם־ א־י־י־י־טשע!" און אז דאס פלעגט נישט העלפען, פלעגט ארויסקריכען פון דער קראם דער טאטע, א קליינער, ברייטער איד, מיט א שווארצער בארד, און דערלאנגען מיט א באס־שטים א קורצען „אין שטוב אריין!" און די בחורים פלעגען זיך א לאז טאן אין שטוב „לערנען": אין א פאר מינוטען ארום פלעגט נעהמען קלינגען פון דער קליינער הייזקעלע דער נגון פון מיטשע'ס לערנען.

איך האב זעהר ליב געהאט צו פארברענגען מיט די צוויי בחורים. איך בין שוין געווען א גאנץ גרויסער בחור, איך האב אבער גרויס הנאה געהאט פון קינדערשע שפילערייען: „קליפקע", „פאליאנקע" און אנדערע, און אז איך בין שוין צו־גרויס געווא־רען פאר אזעלכע שפילערייען, האב איך זיך גענומען צו דער „קולטור־ארבייט". איך האב אנגעהויבען צו לערנען די בחורים לייענען און שרייבען רוסיש. איך האב זיך גענומען אויך אויס־לערנען זיי אביסעל לייטישקייט; ווי דאס רוב אידישע אינגלאך, זיינען זיי געווען גענוג שמוציג און אפגעלאזען, באזונדערס דער אינגסטער ליי. פלעג איך פון זיי פארלאנגען, זיי זאלען זארגען פאר אביסעל ריינקייט, און אז דאס האט ניט געהאלפען, פלעג איך אליין נעהמען א שער און שניידען און רייניגען אברהם־איטשע'ס פעך־שווארצע נעגעל.

אט אזוי האב איך זיך גענומען אלץ מעהר חבר'ען מיט אי־דען. איך קען אבער בשום אופן ניט זאגען, אז איך אליין האב זיך שוין אנגעהויבען פיהלען און באטראכטען אלס איד: די פראגע וועגען מיין אייגענער אידישקייט איז דעמאלט נאך נישט געשטאנען פאר מיר. אפילו דעמאלט נישט, ווען עס איז פאר־

געקומען ביי אונז און שטאָדט דער ערשטער גרעסערער צוזאַמענ־שטויס צווישען קריסטען און אידען.

דאָס איז געווען, דאַכט זיך מיר, אין יאָהר 1896, ארום פסח צייט. מיר ביידע — סאַשקאַ און איך — האָבען גראד ארומגעבלאָנדזשעט איבער די גאַסען, ווען עס האָט זיך פאַר־שפּרייט איבער דער שטאָדט די ידיעה, אַז אויפ'ן מאַרק קומט פאָר אַ געשלעג צווישען אידען און זעלנער. מיר האָבען זיך אַ לאָז געטאָן אהין. דאָס געשלעג גופא האָט זיך שוין געענדיגט. ס'איז געווען עפּעס אַ צוזאַמענשטויס צווישען אַ קרעמער און אַ גרופּע זעלנער, וועלכע האָבען איהם געוואָלט באַ'עולה'ן. פאַר'ן קרעמער האָבען זיך איינגעשטעלט אַנדערע אידען, פאַר די זעל־נער — זייערע חברים, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מהומה. ווען מיר זיינען געקומען, זיינען די קראָמען געווען פאַרמאַכט. די אידען זיינען געשטאַנען בלייכע און צוטומעלטע, און עס האָ־בען ארומגעשפּרייזט גאַנצע אָפּטיילונגען זעלנער מיט געוועהר אין די הענד, ארומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען און מורא האָבענדיג פאַר עפּעס אַן אָנפאַל. מען האָט זיי קענטיג אָנגעזאָגט, אַז די אידען ווילען מאַכען אויף זיי אַ פּאָגראָם. האָבען זיי פון זייער זייט געוואָלט אָנסטראַשען די אידען. איך האָב געזעהן, ווי אַן אָפּטיילונג האָט גענומען קלאַפּען מיט די שלעסער פון די ביקסען, שרייענדיג הויך אויפ'ן קול: „לאָדעווען די ביקסען!" „לאָדעווען די ביקסען!" אַ צווייטע אָפּטיילונג האָט זיך פּלוצלונג גענומען לויפען לענגאויס די גאַס, ווי אין אַ מין אַטאַקע, און איך זעה נאָך היינט פאַר מיינע אויגען אַ זעלנער אין דער לעצטער רייהע, וואָס בויגט זיך אָן בעת'ן לויפען, כאַפּט אַ שטיין און דערלאַנגט אַ זעץ ערגעץ אין אַ פענסטער. די שויב פּלאַצט. עס הערט זיך די קלינגעריי פון צובראָכענעם גלאָז, און אויף די דאָזיגע קלינ־געריי ענטפערט ווי אויף אַ סיגנאַל, אַ געשריי און געוויין פון די אידישע ווייבער און קינדער.

איך בין אַוועק פון מאַרק אַ צורודערטער, און עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך בין געווען מיט'ן גאַנצען הארצען אויף דער זייט פון די אידען.

אַן אַנדער צוזאַמענשטויס — נישט קיין פיזישער, נאָר אַזוי צו זאָגען אַ געזעלשאַפטליכער — איז פאָרגעקומען ביי אונז אין

גימנאַזיע גופא. אין אַלגעמיין האָט זיך אין אונזער גימנאַזיע נישט געפיהלט קיין בולט'ע אַנטיסעמיטישע אַטמאָספערע. די לעהרער האָבען זיך געהאַלטען פיל וועניג אַנשטענדיג (דער ער־שטער אַנטיסעמיטישער סקאַנדאַל איז פאָרגעקומען ערשט אַ יאָהר נאָך דעם, ווי איך האָב געענדיגט גימנאַזיע). און צווישען די שי־לער פלעגט זיך דער אידען־האַס פיהלען זעהר זעלטען. אמת, איך געדענק איין פאַל, ווען אַ שילער פון אַן עלטערען קלאַס איז פלוצלונג צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט: „מעדעם, זשיד פאַר־כאַטי!" אַזעלכע פאַלען זיינען אָבער געווען זעלטען. דער ער־שטער אמת'ער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען דעמאָלט, ווען איך האָב שוין געהאַלטען ביים ענדיגען די גימנאַזיע. די מעשה איז געווען אַזוי:

ס'איז געווען אַ מנהג, אַז דעם סדר פון די לעצטע עקזאַמענס (דעם געוויינטען טאָג פון יעדען געגענשטאַנד) פלעגען פעסטשטעלען די שילער גופא. די זאַך איז געווען נישט קיין פאַרפלאָנטערטע, און מען איז אין אַלגעמיין גרינג דורכגעקומען וועגען די פרטים. איין פראַגע האָט אָבער אַרויסגערופען גרויסע חלוקי דעות. צווי־שען אַנדערע געגענשטאַנדען, האָבען די קריסטליכע שילער געהאַט אַן עקזאַמען פון רעליגיע; די אידען האָבען אָבער אַזאַ עקזאַמען נישט געהאַט. האָבען די אידען פאָרגעלעגט, אַז דער דאָזיגער עקזאַמען זאָל פאָרקומען אין מיטען פון אַנדערע; אַזוי אַרום וועלען זיי, די אידען, האָבען אַ מעגליכקייט אויסצונוצען די פאָר טעג, וואָס מען לאָזט איבער פאַר דעם דאָזיגען געגענשטאַנד, כדי זיך קאָנען צוגרייטען צו די וויי‌טערדיגע עקזאַמענס. האָבען אָבער די קריסטליכע שילער געזאָגט: ניין! פאַרוואָס זאָלען די אידען האָבען אַזאַ פריווילעגיע, אַ פּאָר איבעריגע טעג אין פאַרגלייך מיט אונז? זאָל דער רעליגיעזער עקזאַמען אָפּגעלייגט ווערען צום סאַמע סוף, און דעמאָלט וועט פון די דאָזיגע איבעריגע טעג קיינער ניט געניסען.

ס'איז געווען גאָר ניט קיין חבר'שע האַנדלונג מצד די קריס־טען. וואָס האָט זיי אייגענטליך געאַרט, אַז די אידען וועלען יאָ קאָנען געניסען פון די פּאָר טעג? די עקזאַמינעס זיינען דאָך ניט קיין קאָנקורענץ־זאַך; און אַז אַ איד וועט זיי גוט אויסהאַלטען, וועט דאָס די קריסטען קיין שום שאַדען ניט ברענגען, בפרט נאָך

אַז פּאַר אַ קריסט זיינען די טירען פון אַלע אוניווערסיטעטען סיי־ווי־סיי אָפען. אַ איד אָבער דאַרף אויסהאַלטען די עקזאַמינעס גאַר גוט, כדי צו קענען זיך אריינכאַפּען אין אַ פּעטערבורגער אָדער מאָסקווער אוניווערזיטעט. האָבען זיי זיך אָבער מוחא׳דיג פאַר־עקשנ׳ט און אויסגעפיהרט אזוי, ווי זיי האָבען דאָס געוואָלט. דער סכסוך צווישען די צוויי צדדים האָט אָנגענומען זעהר ליידענ־שאַפטליכע און שאַרפע פאָרמען. עס האָבען זיך געבילדעט אין קלאַס צוויי באַזונדערע פראַקציעס, וועלכע האָבען שיער נישט אי־בערגעריסען אַלע באַציהונגען צווישען זיך. צו דער אידישער פראַקציע זיינען צוגעשטאַנען דריי קריסטען; פאַרשטעהט זיך, אַז איך בין געווען צווישען זיי. אַלע איבעריגע זיינען געווען אויף דער צווייטער זייט. און עס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אַז מען האָט אפילו זיך אָפּגעזאָגט פון דעם טראַדיציאָנעלען געמיינזאַמען באַנקעט, וואָס עס פלעגט אַלע יאָהר מאַכען דער עלטסטער קלאַס באַלד נאָכ׳ן ענדיגען די גימנאַזיע. מיר, די אָפּאָזיציע, האָבען געמאַכט אַ באַנקעט פאַר אונזער מנין, און די מעהרהייט־פראַק־ציע האָט געמאַכט אַ באַנקעט פאַר זיך. דאָס איז געווען דער ערשטער אידיש־קריסטליכער צוזאַמענשטויס, אין וועלכען ס׳איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַטייליגען, און ער האָט אונז באמת פאַר׳מיאוס׳ט די לעצטע פאַר וואָכען פון אונזער גימנאַזיע־לעבען.

אָבער אויך ביי דעם קאָנפליקט האָב איך זיך נאָך ניט גע־פיהלט אַלס איד. איך בין געגאַנגען מיט יענעם צד, ביי וועמען עס איז געווען, לויט מיין מיינונג, דער יושר, און דאָס איז אַלץ.

.21

טעאַטער

אין מינסק איז געווען אַ טעאַטער און איך פלעג אַהין געהן. און אַז אַ אינגעל געהט אין טעאַטער, ווערט ער ארומגעכאַפּט פון דעם טעאַטער־שגעון. און אַזוי איז עס טאַקע געווען מיט מיר.

ביי אונז אין דער היים האָט זיך די ליבשאַפט צום טעאַטער געטראָגען ממש אין דער לופטען. איך האָב שוין פריהער דער־צעהלט, אַז מיין פאָטער האָט גע׳חלומ׳ט וועגען אן איי־גענעם טעאַטער; מיין עלטסטער ברודער האָט געהאַט אַ באַדיי־טענדען דראַמאַטישען טאַלאַנט. אַ צייט לאַנג האָט ער זיך אפילו געשלאָגען מיט דער דעה צו וואַרפען דעם מיליטערישען מונדיר און ווערען אַ פּראָפעסיאָנעלער אַרטיסט — און ער וואָלט זיכער פאַרנומען אויף דער סצענע אַ בכבוד׳יגען אָרט — אָבער ער האָט דאָס ניט געטאָן און האָט זיך באַנוגענט מיט אַמאַטאָרען־פאָרשטע־לונגען. דער צווייטער ברודער איז געווען — דאַכט זיך מיר זי־בען יאָהר נאָכאַנאַנד — אַ סטודענט פון פּעטערבורגער אוניווער־סיטעט, און האָט דעם אוניווערסיטעט סוף כל סוף ניט געענדיגט און דוקא צוליב דעם, וואָס ער האָט שיער ניט די גאַנצע צייט אָפּגעגעבען דעם טעאַטער. האָב איך שוין געהאַט אַ גוטען מוס־טער. צום ערשטען מאָל בין איך געווען אין טעאַטער נאָך אַלס אַ קינד פון אַ יאָהר זעקס. איך האָב דעמאָלט פאַרבראַכט מיט דער מאַמע און מיט דער שוועסטער עטליכע וואָכען אין מאָסקווע, און דאָרטען האָט מען מיר גענומען אויף אַ „מאַטינע” אין דעם „גרויסען טעאַטער”. געשפּילט האָט מען אַ באַלעט „פּרעה׳ס טאָכטער”, דאָס איז געווען אַ פאַנטאַסטישע זאַך מיט טויזענדער עפעקטען, און דער איינדרוק איז געווען אַ געוואַלדיגער. ס׳איז דאָרטען געווען אַ לייב אויף דער סצענע, און איך זעה נאָך איצט

גאנץ באשיינפערלאך ווי מען דערשיסט איהם און ער פאלט אראפ פון א בריק. און איך זעה נאך בולט'ער א סצענע, ווי מען פיהרט א געפאנגענעם צו א גרויסען קויש מיט בלומען, און פון די בלו־מען שפרינגט ארויס א שלאנג, בייסט איהם אין די ברוסט אריין, און ער פאלט א טויטער. און דאן איז נאך געווען א מאלפע, און א שווארצער פירשט, און א מיידעל, וואס ווארפט זיך אין דעם טייך נילוס, און נאך אזעלכע זאכען. ס'איז געווען א מחיה.

דאן בין איך א לאנגע צייט אין קיין טעאטער ניט געווען. בלויז ביי אונז אין דער היים האט מען געמאכט א פאר קליינע אמאטאָרען־פארשטעלונגען, איינמאל ספעציעל פאר קינדער. און איך האב אויך געשפילט. דאן אבער איז געקומען די „גרויסע צייט". מען האט געבויט אין מינסק אן אמת'ען, שטענדיגען, שטאָדטישען טעאטער. און באלד אין ערשטען יאהר האבען מיר געהאט אן אפערא. געעפענט דעם סעזאן האט מען, ווי עס פיהרט זיך, מיט דער בארימטער קלאסישער אפערא „זשיזן זא צאריא" („דאס לעבען פאר'ן צאר"). איצט קען מען שוין די דאזיגע זאך ניט שפילען צוליב איהר אינהאלט. פון קינסטלערישען שטאנד־פונקט איז עס א גרויסער פערלוסט, ווייל די מוזיק אין א זעל־טען שעהנע. אויף מיר האט אבער געמאכט א גרע־סערען איינדרוק א צווייטע זאך: „דער דעמאן". די דאזיגע אלטע אפערע פון רובינשטיין, איז פון מוזיקאלישען שטאנדפונקט א סך שוואכער: דאס האט מיך אבער וועניג געארט. וויכטיג איז געווען דער אינהאלט און די אויסערליכע זייט: דער דעמאן, דער מלאך, וואס ראנגעלט זיך מיט איהם און פארטרייבט איהם, די קאווקאזישע בערג־לייט מיט זייערע טענץ און מיט זייע־רע קאמפפען — דאס איז געווען גוואלדיג אינטערעסאנט, און איך בין געווארען א פייערדיגער „פאטריאט" פון דער דאזיגער אפערא. איך פלעג זיך קריגען מיט מיין פריינד גליעב, דערוויזענדיג איהם, אז „דעמאן" איז די אינטערעסאנטסטע זאך; ער האט געהאלטען, אז „פאוסט" איז נאך שעהנער. פאוסט ווערט אין ערשטען אקט פון א זקן א יונגערמאן — א זעלטענע קונץ! איך אבער פלעג זיך פארופען, אז דער דעמאן פאלט אדורך צום סוף פון דער אפערא אין דער ערד אריין, און דאס איז נאך מעהר „שפאנענד".

אבער בכלל האט מיר די גאנצע געשטאלט פון דעם דעמאן

גוואַלדיג אימפּאָנירט, און איך פלעג איהם נאָכטאָן. אין ערשטען אַקט שטעהט ער אויפ'ן בארג און פארדאַמט די וועלט. פלעג איך זיך אין אונזער גאָרטען ארויפכאַפּען אויף א בערגעל, אָננעהמען די ענטשפּרעכענדע פּאָזע און זינגען מיט א מעגליכסט טיפער שטים (דער אַלטער רובינשטיין וואָלט זיך געדאַרפט ארומדרעהען אין זיין קבר): „פאַרהאַסטע וועלט, פאַרשאָלטענע וועלט!!!"...

און דאַן איז געקומען א דראַמאַטישע טרופּע, און איך האָב געזעהן א היסטאָרישע דראַמע „וואַסיליסאַ מעלענטיעוואַ", און איך פלעג נאָכמאַכען דעם צאַר איוואַן דעם גרויזאַמען מיט זיין שפּיציגען שטעקען, וואָס ער פלעגט אריינשטעכען אין די פיס פון זיינע מקורבים. דאָס זיינען אַלץ געווען קינדערשע שפּילערייען. איך בין דאַן אַלט געווען א יאָהר צוועלף אָדער דרייצעהן.

אַנדערש איז געוואָרען אין די עלטערע קלאַסען. איך האָב זיך שוין אָנגעהויבען צו באַקענען מיט דער דראַמאַטישער ליטע־ראַטור, געלעזען אַביסעל שעקספּיר'ען און אַביסעל וועגען שעק־ספּיר'ען, און דער אינטערעס צום טעאַטער איז שוין געוואָרען ניט נאָר אַן אויבערפלעכליכער, קינדערישער, נאָר אַן אמת'ער. איך האָב אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן און צו שעצען די קונסט גופא.

מיין פּאַרטנער אויף דעם געביט איז געווען יאַשקע קאַפּלאַן. מיר פלעגען זיצען מיט איהם צוזאַמען אויף א בענקעל אין דעם „גובערנאַטאָרסקי" גאָרטען און דעקלאַמירען גאַנצע שטיקער פון „האַמלעט" און פון אַנדערע זאַכען, אָדער צום שפּאַס פיהרען צווי־שען זיך גאַנצע דיאַלאָגען, זינגענדיג, — מעשה אָפּערא. (ס'איז שווער צו זאָגען, ווער פון אונז האָט געזונגען ערגער). ווי דער שטייגער איז, האָט יעדער פון אונז אונטערגע'חלום'ט אַביסעל ווע־גען ווערען אַן אַקטיאָר. איך האָב זיך אין יענע יאָהרען א פּאָר מאָל באַטייליגט אין אַמאַטאָרען־פאָרשטעלונגען.

איך בין אָבער געווען פאַרהעלטניסמעסיג בעשיידען. געוועהנ־ליך, חלום'ט יעדער יונגערמאַן וועגען העלדיש־דראַמאַטישע ראָ־לען פון אַן ערשטען ליבהאָבער אָדער ערשטען טראַגיקער. איך האָב ניט געהאַט אַזעלכע אַמביציעס. איך פלעג זיך נעהמען צו די ראָלען פון קאָמישע אַלטיטשקע. און דאַכט זיך, אַז איך פלעג דאָס מאַכען ניש'קשה.

איין קליינער עפּיזאָד וועט אַמבעסטען אילוסטרירען, ווי וויכ־טיג און טייער איז פאַר מיר געווען דער טעאַטער. ס'איז געווען אין יענע יאָהרען אַ באַריהמטער איטאַליענישער אַרטיסט ראָססי. איך האָב געהערט און געלעזען וועגען איהם, בפרט וועגען דעם ווי ער שפּילט שעקספּיר'ס „קעניג ליר" — אַ זאַך, וואָס האָט שטענדיג געהאַט פאַר מיר אַ באַזונדערען חן. און פּלוצלינג באַ־ווייזען זיך אויף די גאַסען אַפישען און מעלדען, אַז ראָססי וועט קומען צו אונז אין מינסק אויף אַ גאַסטראָל, און אַז ער וועט שפּי־לען דוקא דעם „קעניג ליר".

איך וויים ניט צו אַלע זיינען באַקאַנט מיט אַזאַ צושטאַנד; איך רעכען אַז יע. מען וואַכט אויף אין דערפריה, מען עפענט די אויגען, מען קעהרט זיך אום צוריק צום לעבען, און פּלוצלינג דערשפּירט מען אין דער נשמה אַ שטראָם פון שמחה. ס'איז דאָ עפּעס אַ פּערספּעקטיווע: אין דעם גרויען סדר פון די גרויע טעג לייכט ערגעץ וואו — ווייט אָדער נאָהענט, אָבער אין דער צוקונפט — אַ גלאַנצענדיגער פּונקט, און פון דעם דאָזיגען פּונקט גיסט זיך אויס אַ ליכטיגקייט און אַ פרייד, וואָס פילט אויס די גאַנצע נשמה. מען וואַרט אויף די גרויסע שמחה און די דאָזיגע שמחה דאָס איז דער נאָהענטסטער הויפּט־עטאַפּ פון לעבען: די צוקונפטיגע טעג און וואָכען באַקומען פון איהר זייער גאַנצען זין און אינהאַלט.

אָט דאָס איז פאַר מיר געווען אין יענער צייט די ערוואַרטונג פון ראָססי'ס קומען. איך שטעה אויף אין דערפריה, ס'איז נאָך פינסטער, און פאַר מיר שפּרייטען זיך אויס די לאַנגע שעה'ען פון שווערער שול־מאַטערניש. אָבער פּלוצלינג ווערט מיר ליכטיג, גרינג און פרעהליך אויף דער נשמה; איך האָב אַן ערוואַרטונג, איך האָב אַ פּערספּעקטיווע — ראָססי וועט קומען.

אגב האָב איך אין יענער צייט געהאַט שוין אַ צווייטע פּער־ספּעקטיווע: ס'איז געווען אַנאָנסירט אַ קאָנצערט פון אַ יונגען פּיאַניסט, וואָס איז אין יענע יאָהרען זעהר באַריהמט געוואָרען — ער איז באַריהמט אויך היינט — האָפמאַן. און אויך אויף איהם האָב איך געוואַרט פּונקט אַזוי ווי אויף דעם איטאַליענישען טראַ־גיקער.

עס האָט זיך געענדיגט מיט אַן ענטוישונג. האָפמאַן איז גע־

קומען ; איך האָב איהם געהערט און נישט געהאט יענע אויסער־געוועהנליכע הנאה, אויף וועלכע איך האָב זיך גערעכט. פאַר וואָס — ווייס איך ניט. האָפמאַן איז זיכער ניט שולדיג. איך אליין בין מסתמא אין יענעם אָוועגד נישט געווען פעהיג אויפצונעהמען ווי געהעריג די מוזיקאַלישע איינדריקע ; עס טרעפט זיך אַזעלכעס. וואָס איז אָבער שייך ראַססי, איז ער אין גאַנצען ניט געקומען, און איך האָב איהם טאַקע קיינמאָל אין לעבען ניט געזעהן.

צוזאַמען מיט דער ליבשאַפט צום טעאַטער, האָט זיך ביי מיר ביסלעכווייז ענטוויקעלט אויך די קריטישע באַציהונג. די ערשטע, וועלכע האָבען ביי מיר אַרויסגערופען אַ קריטישען ווידערשטאַנד, זיינען געווען די באַוואוסטע ברידער אַדעלהיים. אין די אַמאָליגע יאָהרען איז די רוסישע פּראָווינץ — און דאַכט זיך, אַמעריקאַ אויך — גוט באַקאַנט געווען מיט דעם דאָזיגען פּאָהר. אַ געוויסען טאַלאַנט האָבען זיי פאַרמאָגט — אַלענפאַלס ניט קיין קלענערען ווי אַ דורכשניטליכער פּראָווינציעלער אַרטיסט, — אָבער פאַר אַ מעהר ענטוויקעלטען קינסטלערישען געשמאַק זיינען די דאָזיגע חברה־לייט, מיט זייער אַלטפראַנקישען מין שפּילען, מיט זייערע געשרייען און ביליגע עפעקטען, געווען פשוט ניט אויסצוהאַלטען. גראַד אין דער זעלבער צייט איז געקומען אין מינסק אַ מאַלאָרוסישע טרופּע מיט דער באַריהמטער אַרטיסטין זאַנקאָוויעצקאַיאַ אָן דער שפּיצע. דאָס זיינען געווען ניט נאָר שטאַרקע, געזונטע, קערענדיגע טאַלאַנטען, נאָר זיי האָבען געהערט גאָר צו אַן אַנדער שיטה. זייער שפּיל איז געווען אַ פּשוט'ע, אַ הערצליכע, אַ רעאַליסטישע. האָב איך געקאָנט פאַרגלייכען. אַלע מיינע סימפּאַטיעס זיינען געווען אויף דער זייט פון די מאַלאָראָסען, און איך האָב דאַמאָלט באַשלאָסען אָנצושרייבען וועגען דעם אַ גאַנצען אַרטיקעל פאַר דער קליינער צייטונג, וואָס פלעגט אַרויסגעהן אין מינסק. איך האָב טאַקע אָנ־געשריבען דעם אַרטיקעל. איך האָב דאָרטען אַנטקעגענגעשטעלט די צוויי מינים : דער איינער, וואָס זעהט אין דער פּיעסע מעהר ניט אַ מאַטעריאַל פאַר אַן עפעקטפולע דעקלאַמאַציע, און דער צווייטער מין, וועלכער באַמיהט זיך צו פאַרקערפערען לעבעדיגע מענשליכע טיפּען ; פאַר אַזאַ אַרטיסט איז אַ מאָנאָלאָג אָדער אַ שמועס אויף דער ביהנע ניט אַ מיטעל צו שטאָלצירען מיט דעם קלאַנג אָדער מיט דער בויגעוודיגקייט פון זיין שטים, נאָר ער זעהט אַרויסצוגעפינען

ווי אזוי עס וואָלט געדאַרפט זאָגען די ענטשפּרעכענדע ווערטער יענער מענש, וועלכען ער דאַרף פאָרשטעלען.

דעם אַרטיקעל האָב איך אין די צייטונג נישט אַוועקגעשיקט. פאַרוואָס — ווייס איך ניט. מסתמא האָט ער מיך ניט באַפרידיגט.

.22

אונטער די היימישע סאָסנעס.

אזוי אַרום פלעגט דער ווינטער זיין אויסגעפילט ביז די ברע־געס: די שול, די ביכער, די פריינד, דער טעאַטער... אין זומער אָבער איז געווען גאָר אַן אַנדער זאַך. אין זומער איז געווען דער וואַלד און דאָס פעלד.

פון דער צייט אָן ווען מיר האָבען פאַרלאָזט גאַליניעוויטשעס הויז, און ביז׳ן סוף פון דער גימנאַזיע, האָב איך קיין איין זומער ניט פאַרבראַכט אין שטאָדט. צוויי זומערען בין איך געווען ביים ברודער אין לאַגער, צוויי אַנדערע זיינען מיר אַלע געווען אונטער דער שטאָדט אויף אַ „דאַטשע". אָבער אפילו אין דער צייט ווען מיר האָבען נאָך געלעבט ביי גאַליניעוויטש׳ען און געהאַט דעם גרויסען גאָרטען, פלעג איך דאָך אויף גאַנצע וואָכען ארויספאָהרען אויף אַ זומער־וואָהנונג צו־גאַסט. און ווען איך פלעג שוין יאָ זיין אין שטאָדט, פלעגט מיך שטענדיג ציהען פון שטאָדט ארויס אין וואַלד אריין, און איך פלעג טאַקע געהן.

פון אונזער דירה האָט מען געדאַרפט געהן ביז׳ן נאָהענטסטען וואַלד אפשר אַ דריי פערטעל שעה צייט. געהן האָט מען געדאַרפט איבער אַן אָפענעם פעלד, און די זון האָט געברענט, אָבער דאָס פלעגט מיך ניט אָפהאַלטען. ס׳איז דאָ עפעס פאַראַן אַ קראַפט, וואָס ציהט און ציהט אַלץ ווייטער און ווייטער, און צווינגט צו געהן און לאָזט ניט אָפּ. און מען געהט מיט׳ן שטילען וואַלד־וועג, אונטער די הויכע אַלטע סאָסנעס, אָדער מען געהט לענגאויס די אייזענבאַהן, צווישען צוויי הויכע, גרינע ווענט — ווייטער די אייגענע סאָסנעס, — מען געהט אָהן אַ ציל; מען געהט, ווייל עס געהט זיך, ווייל עס טרייבט עפּעס אריינצוטיפען זיך אין דעם גרוי־נעם בוימער־ים אַלץ טיפער און טיפער; מען געהט, ווייל מען האָט

הנאה פון דעם געהן. און מען כאפט זיך אריין אין א הייזעל פון א באהן־וועכטער און מען טרינקט אוים א גלאז קאלטע מילך (אין דערהיים האט מען די מילך פיינט) מיט א גרויסען שטיק שוואר־צע פויערשע ברויט, געבאקען אויף דעמבענע בלעטער. און ס'איז אזוי געשמאק, ווי די זעלטענסטע מאכלים, און מ'פיהלט זיך שטארק און פריש, און מען געהט ווייטער.

ד נאטור ארום מינסק איז ארים. גרויסע סאסנאווע וועלדער, זאמדיגע וועגען, פון צייט צו צייט אביסעל בעריאזעס, פון צייט צו צייט זומפען, זעלטען וואו א קליין בערגעלע, גרויסע פעלדער, קליינע טייכלאך, און ווייטער סאסנעס, און ווידער סאסנעס. ס'איז ארים. עס האט ניט קיין עפעקטען. מען דארף דאס שטארק ליב האבען, כדי צו געפינען אין דעם אביסעל שעהנקייט און חן. איך האב דאס ליב געהאט.

ביי דעם מאדערנעם מענשען איז די ליבשאפט צו דער נאטור זעלטען ווען אן אונמיטעלבארע, א נאטירליכע. אין א גרעסערער מאס אדער אין א קלענערער מאס האט זי אלע מאל אין זיך עפעס ליטעראַרישעס. מען קוקט דורך די ברילען פון דעם אדער יענעם מחבר. מיך האט אין דער הינזיכט ערצויגען די רוסישע ליטע־ראטור.

ס'איז שווער צו געפינען א צווייטע ליטעראטור אויף דער וועלט, וואס זאל זיין אזוי אינטים, אזוי נאהענט צו דער נאטור, ווי די רוסישע.

דאס הויבט זיך אן שוין פון די אלטע קלאסיקער. אבער די קלאסיקער זיינען מיר גראד אין די וויכטיגסטע יאהרען פאר־מיאוס'ט געווארען, ווייל מען האט זיי געלערנט אין גימנאזיע. א גרעסערע השפעה האבען דעריבער געהאט יענע שרייבער, וואס די גימנאזיע פלעגט לאזען צו רוה; און דעם ערשטען ארט האט פארנומען טורגעניעוו. טורגעניעו האט פאר מיר געעפענט דעם וואלד, דאס פעלד און די לאנקע, געמאכט זיי לעבעדיג, געלערנט מיך צו זעהן זיי, צו שפירען זייער ריח, איינצואטעמען זייער נשמה. אבער ער האט דאס געקאנט טאן נאר צוליב דעם, ווייל דער וואלד איז טאקע געווען מיין וואלד, די לאנקע — מיין לאנקע, און דאס פעלד — מיין פעלד: היימישע, אייגענע, מינסקער. און ווי אפט, און ווי שטארק האב איך אין די שפעטערדיגע יאהרען אין דער

ווייטער, שעהנער שווייץ, געבענקט נאָך דער אָרימער סאָסנע פון דעם אָרימען היימישען וואַלד...

אָבער אויך אין דער שטאָדט גופא איז די נאַטור געווען נאָהענט. ס'איז אַ מאָדנע זאַך: זינט איך בין אַוועק פון מינסק, זוך איך דעם אמת'ען, היימישען פריהלינג, און איך געפין איהם ניט. אין וואָס באַשטעהט אָט די „אמת'דיגקייט" פון פריהלינג? שווער צו זאָגען. אפשר אין די טייכלאַך, וואָס שפרינגען איבער די גאַסען באַרג־אַראָפּ, אויסוואַשענדיג ליכטיג און שעהן דאָס בי־סעל זאַמד און ערד, — די טייכלאַך פון צורונענעם שניי. גראַד לעבען אונזער הויז איז ניט געווען קיין טראָטואַר, און די גאַס געהט באַרג־אַראָפּ, און די טייכלאַך שפרינגען לוסטיג, און מיר די אינגלאַך, גראָבען אויס אַ מין באַסעין אין זאַמד, און מאַכען פאַרשידענע קאַנאַלען און אָפּצווימונגען, און דאָס וואַסער לאַכט זיך אויס פון אונז און רייסט אַדורך אונזערע זאַמדיגע ווענט און שפרייזט ווייטער, אַראָפּ צום טייך. און דאָס איז דער פריהלינג.

אָדער מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער. איך שפּיל שוין ניט מיט די וואַסערלאַך. איך זיץ ביי אונז אויפ'ן גאַנעק און איך הער ווי ווייט, ווייט, אונטען אין דער פאָרשטאָדט זינגען יונגע העננער. דעם גאַנצען ווינטער האָט מען זיי ניט געהערט. איצט זינגען זיי. און ס'איז גאָר אַ באַזונדער קלאַנג אין די יונגעטשקע קול'כעלעך. און דאָס איז דער פריהלינג.

און דאַן קומט פּסח, און ס'איז וואַרים. און איך טו אָן דעם זומער־מאַנטעל. די זון שיינט און די גאַסען זיינען מאָדנע טרוקען און ריין. ניט שטויביג ווי אין זומער, נאָר אַ באַזונדער מין טרו־קענקייט, די ערשטע נאָכ'ן ווינטערדיגען שניי, אַ זוניגע, יום טוב'־דיגע. און דאָס איז דער פריהלינג.

און דאַן קומען די עקזאַמענעס, און מען דאַרף זיצען און לער־נען דעם גאַנצען טאָג, און דער מאַי פאַרגעהט, און דער בעז הערט אויף צו בליהען. און דער פריהלינג ענדיגט זיך. ער איז אָבער געווען.

אַזאַ פריהלינג האָב איך אין דער פרעמד קיינמאָל ניט גע־זעהן. אפשר איז עס ניט דער פריהלינג, נאָר די יוגענד?

.23

אויפ'ן שוועל.

מיר זיינען אריבער אין דעם אכטען, דעם לעצטען קלאס פון גימנאזיע. און פונקט ווי ארעסטאנטען, וואס זיצען אפּ די לעצטע חדשים פון זייער שטראף, אזוי האבען מיר געווארט אויפ'ן טאג פון אונזער באפרייאונג. און דער דאזיגער טאג האט זיך אנגערוקט אלץ נעהענטער און נעהענטער. נאך א מאנאט, נאך א וואך — און מיר וועלען פּטור ווערען פון דער פערהאסטער גימנאזיע; עס וועט קומען די פרייהייט.

עס וועט קומען די פרייהייט. אבער וואס ווייטער? מען ווערט דאך עפּעס א דערוואקסענער מענש, מען באקומט דאך א „צייכניש פון רייפקייט", — דארף מען זיך אויסקלייבען א וועג אין לעבען. וואו־זשע אהין פיהרט דער וועג?

איין זאך איז געווען קלאר: פון גימנאזיע געהט מען אין אוניווערסיטעט; דאס איז געווען זעלבסטפערשטענדליך. די צרה איז אבער געווען, וואס מען האט געמוזט באלד אויפ'ן ארט, נאך זייענדיג גאר א יונגער אינגעל, שוין אויסקלייבען א פּראפעסיע, א פאך פאר'ן גאנצען לעבען. די רוסישע אוניווערסיטעטען האבען ניט געוואוסט פון אזא זאך ווי, למשל, דער אמעריקאנער קאלעדזש, וואו מען באקומט אין משך פון א פאר יאהר אן אלגעמיינע בילדונג, און ערשט נאכדעם דארף מען זיך נעהמען צו א באשטימטער פאך־צוגרייטונג. דער רוסישער אוניווערסיטעט איז געווען צוטיילט אין פיר אפּטיילונגען — „פאקולטעטען", — שטרענג אפּגעזונדערט איינער פון דעם צווייטען, און אפּגעזונדערט דוקא אנהויבענדיג פון דעם ערשטען טאג אן. יעדער פאקולטעט האט געהאט זיינע באזונדערע למודים, יעדער האט געפיהרט צו א באשטימטער פּראפעסיע. און אזוי פלעגט א אינגעל פון א יאהר 17 שטעהען אויף א שייד־וועג. מען האט געמוזט באצייטענס ענטשיידען די פראגע, און נאך פאר'ן ענדיגען די גימ־

נאזיע האב איך גענומען מאטערען מיין מח: וואס זאל איך ווערען?

די פיר פאקולטעטען זיינען געוועו: יורידישער, פילאלאגישער, פיזיש־מאטעמאטישער און מעדיצינישער. א חוץ דעם האט מען נאך געקענט געהן אן איינעם פון די ספעציעלע טעכנישע אינסטיטוטען און ווערען אן אינזשעניער. ניינציג פראצענט פון מיין קלאס האבען זיך געקליבען אויפ'ן יורידישען פאקולטעט. דאס האט געהייסען, אז זיי וועלען ווערען אדוואקאטען אדער בעאמטע. איך אבער האב ניט געהאט דערצו ניט קיין חשק און ניט קיין אינטערעס. ווייטער, געהן אויפ'ן פילאלאגישען פאקולטעט, שטודירען שפראכען האב איך אויך ניט געוואלט. ערשטענס האט דאס מיר בכלל ניט געצויגען און צווייטענס, אז מען האט שוין אויסשטודירט, וואס קען מען דערנאך ווערען? א לערער? דאס איז פאר מיר געווען א גרויל. אריינטרעטען אין א טעכנישען אינסטיטוט און ווערען אן אינזשעניער — וועגען דעם איז קיין רייד ניט געווען; קיין אינטערעס צו דער זאך גופא האב איך ניט געהאט. און חוץ דעם האט דער דאזיגער פאך ביי אונז ניט געהאט קיין גוטען שם: אן ארט פאר מענשען, וואס יאגען זיך נאך א פעטען ביסען. געהן אויפ'ן פיזיש־מאטעמאטישען פאקולטעט און שטודירען נאטור־וויסענשאפט — דאס יא, צו דעם האט מיך זעהר שטארק געצויגען. אבער מען דארף דאך לעבען. און דער דאזיגער פאקולטעט גיט ניט קיין פאך אין האנד. קיין קאפיטאלען האב איך ניט, קען איך זיך ניט ערלויבען אזא לוקסוס. איז פארבליבען דער איינציגער אויסוועג — שטודירען מעדיצין.

אמת, קיין גאר שטארקען פארלאנג צו ווערען דוקא א דאקטאר האב איך ניט געהאט. אבער איך האב זיך געטראכט אזוי: דער מעדיצינישער פאקולטעט האט דאך א גרויסען שייכות צו דער נאטור־וויסענשאפט בכלל; וועל איך זעהן, וואס עס וועט זיך לאזען מאכען; אויב איך וועל ארויסווייזען די נויטיגע פעהיגקייטען, וועל איך אפשר ווערען א געלערנטער, א פראפעסאר, און זיך אפגעבען טאקע אין גאנצען מיט דער נאטור־וויסענשאפט, וואס האט מיך אינטערעסירט מעהר ווי אלץ. טאמער ניט, — איז דער פאך פון א דאקטאר פארט דער בעסטער: דא קען מען ברענגען אן אמת'ען, ממשות'דיגען נוצען די ליידענדע מענשען. און איך האב

באשלאָסען צו גהען אויפ׳ן מעדיצינישען פאקולטעט. פונ׳ם גאנ־צען קלאס בין איך געווען דער איינציגער, וואָס האָט אויסגעקלי־בען דעם דאָזיגען וועג.

ס׳איז געקומען דער פריהלינג פונ׳ם יאָהר 1897 און מיט איהם די לעצטע גרויסע עקזאמינעס. מען פלעגט זיי דורכפיהרען מיט גרויס פּאראד. ניט אין קלאס, נאָר אין דעם גרויסען, שעה־נעם זאל, וואָס ווערט גענוצט נאָר פאר אויסערגעוועהנליכע פּאַ־ראדען. מיר האָבען געמוזט אָנטאָן אונזערע יום־טוב׳דיגע קליי־דער; ביים גרויסען גרינעם טיש איז געזעסען א גאנצע קאָמי־סיע, מיט א ספּעציעלען שליח פון ווילנא בראש. די טעמעס און די אויפגאבען פאר די שריפטליכע עקזאמינעס פלעגט מען אויך צושיקען פון ווילנא אין פאר׳חתמ׳עטע קאָנווערטען, וואָס דער דירעקטאָר אליין פלעגט עפענען אין אונזער אנוועזענהייט. ס׳איז געווען פייערליך און אימפּאָזאנט, און אונזערע נערווען זיי־נען געווען שטארק אָנגעצויגען.

איך, פערזענליך, האָב ניט געהאט וואָס מורא צו האָבען; איך בין דאָך געווען פון די בעסטע שילער, און ער האָט מיר ניט געדראָהט קיין סכנה פון א דורכפאל. בלויז מיט דער רוסישער ליטעראטור בין איך נאָך אלץ געווען אין א געוויסען קאָנפליקט. און ס׳איז ניט געווען אויסגעשלאָסען, אז „מיכאלקא“ וועט מיר אין לעצטען מאָמענט ניט מכבד זיין מיט א מיאוס׳ען שפּיצעל. ס׳איז אָבער אלץ געגאנגען אין דער בעסטער אָרדנונג. דער „כבוד“ פון דער גימנאזיע האָט פארלאנגט, אז אימיצער זאל ענדיגען מיט א גאָר גוטען אטעסטאט און באקומען א גאָלדענעם מעדאל. איך בין געווען דער ערשטער און דער פּאסיגסטער קאנדידאט דערצו (מען וואָלט אפשר געקענט געפינען א צווייטען, אָבער ער איז געווען א איד, האָט ער „ניט געטויגט“), האָט מען מיר אפילו פאר דער רוסישער ליטעראטור געשטעלט א „פינפערל“, כדי ניט איבערצו־פיהרען די גאנצקייט פונ׳ם אטעסטאט.

ניט אלע האָבען אָבער געהאט אזא מזל. איך געדענק, ס׳איז געווען ביי אונז אין קלאס א שילער, — א בחור שוין אין די יאָהרען. איז ער ניט געווען קיין גרויסער מומחה אין דער גרי־כישער שפּראך. דערצו נאָך האָט זיך דער עקזאמען געצויגען א גאנצען טאָג, און דער בחור איז גראָד געווען פון די לעצטע: אז

מען האָט איהם ארויסגערופען, ואיז שוין געוועזן אפשר 12 בייַ־נאַכט; נאָך אַ גאַנצען טאָג ווארטען, נאָך דער גרויסער נערוועז־אָנשטרענגונג, איז ער געוואָרען אין גאַנצען צורודערט, און אַז מען האָט זיך גענומען צו שטעלען איהם פארשידענע קלאָץ־קשיות, האָט ער, נעבאָך, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. האָט מען איהם געשטעלט אַ „צוויי“. ווי־זשע דען! ניט קענען די גרי־כישע גראַמאַטיק, דאָס איז דאָך געווים אַ זיכערער סימן פון „ניט־רייפקייט“. איז ער, הייסט דאָס, דורכגעפאַלען. דער דין איז דאָך געוועזן אַזאַ, אַז ס׳איז גענוג צו באַקומען אַ „צוויי“ ביי איין איינציגען געגענשטאַנד, און — פאַרפאַלען, מען קריגט ניט קיין אַטעסטאַט, מען דאַרף בלייבען זיצען אין דעם זעלבען קלאַס ביז איבער־אַ־יאָהר.

ס׳איז גרינג זיך פאָרצושטעלען, וואָס דאָס איז פאַר אַ קאַ־טאַסטראָפע!! דער מענש שטעהט שוין אויפ׳ן שוועל, ער האָפט פריי צו ווערען, פטור ווערען פון דער פאַרהאַסטער גימנאַזיע אין אַ פּאָר וואָכען, אין עטליכע טעג אַרום, און פּלוצלונג — אַלץ איז צו־נישט געוואָרען, און מען מוז געהן ווייטער קוועטשען די באַנק אַ לאַנגען, אַן אונענדליכען יאָהר! דער יונגערמאַן האָט זיך גע־בעטען רחמים ביים לעהרער. ער האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד. אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפען. די „נאַטשאַלסטוואָ“ איז געבליבען שטאָהל און אייזען.

ס׳איז שווער צו באַשרייבען דעם גאַנצען האַס און כעס, וואָס עס האָט זיך אויפגעהויבען ביי אונז געגען די דאָזיגע היל־צערנע נשמות מיט גאָלדענע קנעפּ, און באַזונדערס געגען דעם לעהרער פון דער גריכישער שפּראַך. איך בין געקומען אַהיים אַ גע׳הרג׳עטער. דעם צווייטען טאָג האָב איך ניט געקענט לערנען. אָנשטאָט צו גרייטען זיך צו די ווייטערדיגע עקזאַמענס בין איך אַנטלאָפען העט ווייט הינטער דער שטאָדט אין וואַלד אַריין, און זיך געוואָרפען אין גראָז, און געלעגען לאַנגע שטונדען מיט יענעם געפיהל פון טעמפּער מידקייט און גלייכגילטיגקייט, וואָס קומט געוועהנליך נאָך אַ גרויסען אומגליק. די גימנאַזיע האָט דאָס געזאָרגט דערפאַר, אַז די לעצטע איינדריקע, וואָס מיר האָ־בען פון איהר געהאַט פאַר׳ן אָפּזעגענען זיך, זאָלען זיין וואָס שווע־רער און וואָס מיאוס׳ער.

און ענדליך איז געקומען דער לעצטער טאָג. אָפּגע׳פּטר׳ט דעם לעצטען עקזאמען, באַקומען די אַטעסטאַטען, קוים ארוים פון זאַל, אַראָפּגעריסען — ציטערדיג, האַסטיג, — פון אונזערע היט־לען דעם פאַרהאַסטען צייכען פון אונזער פאַרשקלאַפּונג — די צוויי זילבערנע בלעטער מיט די אותיות „מ׳ ג.״ (מינסקער גימ־נאַזיע) אין דער מיט, און געלאָפען אהיים זיך איבערטאָן אין ציווילע קליידער. וואס פאַר אַ שמחה איז דאָס געווען דאָס ער־שטע באַווייזען זיך אין שטאָדט אָנגעטאָן ווי פרייע מענשען, אין נייע סטודענטישע היטלאַך, — פרייע מענשען, אָהן מורא פאַר דעם פאַרשאָלטענעם אינספּעקטאָר! זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גאַסען, אַראָפּ אין דעם „גובערנאַטאָרסקי״ גאָרטען, אריינגעכאַפּט זיך אין רעסטאָראַן, אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזלאַך משקה, גע־מאַכט אַ שפּאַציר פאַרביי דער גימנאַזיע, אויסגעשריהען אונטער די פענסטער פון קאַסאַקאָווסקי אַ פּאָר גוטע רוסישע ווערטער. ענד־ליך באַפרייט! נאָך ניין יאָהר טורמע! ס׳אַרא גליקליכער טאָג!

דאַן האָבען מיר געמאַכט דעם באַנקעט, גוט אָנגע׳שיכור׳ט זיך, געמאַכט אַ צווייטע „הוליאַנקע״ אין אַ קלענערען קרייז פון נאָהענטערע פריינד ביי סאַשקאַ׳ן אין דער היים (זיינע עלטערען זיינען געווען אוועקגעפאָהרען), ווידער אָנגע׳שיכור׳ט זיך. און דאַן איז פּלוצלונג געוואָרען עפּעס שטיל און אַביסעל אומעטיג. די גרויסע שמחה איז פאַראיבער.

דאַן האָבען זיך אָנגעהויבען די סטודענטישע יאָהרען. אָבער נאָך לאַנג, זעהר לאַנג, צעהנדליגע יאָהרען נאָכאַנאַנד האָט מיך פאַרפאָלגט דער אָלטער געשפּענסט פון גימנאַזיע. ניט אויף דער וואָהר, נאָר אין חלום. צעהנדליגע און איבערצעהנדליגע מאָל פלעג איך חלומ׳ען, אַז איך בין צוריק אַ גימנאַזיסט, און איך לויף אין שול אריין, און איך קום צו שפּעט; אָדער איך קום ניט אָנ־געטאָן ווי געהעריג איז; אָדער איך האָב ניט געבראַכט די ביכער, ניט צוגעגרייט די אויפגאַבען. אַ קנאַפּער פערטעל יאָהרהונדערט איז אריבער פון דער צייט, ווען איך האָב דעם לעצטען מאָל ארי־בערגעטראָטען דעם שוועל פון דער גימנאַזיע, און ביז׳ן היינטיגען טאָג פלעג איך נאָך האָבען אַזעלכע חלומות... ביז׳ן היינטיגען טאָג!

אויבעז, רעכטס: מעדעם צו 17 יאָהר; צענטער: מעדעם, אַלס סטודענט אין קיעוו; אונטעז, רעכטס: מעדעם, אַלס אויסגעשלאָסענער סטודענט; אונטעז, לינקס: מעדעם, אַלס עמיגראַנט אין זשענעווע.

24.

קיעוו.

אין הערבסט, 1897, בין איך געפאָהרען קיין קיעוו. אייגענטליך האָב איך געהאַט בדעה צו געהן אין דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט; דאָרטען איז די מעדיצינישע אָפּטיילונג געווען די בעסטע אין גאַנץ רוסלאַנד. אָבער עס האָט זיך געטראָפען אַזוי, אַז איך האָב פאַרזאַמט אָנצוגעבען אַ בקשה צו דער רעכטער צייט, און אַלע ערטער זיינען פאַרנומען געוואָרען. האָב איך געמוזט זיך באַנוגענען מיט'ן קיעווער אוניווערסיטעט.

איך האָב געהאַט אין קיעוו קרובים: אַ מומע (מיין מאַמע'ס שוועסטער) מיט אַ פעטער, מיט דריי קינדער. איך האָב זיי געקאָנט פון פריהער. די מוהמע האָט מיך באַגעגענט אויפ'ן וואָקזאַל און מיר זיינען געפאָהרען צו זיי אַהיים.

ס'איז געווען אַ הייסער טאָג, מיטאָג צייט. די זון האָט געברענט. און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך בין געקומען גאָר אין אַנדער לאַנד. — פרעמד, אונבאַקאַנט, גאָר ניט עהנליך צו דעם, וואָס איך האָב ביז איצט געזעהן. איך האָב געשפּירט: דאָס איז דער דרום. די ווייסע מויערען האָבען געגלאַנצט אויף דער זון, און אויף די פענסטער זיינען געווען גרינע לאָדענס, וואָס איך האָב פריהער געזעהן נאָר אויף די בילדער פון דרום'דיגע לענדער. לאָדענס פון איינצעלנע שמאָלע ברעטלאך מיט שפּעלטעלאך צווישען זיי; די שפּעלטעלאך קאָן מען פאַרמאַכען אָדער עפענען, ווי מען וויל. און איבער די זוניגע הייסע גאַסען האָבען זיך געצויגען גרויסע, שווערע פוהרען, אָנגעלאָדען מיט ארבוזען, און אויבען אויפ'ן באַרג ארבוזען פלעגט זיצען אַ „כאָכאָל“ אין אַ פוטערנעם היטעל און האַלטען אין איין שרייען: „קאַוואָונאָוי! קאַוואָונאָוי! קאַוואָונאָוי!“

אלץ איז געווען פרעמד און מאָדנע: דער ברוק, און די הייזער, און די מענשען. די לופט אפילו איז געווען אנדערש ווי ביי אונז. דער ווינד האָט זיך עפּעס אנדערש געלעגט אויפ׳ן פּנים, דער ריח פון שטאָדט איז געווען אַ נייער. איך האָב בולט געפיהלט: איך בין אין דער פרעמד.

מיר זיינען געקומען אין דעם פעטער׳ס דירה. מען האָט מיך אויפגענומען זעהר פריינדליך. אין אונזער משפחה פלעגט דער צוזאמענבאנד צווישען קרובים — אפילו צווישען ווייטע און ווייניג באקאנטע — זיין אלע מאָל זעהר א הארציגער. פון ערשטען טאָג אָן בין איך געוואָרען אן איינגענער מענש אין הויז. אָבער וואָהנען ביי זיי האָב איך נישט געקאָנט. ס׳איז נישט געווען קיין אָרט. האָט מען מיר געפונען א צימערל אויפ׳ן זעלבען הויף, און דאָרטען האָב איך זיך באזעצט.

דאָס צימערל איז געווען קליין און אָרעמלאָך. אן אמת׳ער סטודענטישער חדר׳ל: א בעט, א שאַף, א טיש, — און דאָס איז אלץ. ס׳איז געווען הויך; דאָס פענסטער נישט פארשטעלט פון אנדערע הייזער. אונטען איז געווען עפּעס א גאָרטען. און הינטער די בוימער איז געשטאנען — גראָד אנטקעגען מיין פענסטער — דער גרויסער „מיכאילאָווסקי״ קלויסטער מיט זיינע שעהנע, ווייסע ווענד און גאָלדענע קופּאָלען. ס׳איז געווען שעהן. אָבער פונדעסטוועגען: ווי שרעקליך טרויעריג איז געווען דאָס דאָזיגע איינזאמע, פרעמדע, פוסטע צימערל!

דאָס ערשטע מאָל אין לעבען בין איך אוועק פון דערהיים. און אז איך פלעג זיך אויפכאפּען אין דערפריה צווישען די פיער הוילע, פרעמדע ווענט, פלעג איך פיהלען א שרעקליכע ברענענדיגע, בייסענדע בענקשאפט אהיים, צו דער מאמע, אין די וואַרימקייט פון דער היימישער סביבה — עס האָט געצויגען מיט א געוואלדיגער קראפט, געמאטערט און געפּייניגט... און אזוי האָט דאָס געדויערט זעהר לאנג.

באַלד, דעם צווייטען טאָג נאָך מיין קומען, בין איך אוועק אין אוניווערסיטעט. ס׳איז געווען ווידער א הייסער, זוניגער טאָג. גראָד אין יענעם זומער האָב איך מורא געהאט פאר דער זון. אין

די הייסע טעג פלעגט ביי מיר אָפט געהן בלוט פון נאָז. און אלע מאָל, ווען איך האָב געדארפט ארויסגעהן אין א זוניגען טאָג, פלעגט מיך דריקען די מורא: טאָמער וועט זיך ווידער באווייזען בלוט. און אז מען געהט ארויס מיט אזא מורא, פיהלט מען זיך עפּעס ווי געבונדען. מען האלט דעם קאָפּ עפּעס אויף א באזונדערען, פאַרזיכטיגען שטייגער, אלע באוועגונגען זיינען געמאָסטענע. און די היץ פון דער זון און די מורא פאר דער זון ווירקען אויפ'ן מח גופא און נעמען איהם ארום מיט א מין נעבעל.

אין אזא צושטאנד בין איך געקומען צום ערשטען מאָל אין אוניווערסיטעט. דערצו נאָך סתם א צעטומעלטער פון די נייע איינדריקע, דערצו נאָך א גרינער, א שעהמעוודיגער... בין איך אריין אין דעם אונטערשטען עטאַזש. דאָרטען האָב איך געפונען בלויז שטענדערס מיט מאנטלען. אָנגעהויבען ארויפצוגעהן העכער, — דערזעהען סטודענטען, — געהערט שטימען. דאכט זיך גוט? אָבער פּלוצלונג פאלט מיר איין: דאָס זיינען אלץ אלטע סטודענטען, און איך בין דאָך א פרישער. צי מעג איך דאָרטען געהן צו זיי? און איך שטעל זיך אָפּ, און איך שעהם זיך צו פרעגען, און איך קעהר זיך אום אהיים. ס'איז געווען ווי א צו־שטאנד פון חלום. אזוי שטעל איך זיך דאָס איצט פאָר.

סוף כל סוף בין איך פאָרט אריין אין דעם קדשי קדשים און האָב אָנגעהויבען צו געהן אויף די לעקציעס. אָבער צוליב מיין אומגליקליכער שעהמעוודיגקייט האָב איך זיך געפיהלט זעהר שלעכט. איך בין געווען איינער אליין. אמת, עס זיינען געקומען צוזאמען מיט מיר נאָך עטליכע שול־חברים פון מינסק, צווישען זיי אויך מיין גוטער פריינד יאַשקאַ קאַפּלאַן. אָבער זיי אלע זיי־נען אוועק אויפ'ן יורידישען פאקולטעט, און איך בין געבליבען איינזאַם צווישען פרעמדע, און איך האָב זיך מיט קיינעם ניט באקענט און ביי קיינעם זיך ניט דערוועגט צו פרעגען וועגען עפּעס א זאַך, און געווען הילפלאָז און געטאַפּט אין דער פינסטערניש, און געגאַנגען אויף די לעקציעס אָהן א חשק און אלץ זעלטענער. אגב — זיינען טאקע די לעקציעס געווען זעהר נודנע, און עס האָט זיך טאקע ניט געלוינט זיי צו באזוכען. ס'איז איבעריגענס געווען אן אלטער כלל: דאָס ערשטע יאָהר פאַרנעמט זיך א יונגער סטו־

רעגט ניט מיט לערנען. דאָס ערשטע יאָהר דאַרף ער פאַרברענ־
גען. דאָס לערנען וועט קומען שפּעטער.

מיין סביבה איז געווען — חוץ די קרובים — דאָס ביסעל שול־
חברים און די מינסקער לאַנדסמאַנשאַפט.

די סטודענטענשאַפט איז שוין דעמאָלט געווען אָרגאַניזירט;
נישט די גאַנצע — אָבער דער בעסטער טייל. און דער גרונד־
שטיין פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען די לאַנדסמאַנשאַפטען.
דער אוניווערסיטעט איז געווען דער צענטער, וואו עס פלעגען זיך
צונויפקומען מאַסען יונגעלייט פון די פאַרשידענסטע שטעדט און
שטעדטלאַך — נאָהענטע און ווייטע. פלעגט יעדע גרעסערע
שטאָדט אָדער אַ גאַנצע געגענד זיין פאַרבונדען אין אַ לאַנדסמאַנ־
שאַפט. אַזוי האָבען מיר אין קיעוו געהאַט אַ מינסקער לאַנדס־
מאַנשאַפט, אַ כערסאָנער, אַ טשערניגאָווער, אַ קרימער, אַ לאַנדס־
מאַנשאַפט פון די קיעווער תושבים און אַזוי ווייטער. חוץ דעם
איז דאָרטען נאָך געווען אַ ספּעציעלע פּוילישע אָרגאַניזאַציע, וואָס
איז געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דער פּוילישער סאָציאַ־
ליסטישער פּאַרטיי. בכלל זיינען אָבער די לאַנדסמאַנשאַפטען
געווען אומפּאַרטייאיש. זייערע אויפגאַבען זיינען געווען גאַנץ
פאַרשידענאַרטיג. זיי האָבען זיך פאַרנומען מיט געגענזייטיגער
הילף, מיט בילדונג, מיט ספּעציעלע סטודענטישע ענינים; זיי
זיינען אָבער גלייכצייטיג געווען דער אַפּאַראַט פאַר פּאָליטישע
אַרויסטרעטונגען, בעת אַזעלכע פלעגען זיך טרעפען. די לאַנדס־
מאַנשאַפטען זיינען געווען אונלעגאַל און פלעגען זיך צונויפקליי־
בען בסוד, אויך פּריוואַטע דירות. אָבער אין עקסטרא פאַלען
פלעגט מען צונויפרופען אַ גרויסען מאַסמיטינג אין אוניווערסי־
טעט גופא. דאָס פלעגט מען מאַכען אָהן אַן ערלויבניש, און די
אוניווערסיטעט־„נאַטשאַלסטוואָ" איז געווען געגען דעם אָהנמעב־
טיג. די לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען געווען צענטראַליזירט. זיי
האָבען געהאַט אַ צענטראַלע אויסגעקליבענע מאַכט: דער „בונ־
דעסראַט פון פאַראייניגטע לאַנדסמאַנשאַפטען און אָרגאַניזאַציעס".

די מינסקער לאַנדסמאַנשאַפט האָט מיך באַלד אויפגענומען
אין איהרע רייהען. דאָרטען האָב איך זיך געפיהלט גוט און היי־
מיש. אמת, מיין שעהמעוודיגקייט האָט מיך אויך דאָרטען ניט

פארלאָזען: אין משך פון דעם ערשטען יאָהר פלעג איך אויף די זיצונגען קיינמאָל נישט עפענען דעם מויל. אָבער דאָס איז ניט וויכטיג. איך בין פּאָרט געווען אין אן אייגענער סביבה. א פשיטא שוין נאָכ'ן סוף פון אן אָפיציעלער זיצונג, ווען מען פלעגט זינגען א לידעל, דעקלאמירען א געדיכט אָדער גלאט כאפּען א שמועס ביים גלעזעל טיי אָדער בראנפען. די מענשען זיינען געווען זעהר סימפאטישע, און ס'איז געווען גוט.

און דאן האָב איך צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען געזעהן די גרויסע מאסענפארזאמלונגען. איינע פון זיי איז גאָר אינטערע־סאנט און כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט.

אויף איינע פון די לעקציעס איז פאָרגעקומען עפּעס א סכסוך. וואָס דאָס איז געווען, געדענק איך נישט, און ס'איז נישט וויכ־טיג. דער סוף איז געווען, אז אימיצער האָט אָנגעהויבען צו פּיי־פען. און דאן האָט זיך א צווייטער אָפּגערופען און געזאָגט הויך, אויפ'ן קול: „אידישע פייפעריי!" — „זשידאָווסקי סוויסט!". דער עולם האָט דאָס געהערט. און באלד האָט זיך געמאַכט א מהומה. אן אנטיסעמיטישער אויסרוף אין דער סטודענטישער סביבה — דאָס איז אין יענע גליקליכע צייטען געווען אן אונ־ערהערטע זאך! דאָס סטודענטישע געוויסען האָט דאָס ניט גע־קאָנט פארטראָגען. מען האָט געכאפּט דעם בחור, מען האָט איהם אוועקגעזעצט אויף דער בעשולדיגונגס־באנק און מען האָט איהם גע'משפּט. צוויי טעג האָט דאָס געדויערט. דעם ערשטען טאָג איז דאָס געווען א געשלאָסענע פערזאמלונג פון יענעם קורס (קלאס) וואו די מעשה גופא איז פאָרגעקומען. דעם צווייטען טאָג האָט מען צונויפגערופען א מאסענפערזאמלונג פון דעם גאנצען אוניווערסיטעט. מען האָט געהאלטען פייערדיגע רעדעס. און דער יונגער אנטיסעמיט האָט בעקומען דעם פערדיענטען פסק. די רוסישע סטודענטענשאפט איז דעמאָלט נאָך געווען גאָר איידעל און שעהן.

די צווייטע גרויסע פערזאמלונג האָט געהאט א מעהר בולט'־ען פּאָליטישען כאראקטער. אין יענער צייט האָט מען געשטעלט אין ווארשא א מצבה דעם גרויסען פוילישען דיכטער מיצקעוויטש, און דער קיעווער צענטראלער ראט פון די לאנדסמאנשאפטען האָט

צונויפגערופען א גרויסען מיטינג צו דעמאָנסטרירען דעם מיט־געפיהל פון די סטודענטען צום אונטערדריקטען פוילישען פאָלק. צום ערשטען מאָל האָב איך דעמאָלט געהערט אָפּאָזיציאָנעלע פּאָלי־טישע רעדעס. ס'איז געווען פייערליך און שעהן. עס האָבען גע־רעדט פאָרשטעהער פון פארשידענע נאציאָנען: רוסען, גרוזינער, ארמעניער; עס האָבען גערעדט אויך מאנכע אידען, אָבער ניט אלס פאָרשטעהער פון אידען. דער לעצטער האָט גערעדט א פוילישער סאָציאליסט. ער האָט געהאלטען א בולט'ע רעוואָ־לוציאָנערע רעדע, א באגייסטערטע און א שטארקע. צוליב פאָר־זיכטיגקייט האָט ער זיך באהאלטען הינטער א באנק, אזוי, אז מען האָט איהם געהערט אָבער נישט געזעהן. א גאנצע מחנה פוילישע חברים — שטאָלצע, שעהנע יונגען, זיינען געזעסען ארום איהם, פארשטעלענדיג איהם ווי א לעבעדיגער מויער. איך האָב גע־קוקט אויף זיי מיט דרך ארץ און סימפּאַטיע. אין יענע יאָהרען האָבען זיי מיר גוואלדיג אימפּאָנירט; איך האָב ליב געהאט די פּאָליאקען.

עס האָבען געפּרופט רעדען אויפ'ן מיטינג אויך א פּאָר רו־סישע פּאטריאָטען — צוקונפטיגע שווארץ־מאה'ניקעס, דאָס איז אָבער געווען א קליינע מינדערהייט, און זיי זיינען ניט געווען בכח איבערצופיהרען די שעהנע שטימונג. דער מיטינג האָט זיך געענדיגט מיט אן ענטשפּרעכענדער רעזאָלוציע, וואָס מען האָט איבערגעשיקט אין ווארשא. דער איינדרוק איז געווען אן אונ־פערגעסליכער.

דאָס ערשטע סטודענטישע שול־יאָהר האָט זיך געענדיגט זעהר גיך. אייגענטליך איז עס געווען ניט קיין יאָהר, נאָר בלויז עטליכע מאָנאטען. אין חודש יאנואר בין איך קראנק געוואָרען אויף טיפוס, אָפּגעלעגען א פּאָר וואָכען אין שפּיטאָל, דערנאָך ביי דער מומע, און אז איך בין געקומען צו־זיך, איז שוין געווען דער פריהלינג, דער סוף פון שול־יאָהר, און איך בין אוועקגעפאָהרען אהיים אויף די זומער־וואקאציעס.

25.

מיין מוטער'ס טויט.

מיר זיינען ארויסגעפאָהרען אויף אַ זומער־וואָהנונג, עטליכע וויאָרסט הינטער דער שטאָדט. קוים זיינען מיר ארויס, איז מיין מוטער געוואָרען שווער קראנק. פון טאָג צו טאָג איז זי געוואָרען אַלץ שוואכער און שוואכער. טאָג אויס, טאָג איין פלעגען קומען צוויי דאָקטוירים פון שטאָדט, און שאָקלען מיט'ן קאָפּ. זיי האָבען אליין ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז אזעלכעס. עס איז אָבער געווען שלעכט, און די האָפנונג אויף א היילונג איז געוואָרען אַלץ שוואכער.

מיט לאנגזאמע, אָבער פעסטע טריט האָט זיך צוגערוקט די קאטאסטראָפע, דער שרעקליכער געשפענסט פון דער מאַמע'ס טויט. דאָס, פאר וואָס איך האָב געציטערט פון מיינע פריהסטע קינדער־יאָהרען, איז געשטאנען פאר דער טיר. דער אָטעם פון גסיסה האָט זיך געטראָגען איבער אונזער הויז.

איך פלעג ארויסגעהן אין א קליין וועלדעל, וואָס איז געלעגען ניט ווייט פון אונזער דאַטשע; איך האָב געבלאָנדזשעט אונטער די בוימער, און עס האָבען געקלונגען אין מיינע אויערען שוידערהאפטע, פייערליכע טענער פון בעטהאָווען'ס טרויער־מארש. דער טויט איז געשטאַנען פאַר דער טיר.

די מאמע האָט געפיהלט, אז עס דערנעהערט זיך דער סוף, און זי האָט געבענקט צוריק אין שטאָדט, אין די היימישע שטוב. מען האָט ערפילט איהר וואונש. ס'איז ניט געווען מעגליך צו פיהרען זי מיט א וואָגען; דער וועג איז געווען צו שלעכט. מען האָט באַשטעלט אַ ספעציעלען טראָג־בעט, מיט הענטלאַך, מיט א מין דאַך און מיט אַ פאָרהאַנג. מען האָט געדונגען טרעגער, און מען האָט זי געטראָגען אין שטאָדט. מיר זיינען געגאנגען צוזא־

מען. איבער ווייטע פעלדער האָט זיך געצויגען אונזער טרויעריגע פראָצעסיע. ווי א לויה האָט דאָס אויסגעזעהן. אָבער דאָס לע־בען האָט נאָך געצאנקט.

פארנאכט איז מען אָנגעקומען אהיים. די מאמע האָט שוין קוים געקענט ריידען. דער דאָקטאָר איז געקומען, געכאַפּט דעם דופק און אַוועק אין ווינקעל: שלעכט, זי וועט קוים איבערלעבען די נאכט!

די מאמע האָט קוים געקענט רעדען. אָבער די לעצטע ווער־טער, וואָס זי האָט ארויסגעזאָגט מיט מיה און מאטערניש, זיינען געווען די ווערטער פון זאָרג און דאגה פאר אונז, פאר די קינדער. זי האָט געלעבט ווי א מארטירערין, זי איז געשטאָרבען ווי א קדוש...

ס'איז געקומען דער אווענד. די מאמע איז געלעגען שטיל אין איהר בעט, און איהרע טיפע, שווארצע, שעהנע אויגען האָבען געקוקט אויף אונז. געקוקט מיט א וועהטאָג, געקוקט מיט א בענק־שאפט, מיט א שטילער, שרעקליכער בענקשאפט.

איך האָב ניט קיין ווערטער צו בעשרייבען די דאָזיגע בענק־שאפט. ס'איז דאָ ביי טורגעניעוו'ען אין זיינע „געדיכטע אין פראָזע" א בילד פון א גוסס: אין דער טיפעניש פון זיינע אויגען צאפּעלט און שלאָגט זיך עפּעס, ווי א פליגעל פון א דערשאָסענעם פויגעל... דאָס איז עס.

ס'איז דאָ א פאָלקסטימליכער דייטשער אויסדרוק: „ליידען דעם טויט". א גרויסער דייטשער דיכטער האָט איהם געברויכט, באשרייבענדיג דעם טויט פון דער מוטער. זי האָט געליטען דעם טויט. שטיל און רוהיג. אָבער קיין זאך אויף דער וועלט קען ניט פארגליכען ווערען צו דעם שרעקליכען ליידען פון א נשמה, וואָס מוז זיך געזעגענען מיט'ן לעבען... דאָס איז עס.

אין דער פריה איז געקומען דער טויט. די מאמע איז אנשלאָ־פען געוואָרען. אויפגעהערט צו אָטעמען. דער פּנים האָט זיך אויסגעצויגען, און מאַרמאָר־ווייס און שעהן איז ער געוואָרען ווי אין די שעהנע יונגע יאָהרען.

דער שטילער טויט פון א געליבטען מענשען — דאָס איז ווי א פייערליכער גאָטעס־דינסט. און דער, וואָס שטעהט אלס שטו־מער עדות ביים טויטען־בעט, דער שפירט די הייליגקייט פון טויט.

און די גאַנצע ליעבע פון גאַנצען לעבען הויבט זיך אויף ווי א כוואַליע פון הארצען. די גרויסע ליעבע און די גרויסע אייביגע דאנקבארקייט.

און דאן קומט די גרויסע, טעמפּע מידקייט, וואָס לאָזט זיך אראָפּ אויפ'ן מוח, ווי א גרויע כמארע. די טעמפּע מידקייט פון א גרויסען אונגליק. די מאַמע איז ניטאָ.

ס'איז געשעהן. מען האָט פארלאָרען דאָס טייערסטע, וואָס מען האָט געהאט אויף דער וועלט.

און מען לעבט ווייטער.

.26

דער צווייטע יאָהר אין אוניווערסיטעט

דער זומער איז אריבער, און איך בין געפאָהרען צוריק אין קיעוו; געפאָהרען מיט א באשלוס צו ווארפען די מעדיצין און איבערצוגעהן אויפ'ן יורידישען פאקולטעט.

דעם גאנצען זומער האָט מען מיר אין דער היים שטארק צו־גערעדט, איך זאָל דאָס טאָן. הויפּטזעכליך צוליב מיין שוואכען געזונד. נאָכ'ן טיפוס איז ביי מיר געבליבען א נירען־קרענק, און די דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אז איך זאָל שטרענג אויסמיידען יעדע אָנשטרענגונג, אָפּהיטען א שטרענגע דיעטע, לעגען זיך שלאָ־פען באצייטענס, ניט ארויסגעהן אויף דער גאס אין א שלעכטען וועטער, — אז ניט וועל איך האָבען באלד א מיאוס'ען פסק. האָט מען מיט מיר גע'טענה'ט, אז די מעדיציניש פּראקטיק איז אזא שווערע זאך, וואָס איך וועל ניט קענען אריבערטראָגען. איך האָב זיך אָבער דאָך א צייט־לאנג פאר'עקשנ'ט, און איך ווייס ניט, צי איך וואָלט סוף כל סוף געפאָלגט די דאָזיגע עצות, אויב עס וואָלט זיך ניט אריינגעמישט א מענש, וועלכער האָט אויף מיר געהאט א גרויסע ווירקונג. דאָס איז געווען גערשוני.

וועגען דעם דאָזיגען אינטערעסאַנטען און ליבען מענשען, וועלכער איז אין א פּאָר יאָהר ארום געוואָרען א באריהמטער טוער ביי די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וועל איך דערצעהלען באריכות אין א וויטערדיגען קאפּיטעל. איצט וועל איך נאָר זאָ־גען, אז ער איז גראָד אין יענער צייט, אין די ערשטע חדשים פון 1898, געקומען צופאָהרען אין מינסק, און זיך דאָרטען באזעצט. באלד נאָך זיין קומען איז ער אריין צו אונז אין הויז און איז גע־וואָרען אן אָפטער אריינגעהער און א גוטער פריינד פון אונזער משפחה. ער איז אפילו געווען א ווייטער קרוב אונזערער, פון מיין פאָטער'ס צד. איך פלעג צו איהם קומען כמעט אלע טאָג,

און פארברענגען ביי איהם לאנגע שעה'ן. האט ער מיך אויך צו־גערעדט, איך זאלווארפען די מעדיצין. ערשטענס, טאקע צוליב דעם שוואכען געזונד. צווייטענס, צוליב אן אנדער טעם. ער האט געזעהן, אז די סטודענטישע סביבה האט ביי מיר אויפגע־וועקט א געוויסען אינטערעס צום געזעלשאפטליכען לעבען. איהר ווילט דאך מסתמא — האט ער צו מיר געזאגט — זיך באטייליגען אין דער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט. דער מעדיצינישער פא־קולטעט וועט אייך קיין צוגרייטונג דערצו ניט געבען. אויפ'ן יורי־דישען פאקולטעט אבער וועט איהר אזא צוגרייטונג יא באקומען. דאס איז דער נאטירליכער וועג צו א פאליטישער ארבייט. קוקט זיך צו צום אייראפעאישען לעבען, און איהר וועט זעהן, אז דאס רוב באדייטענדע פאליטישע טוערס זיינען דוקא יוריסטען.

דאס איז געווען א וויכטיגער מאטיוו, און דאס האט גע־ווירקט. גלייכצייטיג האט אויף מיר געווירקט נאך א צווייטע זאך. איך האב זיך שטארק ענטוישט אין דער מאכט פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט. די לעצטע שווערע קראנקהייט פון מיין מוטער, די הילפלאזיגקייט פון די דאקטוירים, זייער אומפע־היגקייט אויסצוגעפינען, אין וואס עס איז אייגענטליך באשטא־נען די קראנקהייט, א פשיטא שוין איהר בייצוקומען — דאס אלץ האט אין מיינע אויגען שטארק פאר'מיאוס'ט די גאנצע דאקטוי־רים־מלאכה. און אזוי האב איך באשלאסען צו ווארפען די מעדיצין.

איך בין געפאהרען צוזאמען מיט מיין פריינד יאשקא קאפ־לאן. מיר האבען געדונגען א צימער'ל ניט ווייט פון אוניווערסי־טעט, אויף דער קיעווער הויפט־גאס, קרעשטשאטיק, און האבען דאס גאנצע שוהל־יאהר געוואהנט צוזאמען. דאס סטודענטישע לעבען איז געווארען היימיש, לוסטיג און אינטערעסאנט. א סטודענט — דאס איז געווען אין יענע צייטען א פריווילעגירטער מענש. די גאנצע סביבה פלעגט זיך באציהען צו איהם מיט סימפאטיע, און אפילו די פאליציי האט צו איהם געהאט א גרוי־סען דרך ארץ. און אויב די יאהרען פון דער גימנאזיע זיינען געווען פול מיט בענקשאפט נאך יענעם טאג, ווען מען וועט זיך ענדליך קענען באפרייען פון דעם פארהאסטען שול־יאך, איז די שטימונג אין אוניווערסיטעט געווען פונקט א פארקערטע. איך האב מיט

שרעק געטראכט וועגן דער צייט, ווען עס וועלען זיך ענדיגן די שעהנע סטודענטישע יאָהרען, עס וועט זיך אָנהויבען דאָס אמת'ע דאָס שווערע גרויע לעבען מיט זיינע זאָרגען, דאגות און צרות.

אין יענער צייט האָב איך באקומען דעם ערשטען באגריף וועגען דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע און דערזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען א פּאָר סאָציאַל־דעמאָקראטישע טוער. געשעהן איז דאָס צוליב מיין שכן און דורך איהם.

נאָך אין פריהלינג, ווען איך בין געלעגען א קראנקער ביי מיינע קרובים, פלעגט יאשקא קאפלאן אריינקומען צו מיר, און מיר פלעגען שמועסען. צופעליג האָט מען דערמאָנט עפּעס וועגן דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, און יאשקא האָט אין צוזאמענהאנג מיט דעם אָנגערופען דעם נאָמען פון קאַרל מארקס. איך האָב נאָך ניט געהאט די מינדסטע אהנונג וועגען דעם מארקסיזם. איך האָב אָבער געהערט, אז איינער, מארקס, האָט אָנגעשריבען א בוך מיט'ן נאָמען „קאפּיטאַל". זיינען מיר די רייד פון מיין פריינד געוועזען עפּעס קשה. וואָס הייסט — האָב איך איהם געפרעגט — ווי קומט דאָס מארקס צו דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע? די סאָציאַליסטען זיינען דאָך געגען דעם קאפּיטאַליזם, און מארקס האָט געשריבען א בוך דוקא וועגען דער אנטוויקלונג פון קאפּיטאַל? עס בינדט זיך עפּעס ניט איינס צום צווייטען! ניין, — האָט מיר יאשקא געענטפערט — די זאך איז ניט אזוי. אמת, מארקס האָט טאקע געשריבען וועגען דעם קאפּיטאַל. ער האָט אָבער אויפגעוויזען, אז די ענטוויקלונג פיהרט מיט א היסטאָרישער נויטווענדיגקייט דערצו, אז דער קאפּיטאַליזם, ווען ער וועט דער־געהן ביז צו זיין העכסטער שטופע, מוז ממילה ברענגען צו זיין אייגענעם היפוך, צו דעם סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם איז זיין נאטירליכע פאָרטזעצונג, זיין פועל־יוצא.

יאשקא האָט דאָס מיר ערקלערט אין א פּאָר קורצע ווערטער. איך האָב אָבער באלד אויפ'ן אָרט, אין איין רגע, געכאפּט דעם זין און דעם תמצית; און דאָס איז געווען פאר מיר א געוואלדיגע ענטפּלעקונג. פריהער פלעג איך קוקען אויף די סאָציאַליסטען, ווי אויף א הייפעל בעלי־חלומות, וואָס טראָגען זיך ארום מיט פאנטאסטישע פּלענער און ווילען מיט קינסטליכע מיטלען, מיט

באַמבעס און אָנפאַלען מאכען עפּעס אַן איבערקערעניש. איצט אָבער האָב איך זיך פּלוצלינג דערוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט גאָר אַן אנדער מין סאָציאַליזם. ניט קיין פאַנטאַזיע, ניט קיין חלום, נאָר אַ נויטוועגדיגער, ממשות׳דיגער פּראָדוקט פון דער גאַנצער מענשליכער ענטוויקלונג. דאָס האָט געביטען מיין גאַנצע באַציהונג. איך האָב באַלד געפיהלט, אַז דאָס איז אַ זאַך, וואָס מען מוז אויפנעמען און אנערקענען.

אין הערבסט האָב איך זיך גענומען צו שטודירען די פּאָליטי־שע עקאָנאָמיע, און דאָס איז געווען אַ ווייטערדיגער טריט. און דערנאָך האָב איך דערזעהן לעבעדיגע מאַרקסיסטען.

מיין פריינד יאַשקאַ איז שוין געווען אין אַ פאַרבינדונג מיט די אָרטיגע טוער. אין מיטען שול־יאָהר האָט ער שוין אָנגעהויבען צו געהן אויף די קרייזלאַך. אין אָנהויב פלעגט מען אויסנוצען אונזער דירה פאַר פּאַרטיי־צוועקען. איינמאָל בין איך געקומען אהיים און געטראָפען אין אונזער צימער אַ פרעמדען מענש: אַ איד פון אַ יאָהר דרייסיג, מיט אַ שוואַרצע באָרד, זיצט ביים טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט און שלאָפט. דערנאָך איז געקומען יאַשקאַ; דער איד האָט אויפגעוואַכט, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו רעדען. מען פלעגט דערמאָנען עפּעס אומבאַקאַנ־טע נעמען, און צווישען זיי דעם נאָמען פון עפּעס אַ „בונד". וואָס איז דאָס אַזעלכעס, און ווער איז געווען דער איד, האָב איך ניט געוואוסט, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס שמעקט עפּעס מיט פאַרבאָטענע רעוואָלוציאָנערע זאכען. ערשט שפּעטער מיט יאָהרען האָב איך זיך באַקענט — אין דער שווייץ — מיט דעם דאָזיגען אידען, און זיך דערוואוסט ווער און וואָס ער איז געווען. דאָס איז געווען אַן אַלטער בונדיסטישער טוער, מאַרק ווילטער, וואָס האָט פריהער געאַרבייט אין דער אונלעגאַלער דרוקעריי אין באָברויסק, וואו עס האָט זיך געדרוקט דער דאַמאָלס־דיגער צענטראַל־אָרגאַן פון „בונד", די „אַרבייטער־שטימע". אין זומער פון 1898 איז פאָרגעקומען דער גרויסער אַרעסט פון „בונד". מען האָט צוגענומען דעם צענטראַלען קאָמיטעט און די דרוקעריי. מאַרק ווילטער איז אַנטלאָפען, און אין דער צייט, ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געזעהן אין קיעוו, האָט ער געלעבט אונ־טער אַ פרעמדען נאָמען ערגעץ אין אַ שטעדטעל, ניט ווייט פון

קיעוו, און דאָרט פאַרוואַלטעט מיט אַן אונלעגאַלער דרוקעריי פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי; פון צייט צו צייט פלעגט ער קומען אין קיעוו, און אונזער דירה איז געווען דער אָרט, וואו ער פלעגט זיך טרעפן מיט א פאָרשטעהער פון דעם קיעווער קאָמיטעט.

אָט דער דאָזיגער פאָרשטעהער פון קאָמיטעט איז אויך געווען אַן אָפטער אריינגעהער ביי אונז אין דעם קליינעם חדר׳ל אויף קרעשטשאַטיק. דאָס איז געווען אַ מענש, וועלכער איז מיט א סך יאָהרען שפּעטער, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פון 1917, געוואָרען גאַנץ באַריהמט אין רוסלאַנד; מאַנכע גאַס אין פּעטראָגראַד און אין דער פּראָווינץ טראָגט זיין נאָמען; ער איז דער׳הרג׳ט געוואָרען מיט א פּאָר יאָהר צוריק אין פּעטראָגראַד פון א געגנער פון באָלשעוויזם — דאָס איז אוריצקי.

ס׳איז געווען א קליין מענשעלע — איך מיין: פיזיש קליין, גאָר א פּיטשינקער, מיט קלייניטשקע וואָנסעלאַך, מיט אַ מאָדנעם מין גאַנג — ער פלעגט זיך עפּעס שאָקלען פון זייט צו זייט, אריבערקייקלען זיך פון איין פוס אויפ׳ן צווייטען. גערעדט האָט ער אויסערגעוועהנליך שטיל. ער פלעגט זיך אוועקזעצען ביים טיש מיט מיין פריינד און פלעגט אָנהויבען צו שושקען זיך. די ווערטער פלעגען זיך שיטען גיך־גיך, אָהן אן אבהאַלט, ס׳איז געווען פונקט ווי א שנירעל קלייניטשקע, קיילעכדיגע קרעלען. א סך זאַכען האָב איך דעמאָלס ניט פאַרשטאַנען. איך געדענק אָבער, אַז ער פלעגט רעדען וועגען די מאַרקסיסטישע שרייבער פון יענער צייט. מיט א פּאָר יאָהר פריהער האָט גראָד אין רוסלאַנד אויפגעבליהט דער אזוי־גערופענער לעגאַלער מאַרקסיזם. אָנגעזעהענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טוער האָבען זיך דאמאָלס א לאָז געטאָן אין די לעגאַלע פּרעסע און ליטעראַטור און אָנגעהויבען אַ קאַמף געגען די אַלט־פּרענקישע סאָציאַליסטישע שיטה פון די רוסישע „פאָלקסיסטען" („נאַראָדניקי"), וואָס איז נאָך פאַרבליבען פון די 70ער יאָהרען. צופּאַסענדיג זיך צו די צענזור־באַדינגונגען, האָבען זיי געמוזט רעדען מיט א האַלבען מויל, אָבער דער עולם האָט זיך גוט אויסגלעערענט צו לעזען צווישען די שורות, און זייערע ווערק האָבען געהאַט א געוואַלדיגען ערפאָלג. די דאָזיגע שרייבער זיינען פּלעכאַנאָוו (אונטער׳ן נאָמען „בעלטאָוו", און אַנדערע),

לענין (אונטער די נעמען „טולין" און „אילין"), מארטאָוו און פילע אנדערע. פון אוריצקי׳ס שמועסען האָב איך זיך דערוואוסט וועגען זיי, און מאנכע זאכען זייערע האָב איך געלייענט.

ווי געזאָגט, איז עס געווען א צייט פון גרויסען אידעאישען קאמף צווישען די מארקסיסטען און די „פאָלקסיסטען". די פאָלקסיסטען האָבען ניט געגלויבט, אז אין רוסלאנד וועט זיך קענען ענטוויקלען דער קאפיטאליזם, און האָבען אלץ געבויט אויפ׳ן פויער. די מארקסיסטען, פארקעהרט, פלעגען דערווייזען, אז רוסלאנד וועט געהן מיט׳ן זעלבען וועג ווי מערב אייראָפּא, און אז דער טרעגער פון דער רעוואָלוציע איז דער ארבייטער־קלאס.

אין קיעוו, וואו עס זיינען געווען שטארק פארטראָטען ביידע ריכטונגען, פלעגען אָפט פאָרקומען דיסקוסיעס. איינמאָל האָט מיך יאשקא גענומען אויף אזא דיסקוסיע. איך וויים ניט, צי איך האָב דאמאָלס א סך פארשטאנען. איך געדענק, ווי איינער, א מארקסיסטישער רעדנער, האָט עפּעס כסדר גע׳טענה׳ט וועגען א בריף פון עדוארד בערנשטיין; איך האָב דעם בריף ניט געלייענט און ניט געוואוסט, וואָס איז דאָס אזעלכער דער דאָזיגער בערנשטיין. דערנאָך, געדענק איך, ווי איינער א פאָלקסיסט, מיט לאנגע צושויבערטע האָר און א גרויסען באָרד, האָט זיך געוואָרפען און געשריען, און פארלאנגט, אז מען זאָל איהם ענטפערען אויף דער פראגע: צי א דאָרף־סטאָליאר (קארפּענטער) איז יאָ א פּראָלעטאריער אָדער ניט קיין פּראָלעטאריער? איך פּערזענליך האָב פריהער געהאט געוויסע סימפּאטיעס צו די „פאָלקסיסטען". די גאנצע רוסישע ליטעראטור, אויף וועלכער איך בין אויסגעהאָדעוועט געוואָרען, איז געווען דורכגעדרונגען מיט א סימפּאטיע און מיט אינטערעס דוקא צום פויער. וועגען דעם ארבייטער פלעגט מען רעדען זעלטען, און אזוי איז די פאָלקסיסטישע שטימונג געווען א נאטירליכע טראדיציע. ביסלעכווייז האָבען אָבער די שטארקע קלעפּ פון דער מארקסיסטישער קריטיק צושלאָגען די דאָזיגע טראדיציע.

נאָך אין זומער, זייענדיג אין מינסק, האָט מיר יאשקא פאָרגעלעגט, איך זאָל ווערען אן אקטיווער טוער, נעמען א קרייזעל און אָנפיהרען מיט איהם. דער פאָרשלאג איז מיר אויסגעקומען גאָר ווילד. ווי אזוי? קוים האָב איך דערכאפּט א פּאָר ווערטער וועגען

דעם סאָציאַליזם — און שוין געהן ארבייטען? אויסגעשלאָסען! איך האָב נאָך פארשידענע ספקות. איך טאַפּ נאָך אליין אין פינ־סטערן און האָב נאָך ניט די מינדעסטע צוגרייטונג, — און אין אזא צושטאנד וועל איך געהן לערנען אנדערע? ניין. איך האָב געהאט א צו שטארקען געפיהל פון פאראנטוואָרטליכקייט, און צו־פיל באשיידענקייט, כדי צו טאָן אזא טריט. איך האָב זיך אנט־שידען אָפּגעזאָגט.

אגב, איך האָב דאָ דערמאָנט וועגען מיין באשיידענקייט. איך בין טאָקע באמת געווען זעהר א באשיידענער בחור און גאָר־ניט געהאלטען פון זיך. איך געדענק, מיין קיעווער פעטער האָט מיך אמאָל געלויבט — אין מיין אנוועזענהייט — און געזאָגט, אז איך בין א קלוגער יונגערמאן. דאָס האָט מיך גוואלדיג פאר־וואונדערט. ווי קום איך צו זיין א קלוגער? און איך האָב ניט געוואוסט, צי איך דארף איהם גלויבען.

יאַשקאַ האָט זיך געקויפט א ציווילען מאנטעל (אין אוניווער־סיטעט האָבען מיר אַלע געמוזט געהן אין יוניפאָרם) און א גרויסען שווארצען פוטערנעם היטעל, און איז געלאָפען אויף די קרייזלאך. איך בין געבליבען אָן א זייט. דערפאר אָבער האָב איך זיך גע־וואָרפען מיט'ן פולען ברען אין די סטודענטישע באוועגונג.

אין די פּראָגרעסיווע סטודענטישע קרייזען האָט דעמאָלט געקאָכט און געברויזט. איך האָב שוין אָנגעוויזען, אז אין דער ארומיגער שטאָדטישער סביבה האָט זיך דער סטודענט געפיהלט פריי און היימיש, אָן אמת'דיג ליב־קינד פון דער געזעלשאפט. אָבער אין דעם אוניווערסיטעט גופא איז די לופט געווען דומפּיג און שטיקענד. שוין מיט יאָהרען צוריק האָט די רעגירונג ארויפ־געלעגט איהר שווערע פויסט אויף די אוניווערסיטעטען, צונישט געמאכט די אַקאַדעמישע זעלבסטפערוואלטונג און אָנגענומען אַלע מיטלען כדי צו פארוואנדלען די סטודענטען אין געהאָדכזאמע שילער. מען האָט איינגעפיהרט א דיסציפּלין, אָוועקגעזעצט אינס־פּעקטאָרען מיט געהילף־אינספּעקטאָרען, ארויסגעגעבען נארישע תקנות זיך באוואָרענט מיט שפּיאָנען. ס'איז געווען אן אבקלאַנג פון דעם אַלגעמיינעם רעזשים, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד. דאָ האָט מען אָבער געהאט צו טאָן מיט אן אינטעליגענטער, פריי־

שער פרייהייטליכער און אידעאַליסטיש־געשטימטער יוגענד. און די יוגענד האָט געמוזט פּראָטעסטירען.

פון צייט צו צייט פלעגען טאַקע אויסברעכען די אַזוי גערו־פענע סטודענטישע „אונרוהען“. מען פלעגט מאַכען גרויסע פאַר־זאַמלונגען, ארויסגעהן דעמאָנסטרירען אויפ׳ן גאַס. דאַן פלעגען קומען קאָזאַקען. מען פלעגט אַרעסטירען דעם עולם, אויסשליסען פון אוניווערזיטעט, אַרויסשיקען פון די גרויסע שטעדט. עס פלעגט ווערען אויף אַ ווײַלע שטילער, און אין אַ פּאָר יאָהר אַרום פלעגט זיך די געשיכטע אָנהויבען פון דאָס נײַ.

אינ׳ם יאָהר 1898 האָט זיך געפיהלט, אַז ס׳איז ווידער גע־קומען די צייט פאַר אַן אויסברוך. די אינספּעקציע איז געוואָ־רען צו חוצפּה׳דיג. ס׳איז געוועזען אונמעגליך ווייטער צו בלײַ־בען רוהיג. אָבער אַזוי האָבען בלויז געטראַכט די קליינע אַק־טיווע גרופּען. די גרויסע מאַסע איז נאָך געווען פארשלאָפען. וואָס זשע טוט מען? ווי שאָקעלט מען פאַנאַנדער דעם עולם? ווי הויבט מען אָן?

אַלע טאָג פלעגען מיר קומען אין אוניווערסיטעט. אָבער אויף די לעקציעס פלעגען מיר געהן זעלטען. געוועהנליך פלעגען מיר זיצען אין קאָרידאָר און שמועסען, און שושקען זיך, און מאַכען פּלענער. מאַנכעס מאָל האָט מען געהאַט גאָר נאַאיווע, קינדערשע איינפעלע. איינער לעגט פאָר, אַז מען זאָל אַרויסהענגען פון אַ פראָנט־פענסטער פון אוניווערזיטעט אַ גרויסע רויטע פאָהן; וועט דאָס די פּאָליציי נישט קאָנען פארטראָגען און וועט קומען מאַכען אָן אָרדנונג. ס׳איז אָבער דאָ פאַראַן אַן אַלטע טראַדיציע, אַז די פּאָליציי טאָר נישט פארשוועכען מיט איהר אָנוועזענהייט דעם בנין פון אוניווערזיטעט. און אַז זי וועט יאָ קומען, וועט זיך אָנ־הויבען אַ גרויסע מהומה, און דאַן וועט מען שוין וויסען, וואָס צו טאָן. אַזעלכע און נאָך אַנדערע פּלענער פלעגען אַרויפשווימען אין אונזערע שמועסען. דאָס איז אָבער געווען מעהר שפּאַס, און קיי־נער האָט דאָס טאַקע ניט גענומען ערנסט. אַן אמת׳ער שטויס איז געקומען פון פעטערבורג.

.27

מיר סטרייקען.

די רוסישע אוניווערזיטעטען פלעגען פייערען איינמאל אין יאהר א באזונדערען אוניווערזיטעט יום־טוב. יעדע שטאדט האט געהאט איהר טאג פאר זיך. אין פעטערבורג איז עס געווען דער 8טער פעברואר.

דעם 8טען פעברואר 1899 האט מען אין דעם פעטערבורגער אוניווערזיטעט געמאכט דעם געוועהנליכען פאראד. עס איז געווען איינגעארדענט א גרויסע, פייערליכע פארזאמלונג, און אפיציעלע פארזאמלונג מיט אפיציעלע „בכבוד'יגע" געסט, מיט אפיציעלע דרשות, און דאס גלייכען. אבער נאך דער פארזאמלונג זיינען די סטודענטען ארויס אויף דער גאס. עס איז אפילו ניט געווען קיין ארגאניזירטע דעמאנסטראציע, נאר גלאט אזוי, דער עולם איז ארויס פון דער געביידע און זיך א לאז געטאן, טאקע מחנות־ווייז, אין די גאסען. געהן מחנות־ווייז — דאס איז אבער געווען א פארברעכען. און באלד האבען זיך באוויזען פאליציי און קאזאקען.

ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, זיינען די סטודענטען אין יענע יאהרען געווען גרויסע יחסנים, און מען פלעגט צו זיי האבען דרך ארץ. אין פאל פון א דעמאנסטראציע פלעגט מען טאקע ארויסרופען די פאליציי אדער קאזאקען, מען פלעגט ארומרינגלען די דעמאנסטראנטען פון אלע זייטען, אוועקפיהרען זיי ערגעץ אין א טורמע און סוף כל סוף באפרייען. מען האט זיך אבער באמיהט צו זיין העפליך און אויסמיידען צו רייצען דעם עולם.

דאס מאל איז אבער געווען אנדערש. גאר אונגעריכטערהייט האבען זיך די קאזאקען געווארפען אויפ'ן עולם. די גרויזאמע קא־זאקישע נאגייקעס האבען זיך אויפגעהויבען איבער די קעפ פון

דער יום טוב׳דיגער יוגענד און מ׳האָט זיי גענומען שלאָגען — ווילד, אומברחמנות׳דיג, ווי עס קענען נאָר שלאָגען די רוסישע קאָזאַקען.

אַ שטורם פון אויפרעגונג האָט זיך אויפגעהויבען אין פעטערבורג. און בליץ־שנעל האָט זיך דער שטורם פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד. דעלעגאַטען פון דער פּעטערבורגער סטודענטענשאַפט האָבען זיך אַ לאָז געטאָן אין די פּראָווינציעלע אוניווערסיטעט־שטעדט אויפצוהויבען אומעדום אַ פּראָטעסט־באַוועגונג. די פּראָווינץ האָט זיך אָפּגערופען מיט׳ן גאַנצען ברען. און אונזער קיעוו איז געווען דער ערשטער.

אַ קאָלאָסאַלע סטודענטען־פאַרזאַמלונג איז צונויפגערופען געוואָרען דורכ׳ן סטודענטישען „בונדעס־ראַט״ אין דער גרעסטער אוידיטאָריע פון אונזער אוניווערסיטעט. דער פּעטערבורגער דעלעגאַט, אַ הויכער שוואַרצער יונגערמאַן, מיט אַ שעהנער רוהיגער באַס־שטימע, האָט אונז אָפּגעגעבען אַ באַריכט פון די פּעטערבורגער געשעהענישען. ער האָט גערעדט רוהיג, געלאַסען און זאַכליך. אָבער דער גאַנצער זאַל האָט געציטערט פון אויפרעגונג. און מיט דער גרעסטער התפעלות האָט די קיעווער סטודענטענשאַפט באַשלאָסען: מיר הויבען אויף אַ פּראָטעסט־באַוועגונג.

ווי געזאָגט, זיינען די סטודענטישע פּראָטעסטען געווען ניט קיין נייעס אין יענע יאָהרען. דאָס מאָל האָבען זיי אָבער אָנגענומען גאָר אַ נייע פאָרם און אַ נייע געשטאַלט: ס׳איז באַשלאָסען געוואָרען אַ סטרייק.

אין די שפּעטערדיגע יאָהרען איז דאָס געוואָרען כמעט אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך. אַ סטרייק אַלס אַ פאָרם פון פּאָליטישען פּראָטעסט און פּאָליטישען קאַמף איז געוואָרען אַ טאָג־טעגליכע ערשיינונג. דעמאָלט איז עס אָבער געווען גאָר אַ נייע זאַך. אמת, מען האָט אויך פריהער גערעדט וועגען סטרייקען — וועגען ארבייטער־סטרייקען. גראָד מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער האָט פּעטערבורג איבערגעלעבט אַזעלכע גרויסע ארבייטער־סטרייקען. אָבער דאָס זיינען געווען סטרייקען, וואָס האָבען געטראָגען אַ ריין עקאָנאָמישען כאַראַקטער. אַ פּאָליטישער סטרייק איז געווען בכלל אַן אומבעקאַנטע זאַך. נור איינמאָל איז ער אָנגעווענדעט געוואָרען, און דאָס איז געווען אין אַ ווייטען קליינעם

לאנד, אין בעלגיען, און ווייניג ווער האָט וועגען דעם געהערט און געוואוסט.

דעם ערשטען פּאָליטישען סטרייק האָבען געמאכט מיר, די יונגע סטודענטען, אינ'ם יאָהר 1899. ווי אזוי מען איז גע־פאלען אויף דעם דאָזיגען געדאנק, ווייס איך ניט. א נייער וויכטיגער געדאנק שטייגט ארויף אלעמאָל פּלוצלונג, און מען ווייס ניט פון וואנען ער נעהמט זיך. אפשר איז ער דעמאָלט געקומען פּארטיגערהייט פון פּעטערבורג. אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, דער נייער שריט איז געמאכט געוואָרען.

ווי נאָר דער גרויסער מיטינג האָט זיך געענדיגט, האָבען מיר זיך מיט'ן פּאָרזיצענדען בראש א לאָז געטאָן איבער די לאַנגע קאָרידאָרען פון אוניווערזיטעט דורכצופיהרען דעם באשלוס אין לעבען. אין מאנכע אָדיטאָריעס זיינען נאָך פאָרגעקומען לעק־ציעס. מען פלעגט מעלדען דעם עולם וועגען דעם לעצטען באשלוס, און ווילענדיג־ניט־ווילענדיג האָט דער פּראָפעסאָר גע־מוזט אויפהערען. אזוי פלעגט דאָס דויערען א טאָג נאָך א טאָג. עס האָט זיך ניט באגאנגען אָהן צוזאמענשטויסען. עס האָט זיך געפונען א גרופּע אקטיווע סטרייק־ברעכער; זיי האָבען זיך אליין געגעבען דעם נאָמען „נאציאָנאליסטען“, עס זיינען געווען העכסט־אָפּשטויסענדע פּארשוינען; אין די שפּעטערדיגע יאָהרען זיינען זיי זיכער געווען אין די רייהען פון דער שווארצער מאה, וואָס האָט טאקע אזוי געבליהט אין קיעוו. איך האָב זיי געהאסט פון גאנצען הארצען, און דאָס וואָרט גופא „נאַ־ציאָנאליסט“ איז פאר מיר געוואָרען אן אמת'ער גרויל. די דאָ־זיגע חברה־לייט זיינען געווען פארביסענע געגנער פון סטרייק; איינמאָל האָבען זיי זיך אפילו פארבאריקאדירט אין אן אָדי־טאָריע, און עס איז שיער ניט דערגאנגען צו א געשלעג. אין אלגעמיין האָבען זיי אָבער געהאט א קנאַפּע ווירקונג, און מען האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף אויסוואורפען.

דער סטרייק האָט געדויערט חדשים־לאַנג. ס'איז געווען א לעבעדיגע און אינטערעסאנטע צייט. מיר איז אויסגעקומען צו געפינען זיך אין סאמע צענטער פון דער בעוועגונג. איך בין שוין דעמאָלט פּטור געוואָרען פון מיין שעמעוודיגקייט. אמת, אויף גרויסע פאַרזאמלונגען האָב איך זיך נאָך ניט דערוועגט

ארויסצוטרעטען, אָבער אין דער לאַנדסמאַנשאַפט פלעג איך שוין ניט מורא האָבען צו נעהמען א וואָרט, און מען האָט מיך אויסגעקליבען אין דעם צענטראַלען „בונדעס־ראַט“ ; בין איך אריין אין דעם קרייז פון די אָנפיהרער.

אַלע טאָג פלעגט דער „בונדעס־ראַט“ האָבען זיינע זיצונגען. ביז שפּעט ביינאַכט פלעגט מען זיצען, ארומרעדען די לאַגע, אָננעהמען מיטלען כדי צו האַלטען אויף דער געהעריגער הויך די שטימונג פון דעם עולם. אַלע טאָג פלעגען מיר ארויסלאָזען א העקטאָגראַפירטען בולעטין, מיט די לעצטע ידיעות וועגען דעם גאַנג פון אונזער קאַמף. דאָס גאַנצע סטודענטישע רוסלאַנד האָט געסטרייקט, און ס׳איז געווען אַן עולם סטרייקער און ערך פון דרייסיג טויזענד מאַן.

פון צייט צו צייט פלעגען מיר ווידער צונויפרופען גרויסע מיטינגען. דאָס זיינען געווען אמת׳ע יום־טובים. מען דאַרף זיך אריבערטראָגען אין די שטימונג פון די אַמאָליגע, לאַנג פאַרגאַנגענע יאָהרען, כדי צו פאַרשטעהען דעם גאַנצען חן, וואָס א מאַסענפאַרזאַמלונג האָט דעמאָלט פאַר אונז געהאַט. דאָס וואָרט „סכאָדקאַ“ אַליין האָט געהאַט א מאַגנעטישע קראַפט. און ס׳איז טאַקע באמת געווען שעהן און אינטערעסאַנט. איך געדענק נאָך די גרויסע אָדיטאָריע מיט איהרע לאַנגע בענק, אויסגעשטעלט אין האַלב־קייַלעכדיגע רייהען — א רייה איבער א רייה ביז׳ן באַלקען ארויף, ווי א גרויסער אמפיטעאַטער. און דער גאַנצער פּלאַץ אויסגעפילט מיט א טויזענד־קעפּיגען עולם — לויטער יונגע, פרישע מענשען, פול מיט באַגייסטערונג און פול מיט ערנסט. דער ערנסטער טאָן איז בכלל געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאָזיגע פאַרזאַמלונגען. מען פלעגט זיך קיינמאָל ניט וויצלען, מען פלעגט קיינמאָל ניט לאַכען. ס׳איז געווען א באַגייסטערונג און ס׳איז געווען א גאַנצע מחנה באַגאַבטע און אינטערעסאַנטע רעדנער. מאַנכע געשטאַלטען זעה איך נאָך פאַר מיינע אויגען, מאַנכע שטימען קלינגען נאָך אין מיינע אויערן. אָט איז דער בעסטער פאָרזיצענדער, וואָס מיר האָבען פאַרמאָגט, א געוויסער נאָסאַליעוויטש. א בלייכער, א לונגען־קראַנקער, מיט א פאַרבלאָזער שטילער קראַנקער שטים. אָבער די דאָזיגע שטים האָט געהאַט אין זיך עפּעס אזעלכעס, אז זי פלעגט

זיך פּאָרט הערען אין די ווייטעסטע ווינקלען פון זאַל און אַריינ־דרינגען טיף און הארציג אין די נשמות. און אַ באַזונדערער כישוף איז געלעגען אין די באַוועגונגען פון זיינע הענד. מיט איין זשעסט איז ער געווען בכח צו באַרוהיגען דעם גאַנצען עולם, ער פלעגט איהם האַלטען אין צוים און אָנפיהרען מיט איהם, ווי אַ דירינענט פיהרט אָן מיט אַן אָרקעסטער.

און דאַן די רעדנער. דער שעהנסטער רעדנער איז גע־ווען ביי אונז אַ יונגער סטודענט פון כערסאָן, וולאַדימיר שאַב, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אָנגעטאָן אין אַ העל־בלויער בלוזע אונ־טער דער גרויער „טוזשורקע"; פאַר מיר איז ער געווען אַן אמת'ע פאַרקערפּערונג פון דעם רעדנערישען טאַלאַנט. אַ וואונדער־שעהנע שטים, טיף, מעלאָדיש, בויגעדיג; אַ הערליכע, פאַרבי־גע שפּראַך; אַ פייערליכע קראַפט פון באַגייסטערונג. ס'איז געווען אַ רוהיגער פייער. אָהן געשרייען, אָהן היסטעריקע, אָבער נאָך מיט יאָהרען שפּעטער פלעג איך פיהלען אין הארצען דעם אָפּקלאַנג און דעם אָפּגלאַנץ פון דער דאָזיגער רעדנערישער מאַכט. שאַב וואָלט געקענט ווערען איינער פון די גאָר גרויסע רעדנער. וואו איז ער אַהינגעקומען, ווייס איך ניט.

ס'איז דעמאָלט נאָך געווען די „אַלטע גוואַרדיע". דאָס זיינען געווען די אַלטע סטודענטען פונ'ם פינפטען קורס מעדיצין. צו זיי פלעגט מען זיך באַציהען מיט'ן גרעסטען רעספּעקט. צווישען זיי איז געווען דער פאָרזיצענדער פון אונזער מינס־קער לאַנדסמאַנשאַפט, יאַקאָוו אַבראַמאָוויטש פרענקעל, נישט קיין באַזונדערער רעדנער, אָבער אַ מענש מיט אַ קריסטאַל־ריינער נשמה און זעלטענער הארציגקייט; מיר האָבען אויף איהם געקוקט שיער ניט ווי אויף אַ הייליגען. אַ צווייטער „וועטע־ראַן" איז דוקא געווען צווישען די בעסטע רעדנער, נישט פון די פייערדיגע, נאָר פון די קלוגע. אַ קליינער מענש מיט אַ מאָדנע־געקנייטשטען פּנים, דער גאַנצער מענש — אַ שטיק מוח; אַן אמת'ער אידישער קאָפּ. אַלץ וואָס ער פלעגט זאָגען איז געווען גאָלד. זיין נאָמען איז אַנשעלעס. ער לעבט נישט מעהר.

און נאָך און נאָך אינטערעסאַנטע געשטאַלטען פלעגען זיך באַווייזען אויף דער טריבונע. איך קאָן ניט אויסרעכענען זיי

אלעמען. די קיעווער סטודענטענשאפט האט זעהר שטארק גע־האלטען פון זיך. און זי האט טאקע געהאט מיט וואס צו שטאלצירען.

אזוי איז עס געגאנגען א וואך נאך א וואך. די ערשטע צייט פלעגט מען אונז ניט שטערען. מען האט זיך באגנוגענט מיט נאכשפיאנירען, מיר האבען דאס געוואוסט, אבער דאס האט אונז ווייניג געארט.

מיר פלעגען קומען אין אוניווערסיטעט אלע טאג, אכטונג געבען, אז דער סטרייק זאל נישט געבראכען ווערען, און וויר־קען אויף דעם עולם. ביסלעכווייז האט זיך אבער די ברייטע־רע מאסע גענומען וואקלען, און גלייכצייטיג איז די „נאַ־טשאלסטווא" געפאלען אויף א המצאה: אין א שעהנעם פריה־מארגען זיינען מיר געקומען און דערפריה צו דעם אוניווערסי־טעט־בנין און געפונען די טויערען פארשלאסען; דער אוניווער־סיטעט איז פארמאכט געווארען. ס'איז געווען א שווערער קלאפ און א סכנה. דער אוניווערסיטעט איז דאך געווען דער איינ־ציגער ארט, וואו מען האט זיך געקאנט צונויפטרעפען מיט דער ברייטער סטודענטישער מאסע און האלטען זי אונטער אונ־זער השפעה. אמת, מיט'ן אויסדערוועהלטען עולם זיינען מיר געווען צונויפגעבונדען דורכ'ן נעץ פון לאנדסמאנשאפטען. דאס איז אבער געווען בלויז א מינדערהייט; וויכטיג איז געווען צו בלייבען אין א שטענדיגען קאנטאקט מיט'ן ברייטען, ניט־אָר־גאניזירטען עולם. פארמאכענדיג דעם אוניווערסיטעט, האט מען ביי אונז צוגענומען די דאזיגע מעגליכקייט. ס'איז געווען קלאר, אז מען מוז אננעמען ספעציעלע מיטלען, כדי אפצופריי־שען די שטימונג. און מען האט באשלאסען ארויסצוגעהן אויף דער גאס. מיר האבען גערופען דעם ארגאניזירטען עולם צו קומען צום טויער פון אוניווערסיטעט, — צו קומען און נישט פאנאנדערצוגעהן זיך. וועט מען אונז ארעסטירען, וועט דאס אויפרודערען דעם עולם; און ווייטער וועט מען זעהן וואס צו טאן.

דער באשלוס איז אנגענומען געווארען שפעט ביינאכט. מען האט נישט באוויזען צו מעלדען אלעמען. עס זיינען גע־קומען א פאר הונדערט מענשען. פאר דער פאליציי איז דאס

אָבער געווען גענוג. באלד האָט זיך באוויזען מיליטער. אין לאנגע רייהען זיינען די סאָלדאטען אָנגעקומען אופ'ן פּלאַץ. עס האָט זיך דערהערט א קאָמאנדע. די רייהען האָבען זיך צו־טיילט, א רוק געטאָן — אויף רעכטס, אויף לינקס, פאָראויס, צוריק, — און אין א פּאָר מינוטען ארום זיינען מיר ארומגע־רינגעלט געוואָרען פון אלע זייטען פון די גלאנצענדע באיאָ־נעטען. דאָס מיליטער האָט זיך אָבער געפיהרט גאנץ לייטיש און קיינעם נישט געשלאָגען.

די קייט איז געשלאָסען געוואָרען און מען האָט אונז אָפּ־געפיהרט אין טורמע. צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען בין איך ארעסטירט געוואָרען.

מיר זיינען אריין אין טורמע. דאָס זיינען געווען די „ארעסטאנטישע ראָטעס“, נישט ווייט פון אוניווערסיטעט, אויפ'ן „ביביקאָווסקי בולוואר“. מיט א יוגענדליכען שטאָלץ און מיט א געוויסער באפרידיגונג זיינען מיר אריין אין דעם טויער פון געפענגניש. מיט הארץ־קלאַפּעניש האָבען מיר זיך צוגעקוקט צו די גראָבע ווענט, צו די גראטעס, צו דער נייער, משונה'דיגער אומגעבונג. די דאָזיגע טורמע איז דאמאָלט גע־ווען — אינגאנצען לעדיג, און מיר האָבען זיך דאָרטען איינ־געאָרדנעט גאנץ היימיש. פון א שטרענגען טורמע־רעזשים איז ניט געווען קיין רייד. מיר האָבען דאָרט באלעבאטעוועט פראנק און פריי: געזונגען, געשפּילט זיך און פארבראכט די צייט לע־בעדיג און לוסטיג. אזוי איז אריבער דער ערשטער טאָג.

ס'איז געקומען דער מאָרגען, און און עס האָט זיך אָנ־געהויבען אן אָנגעשטרענגטע שטימונג פון ווארטען. מיר זיי־נען געווען זיכער, אז דערוויסענדיג זיך וועגען אונזער ארעסט, וועט באלד אויפ'ן צווייטען טאָג זיך צונויפקלייבען א פרישער עולם אויף א נייע דעמאָנסטראציע, און מען וועט זיי אויך ארעסטירען און ברייינגען צו אונז. פון שעה צו שעה איז געוואקסען אונזער אומגעדולד. אלץ שטילער און שטילער איז געוואָרען ביי אונז אין די קאמערן, און פארהאלטענדיג דעם אָטעם, האָבען מיר זיך צוגעהערט צו יעדען קלאנג, וואָס פלעגט ארייינדרינגען צו אונז דורך די טורמע־טויערען פון דער שטאָדט, פון דער פרייהייט.

און פלוצלונג האָבען מיר טאַקע דערהערט: א רעש, א גערודער, די שלעסער קלינגען, די שטימען הילכען, די טריט קלאַפּען אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, און עס גיסט זיך אריין א נייע כוואַליע, — הונדערטער פרישע חברים. פאַר־שטעהט זיך, אז ס'איז געוואָרען נאָך לעבעדיגער און פרעהלי־כער. און אזוי זיינען מיר אָפּגעזעסען דעם צווייטען טאָג.

אין אווענד האָבען זיך אָנגעהויבען די וויזיטען פון די „גדולים". דער ערשטער איז געקומען דער באַריהמטער קיע־ווער זשאַנדאַרם, דער גענעראַל נאָוויצקי. אַ שעהנער מענש, מיט א ווייסען קאָפּ און שווארצע וואָנצעס, און — א גרויסער נאַר. האָט ער אונז געהאַלטען אַזאַ רעדע, אז מיר זיינער שיער ניט צופּלאַצט געוואָרען פון געלעכטער. צווישען אנדערעס האָט ער צו אונז גע'טענה'ט, אז די גאַסען־דעמאָנסטראַציעס זיינען א גרויסע עולה, ווייל עס קאָנען זיך גראָד געפינען אויף דער גאַס קראַנקע און מעוברת'ע פרויען, וואָס קאָנען זיך דערשרעקען און כאַפּען א מיאוס'ען פּסק. פאַרשטעהט זיך, אז אַזעלכע רייד האָבען אויף אונז קיין ווירקונג נישט געהאַט, און נאָוויצקי האָט זיך געמוזט אָפּטראָגען מיט ליידיגע הענט. דערנאָך איז אָבער געקומען דער קיעווער גובערנאַטאָר טרעפּאָוו. ער האָט ניט געהאַלטען קיין דרשות, נאָר ארויסגערופען צו זיך אונזערע א דעלעגאַציע און אָנגעהויבען צו דינגען זיך. ער האָט צוגע־זאָגט צו באַפרייען אונז אַלעמען און ניט צו באַשטראָפען, האָט אָבער פאַרלאַנגט פון אונז אויך אַ צוזאָג, אַז מיר וועלען קיין דעמאָנסטראַציעס ניט מאַכען. איך וויים ניט, וואָס איז אַזעלכעס געשעהן מיט אונזער דעלעגאַציע, נאָר זי האָט דעם צוזאָג געגעבען; אמת, זי האָט דאָס געמאַכט מיט א האַלבען מויל און מיט פשט'לאַך, אָבער אין עצם איז עס געווען דער פאַרלאַנגטער צוזאָג.

אז מיר האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם, זיינען מיר געוואָרען גוואַלדיג אויפגערעגט. באַלד איז צונויפגערופען גע־וואָרען א גרויסער מיטינג אויפ'ן טורמע־הויף, און מען האָט זיך גענומען קריגען און רייסען. אָבער ס'איז שוין געווען פאַר־פאַלען, דער ענטפער איז שוין געגעבען געוואָרען, דער ברייי־טער עולם איז געווען אויף דער זייט פון דער דעלעגאַציע, און

ווילענדיג, ניט ווילענדיג, האָבען מיר געמוזט פארלאָזען די טורמע. מיר האָבען דאָס געטאָן מיט גרויס עגמת נפש.

דער אוניווערסיטעט איז געבליבען פארשלאָסען. עס האָט אָבער שוין סאַי ווי סאַי געהאלטען ביים סוף פון שול־יאָהר און ס׳איז געווען קלאָר, אז ביז די זומער־וואקאציעס וועט דער סטרייק ניט ווערען געבראָכען. און צו די עקזאמענס זיינען טאקע באמת געגאנגען נאָר געצעהלטע פארשויגען.

דערווייל אָבער האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע רייני־גונג. מחנות׳ווייז האָט מען אָנגעהויבען אויסצושליסען פון אוניווערסיטעט און ארויסצושיקען פון קיעוו און די היימאט־שטעדט. יעדער טאָג האָט געבראכט א נייע ארויסשיקונג. יעדען טאָג איז אויסגעקומען צו געזעגענען זיך מיט גוטע פריינד און חברים. מיך האָט מען נאָך אַלץ נישט געטשעפּעט, און איך האָב זיך געפיהלט זעהר ניט גוט. ערשטענס, בין איך ארומגעגאנגען אָהן א שטאָף ארבייט: נאָכדעם ווי דער אוני־ווערסיטעט איז געשלאָסען געוואָרען, האָבען מיר געהאט זעהר וועניג וואָס צו טאָן. פלעגען מיר זיך אזוי ארומבלאָנדזשען אין שטאָדט און ארום דער שטאָדט. קיעוו, מיט זיינע גערט־נער, מיט׳ן דניעפּר און מיט דער ארומיגער סביבה איז טאקע א הערליך שעהנע שטאָדט. אָבער ס׳איז פּאָרט געווען נודנע. און צווייטענס, איז מיר געווען זעהר נישט אנגענעם צו בליי־בען זיצען רוהיג אויפ׳ן אָרט, ווען אלע אונזערע ווערען בע־שטראָפט און ארויסגעשיקט.

ס׳איז אָבער געווען אן אומזיסטע דאגה. מען פלעגט ארויסשיקען מיט א סדר: צום ערשטען די עלטערע קורסען און דאן די אינגערע, און איך בין געווען גראָד פון די אינגסטע. ענדליך האָב איך זיך דערוואַרט. אין א שעהנעם פרימאָרגען האָט זיך ביי מיר באוויזען אן אָקאָלאָדאָשניק און געבראכט דעם באריהמטען „דורכאנגס־צייגנים“ („פּראָכאָדנאָיע סווידע־טעלסטוואָ“): אין משך פון 24 שעה בין איך מחויב ארויס־צופאָהרען פון קיעוו און זיך מטריח צו זיין אהיים אין מינסק „פּאָד נאדזאָר“ פון דער פּאָליציי.

און איך בין געפאָהרען אהיים.

28.

צוריק אין דער היים.

ארויסגעוואָרפען פון אוניווערסיטעט, ארויסגעשיקט „אויפ'ן וואָהן־אָרט“, בין איך אזוי ארום געוואָרען צוריק א מינסקער תושב. אָבער נישט מעהר א אינגעל, א גימנאזיסט, נאָר א סטודענט, דערצו נאָך אן ארויסגעשלאָסענער, א „געליטענער“. דאָס איז געווען א זיכערער איינטריטס־בילעט אויף צו ווערען אן איינגענער מענש אין די ראדיקאלע און סאָציאליסטישע קרייזען. און איך האָב זיך זעהר גיך דערנעהענטערט צו זיי.

מיין פריינד יאשקא, וועלכער וואָלט מיך געקענט אם בעסטען ארייננפיהרען אהין, איז נישט געווען אין מינסק. מען האָט איהם טאקע ארויסגעשיקט פון קיעוו א פאָר טעג פאר מיר, און טאקע קיין מינסק; דאָ האָט מען איהם אָבער באלד ארעסטירט און אָפּגעשיקט צוריק אין קיעוו, אין טורמע אריין. דאָרטען איז ער פארבליבען דעם גאנצען זומער. האָב איך אָבער געהאט א צווייטען קיעווער חבר. ער איז אויך געווען א מינסקער, האָט אָבער געענדיגט ניט די גימנאזיע, נאָר די רעאַלע שול. אין קיעוו האָט ער געלערנט אין פּאָליטעכניקום. דאָרטען האָט ער אויך געהערט צו אונזער חברה; מיר האָבען זיך דערנעהענטערט איינער צום צווייטען און געוואָרען גוטע פריינד. זיין נאָמען איז איליושא (איליא) ווילענקין. דורך איהם האָב איך זיך באַקענט און באַפריינדעט נאָך מיט אַ מענשען; דאָס איז געווען איסאַק (יצחק)טעומין. טעומין איז געווען מיט א היבש ביסעל יאָהרען עלטער פון אונז. א סך מעהר געלייענט, א סך מעהר געזעהן; איז שוין געווען אין אַמעריקא, אין דער שווייץ, געזעהן די וועלט, געזעסען אין טורמע, געהאט א שייכות צו דער באוועגונג.

גראָד אין יענער צייט האָט ער קיין דירעקטען אנטייל אין

דער באַוועגונג ניט גענומען; דאַכט זיך, אַז ער האָט עפּעס געהאַט סכסוכים מיט דער אָרגאַניזאַציע; דאָס האָט איהם נאָך מעהר דערנעהענטערט צו אונז. וואָרים מיר האָבען זיך אויך ערשט געדרעהט ארום דער באַוועגונג און נישט געווען אינגאַנ־ניג. האָבען מיר זיך געדרעהט אַלע דריי צוזאַמען.

פאַרוואָס האָב איך אויך אין יענעם מאָמענט נאָך נישט געוואָלט אריינטרעטען אין דער אָרגאַניזאַציע, דאָס געדענק איך נישט. מסתמא האָב איך זיך נאָך אַלץ ניט געפיהלט גענוג רייף דערצו, און מאַכען די זאַך אויפ'ן טאַנדרעטנעם אופן איז געווען געגען מיין געוויסען. אָבער עפּעס טאָן האָט זיך פאָרט געוואָלט. איז ביי אונז אויפגעשוואומען א משונה'דיגער געדאַנק: אַרויסצוגעבען אַן אַרבייטער־צייטונג, אַן אונלעגאַלע, פאַרשטעהט זיך. דער געדאַנק איז געווען א נאַרישער. פון אַלע דריי האָט געקאָנט שרייבען נאָר טעומין אַליין. איליושקאַ האָט קיינ־מאָל ניט געשריבען; מיינע ליטעראַרישע „אַרבייטען" זיינען דעמאָלט באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב אין קיעוו אָנ־געשריבען עפּעס אַן אויפרוף צו דער סטודענטשאַפט, אין וועל־כען איך האָב פאָרגעלעגט עפּעס א פּלאַן צו רעאָרגאַניזירען די סטודענטישע אָרגאַניזאַציע; דער אויפרוף איז באַטראַכט און אָפּגעוואָרפען געוואָרען פון דעם צענטראַלען ראַט. און דאָס איז געווען אַלעס. פון דעסטוועגען האָבען מיר דאָך באַשלאָ־סען אַרויסצוגעבען די צייטונג, און דוקא גאַנץ זעלבסטשטענדיג, בסוד פון דער שטאָדטישער אָרגאַניזאַציע. האָבען מיר אָנגע־הויבען די צוגרייטונגס־אַרבייט. און אַזוי ווי די רעדאַקציע איז שוין געווען „פאַרטיג", איז די גאַנצע שוועריגקייט באַשטאַנען אין דער פראַגע,ווי דרוקט מען די צייטונג?

אין א שֶעהנעם פריהמאָרגען זאָגט מיר טעומין: איך האָב גערעדט מיט איינעם א באַקאַנטען אַרבייטער; ער וועט אונז פאַרזאָרגען מיט דער נויטיגער טעכניק. לאָמיר געהן צו איהם. און מיר זיינען געגאַנגען.

צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען בין איך געגאַנגען אויף אַן אַרבייטער־דירה. ס'איז געווען א צייט, ווען כ'האָב זיך באַצויגען צו די אַרבייטער אויף אַ העכסט ראָמאַנטישען אופן. דער באַגריף „אַרבייטער" איז אין מיין פאַרשטעלונג

געווען ארומגענומען מיט עפעס א מיסטישען שלייער. דער ארבייטער — דאס איז דאך דער טרעגער פון דער רעוואלוציע, דער קלאס, וועלכער דארף באפרייען די וועלט, דער אונטער־דריקטער, ליידענדער, קעמפענדער העלד, דער „גבור אין קיי־טען". איך האב אין זיך געפיהלט עפעס א באזונדערען דרך ארץ צו דעם דאזיגען מין מענשען: און טרעפענדיג אויף דער גאס א געשטאלט מיט פארסמאלעטע הענט, פלעג איך אפ־טרעטען אן א זייט און לאזען איהם אפען דעם וועג מיט א קינדערשען דעמאנסטראטיווען רעספעקט. און איצט דארף איך זיך צום ערשטען מאל צונויפטרעפען מיט אזא געהיימניס־פולען מענשען, און דוקא ביי איהם אין שטוב! ווי מורא'דיג אינטערעסאנט!

איך האב זיך פארגעשטעלט, אז מען וועט מיך פיהרען ערגעץ אין א פינסטערע, ארימע געסעל, אין א שמוציגען, אונציכטיגען הויז, און איך בין זעהר פארוואונדערט און אפילו ענטטוישט געווארען, ווען איך בין אריין אין א צימער, וואס איז געווען דורכאויס ניט ארימער און ניט ערגער ווי א סטו־דענטיש צימער, אין וועלכען איך האב אליין געוואוינט אין קיעוו. ס'איז געווען ליכטיג, ריין, שעהן, אנשטענדיג אויס־געשטאטעט, גאר אינטעליגענטיש, גאר ניט „פראלעטאריש". דער איינוואוינער פון דעם צימער איז טאקע געווען איינער פון די בעסערע פאך־ארבייטער, א שלאסער פון א גרויסער פאב־ריק, גרישא שאכנאוויטש. מיר האבען זיך פאנאנדערגערעדט, און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער גרייט צו פאר אונז אן אפאראט, אויף וועלכען מען וועט קענען דרוקען די צייטונג. עס האט ניט געהארפט זיין קיין אמת'ע דרוקעריי, נאר דער אזוי גערופענער מימעאגראף.

דער פלאן איז אונז געפעלען געווארען, או מיר האבען גע־בעטען גרישא'ן, ער זאל איהם אויספיהרען. פון דער גאנצער זאך האט זיך אבער ארויסגעלאזט א בוידעם, און די צייטונג האט קיינמאל ניט דערזעהן די ליכטיגע שיין. ס'איז געווען א אינגעלשע פאנטאזיע.

גלייכצייטיג האבען מיר באשלאסען גרינדליך צו שטודירען פאליטישע עקאנאמיע, און טאקע זאלבעדריט. מיר האבען זיך

פארזאָרגט מיט ביכער, האָבען באשלאָסען צו שרייבען רעפעראטען; דעם ערשטען האָט געדארפט אָנשרייבען טעומין, און ער האָט דאָס טאַקע געטאָן. מיט דעם האָט זיך אָבער אונזער קאָלעקטיווער לערנען געענדיגט. אונזערע פּלענער האָבען עפּעס ניט געהאט קיין מזל. יעדער פאר זיך האָט אָבער ווייטער שטודירט און געלעזען. וואָס מיך אָנבאלאנגט, האָב איך זיך אין יענעם זומער גענומען צו מאַרקס'ען און דורכשטודירט דעם ערשטען באנד פון „קאַפּיטאַל".

קיין איין בוך האָט אויף מיר — ווענינגסטענס אין יענע יאָהרען — ניט געמאַכט אַזאַ געוואַלטיגען, אונפערגלייכליכען איינדרוק ווי דער „קאַפּיטאַל". דער תמצית פון מארקסיזם איז מיר געווען באקאנט שוין פריהער, אָבער איצט האָט זיך פאר מיר ענטפּלעקט די גאַנצע געביידע.

ווען איך געברויך דאָס וואָרט „געביידע", איז עס ניט קיין צופאַל. ס'איז טאַקע געווען פאר מיר א הערליכער, שעהנער בנין. געבויט פון לויטער שטאָהל. די אייזערנע קראַפט פון דער לאָגיק, די וואונדערבארע ארכיטעקטור, די זעלטענע הארמאָניע פון געדאנקען — דאָס אלץ האָט מיר געגעבען ניט נאָר די געוואַלדיג־רייכע שפּייז פאר'ן מוח, נאָר אן אמת'ען קינסטלערישען גענוס, ווי מען האָט איהם פון א געניאַלען ווערק פון מענשליכער קונסט. איך האָב אפשר צום ערשטען מאָל געקענט פארשטעהן און אָפּשאַצען די גאַנצע שעהנקייט, וואָס עס האָט אין זיך דער לאָגישער מענשליכער געדאנק. ס'איז געווען אן אמת'ע הנאה נאָכצוגעהן טריט ביי טריט דעם גאנג פון דעם דאָזיגען געניאַלען געדאנקען, זעהן, ווי עס לעגט זיך א שטיין אויף א שטיין, ווי איין טייל וואַקסט ארויס פון צווייטען, פלעכט זיך צוזאמען, שפּרייט זיך פאנאנדער און הויבט זיך ארויף אלץ העכער און העכער צום נויטווענדיגען אייזערנעם אויספיהר. אין דער גאנצער וועלט־ליטעראַטור ווייס איך נאָר איין זאך, וואָס קען זיך פארגלייכען מיט'ן „קאַפּיטאַל" אין דער דאָזיגער הינזיכט, און דאָס איז די באריהמטע „עטיק" פון דעם בארימטען פילאָזאָף ספּינאָזאַ. לויט'ן אינהאלט האָבען די צוויי זאכען קיין שום געמיינזאמעס ניט. ספּינאָזאַ'ס געדאנק טראָגט זיך ארום אין די ווייטעסטע הימ־

לען, בעת מארקס שטעהט מיטביידע פיס אויף דער זינדיגער ערד און שעפּט זיין גאנצען מאטעריאל פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען. אָבער אין ביידע ביכער טרעפט מען די זעלבע אומפאר־גלייכליכע קראפט פון לאָגיק, די גלייכע שטאָלענע ארכיטעק־טור, און — דעם גלייכען שארפען אידישען מח...

דאָס באַקענען זיך מיט'ן „קאַפּיטאַל" איז געווען פאר מיר דאָס וויכטיגסטע געשעהעניש פון יענעם זומער. פון דער צייט אָן בין איך געוואָרען אן איבערצייגטער מארקסיסט.

א מאָדנער צופאל האָט אָבער געוואָלט, אז גראָד ארום יענער צייט האָט זיך ביי מיר פארשטארקט נאָך א צווייטער אינטערעס און א צווייטע שטימונג: די בענקשאפט נאָך דער אידישקייט.

אויב מען וועט מיך פרעגען — און מען פרעגט מיך טאַקע וועגען דעם — ווי אזוי בין איך צוריק געוואָרען א איד, מוז איך צום באַדויערען ענטפערען: איך וויים עס אליין ניט. וואָרום ס'איז ניט געווען קיין פּלוצלונגער איבערברוך, קיין שפּרונג, קיין באשלוס. עס האָט זיך געמאכט פון זיך אליין, ביסלעכווייז, טריט ביי טריט; אזוי, אז איך האָב דאָס אליין ניט באמערקט. איך וויים נאָר פון די צוויי עקסטרע פּונקטען: די קינדער־יאָהרען, ווען איך האָב זיך באטראכט פאר א רוס, און די שפּעטערדיגע צייט פון דערוואקסענקייט, ווען איך האָב זיך באטראכט פאר א אידען. צווישען די צוויי פּונקטען ליגט א גאנצע רייהע פון יאָה־רען, און אין משך פון די דאָזיגע יאָהרען האָב איך זיך געביטען לאנגזאם, אונבאמערקטערהייט.

דאָ ניט לאנג האָט מיר א. ליעסין דערמאָנט א שמועס, וואָס מיר האָבען געהאט אינ'ם יאָהר 1906, ווען דער דאָזיגער פּראָצעס האָט זיך ביי מיר שוין לאנג פארענדיגט. ער האָט מיר דעמאָלט געשטעלט די זעלבע פראגע: ווי אזוי און פארוואָס איך בין געוואָרען א איד. איך האָב איהם געענטפערט: „עס האָט זיך פארבענקט אהיים". אָט פון דער דאָזיגער בענקשאפט געדענק איך איין מאָמענט.

מיר דאכט זיך, אז דאָס איז געווען גראָד אין יענעם יאָהר 1899, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון קיעוו. ס'איז אָבער מעגליך, אז דאָס איז געווען אביסעל פריהער. ניט דאָס איז אָבער וויכטיג. די זאך גופא איז באשטאנען אין פאָלגענדען:

אין דער קיעווער סטודענטישער סביבה איז ניט געווען קיין אונטערשייד צווישען קריסט און איד. אין די ראדיקאלע קרייזען, צו וועלכע איך האָב געהערט, איז די אידען־פראגע בכלל ניט געשטאַנען. אמת, עס פלעגט קומען צו אונז — אייגענטליך ניט צו אונז, נאָר צו מיין שכן — אַ סטודענטעל, וואָס פלעגט עפּעס דבר'ן וועגען הערצל'ס „אידישער מלוכה", וואָס איז דעמאָלט גראָד ניט לאַנג ערשינען. דער יונגערמאַן איז אָבער געווען אַ גרויסער נודניק; און זיינע רייד האָבען אויף אונז ניט געמאַכט דעם מינדסטען איינדרוק.

אין דער לאַנדסמאַנשאַפט האָט געהערשט אַ ריין־אינטערנאַציאָנאַלע, אפשר אפילו אַ קאָסמאָפּאָליטישע שטימונג, — מיר האָבען געהאַט אין אונזערע רייהען סיי אידען (און דאָס איז געווען די מעהרהייט) סיי קריסטען — רוסען און פּאָליאַקען; און קיין אונטערשייד האָט זיך ניט געפיהלט.

עס איז אָבער געווען ביי דער קיעווער סטודענטענשאַפט איינע אַ ספּעציעל אידישע אינסטיטוציע, און דאָס איז געווען די אידישע סטודענטישע קיך. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן איינריכטונג, קאָן איך גענוי ניט זאָגען. איך אַליין בין דאָרטען געווען אפשר איין מאָל, און אפשר אפילו קיינמאָל ניט; איך געדענק שוין ניט. אָבער איך האָב געוואוסט, אַז די דאָזיגע קיך — ווי די סטודענטישע קיכען בכלל — איז ניט געווען בלויז אַן אָרט פאַר'ן עסען, נאָר אויך אַ מין גייסטיגער צענטר. די אידישע סטודענטען פלעגען זיך דאָרטען טרעפען צווישען זיך, מען פלעגט דאָרטען פיהרען אַגיטאַציע, בעת די סטודענטישע אונרוהען, עס פלעגט דאָרטען געוויסערמאַסען געמאַכט ווערען די געזעלשאַפטליכע מיינונג. ס'איז געווען אַן ערזאַץ פאַר אַ קלוב.

זייענדיג אין קיעוו, האָב איך פון דעם אַלעמען געהערט, נאָר אויף וויפיעל איך געדענק, האָט דאָס מיך דעמאָלט זעהר ווייניג געאַרט. אָבער שוין נאכדעם, ווי איך בין געקומען אין מינסק, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם דאָזיגען ענין, און עס האָט מיך עפּעס גענומען קלעמען אין הארץ. ס'איז געווען כמעט, ווי אַ קנאה־געפיהל. איך האָב געזעהן: אָט האָבען עפּעס מיינע אידישע חברים אַ פאַרבאַנד פאַר זיך, חוץ דעם אַלגעמיין סטודענטישען, און איך האָב דאָס ניט. ס'איז גלייך, ווי איך וואָלט

געשטאַנען פאר אַ פארמאכטער טיר, און אינווייניג איז היימיש און וואַרים. און איך האָב זיך פלוצלונג דערפיהלט היימלאָז, און עס האָט זיך פארבענקט נאָך אַ היים. און די דאָזיגע היים — דאָס איז דאָס אידישע לעבען.

דאָס געפיהל פון קנאה איז געווען אַ סימן, אַז איך בין נאָך געשטאַנען פון יענער זייט גרענעץ; אַ סימן, אַז איך האָב זיך נאָך ניט געפיהלט אלס איד. אָבער עס איז גלייכצייטיג געווען אַן אויסדרוק פון אַן אויפוואכענדען פארלאַנג — צו ווערען איי־נער פון די, צו וועמען עס האָט מיך געצויגען. דאָס איז אַלץ, וואָס איך געדענק וועגען יענעם מאָמענט.

ארום דער זעלבער צייט האָט זיך אָבער געטראָפען נאָך אַ זאַך: עס האָט זיך מיר פארוואָלט לערנען העברעאיש.

דער דאָזיגער איינפאַל איז ניט געווען — ווי מען וואָלט דאָס געקאָנט מיינען — אַן אָפּקלאַנג פון יענער „בענקשאפט אהיים”, וועגען וועלכען איך האָב נאָר וואָס גערעדט. ס׳איז געווען גאָר אַנאַנדער סדרה.

דער אינטערעס, וואָס איך האָב באקומען צו דער העברעאי־שער שפראַך, איז ניט געווען קיין נאַציאָנאַלער, נאָר אַ קינסטלע־רישער. עס האָט זיך מיר פארוואָלט לייענען דעם ת״נך אין אָרי־גינאַל. דער תנ״ך איז אָבער פאַר מיר געווען ניט קיין ספּעציעל אידישער בוך. ווי איך האָב שוין איינמאָל דערמאָנט, איז ער אין דער גימנאַזיע געווען אַ טייל פון דער קריסטליכער רעליגיעזער לעהרע, און איך האָב איהם ליעב געקראָגען נאָך פון די קינדערשע רעליגיעזע צייטען. די רעליגיעזע שטימונגען זיינען שוין לאַנג פארגאַנגען, אָבער דער אינטערעס און ליבשאפט צו דעם אלטען בוך איז געבליבען. און פלוצלונג איז מיר איינגעפאלען אין קאָפּ: ווי שעהן דארפען קלינגען די ביבלישע ווערטער אין זייער אמת׳ער שפּראַך! איך קען ניט זאָגען, פאַר וואָס דאָס איז מיר איינגעפאלען אין קאָפּ גראָד דעמאָלט, אָבער אַזוי איז עס געווען. איך האָב זיך דערמאנט אָן דעם אלטען קאָנ־סטאַנטינאָפּאָלער תנ״ך, פון וועלכען מיין פאָטער האָט מיר געלייענט קאַפּיטלען פון ישעיה, און דער תנ״ך האָט גענומען ציהען צו זיך. האָב איך באשלאָסען צו נעהמען זיך לערנען.

איך האָב ניט געדארפט זוכען קיין מלמד. איך האָב

שוין געהאט א פארטיגען. דאס איז געווען דער עלטערער פון די צוויי אידישע בחורים — מיטשע און אברהם איטשע, וועגען וועלכע איך האב פריהער דערצעהלט, די זיהן פון דעם שכנות׳דיגען קרעמער, מיינע גוטע פריינד. איך האב געזאגט צום אינגעל: איך לערען דיך רוסיש און חשבונ׳ען; ווילסטו מיר טאן א טובה און מיך לערנען דערפאר העברעאיש? יענער איז מסכים געווען און ער איז געווען שטאלץ מיט זיין מיסיע. און די לעהרע האט זיך אנגעפאנגען.

איך האב טאקע גענומען יענעם אלטען תנ״ך, און מיר האבען אנגעהויבען לייענען „בראשית״... מיטשע האט מיר געוויזען די אותיות און געלערנט די אויסשפראך. איבער־זעצען האט ער פאר מיר ניט געדארפט, ווייל אין בוך גופא איז געווען א פראנצויזישע איבערזעצונג. די לעהרע פלעגט פארקומען — ווי ביי די אלטע גריכישע פילאזאפען — אונטער׳ן פרייען הימעל; טאקע ביי אונז אויפ׳ן הויף. אזוי האבען מיר מיט גרוים מיה און מאטערניש איבערגעלייענט א פאר קאפיטלען. אזא לעהרע איז אבער פאר מיר געווען אביסעל צו פשוט; איך האב געוואלט לערנען מיט סיסטעם. האב איך געפרעגט ביי מיטשע׳ן, ווי האלט עס עפעס מכח א גראמאטיק? האט ער מיר אנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען דקדוק. דעם אמת זאגענדיג בין איך, מיטשע׳ן שטארק חושד געווען, אז ער האט אליין ניט געוואוסט ווי געהעריג, וואס דאס איז אזעלכעס „דקדוק״. אלענפאלס, איז ער ניט געווען בכח מיר דאס צו ערקלערען. און דאס האט שטארק אונטערגעגראבען זיין שם אלס העברעאיסט אין מיינע אויגען. האט אונזער לעהרע אנגעהויבען אונטערצוהינקען, און אין גיכען האט זי זיך אין גאנצען פארענדיגט. קיין העברעאיש האב איך זיך טאקע ניט אויסגעלערענט, אבער א פעולה איז יא געווען, און זעהר א וויכטיגע; איך האב ערשט שפעטער געקאנט זי אפשאצען אין איהר פולער גרוים: איך האב זיך פארט באקענט מיט׳ן א״ב, און אזוי ארום האב איך באקומען דעם שליסעל צו דער אידישער שפראך. דאמאלס האב איך נאך געלייענט גאר שלעכט, אבער דער ערשטער טריט איז געמאכט געווארען.

אזוי האב איך זיך גענומען, אויף פארשידענע וועגען און

צוליב פארשידענע מאָטיוועז, צורוקען זיך צו דער אידישקייט. איך דארף נאָך צוגעבען, אז אין יענער צייט איז מיין חבר'שע סביבה אין מינסק געווען כמעט אויסשליסליך א אידישע, און אז טעומין, מיט וועלכען איך פלעג זעהר פיל פארברענגען, איז געווען א מענש מיט א גאנץ בולט'ער נאציאָנאלער שטימונג. אליין האָט ער געשטאמט פון א טראדיציאָנעלער אידישער פא־מיליע, איז געווען גוט באַקאַנט מיט'ן אידישען לעבען, און איך רעכען אז דאָס חבר'ן זיך מיט איהם האָט אויך געהאַט אויף מיר א געוויסע ווירקונג: טעאומין האָט ליעב געהאַט דאָס אידיש לעבען, און די ליעבע האָט אַן אָנשטעקענדיגע קראפט.

צו דעם אַלעמען איז אָבער צוגעקומען די הויפּט־זאך: די דירעקטע ווירקונג פון דער אידישער ארבייטער־באַוועגונג, צו וועלכער איך בין אין גיכען צוגעשטאַנען. נאָר דאָס איז געווען אביסעל שפּעטער.

.29

יום־כפור.

דעם גאנצען זומער האָב איך זיך געריכט אויף אַן אַרעסט. נאָך אין פריהלינג האָט מען אָנגעהויבען צו אַרעסטירען די אָנפיהרער פון דער סטודענטישער אָרגאניזאַציע. איך האָב געוואוסט, אַז איך בין אויך אין דער רשימה. איך ווייס ניט פאַר וואָס, אָבער גראָד מיר האָט מען געלאָזט צורוה דעם גאנצען זומער, און נאָר אין הערבסט האָט מען מיך אויך גענומען און אוועקגעפיהרט אין קיעוו אין טורמע אריין.

ס'איז געוועזען גראָד יום כפור, און איך בין געגאַנגען מיט טעומינ'ען אין שוהל אריין.

איך געדענק זעהר גוט דעם דאָזיגען פאַרנאַכט. איך האָב פריהער געבלאָנזשעט איבער די גאַסען. מינסק איז א אידישע שטאָדט. די קראָמען זיינען געווען פאַרמאַכט. די גאַסען זיינען געווען פוסט, ווי אויסגעשטאָרבען. זעלטען ווען מען האָט געזעהן עפּעס א דורכגעהער. און עס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון א פיגור פון עפּעס א פרעמדען אָפיציער, פון די אַזוי־גערופענע „גראָדנערהוזארען" — ס'איז געווען אזא רייטער־פּאָלק פון רוסישע גווארדיע, וואָס איז געשטאַנען אין ווארשא, אין אַן אויסטערלישער יוניפאָרם, וואָס איך האָב פריהער קיינמאָל ניט געזעהן: א העל־גרינער מונדיר מיט מאַלינע־רויטע הויזען, מיט זילבערנע שנירלאָך און א לאַנגע שווערד, וואָס האָט זיך געשלעפּט איבער'ן ברוק. ער איז געגאַנגען איבער די פוסטע גאַסען, און זיין פיגור האָט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט דאָס אויסערגעווענליכע יום־טוב'דיגע אויסזעהן פון דער שטאָדט. ס'איז געווען א גרויער פאַרנאַכט און עס האָט געהערשט א גרויסע שטילקייט. מען האָט געפיהלט, אַז ס'איז ניט א טאָג מיט אַלע טעג צוגלייך.

דערנאָך האָב איך געטראָפען טעומינ'ען און מיר זיינען געגאַנגען אויפ'ן שוהל־הויף. איך בין שוין פריהער, נאָך אין קיעוו, געוועזן אַ פּאָר מאָל אין דער אידישער שוהל, אָבער ס'איז געווען די גרויסע, נייַ־מאָדישע סינאַגאָגע, מיט אַן „אייראָפּעאישער" אויסשטאַטונג, מיט אַ כאָר, מיט רייכע אידען אין צילינדערס. איצט בין איך אָבער צום ערשטען מאָל אריין אין אַ אמת'ע אַלט־פּרענקישע שוהל.

צו ערשט זיינען מיר אַריין אין די גרויסע שוהל, און עס האָט מיך באַלד אַרומגעכאַפּט אַ נייע, אונבעקאַנטע אַטמאָספערע מיט איהר גאַנצער אייגענאַרטיגקייט און איהר גרויסער כשוף־קראַפט. ס'איז געווען גאָר אַנדערש ווי אין אַ רוסישען קלויסטער. דאָרטען שטעהט דער גרויסער עולם שטיל, פייערליך און שווייגענדיג, און נאָר דער גלח מיט'ן כאָר רעדט און זינגט אין נאָמען פון דער קהלה. רעדט און זינגט מיט שעהנע, האַרמאָניש־שטרענגע, געמאָסטענע טענער. דאָ אָבער בין איך אריין ווי אין אַ ברויזענדער כוואַליע. הונדערטער און הונדערטער מתפּללים, — און יעדער איינער טענה'ט זיך אויס אַליין מיט זיין גאָט, הויך, אויפ'ן קול, מיט אַ ליידענשאַפטליכען אימפּעט. הונדערטער שטימען הויבען זיך אויף צום הימעל יעדע באַזונדער, יעדע פאַר זיך, אָהן אַ צוזאַמענקלאַנג, אָהן אַ האַרמאָניע, אָבער דאָך גיסען זיי זיך אַלע צונויף אין איין גוואַלדיגען, רוישענדען שטראָם, און ווי משונה'דיג זאָל ער ניט קלינגען פאַר'ן אייראָפּעאישען אויער, דאָך מאַכט ער אַ גוואַלדיגען איינדרוק, דאָך האָט ער אין זיך אַ גרויסען חן, — יענעם חן, וואָס עס פאַרמאָגט אַלע מאָל דאָס פּלאַקערען פון אַ גרויסער מאַסען־נשמה . . .

דאַן זיינען מיר אריבער אין אַ צווייטע, קלענערע שוהל. מיר דאַכט זיך אַפילו, אַז דאָס איז געווען אַ חסיד'ישע שטיבעל. אויך דאָרטען האָט מיך אַרומגענומען דער הייסער שטראָם פון הונדערטער קולות. אָבער איבער דעם גרויסען מאַסען־ברומען האָט זיך אויפגעהויבען איין הויכע און שאַרפע שטים — דער קול פון אַן אַלטען, גרויען חזן. ס'איז ניט געווען קיין זינגען און קיין זאָגען. ס'איז געווען אַ געוויין, אַן אמת'ער געוויין, אין וועלכען עס האָבען זיך געהערט די הייסע טרערען פון אַן

אַנגעוועהטאַגטען הארצען. ס'איז נישט געווען אין דעם קיין פייערליכקייט, ס'איז נישט געווען די שטרענגע האַרמאָניע פון א קריסטליכער תפילה. ס'איז אָבער געווען אַן אמת־אָריענטאַלישע ליידענשאַפט פון א געפּייניגטען הארצען. א קול פון א גרויען עבר, וואָס האָט זיך געקלאָגט און געשריען צו זיין אַלטען גרייז־גראָהען גאָט. און ס'איז געווען אין דעם א גרויסע שעהנקייט . . .

איך בין אוועק אהיים. אין דער נאַכט אָבער זיינען געקומען זשאַנדארמען. מען האָט מיך אוועקגעפיהרט אין טורמע. און זיצענדיג אין מיין קאַמער, האָב איך באַלד אינדערפריה ווידער דערהערט די אייגענע טענער פון קלאָגענדע אידישע שטימען: די אידישע ארעסטאַנטען האָבען זיך צונויפגעקליבען אין איין קאַמער און געדאַווענט... און דאַן האָט מען מיך ווידער גענומען, און מיט א באַגלייטונג פון צוויי זשאַנדאַרמען אוועקגעפיהרט אין קיעוו און אוועקגעזעצט אין דער לוקיאַנאָווער טורמע.

וועגען מיין ערשטען זיצען האָב איך נישט קיין סך צו דערצעהלען. ס'איז געווען גאָר נישט עהנליך צו אַן אמת'ער טורמע. די פּאָליטישע אָפּטיילונג איז געווען פיל מיט סטודענטישער יוגענד, און מען האָט אונז באהאַנדעלט אויסערגעוועהנליך גוט. מיר זיינען טאַקע געזעסען אין איינצעלקאַמערען, אָבער כמעט דעם גאַנצען טאָג זיינען די קאַמערען געווען אָפען און מען האָט געקענט געהן צו גאַסט איינער צום צווייטען. אויפ'ן שפּאַציער פלעגט ארויסגעהן צוזאַמען דער גאַנצער קאָרידאָר. מען האָט זיך געשפּילט צוזאַמען. מען האָט געזונגען; די נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך באַצויגען צו אונז גאָר העפליך און איידעל, און די קורצע צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין טורמע, איז געווען אַן אמת'ער פארגעניגען. איך בין אָפּגעזעסען מעהר ניט ווי צוויי וואָכען און דערנאָך צוריק ארויסגעפאָהרען קיין מינסק וואַרטען אויפ'ן פּסק־דין.

30.

גערשוני.

אונזער שטאָדט איז אַלעמאָל געווען רייך מיט אינטערעסאנטע מענשען. די אינטערעסאנטסטע, די צענטראַלע פיגור איז דאמאָלס געווען גריגאָרי גערשוני.

איך האָב שוין פריהער געזאָגט, אז גערשוני איז געקומען צופאָהרען צו אונז אין שטאָדט אין אָנהויב 1898. מיט א פּאָר יאָהר פריהער האָט ער זיך געלערנט אין קיעווער אוניווערזיטעט (נאָך פאר מיין צייט) און האָט דאָרטען דורכגעמאכט א קורס אַלס פּראָוויזאָר. געקומען אין מינסק, האָט ער דאָרטען געעפענט א כעמישע און באַקטעריאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע, אויף צו מאַכען פארשידענע מעדיצינישע אנאַליזען. ער האָט זיך באַלד באַקענט מיט דער גאַנצער ליבעראַלער און ראדיקאַלער אינטעליגענץ און געוואָרען ביי אַלעמען אַן אָנגעלעגטער גאַסט. ער האָט געהאט א זעלטענע פעהיגקייט צו חבר'ן זיך מיט סאַמע פארשידענסטע מענשען. ס'איז געווען יענע פעהיגקייט, וואָס צייכענט אויס א געבאָרענעם כלל־טוער. מיט וועמען ער פלעגט זיך נאָר טרעפען, אַלע פלעגען זיך פיהלען מיט איהם היימיש און גוט. מיט יעדען איינעם האָט ער געוואוסט ווי אזוי צו ריידען און וועגען וואָס צו ריידען.

ער איז נאָך געווען א יונגערמאַן פון א יאָהר 25, ער האָט אָבער אויסגעזעהן עלטער, צוליב דעם גרויסען פליך, וואָס ער האָט געהאַט. א מאַן פון א מיטעלען וואוקס, אָבער פעסט און ברייט געבויט, מיט א קליינער, שפּיציגער טונקעלבלאָנדער בערדעל. מיט שאַרפע ליכטיגע, בלויע אויגען, אַלעמאָל מיט א וויץ, לעבעדיג, לוסטיג, קלוג, טאַקטיש, א מענש מיט א זעלטענער ענערגיע, מיט אן אויסערגעוועהנליכער פּראַקטישער געניטקייט און מיט א גרויסער פעהיגקייט צו ווירקען אויף אַנדערע מענשען. זיין הויז איז געוואָרען אַן אמת'ער

צענטר, וואָס האָט שטענדיג געשוויבעלט און געגריבעלט מיט מענשען, בפרט פון אונזער יונגער סטודענטישער חברה.

באַלד ווי ער איז געקומען, איז ער געוואָרען אַ גאַנצער קאָכלעפעל אין דעם מינסקער געזעלשאַפטליכען לעבען.

די פאַרטיי פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, אין וועלכער ער האָט שפּעטער געשפּילט די ראָלע פון אַ פּראַקטי־שען אָנפיהרער, האָט זיך דאַמאָלט ערשט געהאַלטען אין אָרגאַ־ניזירען. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די יאָהרען 1898 און 1899 איז ער נאָך נישט געווען קיין פּאַרטיי־מענש. ער פלעגט זיך דעמאָלט — און אפילו מיט אַ יאָהר שפּעטער אויך — זעהר פיל פאַרנעמען מיט דער אַזוי־גערופענער לעגאַלער טעטיג־קייט, און איז אין דער הינזיכט געוואָרען אַן אמת'ע צענטראַלע פיגור. וואו ס'איז נאָר געווען אַ שטיקעל געזעלשאַפטליכע ארבייט — אומעטום האָט מען געקענט טרעפען גערשוני'ן. עס האָט זיך געבילדעט אַ גרופּע קולטור־טרעגער, וועלכע האָבען זיך ארומגעטראָגען מיט אַ געדאַנק וועגען אַ פאַרבעסערטע אידישע שול (פאַרשטעהט זיך מיט דער רוסישער שפּראַך, ווי ס'איז דעמאָלט געווען דער שטייגער) ; איז גערשוני געווען צווישען זיי. עס האָבען זיך געגרינדעט — דאַכט זיך ביי דער מעדיצינישער געזעלשאַפט — אָוונט־קורסען פאַר דערוואַק־סענע, וואו מען האָט געלייענט לעקציעס וועגען נאַטור־וויסענ־שאַפט, איז גערשוני געווען דער איניציאַטאָר און דער גאַנצער אויפזעער פון די קורסען, און ער האָט טאַקע געלייענט די ערשטע לעקציע (איך געדענק אפילו די טעמע : וועגען דער לופט). האָט מען געוואָלט מאַכען אַ חנוכה־אָוונט פאַר אידישע קינדער,—גערשוני איז געווען דער, וואָס האָט דאָס איינגע־ָ ָרדענט. ס'איז געווען ביי אונז אין שטאָדט אַ ליטעראַ־רישע געזעלשאַפט. מען פלעגט זיך צונויפקומען איין מאָל אין וואָך, לייענען רעפעראַטען אויף ליטעראַרישע טעמעס און פיהרען דיסקוסיעס ; גערשוני איז דאָרטען געווען אַלעמאָל אויפ'ן אָרט. אגב דאַרף מען זאָגען, אַז די דאָזיגע געזעלשאַפט איז געווען איינע פון די שעהנסטע זאַכען, וואָס אונזער שטאָדט האָט פאַרמאָגט ; עס פלעגט זיך דאָרטען צונויפקומען די גאַנצע סמעטענע פון דער אָרטיגער אינטעליגענץ, קריסטען

און אידעען צוזאמען; און די דיסקוסיעס, וואָס פלעגען דאָרטען פאָרקומען, זיינען געשטאַנען אויף א גאַנץ הויכער מדרגה, און די שמועסען וואָס מען פלעגט פיהרען בעת דער הפסקה, האָבען פארוואנדעלט די דאָזיגע געזעלשאַפט אין אן אמת'ען גייסטיגען צענטער פון דעם מינסקער קולטור־לעבען.

אין דער געשיכטע פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט איז דער נאָמען פון גערשוני פארבונדען מיט א זעהר כאראַקטעריסטישען אינצידענט. ווי געזאָגט, האָט זיך אין דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט באַטייליגט סאי די רוסישע, סאי די אידישע אינטעליגענץ (בלויז די פּאָלאַקען זיינען נישט געווען פארטראָטען); די רוסישע אינטעליגענץ איז כמעט אויסשליסליך באַשטאַנען פון באַאמטע, — צום גרעסטען טייל ליבעראַלע, אפילו ראַדיקאַלע מענשען; עס האָבען זיך אָבער פארוואַלגערט עטליכע מענשען פון אן אנדערען שניט, און עס האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען שמעקען מיט אַנטיסעמיטיזם. עס האָבען זיך געטראָפען א פּאָר פאַלען ווען מען האָט ניט אָנגענומען א מענשען אין די געזעלשאַפט, ווייל ער איז א איד. דאָס האָט אונז אַלעמען זעהר אויפגערעגט, און גערשוני האָט באַשלאָסען צו באַנוצען זיך מיט דער ערשטער געלעגענהייט און אויפצוהויבען די פראגע. גראָד דעמאָלס איז געשטאָרבען דער באַרימטער רוסישער שרייבער און פילאָזאָף וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו. די געזעלשפט האָט איהם געווידמעט א ספּעציעלען אָוונט. און נאָכדעם ווי די רעדנער האָבען געענדיגט זייערע רעדעס, האָט גערשוני גענומען דאָס וואָרט. „מען האָט דאָ נישט דערמאָנט — האָט ער געזאָגט — וועגען איין מאָדנע אייגענשאַפט, וואָס דער פארשטאָרבענער שרייבער האָט פארמאָגט. ער איז טאַקע געווען א מאָדנער מענש. ער האָט ליב געהאַט די אידען. ווי באַוואסט האָבען „קלוגע" מענשען גראָד פיינט אידען; ווי באַוואוסט, ווילען קלוגע מענשען אפילו נישט צולאָזען די אידען צו זיין מיטגלידער פון א ליטעראַרישער געזעלשאַפט. ער אָבער האָט זיך דוקא באַצויגען צו זיי אַנדערש". און אזוי איז עס געווען ווייטער. די רעדע איז געווען א גאַנץ פאָרזיכטיגע, אפילו אביסעל א צו־פאָרזיכטיגע. איך האָב נאָכדעם געזאָגט גערשוני'ן, אז ער האָט עפּעס איבערגעריסען אין דער מיט. האָט ער מיר

דאַרויף געענטפערט, אַז עס האָט זיך איהם בשעת'ן רעַ־דען־ אויסגעדוכט, ווי איך וואָלט איהם געמאַכט אַ וואונק, ער זאָל אויפהערען. ס'איז געווען אַ טעות: איך האָב איהם אַזאַ וואונק נישט געגעבען; אָבער אפילו די פּאָרזיכטיגע ווערטער האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג: די פּאָר אנוועזענדע אַנטיסעמיטען האָבען ממש געקריצט מיט די ציין, און ס'איז שיער ניט געקומען צו אַ סקאַנדאַל.

אַז מען רעדט שוין וועגען אידען, דערמאָן איך זיך גערשוני'ס אַ ווערטעלע. איך בין אמאָל געווען ביי איהם (דאָס פלעגט זיך טרעפען כמעט אַלע טאָג) און מיר זיינען געשטאַנען ביים פענסטער. פּלוצלונג האָט זיך אויף דער גאַס באַוויזען אַן אַלטער איד: אַ גרייז־גראָהער, אַן אָפּגעריסענער, אַן איינגעבויגענער אין דרייען, איז ער געגאַנגען, איינגעשפּאַנט אין עפּעס אַ וואָגען און געשלעפּט איהם אָנשטאַט אַ פערד. גערשוני האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם דאָזיגען אידען און מיט אַ טרויעריגען שמייכעל געזאָגט: אָט געהט אַ פאָרשטעהער פון דער „נאַציע פון עקספּלואַטאַטאָרען"...

איך ווייס נישט, צי די לעגאַלע טעטיגקייט איז געווען פאַר גערשוני'ן אַ צוועק פאַר זיך, אָדער ס'איז נאָר געווען אַ מיטעל צו שאַפען וואָס ברייטערע פאַרבינדונגען און צוגרייטען פאַר זיך די מעגליכקייט פון אַ רעוואָלוציאָנערער ארבייט. אין דעם לעצטען יאָהר וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין מינסק, איז שוין געווען קלאָר, אַז ער טוט עפּעס אונטער דער ערד. אמת, ער פלעגט זיך אויך פריהער ניט באַגרענעצען מיט די שמאָלע לעגאַלע ראַמען; ווען ער האָט נאָר געקענט העלפען מיט וואָס ניט איז דער אָרטיגער באַוועגונג, דעם „רויטען קרייץ" (אונטער דעם נאָמען פאַרשטעהט מען די שטיצע פאַר פּאָליטישע ארעסטירטע) אָדער די סטודענטישע אונטערנעמונגען, האָט ער דאָס אַלע מאָל געטאָן. אָבער מיט אַ צייט שפּעטער — אין יאָהר 1900 — האָט זיך שוין בולט געפיהלט, אַז ער ארבייט ארום אַ נייער פּאַרטיי.

ארום יענער צייט האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפקלייבען ביי גערשוני'ן אין שטוב אַ גאַנצע רייהע אינטערעסאַנטע מענשען. דעם ערשטען אָרט צווישען זיי האָט פאַרנומען „באַבושקאַ" ברעשקאָווסקאַיאַ.

37

גערשוני׳ם קרייז.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט מיר גערשוני׳ס ברודער (זיין עלטערער ברודער וויקטאָר האָט זיך דעמאָלט אויך באַזעצט אין מינסק; ער איז געווען אַ דאָקטאָר און אויך אונזערער אַ גוטער פריינר) געזאָגט: באַלד וועט איהר זיך באַקענען מיט אַ גאָר זעלטענעם מענשען; אַן אַלטע רעוואָלוציאָנערקע פון די 70־ער יאָהרען. געווען אין קאטאָרגע, אומגעקערט זיך פון סיביר און איצט איז זי דאָ. אַ מענש פון יענעם מין, וואָס מען טרעפט אפשר איין מאָל אין הונדערט יאָהר.

דאָס איז געווען יעקאַטערינאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ ברעש־קאָווסקאַיאַ, די בארימטע „באַבושקאַ", אָדער ווי מען פלעגט זי שפּעטער רופען — „די באָבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע".

אין עטליכע טעג ארום האָב איך זי טאַקע געטראָפען ביי גריגאָרי גערשוני אין שטוב, און איך פלעג זי שפּעטער טרעפען ביי איהם אַ וואָך נאָך אַ וואָך. אַלע וואָך אין אַ באַשטימטען אָוונט פלעגען זיך צוזאַמענקומען ביי גערשוני אַ הייפעלע געקלי־בענע מענשען פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ און ביי אַ גלעזעל טיי ארומריידען די וויכטיגסטע פראַגען פון דעם געזעל־שאַפטליכען לעבען און פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. „די באַבושקאַ" איז שטענדיג געווען צווישען זיי.

אַ מערקווירדיגע, אַ זעלטענע פרוי! מיר האָבען געוואוסט אין קורצע שטריכען איהר ביאָגראַפיע. מיר האָבען געוואוסט, אַז זי איז געווען צווישען די ערשטע פּיאָנערען פון דער סאָצאַליס־טישער באַוועגונג. ס׳איז געווען אין אָנהויב פון די 70־גער יאָהרען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגע־הויבען דאָס בארימטע „געהן אין פאָלק". גאַנצע מחנות יונגע

רוסישע אינטעליגענטען האָבען זיך א לאָז געטאָן און די דערפּער פּארשפּרייטען צווישען די פּויערים דעם סאָציאַליסטי־שען געדאנק. עס האָט זיך אָנגעהויבען די באַוועגונג פון די אזוי גערופענע „נאַראָדניקעס" — „פּאָלקיסטען". און איינע פון די ערשטע איז געווען ברעשקאָווסקאַיאַ. דאָן איז געקומען דער ארעסט, לאנגע יאָהרען פון טורמע, דער בארימטער „ פּראָ־צעס פון די 183", דער שטרענגער משפּט, לאנגע יאָהרען פון קאַטאָרגע, לאנגע יאָהרען פון פּארשיקונג אין סיביר; און ווען זי האָט זיך ענדליך, אין א פּאָר צענדליג יאָהר ארום, אומגע־קערט אין דעם אייראָפּעאישען רוסלאנד, איז זי שוין געווען אן אַלטע פרוי, א „באָבע". א הויכע, שעהנע געשטאַלט, מיט אַן איידעלען, אינטעליגענטען פּנים, מיט ווייסע האָר, אָבער מיט א זעלטען יונגער, פרישער לעבעדיגער נשמה. נישט קוקענדיג אויף איהרע עטליכע און פופציג יאָהר, איז זי אין יענע צייטען געווען אינגער פאר אונז אַלעמען. א לעבעדיגע, א שטיפּערישע, ארומגערינגעלט מיט א מחנה מיידלאך, איז זי געווען דער אמת'ער גלאַנץ־פּונקט פון דעם גאנצען קרייז. קוקענדיג אויף איהר, איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלען, אז דאָס איז דער זעלבער מענש, וואָס האָט אזוי פיל אויסגעשטאַנען, אזוי פיל געליטען; מען האָט נישט געקענט באמערקען ביי איהר קיין סימן פון צו־בראָכענקייט, פון מידקייט, פון אָפּגעלאָזענקייט; עס האָט זיך געפיהלט א פרישע, שטאַרקע געזונטע נשמה; עס האָט זיך געפיהלט א מענש פון א גרויסען דור, איינער פון די אמת'ע גדולים, וועמעס נעמען גרהען אריין אין דער געשיכטע און וועלען קיינמאָל ניט פארגעסען. זי האָט אין זיך געהאט יענע הארציגקייט און פּראָסטקייט, וועלכע צייכענט אוים די בעסטע, טיפּישע געשטאַלטען פון דער אמת'ער רוסישער אינטעליגענץ. געהאַלטען האָט זי זיך אָהן קונצען, פּשוט און חבר'יש. איך געדענק, מיר האָבען אמאָל אַלע צוזאמען, אַ פּאָר צענדליג מאַן, יונגע און אַלטע, פארבראַכט די נאַכט פון ניי־יאָהר; ס'איז געווען ביים עלטערען גערשוני אין הויז. מען האָט געגעסען און געטרונקען, גערעדט און געזונגען, און מיין פריינד טעומין, וועלכער פּלעגט נאָך א פּאָר גלעזלאך משקה אריינפאלען אין חסידישע התפּעלות, איז פּלוצלונג צוגעלאָפען צו דער „באָבע"

און זי פארבעטען אויף א טענצעל. און די אלטע גרייז־גרויע פרוי איז מיט א ליבליכען שמייכעל אויפגעשטאנען און זיך גענומען טאנצען מיט אזא לעבעדיגקייט, אז די יונגע מיידלאך, וואס זיינען געווען דערביי, זיינען געבליבען פארשעהמט און האָבען זיך אויסגערוכט אלט און מיעד אין פארגלייך מיט דער ווייס־קעפיגער „קאטארזשאנקע".

ברעשקאָווסקאיא פלעגט זיך שטענדיג באטייליגען אין די פּאָליטישע שמועסען, וועלכע פלעגען אויספילען די אָווענדען ביי גערשוני. עס פלעגען זיך דארטען צונויפטרעפען פארשידענע מענשען, — מענשען פון אלטען און פון נייעם שניט, אלטע נאראָד־ניקעס, יונגע מארקסיסטען און אויך א טייל יונגווארג, וואס האט זיך געשניטען אויף סאציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען. מיר פלעגען זיך צוהערען צו איהרע ווערטער מיט׳ן גרעסטען דרך ארץ, אָבער מיר האָבען געפיהלט, אז דאס איז א מענש פון גאר אן אנדער דור. זי האט אונז ניט געקענט פארשטעהן. זי איז נאך געווען פול מיט די געדאנקען פון דער אמאָליגער צייט, — פון יענער צייט, ווען די סאציאליסטישע באוועגונג האט זיך גע־מאכט אן אפּגאט פון דעם רוסישען פּויער און געקוקט אויף איהם ווי אויפ׳ן אמת׳ען „פאלק" און ווי אויף א טרעגער פון סאָציאליזם. מיר האָבען שוין געהאט אן אנדער באגריף פון סאציאליזם. אונזער אויפמערקזאמקייט איז געווען געווענדעט צו דעם שטאָד־טישען ארבייטער און אונזער גאנצע האָפנונג האָבען מיר געבויט אויף דער פּראָלעטארישער באוועגונג, פאר דער „באָבען" איז דאס געווען פרעמד און אונפארשטענדליך. זי האט בשום אופן ניט געקענט צופּאסען זיך צו דעם מארקסיסטישען געדאנק. איך געדענק א העכסט כאראקטעריסטישע טענה, וואס זי האט געהאט צו אונז. אויב איהר האלט אזוי שטארק פון דעם שטאָדטישען ארבייטער — האט זי אונז אמאָל געזאָגט — טאָ וואס־זשע געהט איהר אין די אוניווערסיטעטען, פאר וואס־זשע בלייבט איהר סטודענטען ? ווערט אליין ארבייטער, געהט אין די פאבריקען, נעהמט זיך צום האמער, ווערט אליין א טייל פון יענעם קלאס, וועלכען איהר הויבט אין די הימלען אריין. אויב נישט, איז אייער איבערגעבענהייט צום ארבייטער קלאס ניט קיין אויפריכ־טיגע, ניט קיין אויסגעהאלטענע.

דאָס איז געווען אַ מאָדנע טענה. זי האָט געקלונגען אין אונזערע אויערן ווי עפּעס אַ שטים פון גאָר אַ אַנדער וועלט. מיר האָבען געפיהלט, אַז מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט גאָר פרעמדע, אָפּגעלעבטע באַגריפען. אונזער שפּראַך איז געווען גאָר אַן אַנדערע, און מיר האָבען ניט געקענט דורכקומען מיט איהר. דאָס האָט אונז אָבער ניט געשטערט צו באַציהען זיך צו דער גרויסער רע־וואָלוציאָנערין מיט׳ן גרעסטען יראת הכבוד, וועלכען זי האָט טאַקע כשר פאַרדינט.

ס׳איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז דיזעלבע ברעשקאָווסקאַיאַ איז מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער געוואָרען איינע פון די אָנגעזעהנסטע און אַקטיווסטע טוערם ביי די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. זי איז שפּעטער ווידער אַמאָל אַרעסטירט געוואָרען, פאַרשיקט גע־וואָרען אין איינעם פון די ווייטסטע ווינקעלאך פון סיביר, און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק ערשט נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917. דאָ נישט לאַנג האָט זי געפייערט דעם 50־יעהריגען יובילעאום פון איהר רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט. נאָך דער באָלשעוויסטי־שער רעוואָלוציע האָט זי אָבער נישט געקענט געפינען פאַר זיך קיין אָרט אין רוסלאַנד. דער שטראָם האָט זי פאַרטראָגען ווייט אויף רעכטס, און איהר רעוואָלוציאָנערע ראָלע האָט זיך אויס־געשפּילט. אַלס אַ מענשליכע געשטאַלט געהערט זי אָבער פונ־דעסטוועגען צו די שעהנסטע ערשיינונגען, וואָס האָבען זיך נאָר געטראָפען אין דער רוסישער געשיכטע.

די צווייטע אינטערעסאַנטע פיגור פון גערשוני׳ס קרייז איז געווען קאָוואַליק. דאָס איז געווען אַן אַלטער מענש, אויך אַ געוועזענער „קאַטאָרזשניק”. צוזאַמען מיט ברעשקאָווסקאַיאַ איז ער געווען אין דער באַוועגונג פון די „נאַראָדניקעס” און האָט דאָרטען געשפּילט אַן אָנפיהרענדע ראָליע. ער איז געווען, דאַכט זיך מיר, נאָך עלטער פאַר דער „באָבע”, וואָרום מיט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר פריהער, ווען ער איז אַריין אין דער באַוועגונג איז ער שוין דאַמאָלט געווען אַ מענש, וואָס מען רופט, מיט אַ געזעלשאַפטליכער שטעלונג — אַ פרידענס־ריכטער („מיראָוואָי סוריאַ”). צוזאַמען מיט ברעשקאָווסקאַיאַ איז ער אַרעסטירט גע־וואָרען, פאַר׳משפּט, געווען אויף קאַטאָרגע און אין סיביר; ענד־ליך האָט ער זיך אומגעקעהרט און זיך באַזעצט אין אונזער

שטאָדט. אַ שטאַרקער, ברייטער מענש, מיט אַ גרויסען קאָפּ, מיט אַ ברייטען שטערען, מיט אַ קײלעכדיגער בערדעל, מיט רוהיגע, קלאָהרע, קלוגע אויגען, איז עס געווען די קלוגשאַפט אליין. אויב ביי ברעשקאָווסקאַיאַ האָט זיך געפיהלט אַ גרויסע, פייערדיגע נשמה, איז קאָוואַליק געווען דער מענש פון שכל. און איך מוז טאַקע זאָגען: איך האָב אין מיין לעבען געטראָפען אַ היבש ביסעל קלוגע מענשען, אָבער זעלטען ווער האָט זיך געקאָנט מעסטען מיט קאָוואַליק׳ען. אמת, ער איז אויך ניט געווען פון די אונזעריגע, און מיר האָבען זעהר אָפט געהאַט אַן אַנדער מיינונג ווי ער, אָבער ס׳איז פּאָרט געווען אַ זעלטענער חכם. קאָוואַליק איז געווען אַ שווייגער, ער פלעגט רעדען זעהר זעלטען. אַרום איהם טומלען זיך די מענשען, מען קאָכט זיך, מען דיסקוטירט, מען רייסט זיך, — ער זיצט אַ גרויסער, אַ ברייטער, אַ רוהיגער, מיט זיין אייביגער פּיפּקע אין מויל און שווייגט. און נאָר זעלטען, אַ פּאָר מאָל אין אַן אָווענד, עפענט ער זיין מויל און זאָגט עטליכע ווערטער. אָבער די עטליכע געלאַסענע, שטילע ווערטער גיבען מעהר ווי אַ שעה׳דיגע רעדע פון דעם גרעסטען היץ־קאָפּ. מיט די פּאָר ווערטער ווערט פּלוצלונג ווי אַן עלעקטריש ליכט אָנגעצונדען, און די גאַנצע פראַגע, וועגען וועלכע מ׳האָט זיך געריסען, ווערט פּלוצלונג באַלויכטען גאָר אויף אַן אַנדערען, אַן אונגעריכטען אופן, די גאַנצע דיסקוסיע ווערט פאַרקירעוועט אויף אַן אַנדער וועג, און אַלץ וואָס מען האָט גערעדט ביז איצט, ווערט עפּעס איבעריג, ניט צו דער זאַך. ס׳איז ממש צו באַוואונדערען.

עס פלעגט אַריינקומען — אָבער זעלטענער — אויך אַ געוויסער באָנטש־אָסמאָלאָווסקי, אַ פּריץ פון אונזער גובערניע, אַן אַנהענגער פון טאָלסטאָי, אַן עלטערער מענש מיט אַ גרויסע באָרד און טאַקע אַ ביסעל עהנליך צו טאָלסטאָי גופא. מען האָט דערצעהלט, אַז ער האָט אין זיין דאָרף געפּרובירט איינפיהרען אַ לעבען לויט טאָלסטאָי׳ס פּרינציפּען. עס פלעגט אַריינקומען אויך זיין פאַרוואַלטער, איינער סאָלאָמאָנאָוו, אַ קליינער מענשעלע, מיט גרויסע צושויבערטע שוואַרצע האָר און באָרד, אויך פון די געוועזענע רעוואָלוציאָנערע טוער; ער איז געווען אַזוי צוגעוועהנט צו „קאָנספּיראַציע״, אַז קומענדיג אין שטאָדט (פון אָסמאָלאָווסקי׳ס דאָרף האָט מען געדאַרפט פאָהרען אַ פּאָר שעה מיט

דער באהן), פלעגט ער ארויסשפּרינגען פון וואגאָן איידער דער צוג פלעגט זיך אָפּשטעלען, כדי ניט צו דאַרפען דורכגעהן דעם וואָקזאַל. עם זיינען געווען נאָך עטליכע עלטערע מענשען, און מיר — דער יונגער דור.

דאָס זיינען ניט געווען קיין אמת'ע פאַרזאַמלונגען, מיט אַ פאָרזיצענדיגן מיט פאַרשרייבען זיך צום וואָרט און אַזוי ווייטער. מען פלעגט גלאַט זיין ביי גערשוני צו־גאַסט, פאַרברענגען דעם אָוונד ביי אַ גלעזעל טיי און שמועסען. געשמועסט האָט מען אָבער דאָס רוב אויף געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע טעמען. איינע פון די גאַנגבאַרסטע טעמען איז דאַמאָלט געווען: וואָס איז דאָס אַזוינס די אינטעליגענץ, און וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט זי? און אַנדער טעמע: וועגען די געזעלשאַפטליכע כחות און פּאָליטישע שטרעמונגען אין רוסלאַנד. אַ דריטע טעמע איז אָבער געווען באַזונדערס אַקטועל און וויכטיג, און דאָס איז געווען די פראַגע וועגען טעראָר.

אַקטועל און וויכטיג איז זי אייגענטליך געווען צוליב דער פּערזאָן פון גערשוני אַליין. ווי באַוואוסט, איז גערשוני מיט אַ קורצע צייט שפּעטער געוואָרען דער גרינדער און אָנפיהרער פון דער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. מסתמא האָט ער זיך שוין דאַמאָלט, זייענדיג אין מינסק, ארומגעטראָגען מיט דעם דאָזיגען געדאַנק און געוואָלט ווערבירען אָנהענגער. פלעגט ער אויפהויבען די פראַגע און מיר פלעגען מיט איהם דיסקוטירען. די אַלטע זיינען געווען מיט איהם איינשטימיג. צווישען די יונגע זיינען אויך געווען אַ פּאָר זיינע אָנהענגער. אונז, מאַרקסיסטען, האָט ער אָבער ניט געקענט איבערצייגען. איך מוז באַמערקען, אַז גערשוני'ס גאַנצע קראַפט איז באַשטאַנען נישט אין סברות, נאָר אין זיינע אונפאַרגלייכליכע פּראַקטישע פעהיגקייטען. ער איז געווען נישט קיין דענקער, נאָר אַ טוער. אמת, ער איז געווען זעהר אַ קלוגער מענש, אָבער דאָס איז געווען מעהר אַ פּראַקטישער שכל, ווי אַ ברייטער פּאָליטישער קוק. איך געדענק שוין ניט ווי אַזוי ער פלעגט פאַרטיידיגען דעם טעראָר דאַמאָלט, אין מינסק, ס'איז אָבער פאַרבליבען ביי מיר אין זכרון אַ שמועס, וואָס איך האָב געהאַט מיט איהם שפּעטער, אין אַ פּאָר יאָהר אַרום, ווען ער איז שוין געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון

דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. ער האָט מיט מיר גע'טענה'ט אַזוי: איהר וואַרפט אָפּ דעם טעראָר, ווייל ער באַשטעהט אין אָנפאַלען פון קליינע גרופּען אויף איינצעלנע מענשען — מיניסטאָרען, גענעראַלען, א. ד. גל. איהר ווילט, אַז דער קאַמף זאָל פיהרען די מאַסע אַליין. דאָס איז אָבער ניט אַלע מאָל מעגליך. אָט רופט איהר די אַרבייטער אויף די גאַסען, זיי זאָלען מאַכען דעמאָנ־סטראַציעס, צוטרייבט מען זיי, הייגט מיט נאַגייקעס, מאָרגען מיט שווערדען, איבערמאָרגען מיט קוילען. וועט די מאַסע ניט קענען און ניט וועלען דעמאָנסטרירען. וואָס־זשע טוט מען דאַ־מאָלט? גאָרנישט? ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי צו הרג'ענען די איינצעלנע פאַרשוינען פון דעם איצטיגען רעזשים.

אַזוי האָט גע'טענה'ט גערשוני. די דאָזיגע טענות זיינען פאַר מיר געווען גאַנץ אינטערעסאַנט. עס האָט זיך גראַד דעמאָלט געפיהרט א גרויסער וכוח צווישען די סאָציאַליסטען־רעוואָלוצ־יאָנערען און די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, צווישען די אָנהענגער פון טעראָר און די געגנער. די געגנער פלעגען זאָגען, אַז דער טעראָר פיהרט צו אַן אָפּזאָג פון מאַסען־קאַמף און טויט אָפּ די מאַסען־באַוועגונג, די אָנהענגער פלעגען אָבער לייקענען שטיין און ביין און ערקלעהרען, אַז זיי ווילען דעם טעראָר נישט אַנ־שטאַט דעם מאַסען־קאַמף, נאָר צוזאַמען מיט'ן מאַסען־קאַמף. דער שמועס מיט גערשוני האָט מיר אַן איבעריגעס מאָל קלאָהר געמאַכט, אַז מען פיהרט דעם טעראָר טאַקע אַנשטאַט דער מאַסען־באַוועגונג, און אין דעם אַליין ליגט שוין זיין משפּט.

גערשוני האָט פאַרבראַכט אין מינסק ביז'ן יאָהר 1901. אין אָנהויב זומער 1900 האָט מען איהם פּלוצלינג אַרעסטירט. מינסק און בכלל דער גאַנצער בונדישער ראַיאָן האָט זיך דאַמאָלט גע־פונען אין דעם רשות פון דעם באַריהמטען מאָסקוער אָכראַנניק זובאַטאָוו. אין מינסק האָט דאַמאָלט געקעהרט וועלטען זיינער א שליח, א יונגער זשאַנדאַרם גערארדי. פלעגט ער כאַפּען מענ־שען ביינאַכט און בייטאָג, אויף רעכטס און אויף לינקס. אין א שעהנעם פריהמאָרגען האָט ער אַרעסטירט גערשוני. פון פּאָלי־צייאישען שטאַנדפּונקט האָט ער דאָס געווים פאַרדינט. ניט אומזיסט איז ער געווען אויסגעמישט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזען, געאַרבייט אינ'ם „רויטען קרייץ", מיטגעהאָלפען אַרי־

בערצושיקען פּאָליטישע אנטלאָפענע אין אויסלאַנד (וויפיל אזעלכע מענשען האָב איך אליין געזעהן ביי איהם אין שטוב!) און נאָך פארשידענעס. איז ער אָבער געווען א גענויטער מענש, און מען האָט נישט געהאָט קיין באווייזע. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט ער אפילו געהאט ביי זיך אין דער היים עפּעס א באהאַלטענעם פּאַפּירעל, וואָס האָט ניט געדאַרפט אריינפאַלען אין די הענט פון די זשאַנדאַרמען; זיי האָבען דאָס אָבער טאַקע נישט געפונען, ס'איז געלעגען איינגעשרויפט, דאַכט זיך, אין דעם מיקראָסקאָפּ! אָבער אין דער אָנוועזענהייט פון די זשאַנדאַרמען האָט גערשוני באוויזען צו געבען צו פארשטעהן זיין ברודער, וואו דאָס פּאַפּירעל געפינט זיך און וואָס מען דאַרף מיט איהם מאַכען.

אַרעסטירט האָט מען איהם דאָך און אוועקגעשיקט קיין מאָס־קווע. דאָרטען האָט איהם זובאטאָוו געהאַלטען צוויי וואָכען און — באפרייט. און גערשוני האָט זיך אומגעקעהרט קיין מינסק. אין אָנהויב פון דעם נעקסטען יאָהר איז אָבער געקומען זיין צייט. ער האָט פארקויפט זיין לאַבאָראַטאָריע און נעלם געוואָרען. די נאָהענטע פריינד האָבען געוואוסט, אז ער איז אוועק זיך אָפּצו־געבען אינגאנצען דער אונלעגאַלער ארבייט. שפּעטער האָב איך זיך געטראָפען מיט איהם נאָך צוויי מאָל אין דער שווייץ.

.32

איך הייב אָן צו אַרבייטען.

ס'איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך, אַז מיר, דריי יונגע אַרויסגעוואָרפענע סטודענטען — יאַשקאַ קאַפּלאַן, איל־יושקאַ ווילענקין און איך — וועלען פריהער אָדער שפּעטער אַריינטרעטען אין דער באַוועגונג. אַלע דריי האָבען שוין דער־שמעקט דעם טעם פון אַ געזעלשאַפטליכער אַרבייט, און ס'איז געווען קלאָר, אַז אונזער אָרט איז אין דער אָרטיגער, מינסקער באַוועגונג. אמת, איך האָב נאָך געהאַט געוויסע ספקות, ס'איז מיר נאָך נישט געווען אינגאַנצען קלאָר די פּראַגע, צי דער רוסי־שער אַרבייטער־קלאַס איז שוין בכח אויפצונעהמען די סאָציאַ־ליסטישע לעהרע. אָבער אויף אַזוי ווייט בין איך שוין געווען באַקאַנט מיט דער באַוועגונג, אַז וואָס איז שייך די אידישע אַרבייטער־באַוועגונג, האָב איך געוואוסט: זי איז שוין אַ געשעהענער פאַקט; וועגען דעם קיום פון דער אידישער באַוועגונג קענען נישט זיין קיין צוויי מיינונגען. און אין ווינטער 1899־1900 בין איך שוין געווען גרייט אַריינצוטרעטען אין דער באַוועגונג. עס האָבען זיך אָנגעהויבען אונטערהאַנדלונגען צווי־שען אונז און די פיהרער פון דער אָרטיגער בונדישער אָרגאַני־זאַציע. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט מען אונז פאָר־געלעגט צו נעהמען עפּעס אַ פּאָר קרייזלאַך פון האַנדעלס־אָנגע־שטעלטע. מיר האָבען אָבער געהאַט אַ משונה'דיגען איינפאַל, צוליב וועלכען די זאַך האָט זיך אויף עטליכע חדשים פאַרשלעפּט. דער איינפאַל איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מיר האָבען געוואָלט נישט אַנדערש ווערען באַלד פון אָנהויב גאַנצע גענעראַלען; קאָנקרעט גערעדט מיר האָבען פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אונז באַלד אַרייננעהמען דוקא אין דעם העכסטען אָרגאַן פון דער אָרטיגער באַוועגונג, אין דעם „קאָמיטעט”.

מיר דאַכט זיך, אַז דער דאָזיגער איינפאַל האָט געשטאַמט פון יאַשקאַ'ן. וואָס איז שייך איהם פערזענליך, האָט די דאָזיגע

טענה אפשר געהאט א געוויסען גרונד. ער איז דאך געווען א פארטיי־טוער שוין אין קיעוו. האט זיך שוין א ביסעל „אויס־געדיענט" און געקענט פרעטענדירען אויף א העכערען „טשין". נאך איהם האבען זיך אבער נאכגעשלעפט מיר, די צוויי אנדערע יונגע סטודענטלאך; מיר האבען געמאכט צווישען זיך יד אחת און באשלאסען אריינצוטרעטען אין די באוועגונג נישט אנדערש אלע דריי צוזאמען און אלע דריי אויף גלייכע רעכט. ס'איז מיר דעמאלט אריינגעפאלען אין קאפ א גאנצע „טעאריע" צו בארעכטיגען אונזער עקשנות. איך האב גע'טענה'ט אזוי: עס האנדעלט זיך וועגען באטייליגען זיך אין אן ארבייטער־באוועגונג. ווען אן ארבייטער טרעט אריין אין די דאזיגע באוועגונג, טוט ער דאס כדי צו פארטיידיגען זיינע אינטערעסען; האט ער אין איהר א גאנץ נאטירליכען ארט אפילו דעמאלט, ווען ער קען נישט זיין קיין פיהרער, נאר בלויז א געוועהנליכער סאלדאט. אנדערש איז אבער מיט אונז, אינטעליגענטען. מיר זיינען דאך אין דער באוועגונג נישט צוליב אונז אליין; מיר געהען אהין כדי צו זיין די אנפיהרער און די וועג־וויייזער. אויב מיר טויגען נים פאר פיהרער, האבען מיר דארטען ניט וואס צו טאן. און אויב מען האלט פאר נויטיג אונז יא צו צוציהען, הייסט דאס, אז מיר טויגען צו שפי־לען די ראליע פון פיהרער, דארפען מיר זיין אין קאמיטעט.

זעלבסטפארשטענדליך איז עס געווען א אינגעלשער פלפול. און דאס דאזיגע נאאיווע פלפול'ען זיך איז געווען דער בעסטער באווייז, ווי גרין, ווי ווייניג רייף מיר זיינען נאך געווען אום צו פארנעהמען אן אמת פיהרענדע שטעלונג. די פאראנטווארטליכע מענשען האבען דאס גוט פארשטאנען און אפגעווארפען אונזער פארלאנג. זיינען מיר ווייטער געבליבען אן א זייט.

אזוי האבען מיר זיך ארומגעדרעהט פוסט און פאס נאך א פאר חדשים. דאן איז אויפגעקומען א נייער פראיעקט. מען האט מיר פארגעלעגט צו געהן צו די קריסטליכע ארבייטער.

אין מינסק איז געווען א היבש ביסעל קריסטליכע ארבייטער. עס זיינען דארטען געווען גרויסע אייזענבאהן־ווערקשטאטען, צוויי גרעסטע מעטאל־פאבריקען און א רייהע קליינע ווערקשטאטען. עס האבען דארטען געארבייט רוסישע און פוילישע ארבייטער און סתם קריסטען פון יענער אונבאשטימטער נאציאנאליטעט,

וואָס באַצייכענען זיך אַליין אין אונזער געגענד מיט'ן באַוואוסטען ווערטעל „היגע". קיין אָרגאַניזירטע באַוועגונג איז צווישען זיי נישט געווען, און דאָס פלעגט שלעכט ווירקען אויך אויף די אידי־שע באַוועגונג. ביי דעם מאַנגעל פון אַ רוסישער אָדער פוילישער אָרגאַניזאַציע פלעגט אין יענע צייטען די בונדישע אָרגאַניזאַציע זיך שטענדיג ארומטראָגען מיט'ן געדאַנק צו שאַפען אַ שטיקעל באַוועגונג צווישען די קריסטען. אַזוי איז עס געווען נישט נאָר אין מינסק, נאָר אין גאַנץ ליטא און ווייס־רוסלאַנד, און ניט נאָר אין יענעם מאָמענט, נאָר אויך מיט יאָהרען שפּעטער. די אָנגע־וועהטאָגטע פראַגע „וועגען דער ארבייט צווישען די קריסטליכע אַרבייטער" פלעגט נישט אַראָפּגעהן פון טאָג־אָרדנונג.

ס'איז געווען פאַרשטענדליך, אַז איך, אַלס „גוי" בין געווען דער פּאַסיגסטער קאַנדידאַט צו אַזאַ אַרבייט און איך האָב זיך גענומען צו דער זאַך.

איך האָב נישט געדאַרפט געהן זוכען פאַרבינדונגען. אין די פריהערדיגע יאָהרען האָט מען שוין געמאַכט פּראָבעס צו פיה־רען אַן אַרבייט צווישען די קריסטען; קיין ערפאָלג האָבען די פּראָבעס נישט געהאַט, אָבער עטליכע מענשען זיינען פאַרבלי־בען, און מיט זיי האָט מען מיך צונויפגעפיהרט.

דער אָוועגד, ווען מיר האָבען זיך געדאַרפט צונויפטרעפען, איז געקומען. איך בין געגאַנגען מיט האַרץ־קלאַפעניש. און ווידער האָב איך געהאַט די אַמאָליגע ראָמאַנטישע פאָרשטעלונג: אַז איך וועל דערזעהן דוקא הויכע געזונטע, אמת „פּראָלעטאַרישע" געשטאַלטען מיט פאַרסמאָלעטע הענד, מיט שוואַרצע פּנים'ער, דירעקט פון דער אַרבייט, אין שמוציגע אַרבייטס־בלוזען... און ווידער האָב איך געהאַט אַן ענטוישונג: די מענשען זיינען געווען גראַד אָנגעטאָן יום־טוב'דיג און האָבען געהאַט ריינע הענד, און אנשטאַט בלוזען — דוקא ווייסע קאָלנערס מיט מאַנזשעטען. דער איינציגער וואָס איז געווען אָהן אַ קאָלנער און טאַקע אין אַ „פּראָלעטאַרישער" רוסישער העמד, — בין געווען, נעבאַך, איך אַליין.

וועגען וואָס האָבען מיר גערעדט ביי דער דאָזיגער באַגע־געניש, ווייס איך ניט. איך מוז בלויז זאָגען, אַז פון די ערשטע באַגעגענישען מיינע מיט די קריסטליכע אַרבייטער זיינען אין

מיין זכרון פארבליבען נאר צושלאגענע, קליינע ברעקלאך, און אויך די דאזיגע ברעקלאך זיינען ארומגענומען מיט א געדיכטען נעבעל. איך געדענק ווי איך בין געגאנגען צו איינעם פון מיינע נייע באקאנטע, א געזונטען, גראבען מעטאל־ארבייטער: איינ־מאל בין איך געווען ביי איהם אין דער היים, א צווייטען מאל האב איך זיך מיט איהם געטראפען אויפ'ן קאטוילישען בית־עולם. ער איז שוין געווען א באוואוסטזיניגער און איך האב געדארפט מיט זיין הילף ווערבירען נייע מענשען. איך געדענק, וואס פאר אן אונאנגענעהמער איינדרוק עס האט געמאכט אויף מיר, ווען ער האט פלוצים אנגעהויבען צו שמועסען וועגען עפעס א וועלאסיפעד (בייסיקעל), וואס ער האט בדעה צו קויפען. ווי קומט א באַ־וואוסטזיניגער ארבייטער צו אזעלכע ווילדע איינפאלען? האב איך מיר געטראכט. דערנאך האט ער מיר געפיהרט צו א מענשען, וואס איז בכלל קיין ארבייטער ניט געווען, נאר עפעס א „געוועהר־מייסטער" אין א מיליטערישער אנשטאלט. פון מייסטער בין איך אריינגעפאלען צו עפעס אן אלטען גוי, וואס האט געהאט א שטעלע אלס דינער אין גריכט אדער אין אן אנדער רעגירונגס־אינסטיטוציע. דערנאך בין איך אריינגעפאלען צו א פאליאק, וואס האט זיך גענומען רעדען מיט מיר וועגען די פוילישע אויפ־שטאנדען און פוילישע מלכים. דאס אלץ האט מיך געוואלדיג צומישט. איך האב זיך פארגעשטעלט די זאך א סך פשוט'ער. איך קום צו די ארבייטער, רעד מיט זיי וועגען עקספלואטאציע, שאף א פארבאנד, און די זאך געהט. ס'איז אבער געווען נישט אזוי פשוט, און די זאך איז נישט געגאנגען.

א פאר מאל בין איך געווען צו־גאסט אין א הויז פון אן אייזענבאהן־ארבייטער. ס'איז געווען זעהר ווייט. הינטער דעם בריסקער וואקזאל, אונטער דער שטאדט. איך קען זיך נישט דער־מאנען צי ס'איז געווען אין הערבסט אדער אין פריהלינג, אבער ס'איז געווען גוט קאלט, און איך האב געהאט גרויסע שוועריג־קייטען מיט מיינע קליידער. מען האט דאך געדארפט אפהיטען די דינים פון דער קאנספיראציע: די ארבייטער האבען ניט גע־טארט וויסען, ווער איך בין, און דעריבער האב איך נישט געקענט געהן צו זיי אנגעטאן אלס סטודענט. מילא א ציווילען „פידזשאק" האב איך יא געהאט, און א הוט — אויך. אבער וואס טוט מען

מיט'ן מאַנטעל? אויסלייהען ביי אימיצען? — וועט מען דאָך ביי מיר אין דער היים פרעגען: וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַס־קאַראַד? און אין דער היים האָט מען אויך ניט געטאָרט וויסען, אז איך פאַרנעם זיך מיט „אזעלכע זאכען". געהאָלפען האָט מיר גערשוני, — דער עלטערער, דער דאָקטאָר. מיר האָבען מיט איהם אָפּגערעדט, אז געהענדיג צו דער פאַרזאַמלונג וועל איך אריינקומען צו איהם און איבערטאָן זיך אין זיין מאַנטעל, און נאָכהער, צוריקוועגס, וועל איך ווידער קומען צו איהם, ווערען צוריק סטודענטען און זיך אומקערען אהיים אין דער פולער אָרדנונג. און אזוי איז עס טאַקע געוועזן. איבערגעטאָן אין גערשוני'ס מאַנטעל (אַ ברייטער, אַ ברוינער) בין איך געגאַנגען העט ווייט אונטער דער שטאָדט און געזעסען צווישען אַרבייטער — טאַקע אין אַן אמת'ען באַשיידענעם אַרבייטער־הייזעל, און מען איז געגאַנגען קויפען אַ ביסעל „מאָנאָפּאָלקע", און וואורשט און הערינג, און מען האָט געשמועסט, אָבער די זאַך האָט זיך פאַרט ניט געריהרט פון אָרט.

שפּעטער, נאָכ'ן זומער 1900, האָב איך שוין געהאַט אַ שטענדיגע גרופּע פון אַ מאַן דריי־פיר יונגע אַרבייטער, מיר פלעגען געהן צו זיי זאָלבעצווייט צוזאַמען מיט ווילענקינ'ען. זיי זיינען געוועזן גוטע בחורים, און מיר האָבען געלעבט מיט זיי גאַנץ פריינדליך. אָבער קיין ערפאָלג האָבען מיר פאַרט ניט געהאַט. ס'איז געוועזן פאָרט עפּעס אַ פרעמדקייט צווישען אונז. איך געדענק, ווי מיר זיינען אַמאָל אַריינגעקומען צו דעם יונגען בחור, ביי וועלכען מיר פלעגען זיך צונויפטרעפען. זיצט דער בחור מיט אַ צווייטען חבר, און — ביידע טויט־שיכור. זיינען מיר אַוועק, דערנאָך האָבען זיי געזאָגט, אז די גאַנצע זאַך איז געוועזן אַן אָנשטעל, אז זיי זיינען אין אמת'ן געוועזן דורכאויס ניכטער. נאָר וואָס? זיי האָבען געמאַכט אַ שפּאַס! צי דאָס איז טאַקע אמת, — ווייס איך ניט. אַן אַנדערס מאָל האָט זיך געטראָפען אַזאַ מעשה: אַזוי ווי די דירה, וואו מיר פלעגען זיך טרעפען, איז געוועזן ניט קיין פּאַסיגע, און אַ בעסערע האָבען די חברה־לייט ניט געהאַט, האָבען מיר באַשלאָסען, אז מען זאָל דינגען אַ ספּעציעלע דירה, וואו מיר וואָלטען זיך געקענט צונויפקומען אָהן שטערעניש. איינער פון די בחורים האָט געדאַרפט דינגען די דירה און

זיך דאָרטען באַזעצען. איך האָב איהם געגעבען געלד דערפאַר. וואַרט איך אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך — די דירה איז ניטאָ, און דער בחור איז נעלם געוואָרען. און צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט פאַרטאָן דאָס געלט און שעהמט זיך צו קומען... אַזוי איז עס געגאַנגען ביז'ן סוף פון מיין לעבען אין מינסק. קיין שום ממשות'דיגעס האָבען מיר צווישען די קריסטען ניט אויפגעטאָן.

איך מיין, אַז שולדיג אין דעם זיינען געווען מיר אַליין. מיר האָבען גאָר ניט געהאַט קיין ברעקעל ערפאַהרונג און האָבען איי־גענטליך נישט געהאַט קיין אהנונג וועגען דעם, ווי אַזוי מען טוט אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט. די אויפגאַבע איז אָבער געווען אַ גאַנץ שווערע און האָט געפאָדערט אַ גרויסע געניטקייט. און ס'איז ניט קיין וואונדער, אַז די פּאָר גרינע יונגען, וואָס מיר זיינען געווען, זיינען נישט געווען אימשטאַנד צו טאָן די דאָזיגע אַרבייט מיט אַן ערפאָלג.

דער איינציגער ממשות'דיגער אויפטו איז געווען — אַ בלעטעל צום ערשטען מאַי. דער אָרטיגער בונדישער קאָמיטעט האָט ביי מיר באַשטעלט דעם דאָזיגען בלעטעל — אויף רוסיש, פאַר די קריסטליכע אַרבייטער. איך האָב איהם אָנגעשריבען, און דער עולם האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַרויסגעקומען זעהר גוט. איך האָב זיך באַמיהט דאָס אָנצושרייבען אַזוי פּאָלקסטימליך און פשוט ווי נאָר מעגליך, אַזוי אַז דער אָפּגעשטאַנענסטער אַרבייטער זאָל איהם קענען פאַרשטעהן. און דאַכט זיך, אַז עס האָט זיך מיר איינגעגעבען. כדי נישט אָפּצושרעקען דעם עולם האָבען מיר איהם אַרויסגעגעבען אין דעם נאָמען פון אַ „מינסקער אַרבייטער־קאָמיטעט".

קיין אונלעגאַלע דרוקעריי איז דאַמאָלט אין מינסק ניט געווען, האָט מען זיך געמוזט באַנוצען מיט אַ העקטאָגראַף. דאַרף מען אָבער האָבען אַ העקטאָגראַף; און דאָס איז אין יענע צייטען גע־ווען אַ שטרענג אונלעגאַלע זאַך. וועגען קויפען אַ פאַרטיגען איז ניט געווען קיין רעדע; מען האָט איהם געדאַרפט מאַכען אַליין, און דאָס איז געווען אַ גאַנצע קונץ. וואָס־זשע טוט מען? מען געהט צו גערשוני'ן. גערשוני איז דאָך אַליין געווען אַ שטיקעל בעמיקער און געהאַט אַ גאַנצע לאַבאָראַטאָריע, און ווי עס האָט

זיך ארויסגעוויזן האָט ער געוואוסטט אַז אויסגעצייכנטע רעצעפּט, ווי אַזוי צו מאַכן העקטאָגראַפן. ער האָט טאַקע איבערגעגעבן אין אונזער רשות זיין דירה אויף׳ן גאַנצן טאָג, אוועקגעשטיקט זיין דינער ביז אָווענט אויף אַ הוליאַנקע, און מיר האָבן אונטער זיין אָנפיהרונג געקאָכט דעם העקטאָגראַף, געשריבן און געדרוקט די בלעטלאַך. דער העקטאָגראַף איז טאַקע געווען אַ זעלטען גוטער, און מיר האָבן אויך שפּעטער שטאָלצירט מיט׳ן זעלטענעם רעצעפּט, וואָס געּרשוני האָט אונז געגעבן.

שפּעט ביינאַכט בין איך געגאַנגען מיט׳ן פּעקל פּאַרטיגע פּראָקלאַמאַציעס אונטער דער פּאָלע אין דעם „גובערנאַטאָרסקי״ גאָרטען, זיך געטראָפן דאָרט אויף׳ן אָפּגערעדטן אָרט מיט אַן ארבייטער און איבערגעגעבן איהם די בלעטלאַך. דאָס איז געווען דאָס ערשטע בלעטל, וואָס איך האָב געשריבן.

פון דעם ערשטען מאַי 1900 הויבט זיך בכלל אָן מיין ליטעראַרישע טעטיגקייט. צווישען אַנדערע בונדישע אָרגאַנען פלעגט אין יענער צייט ארויסגעהן דער אָרגאַן פון דעם „בערשטער בונד״ — „דער וועקער״. אין יענער צייט האָט יאַשקאַ קאַפּלאַן געהאַט עפּעס אַ שייכות צו דער דאָזיגער צייטונג. האָט ער מיר פּאָרגעלעגט, איך זאָל אָנשרייבן פאַר׳ן מאַי־נומער אַ פּאָר אַרטיקלען. איך האָב דאָס געטאָן. אויב איך האָב קיין טעות האָט איין אַרטיקעל געהייסען: „דער ערשטער מאַי און דער סאָציאַליזם״, אַ צווייטער „דער ערשטער מאַי און דער פּאָליטישער קאַמף״. פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב זיי געשריבען אויף רוסיש, און מען האָט זיי איבערזעצט. דער נומער איז ארויס — יום־טוב׳דיג, אויף אַ רויטען פּאַפּיר, — און מיינע אַרטיקלען זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרען. עס וואָלט מיר געווען זעהר אינטערעסאַנט אַ קוק צו טאָן, ווי אַזוי עס האָבען אויסגעזעהן אָט די ערשטע ליטעראַרישע פּראָבען מיינע. איך האָב זיי אָבער פון יענער צייט אָן ניט געזעהן.

אַזוי אַרום בין איך שוין חדשים־לאַנג געווען פּאַקטיש אין דער באַוועגונג. איך האָב אָבער נאָך ניט פאַרנומען קיין אָפּיציעלען אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט נישט געהאַט קיין זין, און באַלד נאָכ׳ן ערשטען מאַי בין איך פאָרמעל אריינגעטראָטען אין אַ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

33

די „ראַזבאָרקע".

אין א שעהנעם זונינגען מאי־טאָג זיינען מיר מיט יאשקא'ן צוזאמען געגאַנגען איבער די גאַסען פון מינסק אין וואלד אריין. מען האָט געדאַרפט דורכגעהן די גאַנצע שטאָדט. דאַן זיינען מיר געקומען צו דעם באשטימטען אָרט: ווי דער דאָזיגער וואלד האָט געהייסען, געדענק איך ניט, איך וויים אָבער, אז ער איז געלעגען ניט ווייט פון דער אייזענבאהן־ליניע, אין דער ריכטונג פון ווילנא, דריי־פיר ווייארסט פון דער שטאָדט.

מיר זיינען געגאַנגעןביידע אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, מיט שטעקענס אין די הענד, ער מיט א שווארצען הוט, איך מיט א גרינעם, ער א קליינטשינקער, א ריהרעווידיגער, מיט א לאַנגען אידישען נאָז, איך א בלייכער און א דארער, מיט א גוי'אישען אויסזעהן, ביידע אויפגערעגט, אונגעדולדיג, נערוועז און ניי־געריג: מיר געהען צום ערשטען מאָל צו אַן אָפיציעלער זיצונג פון דער מינסקער אָרגאַניזאציע.

מיר זיינען געגאַנגען זאַלבעצווייט. דער דריטער פריינד אונ־זערער, מיט וועלכען מיר האָבען נאָך פריהער געמאַכט יד אחת, איז מיט א קורצער צייט צוריק ארעסטירט געוואָרען. מיט א פּאָר חדשים שפּעטער האָט מען איהם באפרייט און ער איז תיכף אריין אין דער ארבייט; אָבער גראָד דאַמאָלט, ביי אונזער ער־שטען דעביוט האָט ער נאָך נישט געקענט זיין מיט אונז.

מיר זיינען געקומען אין וואלד. דער פאָרשטעהער פון קאָמי־טעט האָט געעפענט די זיצונג. מיר זיינען געוואָרען מיטגלידער פון דער „ראַזבאָרקע".

וואָס איז דאָס אזעלכעס די „ראַזבאָרקע"? דער נאָמען איז

א ספּעציעל מינסקער. אין אנדערע שטעדט האָט די זעלבע אָנ־שטאַלט געהאַט אַן אנדער נאָמען: „אגיטאַטאָרסקע סכאָדקע", „צענטער", גלאַט „אָרגאַניזאַציע" א. ד. גל., אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט מען דאָס אָנגעהויבען צו רופען „דער קאָלעקטיוו", און אין פּוילען אין דער דאָזיגער נאָמען געבליבען ביז'ן היינטיגען טאָג.

די „ראַזבאָרקע" איז געווען די צענטראַלע פאַרטרעטערשאַפט פון אַלע טיילען און גרופּען פון דער שטאָדטישער פּאַרטיי־אָרגאַ־ניזאַציע. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע איז ביי אונז געווען צוטיילט לויט די פאַכען: יעדער פאַך פלעגט קלייבען זיין פאַך־קאָמיסיע, וואָס פלעגט אָנפיהרען מיט'ן עקאָנאָמישען קאַמף. איבער דער דאָזיגער קאָמיסיע איז געשטאַנען א העכערע פאַך־סכאָדקע, וועל־כע פלעגט אָנפיהרען מיט דער פּאָליטישער ארבייט אין פאַך און האָבען השגחה אויך איבער דער פּראָפּעסיאָנעלער באַוועגונג. יעדע סכאָדקע ווייטער פלעגט אויסקלייבען א פאָרשטעהער צו אן אַלגעמיין שטאָדטישען צענטער, און אָט דער דאָזיגער צענטער, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט אַלע פאַכען, דאָס איז געווען די „ראַזבאָרקע". א חוץ די געוועהנליכע דעלעגאַטען האָט די „ראַז־באָרקע" געהאַט דאָס רעכט פון קאָאָפּטאַציע — דאָס הייסט, צונעהמען לויט איהר איינזעהן פרישע מיטגלידער פון דער זייט; און אזוי זיינען מיר טאַקעביידע קאָאָפּטירט געוואָרען, ווארום אין קיין פאַך האָבען מיר נישט געארבייט און קיין דעלעגאַטען נישט געווען.

די „ראַזבאָרקע" איז געווען אזוי צוזאַגען דער אָרטיגער פּאַרטיי־פּאַרלאַמענט, און זי פלעגט באַשטעהן פון א פּאָר צעהנדליג מענשען. עס האָט אָבער געדאַרפט עקזיסטירען נאָך אַן אָרגאַן פון דער אויספיהרונג־מאַכט, אַן „אַדמיניסטראַציע", און דאָס איז געווען דער „קאָמיטעט".

דער קאָמיטעט איז געווען דער מיניסטאָרען קאַבינעט פון דער שטאָדטישער אָרגאַניזאַציע, די העכסטע געהיימניספאָלע אָנ־שטאַלט. ער פלעגט אפילו אויסגעקליבען ווערען פון דער „ראַזבאָרקע", אָבער וועגען דעם רעזולטאַט פון די וואַהלען פלעגט מען ניט מעלדען; חוץ דעם האָט דער קאָמיטעט געהאַט דאָס

רעכט צו קאָאָפּטירען, צוצונעהמען אין זיין באשטאנד, נאָך עטליכע מענשען, — פון די גאָר שטארק „פערקאָנספערירטע" אינטעליגענטען, וואָס פלעגען אפילו ניט קומען אויף די ראזבאָרקע. ס'איז געווען נאָר איין „פארמיטלער" פון וועלכען מען פלעגט וויסען, אז ער איז א מיטגליד פון קאָמיטעט. דער רעשט מיטגלידער איז געווען ארומגענומען מיט א טיפען סוד. די דאָזיגע געהיימניספולע אנשטאלט פלעגט זעהר שטארק רייצען די פאנטאזיע פון די פארטיי־מיטגלידער. איך געדענק, ווי א יונגער בחור האָט אמאָל גאנץ ערנסט ארויסגעזאָגט א וואונש, ער זאָל אמאָל דערלעבען צו אזא גליקליכער צייט, ווען ער וועט קענען דורך א שפּעלטעל אין טיר א קוק טאָן אויף א זיצונג פון קאָמיטעט...

אָט אין דעם קאָמיטעט האָט מען אונז דערוויילע ניט אריינגענומען, הגם מיר האָבען דאָס פריהער פארלאנגט אולטימאטיוו. מיר האָבען זיך באנוגענט מיט דער „ראזבאָרקע".

אויף דער ערשטער זיצונג פון דער „ראזבאָרקע", אויף וועלכע איך בין געקומען אין חודש מאי 1900, זיינען געווען אָנוועזענד א פאָר צעהנדליג מענשען, צווישען זיי דריי מיידלאך, כמעט אויסשליסליך יונגע ארבייטער. מענשען פון מעהר רייפען עלטער זיינען געווען צוויי: דער פארמיטלער „כאטשע", דאכט זיך א געוועזענער וועבער, און דער אינטעליגענט אלבערט זאלקינד — צוויי מענשען, וואָס זיינען שוין געווען ערפארענע טוער. איך געדענק נאָך די פראגע, וועלכע מען האָט ארומגערעדט אויף יענער זיצונג, ס'איז גראָד געווען א גאנץ וויכטיגע און אינטערעסאנטע פראגע: קרייזלאך אָדער מאסען־אגיטאציע?

אין אָנהויב האָב איך ניט געקענט פארשטעהן וועגען וואָס מען אמפּערט זיך דאָ. א טייל אָנוועזענדע האָבען זיך געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אז מען דאַרף שאפען קרייזלאך, אין וועלכע מען זאָל לערנען מיט די פארטיי־מיטגלידער פּאָליטישע עקאָנאָמיע און געבען זיי בכלל די נויטיגע ענטוויקלונג. אנדערע ווידער האָבען באטאָנט די נויטווענדיגקייט צו פיהרען א ברייטע אגיטאציע צווישען די מאסען. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז דער גאנצער שטרייט איז אן אומזיסטער, ווייל ביידע זאכען זיינען דאָך נויטיג: פאר די בעסערע מענשען דאַרף מען האָבען קרייזלאך, פאר דעם ברייטען עולם — מאסען־אגיטאציע. דאן האָט

אָבער גענומען אַ וואָרט אַלבערט און אין אַ לענגערע רעדע קלאָר געמאַכט די זאַך. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די פראַגע איז ניט אַזוי פּשוט, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען צוויי פאַרשידענע ריכ־טונגען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין די בונדישע אָרגאַניזאַציעס בכלל און ב״י אונז אין מינסק בפרט האָבען זיך נאָך געהערט אָפּקלאַנגען פון אַ סכסוך, וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט'ן נאָמען פון אַן אַמאָליגער „אָפּאָזיציע”. די דאָזיגע „אָפּאָזיציע” איז אויפ־געקומען אַ סך פריהער, נאָך אין אָנהויב פון די 90־גער יאָהרען, ווען עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבען די מאַסען־באַוועגונג. ביז יענער צייט פלעגט זיך די גאַנצע באַוועגונג אויסשעפּען מיט די קרייזלאַך. מען פלעגט אויסקלייבען די מעהר פעהיגע אַרבייטער, אַריינזעצען זיי אין קרייזלאַך און דורכגעהן מיט זיי אַ גאַנצען „קורס”, אָנהויבענדיג פון דער רוסישער גראַמאַטיק און פון נאַטור־וויסענשאַפטליכע שמועסען און ענדיגענדיג מיט פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע און מיט'ן מאַרקסיזם בכלל. און דאָס איז געווען אַלעס. שפּעטער, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מאַסען־באַוועגונג און די אינטעליגענטערע אַרבייטער, וואָס זיינען שוין „אויסגעקאָכט” געווען און די קרייזלאַך האָבען געדאַרפט געהן אין די מאַסען, פיהרען צווישען זיי אַ ברייטע אַגיטאַציע, אָרגאַניזירען זיי און אָנפיהרען מיט די סטרייקען, האָט זיך אַ טייל פון זיי פאַר'עקשנ'ט און זיך אָפּגעזאָגט. די קרייזעל־אַרבייט האָט פון זיי געמאַכט אַ מין קאַסטע. זיי האָבען זיך אָפּגעריסען פון דער מאַסע און אָנ־געהויבען צו קוקען אויף איהר פון אויבען אַראָפּ. די קרייזלאַך זיינען פאַר זיי געוואָרען אַ זעלבסט־ציל, און זיי האָבען זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז אויסער די קרייזלאַך קאָן מען שאַפען עפּעס, וואָס זאָל האָבען די מינדעסטע ווערדע. דאָס איז געווען די ערשטע אָפּאָזיציע.

מיט דער צייט איז דער דאָזיגער ווידערשטאַנד געבראָכען געוואָרען און די בעסערע מענשען זיינען געוואָרען מאַסען־אַגיטאַ־טאָרען און מאַסען־טוער. אָבער פון צייט צו צייט פלעגט די דאָזיגע אַלטע אָפּאָזיציע אויפוואַכען אויף דאָס ניי, באַמיהענדיג זיך צוריק צו פאַרשפּרייטען דעם אומ'חן צו אַ מאַסען־אַרבייט.

און אַט מיט די דאָזיגע איבערבלייבעכץ פון אַמאָליגע שטימונגען האָט מען גראַד דאַמאָלסט געהאַט צו טאָן אין מינסק.

אַלבערט האָט אין זיין רעדע אויפגעוויזען די שעדליכקייט פון אַזעלכע שטימונגען און גערופען צו אַ ענערגישע מאַסען־אַר־בייט. און דער עולם האָט איהם געפאָלגט.

פון דעם טאָג אָן בין איך געוואָרען אַן אָפיציעלער מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע און בין אריין אין די באַוועגונג מיט'ן גאַנצען לייב און לעבען.

אַ פאַרטיי־טוער דאַרף האָבען אַ קאָנספּיראַטיווען נאָמען. האָב איך זיך געגעבען דעם נאָמען „מיכאיל” און אַ פאַמיליע „וויניצקי”. אמת, אין די קרייזען פון די אידישע אַרבייטער האָט מען קיין פאַמיליע ניט געדאַרפט האָבען, מען פלעגט רופען איינער דעם צווייטען נאָר מיט'ן ערשטען נאָמען. אָבער אַזוי ווי איך פלעג געהן אויך צו קריסטען, האָט מען אויף יעדען פאַל געדאַרפט האָבען אַ פאַמיליען־נאָמען אויך, בין איך געוואָרען „מיכאיל ווי־ניצקי”. אויסגעקליבען האָב איך גראַד די נעמען ניט סתם אין דער וועלט אריין, נאָר מיט אַ געוויסער אויסרעכענונג. ערשטענס האָב איך געוואָלט, אַז זיי זאָלען טויגען פאַר אַלע פעלע און דערצו האָבען די נעמען געדאַרפט זיין ניט קיין אויסשליסליך רוסישע און ניט אויסשליסליך אידישע, נאָר אַזעלכע, וואָס זאָלען טויגען סיי פאַר אַ איד, סיי פאַר אַ קריסט. צווייטענס האָט מען זיך געדאַרפט רעכענען מיט אַ קלײנעם קאָנספּיראַטיווען פּרט: די ראשי־תבות'ען דאַרפען זיין די זעלבע, ווי... די אותיות אויף די קאָלאָשען! ווארום אויב ניט, קען אַמאָל אויפקומען ביי אימי־צען אַ חשד און מען קען האָבען אַ מיאוס'ען פּסק. אַט מיט דער דאָזיגער אויסרעכענונג האָב איך זיך אויסגעקליבען די נעמען.

מיינע ביידע פריינד האָבען דאָס געמאַכט אַ סך פּשוט'ער: סתם גענומען די נעמען, וואָס זיי האָבען ליב געהאַט. יאַשקאַ קאַפּלאַן האָט זיך גענומען דעם נאָמען „וולאַדימיר” און איליושקאַ ווילענקין איז געוואָרען „סערגיי”. אייגענטליך האָט אָבער דער עולם גוט געקענט אונז אַלע דריי און געוואוסט ווער מיר זיינען.

די אַרבייט איז געגאַנגען לעבעדיג, פריש און פרעהליך. פּאָ־ליטיש איז עס געווען אַ טויטע צייט, אָבער אויפ'ן פּאָליטישען

געביט האָט זיך ביי אונז באשאפען א זעלטען שעהנע און זעלטען גרויסע באוועגונג. דער עולם פון אונזערע יונגע טוער האָט זיך מיט'ן גאנצען ברען געוואָרפען אין די מאסען. עס האָט זיך אָנגעהויבן א גאנצע כוואַליע פון סטרייקען, מען האָט געפיהרט אַן אויסערגעוועהנליך ברייטע רעקרוטירונגס־ארבייט, און די צאָהל פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער האָט דערגרייכט ביז טויזענד. אין אזא שטאָדט ווי מינסק, וואו די גאנצע צאָהל פון אידישע ארבייטער האָט באטראָפען עטליכע טויזענד, איז עס אין די אונלעגאַלע באדינגונגען געווען א געוואלדיגער ערפאָלג.

מיר, די אינטעליגענטען, האָבען זיך ניט געקענט באטייליגען אונמיטעלבאר אין דער מאסען־אגיטאציע. מיר פלעגען זיך טרעפען בלויז מיט די טוער. אָבער ניט קוקענדיג דארויף זיינען מיר אויפ'ן ענגסטען אופן געווען צונויפגעבונדען מיט דער גאנצער באוועגונג.

ס'איז געווען א חברה לעבעדיגע סימפּאטישע בחורים, און מיר זיינען מיט זיי געוואָרען זעהר גיך גאנץ אינטימע פריינד. יענעם געפיהל פון פרעמדקייט, וואָס מיר האָבען געהאַט ביים טרעפען זיך מיט די קריסטליכע ארבייטער, איז דאָ אבסאָלוט ניט געווען. דאָ האָבען מיר זיך געפיהלט אין גאנצען צווישען אייגענע, היימישע מענשען. איך ווייס ניט, צי דאָס איז געווען טאַקע צוליב דעם, וואָס דאָס זיינען געווען דווקא אידען, אָדער צוליב דעם, וואָס דאָס זיינען געווען מעהר אינטעליגענטע מענשען. דער פאַקט איז, אַז די באציהונגען זיינען דאָ געווען גאָר אַנדערע, גאָר ברידערליכע, גאָר פריינדליכע. באזונדערס נאָהענט זיינען מיר געווען מיט די דריי בעסטע בחורים פון דער „ראזבאָרקע". דער ערשטער איז געווען „פסח" (זיין אמת'ער נאָמען איז געווען מעזשעוועצקי). ער איז נאָך געווען א יונגער בחור פון 19 אָדער 20 יאָהר. ער איז אָבער געווען שוין עטליכע יאָהר אין דער באוועגונג. געקומען צו אונז איז ער פון וויטעבסק, וואו ער איז געווען א תלמיד פון דעם פארשטאָרבענעם בונדישען פּיאָניר אַמסטערדאַם. א לעבעדיגער בחור מיט א שמאָלען בלייכען פּנים, מיט גרויסע ברענעדיגע שווארצע אויגען, איז ער געווען פלאַם און פייער. א זעלטען שעהנער מאסען־רעדנער פלעגט ער זיך ווארפען אין די מאסען־אגיטאציע מיט אזא דורשט, ווי א פאר'חלש'טער

וואנדערער אין מדבר ווארפט זיך אויף א קוואל פון פרישען וואסער. דער צווייטער איז געווען הלל (ראזענבלום), א קאמאשען־שטעפער. ער איז געווען אביסעל עלטער, א מעהר־געלאסענער, א מעהר פלעגמאטישער. אבער זעלטען סימפאטיש. אין יעדעם ווארט זיינעם האט זיך געשפירט א ליבע ריינע מענשליכע נשמה, פול מיט איבערגעבענהייט און ערנסטקייט. דער דריטער איז געווען מוישקע דער בערשטער (אדער אפשר א בארשטען־מאכער) ; א קליינער בחור'ל נאך גאר א יונגערמאנטשיק, אהן וואנצעס אפילו, א מעהר טרוקענער, א מעהר פראזאאישער, מיט א סקעפטישען שמייכעל, אהן התפעלות, אבער א קלוגער, אן ענערגישער, מיט א גוטען חוש און א פראקטישער גענימקייט. שפעטער האט ער באקומען דעם בכבוד'ען אמט פון „פארמיטלער" צווישען דעם קאמיטעט און דער ראזבארקע. איך געדענק, ווי מיר האבען גע־האט אמאל א קליינעם באנקעטעל (פון א צעהנדליג נאהענטע מענשען) לכבוד א חבר, וואס האט געהאלטען ביים אוועקפאהרען. אויף דעם דאזיגען באנקעטעל האב איך געהאלטען א שפאס־רעדע און טאקע גערעדט וועגען די צוויי לעצטע בחורים. אין דער דאזיגער רעדע האב איך דערמאנט א שמועס, וואס איך האב דא נים לאנג געהאט מיט א געהילף־פראקוראר (אין יענער צייט פלעגען מיר פארדינגען א צימער אין אונזער דירה, און דער שכן איז גראד געווען א געהילפ־פראקוראר). דער דאזיגער פראקוראר (וועלכער האט, פארשטעהט זיך, קיין אהנונג ניט געהאט, אז איך האב א שייכות צו דער באוועגונג) האט זיך גענומען רעדען וועגען סאציא־ליסטען, און האט אויסגעזאגט דעם אויסגעדראשענעם געדאנק, אז אלע סאציאליסטען צוטיילען זיך אויף צוויי מינים: עס איז דא פאראן צווישען זיי ערשטענס מיאוס'ע פארפיהרער, און צווייטענס נארישע פארפיהרטע און מעהר קיין זאך ניט. איך האב איבערגעגעבען מיין חברה די דאזיגע ווערטער און צוגעגעבען פון זיך: זעהט איהר, אט דא, צווישען אונז אין דעם דאזיגען צי־מעריל האבען מיר א לעבעדיגען באוויז, ווי פאלש איז די מיינונג פון דעם פראקוראר. אט האבען מיר פאר זיך דעם קלוגען סקעפ־טיקער מוישקע און דעם ליבען נשמה־מענשען הלל'ען, און דער ערשטער איז ניט קיין פארפיהרער, און דער צווייטער איז ניט קיין נאר. מעגען מיר באמת זיין צופרידען און פרעהליך: די

חכמה איז מיט אונז, און די ליבהארציגקייט איז מיט אונז, וועט אויך די צוקונפט זיין אונזערע...

דער דאָזיגער באַנקעטעל איז געווען אין שטוב ביי א חבר'טע, וועלכע איז געווען אויך פון די ליבסטע געשטאַלטען. געהייסען האָט זי מערעל; שוין ניט פון די גאָר יונגע, מיט אן ערנסטען, שטרענגען פּנים, וואָס האָט אָבער גלייכצייטיג גע־האַט אין זיך א זעלטענע הארציגקייט; אָנגעטאָן אין שוואַרץ האָט זי אויסגעזעהן ווי א בארמהערציגע שוועסטער. זי האָט געהאַט אויף זיך א באַזונדערען שטעמפּעל פון אסקעטיזם, פון מסירת נפש און פון א מאָראַלישער ריינקייט. ווען איך פלעג זיך צונויפטרעפען מיט איהר, פלעגט מיר אלע מאָל קומען אין זינען א פאַרגלייך מיט די אמאָליגע רוסישע רעוואָלוציאָנערע טוערינס, מיט א סאָפיא פּעראָווסקאַיא אָדער וויעראַ פיגנער. זי האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט טאַקע דער־מאָהנט אָן די דאָזיגע שעהנע געשטאַלטען פון דער רוסישער רע־וואָלוציע.

איך דערמאָהן נאָר די עטליכע מענשען, אָבער אלע אָהן אויסנאַהם זיינען געווען פול מיט איבערגעבענקייט. און איך מוז זאָגען, אז די דאָזיגע יונגע לייט — פּשוט'ע ארבייטער — זיינען געווען גאַנץ אינטעליגענט און פלעגען זיך גאַנץ גוט פאַנ־אנדערקלייבען סיי אין די לויפענדע פּראַקטישע, סיי אין די פּרינציפּיעלע פראַגען. ס'איז געווען אַן אמת'ע מחיה צו ארביי־טען מיט זיי.

אין יענע צייטען איז נאָך זעהר ווייניג פאַרשפּרייט געווען דער מין פון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען“, ס'הייסט פון מענשען, וועלכע ווערען אויסגעהאַלטען פון דער פּאַרטיי גופא. מסתמא האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט יאָ געהאַט אַזעלכע מענשען, אָבער ביי אונז, אין דער מינסקער אָרגאַניזאציע איז ניט געווען קיין איינער. יעדער טוער האָט געמוזט זאָרגען אליין פאַר זיין שטיקעל ברויט. פלעגט ער האָבען א שטיקעל ארבייט, — איז גוט; און אויב ניט, — פאַרפאַלען, האָט ער געמוזט אונטערהונגערען אביסעל.

די באַדערפניסען זיינען געווען העכסט באַשיידענע. איך געדענק, ווי פּסח, וואָס האָט גראַד ניט געהאַט קיין ארבייט,

האָט אַמאָל אויסגערעכענט, אַז ער וואָלט זיך געקענט גאַנץ נישקשה׳דיג איינאָרדנען, אויב ער וואָלט געהאַט אַ שטענדיגע הכנסה פון... דריי רובעל אַ חודש ! ער האָט אָבער די דאָזיגע הכנסה ניט געהאַט. און דאָך איז ער געווען פריש און פרעהליך, ווי אַלע אנדערע.

.34

די אַרבייט

אין משך פון א גאַנץ קורצער צייט בין איך געוואָרען אַן אייגענער מענש אין דער באַוועגונג. און אין א פּאָר חדשים אַרום האָט מען מיך אַריינגענומען אין „קאָמיטעט" — טאַקע צוזאַמען מיט מיינע ביידע פריינד קאַפּלאַן און ווילענקין.

אין דער ערשטער צייט איז דער קאָמיטעט באַשטאַנען דאָס רוב פון עלטערע אינטעליגענטען, וועלכע זיינען אַלע ניט לאַנג אַרויס פון טורמע ; זיי האָבען זיך געדאַרפט שטאַרק היטען און פלעגען ניט קומען אפילו אויף די זיצונגען פון דער „ראַזבאָרקע". חוץ אַלבערט זאַלקינד און כאַטשע, וועגען וועלכער איך האָב שוין דערמאָהנט, איז דאָרט געווען זשעניאַ הורוויטש, אַן אַלטע טוערקע, א נאָמען, וואָס איז געווען באַריהמט אין מינסק ; איך האָב פון איהר געהערט נאָך מיט יאָהרען פריהער. געווען זעהר אינטעליגענט און זעהר א געבילדעטע פרוי, באַקאַנט אויך אין דער ליטעראַרישער וועלט, אַלס איבערזעצערין (אויף רוסיש) פון'ם ערשטען באַנד פון „קאַפּיטאַל". איבעריגענס איז עס פאַלש צו רעדען וועגען איהר אין דער פאַרגאַנגענער צייט ; זי לעבט נאָך היינט און איז פאַרבליבען אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג. חוץ איהר איז נאָך געווען באַרים פרומקין, אויך אַן אַלטער טוער — א מענש, וואָס האָט געהאַט אין מינסק א רעפּוטאַציע פון א גרויסען חכם ; מיר, די יונגוואַרג, פלעגען זיך באַציהען צו איהם מיט גרויס דרך ארץ. אַליין איז ער געווען א קליינטשיקער, א שטילער און סימפּאַטישער מענש. איך פלעג איהם טרעפען אין דער אַרבייט נאָך מיט א סך יאָהרען שפּעטער. איצט איז ער, דאַכט זיך, געוואָרען א קאָמוניסט.

איך געדענק נאָר איין זיצונג, וואָס מיר האָבען געהאַט אָט מיט די אַלטע צוזאַמען. איך געדענק אויף דעם אָרט וואו די

זיצונג איז פאָרגעקומען : אין אַ קליין וועלדעל ביי דער בריסקער אייזענבאַהן־ליניע, ניט ווייט פון דעם אַרכיערייס זומער־וואוינונג „אַנטאָנאָוואָקאַ". איך געדענק אויך צוויי פראַגען, וועלכע מען האָט אַרומגערעדט. די ערשטע איז געווען וועגען אַרויסגעבען אַן אונלעגאַלע צייטונג ; די צווייטע איז געווען צו מעג מען צולאָזען ציוניסטען אין די פּאַכאָווע אָרגאַניזאַציעס. ווי אַזוי עס איז באַשלאָסען געוואָרען, געדענק איך ניט.

דער צוזאַמענשטעל פון קאָמיטעט האָט זיך אין גיכען געביטען. ווער איז אַוועקגעפאָהרען, ווער האָט געמוזט אַרויסגעהען פון דער אַרבייט צוליב קאָנספּיראַטיווע מאָטיווען. פון די „אַלטע" איז געבליבען נאָר באָרים פרומקין. דער רעשט איז באַשטאַנען פון די יונגע. דאָס זיינען געווען : מיר דריי יונגע סטודענטען און דריי אַרבייטער פון דער „ראָזבאָרקע" — פּסח, הלל און מוישקע. און אַזוי זיינען מיר געוואָרען די גאַנצע דעהזאָגער אין אונזער באַוועגונג און עס האָט זיך געעפענט פאַר אונז אַ ברייטע פעלד פאַר אַרבייט.

די אַרבייט האָט געקאָכט. דער הויפּט־אָרט פון דער אַגיטאַציע איז געווען די אַזוי־גערופענע „בירזשע". אין יעדער שטאָדט פלעגט מען אויסקלייבען אַ באַשטימטע גאַס, וואו די אַגיטאַטאָרען פלעגען זיך טרעפען מיט דעם עולם. ווי נאָר מען פלעגט אָנקניפּען באַציהונגען מיט אַ פרישען מענשען ערגעץ אין ווערקשטאַט, פלעגט מען זיך באַשטעלען מיט איהם : קום אין אָווענט אָט אויף די גאַס. און דאָרטען פלעגט מען איהם נעמען אויפ'ן צימבעל. דאָס איז געווען די „בערזשע". ביי אונז אין מינסק איז זי געווען טאָקע אין סאַמע צענטער פון דער שטאָדט, אויף גובערנאַטאָרסקע גאַס. אָבער ניט אויף דער זייט וואו עס פלעגט שפּאַצירען דער בעל־הבית'ישער עולם, נאָר אויף דער צווייטער זייט. דאָרטען האָט עס אַלע פאַרנאַכט געשוויבעלט און געגריבעלט מיט די אַרבייטער. ווי געזאָגט, האָבען מיר, די אינטעליגענטען, ניט געהאַט די מעגליכקייט צו פאַרנעמען זיך אונערמיטעלבאַר מיט דער מאַסען־אַגיטאַציע. ערשטענס וואָלט דאָס געווען ניט „קאָנספּיראַטיוו", — מען האָט אונז צו גוט געקענט אין דער שטאָדט : צווייטענס, האָבען מיר ניט געקענט די שפּראַך. אָפטמאָל פלעג איך אָבער דורכ־

געהן פארביי דער „בירזשע“ און א קוק טאָן אויף אונזערע „יאטען“, ווי זיי געהען אהין און אהער דאָ מיט דעם, דאָ מיט יענעם און שושקען איהם אין אויער אריין — שטיל אָבער היציג — די סודות פון דער נייער תורה. די „בירזשע“ פלעגט זיין אלע אָוועגדען שווארץ פון הונדערטער מענשען — אלץ יונגע ארבייטער־געשטאלטען, צום טייל באקאנטע פנימ'ער פון די טוער, צוים טייל נייע, פרישע מענשען, וואָס הויבען ערשט אָן אריינצוזויגען אין זיך די נייע, וואונדערבארע ווערטער. דאָס איז געווען די סאמע געדיכטע פון דער באוועגונג, א מין ערזאץ פאר א קלוב, פאר א פארזאמלונגס־זאל, פאר א צייטונג ; דאָ פלעגט דער גרויער עולם זיך פארוואנדלען אין מענשען, און די מענשען — אין א מחנה. א זייטיגער וואָלט קיין זאך ניט געקענט באמערקען : א גאס, ווי א גאס, א שפאציער ווי א שפאציער. מען קלייבט זיך צונויף אין הייפעלאך, מען בלייבט ניט שטעהן. מ'געהט — פונקט ווי עס געהען אויף דער צוויי־טער זייט גאס די בעל־הבית'ישע יונגעלייט מיט די מיידלאך — אהין, און אהער, אהין און אהער, פארענוויַיז, העכסטענס זאלבעדריט ; מען טרעפט זיך איינער מיט'ן צווייטען, א צווייטער מיט'ן דריטען ווארפט זיך איבער מיט א פאָר ווערטער, און ווייטער זיך געגאנגען — אהין און אהער, אהין און אהער. א שפאציער און מעהר גאָר ניט. און נאָר אן אויפמערקזאמער צושויער וואָלט זיך געקענט אָנשטויסען, אז דער עולם איז עפעס א באזונדערער, ניט גלייך צו יענעם, אויף דער צווייטער זייט.

איך פלעג מעהר ניט ווי פארבייגעהן. פארשטעהט זיך מיט קיינעם ניט רעדען, מיט קיינעם זיך ניט באגריסען. און דאָס פארבייגעהן גופא איז שוין אויך געווען אייגענטליך א ניט־ערלויבטע זאך, און נאָר זעלטען פלעג איך זיך פארגינען די דאָזיגע נאשעריי. טרעפען פלעג איך זיך מיט אונזערע מענשען גאָר אויף אנדערע ערטער. אין זומער פלעגען די זיצונגען פון דער „ראזבאָרקע“ פארקומען אין א וואלד, געוועהנליך שבת ביי טאָג. און טאקע צוליב דעם שבת האָב איך אמאָל שיער ניט געקראָגען א מיאוס'ען פסק. איך פלעג אלע מאָל געהן מיט א שטעקען ; אין דעם וואלד האָט מען געדארפט געהן איבער

די אידישע גאסען. און געהענדיג אזוי אין א שעהנעם שבת'־דיגען פריהמארגען, זעה איך פלוצלונג ווי א פאר יונגעלייט טייטלען אויף מיר מיט די פינגער. און איינער זאגט דעם צווייטען: געה, נעהם ביי איהם דעם שטעקען און דערלאנג איהם א גוטען פראשק איבער'ן קאפ; וועט ער וויסען ווי צו טראגען א שטעקען אום שבת! צום גליק איז עס געבליבען ביי דער כונה.

אגב מוז איך זאגען, אז אונזער באוועגונג האט דעמאלט ארויסגערופען א גרויסען אומ'חן ביי די ארטאדאקסישע אידען. מען פלעגט אויפהעצען אויף אונזערע מענשען די כוליגאנישע עלעמענטען, די „וואוילע" יונגען, וואס האבען געזוכט א געלע־גענהייט צו פארפיהרען א שטיקעל געשלעג. און עס זיינען טאקע פארגעקומען עטליכע צוזאמענשטויסען צווישען די אידישע שווארץ־מאה'ניקעס און אונזערע חברים. אונזער ארגאניזאציע איז דעמאלט אויסגעקומען גאנץ ערנסט צו באטראכטען די פראגע, ווי אזוי צו באווארענען זיך געגען די חברה שלאגערס. איך האב געוואוסט, אז צווישען די דאזיגע „קלאפערס" איז פאראן א היבש ביסעל ארבייטער אויך, און איך האב געווארענט אונזערע לייט, זיי זאלען זיך באמיהען ניט צו שטארק איינרייסען מיט די דאזיגע בחורים, ווייל דאס זיינען אייגענע מענשען, וואס וועלען פריהער אדער שפעטער קומען צו אונז. און אזוי איז עס טאקע געווען. כמעט אין יעדער שטאדט פלעגען זיך אט פון די דאזיגע „וואוילע יונגען" אויסארבייטען גאנץ גוטע און איבער־געבענע חברים. זייער כוליגאניזם איז געווען מעהר ניט ווי דער ערשטער אויסדרוק פון א גאנץ געזונדען קאמפס־דראנג, וואס איז נאך געווען בלינד און רויה און האט ערשט געזוכט א פארם, ווי אזוי זיך אויסגיסען.

אין ווינטער האט מען, פארשטעהט זיך, ניט געקענט געהען אין וואלד און מען האט זיך געמוזט צונויפקומען ערגעץ אין א דירה. מיט די דירות פון די בורזשואזע אינטעליגענטען האט מען זיך ניט געקענט באנוצען, ווייל דאס וואלט זיך געווארפען אין די אויגען: ווי אזוי קומען ארבייטער אין א בורזשואזע שטוב? באוויבטע ארבייטער מיט אייגענע דירות האבען מיר ניט געהאט. אלע פלעגען וואוינען „ביי יענעם". פלעגט מען

אָבער געפינען עפּעס און עלטערע פרוי, ביי וועלכער עס האָט געוואוינט אימיצער פון די חברים, — א פרוי, וואָס האָט אָפּטמאָל אפילו ניט געוואוסט געני, וואָס דאָס איז פאַר אַ חברה, וואָס קומט זיך דאָ צוזאַמען ; און אמאָל האָט זי יאָ געהאַט אַ גע־ווייסען באַגריף וועגען דעם און איז געווען מסכים צו ריזיקירען מיט איהר שטוב. ריזיקאַליש איז עס געווען אלע מאָל, אָבער מיר זיינען קיינמאָל ניט אריינגעפאלען. איינמאָל האָבען מיר געהאַט אַ זיצונג אין אַזאַ שטוב ערגעץ אין אַ זייטיגע געסעל. ס'איז געווען גראָד אַ אידישער יום־טוב. אין מיטען זיצונג עפענט זיך פּלוצלונג אַ טיר און ס'געהט אריין אַ גאָרדאָוואָי. דער עולם האָט זיך אָבער ניט פארלוירען : ווי נאָר דער גאַסט איז אריין, האָט מען אָנגעהויבען צו זינגען און טאַנצען : אַ יום־טוב, מען פארברענגט פרעהליך אַ פּאָר פרייע שעה ! איז ער בשלום אוועק.

א היבש ביסעל ארבייטער־שטובען בין איך אַזוי אויסגע־גאַנגען צו יענער צייט. ניט נאָר אויף די זיצונגען פון דער „ראַזבאָרקע“. אַמאָל פלעג איך זיך סתם אריינכאַפּען צו אימי־צען פון מיינע פריינד, אַמאָל האָט מען געדאַרפט געהען אויף אַנדערע זיצונגען : מיר האָבען געהאַט אַ ספּעציעלע ליטעראַרי־שע גרופּע פון יונגע לייט, דאָס רוב אַזוי־גערופענע „האַלב אינ־טעליגענטען“, וואָס האָבען געהאַט געוויסע ליטעראַרישע פע־היגקייטען. מיר האָבען געהאַט אַ ספּעציעלע גרופּע פון פּראָפּאַ־גאַנדיסטען. אַמאָל פלעגט זיך טרעפען עפּעס אַ „וועטשערינקע“, אַ שטיקעל באַנקעט, — פארשטעהט זיך, ניט גלאַט צום פאַר־ברענגען, נאָר מיט רעדעס און טאָסטען. אַזעלכע באַנקעטען פלעגען געווענליך פּאָרקומען אין אַן אַלטער קרעטשמע, הינטער דער שטאָדט, ניט ווייט פון דעם רוסישען בית עולם. איך גע־דענק נאָך די דאָזיגע קרעטשמע. אַ קליין, הילצערנע הייזעלע, מיט אַ פּאָר קליינע צימערלאַך, מיט אַ נידעריגען באַלקען, מיט אַ פּאָר קליינע פינסטערע נאַפּט־לעמפּלאַך, — ענג, שטיקענדיג, הייס, אָבער לעבעדיג און פרעהליך אָהן אַ שיעור. מען שמועסט, מען שטיפט אביסעל — אָבער מיט מאָס, אָהן אַ צולאָזענקייט. מען האַלט רעדעס. אַמאָל הערט מען אויס אַ קליינע לעקציע. דאַן באַווייזט זיך אַביסעל בראַנפען און מען זאָגט „טאָסטען“

„איך טרינק פאר דער צייט, ווען...‟ יעדער טאָסט פלעגט זיך אָנהויבען מיט די דאָזיגע ווערטער. איינמאָל איז גראָד אין דעם זעלבען אווענט פאָרגעקומען אונזערע א „וועטשערינקע‟ אָט אין דער קרעטשמע און א גרויסער לעגאַלער ציוניסטישער אָווענט אין א שעהנעם זאַל אין מיטען שטאָדט. האָט אָן ארבייטער געזאָגט אזא טאָסט: „איך טרינק פאר דער צייט, ווען מיר וועלען זיך קענען צונויפקלייבען אין יענעם שעהנעם זאַל, און ווען די ציוניסטען וועלען מוזען זיצען אין דער אלטער קרעטשמע הינטער דער שטאָדט‟. ס׳איז געווען א נאַאיווער שפּאַס, און דער עולם האָט געלאַכט. היינט צו טאָג איז עס אין רוסלאַנד שיער ניט א זאַך פון דער ווירקליכקייט...

נאָך דער טאָסט פלעגט מען זינגען. מען האָט נאָך ניט געהאַט יענע לידער, וואָס מען זינגט יעצט, אָבער מיר האָבען אויך דעמאָלט געהאַט א ליד מיט׳ן נאָמען „די שבועה‟; אָבער עס איז ניט געווען די היינטיגע בונדישע שבועה; זי איז אָנגעשריבען געוואָרען פון אַן־סקי׳ן מיט עטליכע יאָהר שפּעטער. יענע שבועה האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „לאָמיר לעגען אויפ׳ן הארץ די רעכטע האַנט‟. זי איז באַשטאַנען פון עטליכע טיילען, און יעדער טייל האָט געהאַט א באַזונדערען נגון. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט איז איינער פון די דאָזיגע נגונים גענומען געוואָרען פון א דייטשען פאָלקס־ליד וועגען דעם טיראָלער פאָלקס־העלד אַנדרעאַס האָפער. די ווערטער זיינען צום טייל גאַנץ שעהנע, צום טייל א געמיש פון אידיש און רוסיש, דהיינו: „מיר זיינען דער פּראָלעטאַריאַט, דאָס הייסט „ראַבאָטשי נאַראָד‟. און דער סוף איז געווען: „שרייט נאַראָד: ווּפּעריאָד, ווּפּעריאָד, ווּפּעריאָד!‟... מען האָט אויך געזונגען א פּאָר רוסישע לידער „דאָס ליד פון׳ם גלאַדיאַטאָר, „טרודנאַ, בראַטצי, נאַם זשיוויאָטסאַ‟ און אנדערע. ס׳פארשטעהט זיך, אז מען האָט ניט געהאַט קיין אָרגאַניזירטען כאָר. דער עולם פלעגט זיך צונויפשטופּען אין אַן ענגען קרייז, מיט די פּנים׳ער איינער צום צווייטען, און יעדער האָט דיריזשירט מיט די הענט. אָבער ס׳איז פּאָרט געווען שעהן און הארציג.

גאַנץ גרויסע מבינים פון זינגען זיינען געווען די בערשטער.

די בערשטער זיינען געווען, אזוי צו זאָגען, די סמעטענע פון אונזער באוועגונג. זיי זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבען באשאפען א ספּעציעלע אָרגאניזאציע, וואָס האָט ארומגענומען די בערשטער ארבייטער פון דעם גאנצען בונדישען ראיאָן: דעם „בערשטער־בונד". א טייל פון זייערע גרופּען האָבען זיך געפונען אין קליינע שטעדלאך ביי דער סאמע גרענעץ, און זיי האָבען גע־שפּילט זעהר א וויכטיגע קאָנספּיראטיווע ראָלע: זיי פלעגען זיך פארנעהמען מיט אריבערשמוגלען די אונלעגאלע ליטעראטור פון אויסלאנד און די מענשען, וואָס פלעגען אנטלויפען קיין אויסלאנד. דער הויפּט־טוער איז ביי זיי געווען איינער אבראם; א הויכער שעהנער יונגערמאַן, זעהר א געניטער מענש. איך האָב באוויזען איהם צו טרעפען בלויז א פּאָר מאָל; דערנאָך איז ער אוועקגעפאָהרען. עס זיינען איבערגעבליבען נאָך עטליכע טוער: אָרע פוטער, מאָטקע קאסעל מיט א בלייכען קלוגען פּנים און א גרויסען שמאָלען זעלטען ענערגישען מויל, איטשע מאיר מיט זיינע גרויסע שטארצענדיגע וואָנצעס. איך האָב אמאָל פארבראכט מיט זיי אן אָוונט, און זיי האָבען געזונגען פאר־שידענע לידלאך, מיט צוטיילטע שטימען, אמת ארטיסטיש. ס'איז געווען צווישען זיי אויך איינער גאָר א יונגער בחור, מאָטקע'ס ברודער; ער האָט דעמאָלט פּרובירט שרייבען לידער, און מען האָט איהם אריינגענומען אין די ליטעראַרישע גרופּע. דער עולם פלעגט וועגען איהם זאָגען מיט א שמייכעל: א מאָדנער בחור! אז ער קומט אויף א פארזאמלונג אין וואלד, איז ער ניט גלייך מיט אלעמען. אלע זיינען פראינטערעסירט אין דער פארזאמלונג, ער אָבער שפּרייזט ארום מיט א פריינד, א פאר'חלום'טער און רעדט עפּעס משונה'דיגע זאכען: וועגען בוימער, וועגען פייגעלאך... דער דאָזיגער יונגער ליבהאבער פון דער נאַטור איז טאקע שפּעטער געוואָרען א באוואוסטער אידי־שער שרייבער: דוד קאסעל.

חוץ די זיצונגען, פארזאמלונגען, באנקעטען, האָב איך זיך געמוזט טאָג־טעגליך טרעפען מיט די איינצעלנע טוער: דורכ־רעדען זיך וועגען די לויפענדע פּראקטישע ענינים, איבערגעבען א זאך, באקומען ידיעות. געוועהנליך פלעגט מען זיך טרעפען אין די טהעע־הייזער. א שטענדיגער אָרט, וואו מיר פלעגען זיך

צונויפקומען כמעט אַלע טאָג, איז געווען סליעפיאַן׳ס טהעע־הויז. ס׳איז געווען אויף דער גובערנאַטאָרסקע גאַס, טאַקע ביי דער סאַמע „בירזשע“. מען האָט געדאַרפט אריינגעהן אין טויער אריין און פון דאָרטען ארויף אויף די טרעפּ. דאָס טהעע־הויז איז געווען קליין, באַשטאַנען פון צוויי צימערלאַך. דער בעל־הבית איז געווען אַ מענש, וואָס האָט זיך באַצויגען צו דער באַוועגונג זעהר סימפּאַטיש, און ער פלעגט שוין זאָרגען, אַז דאָס צווייטע צימערל זאָל בלייבען רעזערווירט ספּעציעל פאַר אונז. סלעפּיאַנ׳ס טהעע־הויז איז געווען פאַר אונז אַן אמת׳ער מקום מקלט. דאָרטען פלעגען מיר זיך פּיהלען גוט און היימיש, דאָרטען פלעגען מיר ערלעדיגען אַלע אונזערע געשעפטען, דאָרטען פלעגען מיר סתם פאַרברענגען אַ פרעהליכע שעה ביי אַ גלעזעל טהעע, דאָרטען פלעגען מיר אויך אויפנעהמען געסט פון אנדערע שטעדט.

אַזעלכע געסט האָבען מיר געהאַט ניט גאָר אָפט. אונזער שטאָדט האָט אין יענער צייט געהאַט שוואַכע פאַרבינדונגען מיט די אַנדערע שטעדט. אפילו פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט פון „בונד“ האָבען מיר געהאַט זעלטען אַ גרוס. אמת, די קאָנ־ספּיראַציע איז ביי אונז דעמאָלט געווען זעהר אַ שטרענגע. די פאַרבינדונג מיט׳ן צענטראַלען קאָמיטעט האָט זיך געפונען אין די הענט פון איין מענשען און ער פלעגט דאָס מאַכען בסוד אפילו פון די איבעריגע מיטגלידער פון אונזער קאָמיטעט. דער דאָזי־גער „מיניסטער פון אויסערע ענינים“ איז געווען ביי אונז יאַשקאַ קאַפּלאַן, און ער איז געווען געוואַלדיג שטרענג אין דער הינזיכט. און אזוי איז געקומען דערצו, אז איך, למשל, האָב ניט געהאַט די זכיה צו זעהן אין יענער צייט אַ מיטגליד פון צענטראַלען קאָמי־טעט. איינמאָל נאָר האָב איך זיך געטראָפען מיט אַ מענשען פון צ. ק., — און דאָס איז אויך ניט געווען קיין מיטגליד, נאָר בלויז אַ שליח. ער איז געקומען צו מעלדען, אז דער צ. ק. האָט באַשלאָסען איינצואָרדנען צוויי אונלעגאַלע דרוקערייען ספּעציעל פאַר די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס — צו דרוקען זייערע אָרגאַנען, און ער האָט אונז פאָרגעלעגט צו באַנוצען זיך מיט די דאָזיגע דרוקערייען. דער דאָזיגער שליח איז געווען אַ קליין מענשעלע מיט אַ קליין בערדעל און ווייכע, גוטע אויגען. איך פלעג איהם טרעפען אויך אין די שפּעטערדיגע יאָהרען; אין די ברייטע

פארטיי־קרייזען איז ער געווען באקאנט אונטער'ן נאמען „חיים טאטע".

ביי סלעפיאנ'ען פלעגען מיר זיך טרעפען מיט אנדערע געסט — ניט מיט די „גדולים". איינמאל איז געקומען צו פאהרען א חבר פון כארקאוו, א רוסישער ארבייטער. מיר האבען זיך באשטעלט מיט איהם צוטרעפען אין דעם טהעע־הויז. עס האט זיך אבער געטראפען עפעס א סיבה, און מיר האבען זיך פאר־שפעטיגט. מיר קומען צו געהן: ס'איז א גאנצע מהומה. אונזערע חברה־לייט זיינען אויפגערעגט, שושקען זיך און רעדען עפעס וועגען „אנברעכען די ביינער". לאזט זיך אויס, זיי האבען געהאלטען דעם גאסט פאר א שפיאן; ס'איז זיי ניט ארויף אויפ'ן שכל, אז א מענש מיט אזא גוי'שען פנים קען אויך זיין א חבר.

א צווייטער גאסט איז געקומען צו אונז פון האמעל. א יונגער אידישער בחור, פונקט אזוי יונג און פונקט אזוי נאאיוו, ווי מיר אליין זיינען דעמאלט געווען. מיר זיינען אבער געווען פארשטעהער פון דער אלטער און גרויסער מינסקער ארגאניזא־ציע, און האמעל איז געווען א קליינע שטאדט מיט א יונגער באוועגונג. איז ער געקומען צו אונז מיט גרויס דרך ארץ, און מיר האבען אויף איהם געקוקט פון אויבען אראפ. בפרט נאך, אז עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער נויטיגט זיך אין א העקטאגראף, און מיר האבען דאך געהאט דעם זעלטענעם רע־צעפט פון גערשוני און מיר האבען איהם טאקע געגעבען דעם רע־צעפט און האבען זיך באריהמט מיט זיינע זעלטענע מעלות, און דער בחור האט געשלונגען אונזערע ווערטער, און איינגע'חזר'ט דעם רעצעפט, און מיר זיינען אלע געווען זעהר צופרידען. מיט יאהרען שפעטער האבען מיר זיך געטראפען און דערקענט איינער דעם צווייטען. איצט איז ער אין ווארשא, און דאס איז דער רעדאקציע־סעקרעטער פון די „לעבענס־פראגען".

אין הערבסט 1900 האבען מיר אנגעהויבען ארויסגעבען אונזערע אן אייגענע צייטונג. ס'איז געווען א צייט, ווען יעדע גרעסערע שטאדט פלעגט שאפען פאר זיך איהרען אן ארטיגען ארגאן. ביי אונז אין מינסק איז נאך פריהער געמאכט געווארען אזא פראבע — נאך איידער איך בין אריין, און דער ארגאני־

זאציע — ס׳איז ארוים „דער מינסקער פלוגבלעטעל״. אָבער אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָט ער זיך נאָכ׳ן ערשטען נומער אָפּגעשטעלט, און ערשט מיט א צייט שפּעטער האָבען מיר באַנייט די אויסגאַבע. מיר האָבען איהר געגעבען א נייעם נאָמען: „דער מינסקער ארבייטער״. פאַר מיין צייט זיינען ארוים צוויי נומערען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז געווען א גאַנץ באַשיידענע קליינע צייטונג. א פּאָר ארטיקלען, א פעליטאָן, א בלעטעל קאָרעספּאָנדענציעס — פון דעם אָרטיגען לעבען — און דאָס איז געווען אלץ. איך געדענק די ארטיקלען, וואָס איך האָב געשריבען: אין דעם ערשטען נומער איז געווען א לייט־ארטיקעל (עדיטאָריעל) אונטער׳ן נאָמען „דער ווינטער קומט״. אין דעם צווייטען נומער איז געווען אַן ארטיקעל וועגען דעם ארבייטס־טאָג. חוץ דעם האָב איך אָנגעשריבען א ביאָגראַפיע פון דעם אַלטען ווילהעלם ליבקנעכט, וואָס איז גראָד דעמאָלט געשטאָרבען. א בעלעטריסטישען פעליעטאָן (אויב איך האָב ניט קיין טעות איז עס געווען א מעשה וועגען א בעל־הבית א ציוניסט) האָט אָנגעשריבען סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש, אַן עקספּעדיטאָר ביי דער אייזענבאַהן (איצטער איז ער א קאָררעקטאָר אין „פאָרווערטס״), די קאָרעספּאָנדענציעס פון די איינצעלנע ווערקשטאַטען פלעגט זאמלען און באַארבייטען ווילענקין. ווי גרויס עס איז געווען די ליטעראַרישע ווערדע פון די אלע זאַכען, ווייס איך ניט, אָבער סיי די שרייבער, סיי די לעזער האָבען געהאַט פון דעם גרויס הנאה, און מיר זיינען געווען אריינגעטאָן אין דער זאַך מיט׳ן גאַנצען האַרצען. די רעדאַקציע איז געווען, ווי דער שטייגער איז, א קאָלעקטיווע: דער גאַנצער קאָמיטעט פלעגט איבערקוקען יעדע זאַך וואָרט ביי וואָרט. איך געדענק א קאָרעספּאָנדענציע, וואָס ווילענקין האָט אונז געלייענט און אין וועלכער עס איז דערצעהלט געוואָרען, אז ערגעץ אין א ווערקשטאַט האָבען די ארבייטער עפּעס געפּאָדערט, און די בעל־הבית׳טע האָט זיי עפּעס געענטפערט: באַרים פרומקין, זעהר א וויציגער מענש, פרעגט ביי ווילענקינ׳ען: „פאַר וואָס עפּעס די בעל־הבית׳טע? און דער בעל־הבית? ליגט אין קימפעט?״ איז ווילענקין געוואַלדיג ברוגז געוואָרען: ווי קען מען דאָס לאַכען און וויצלען זיך ביי אַזאַ ערנסטער זאַך!

מיט'ן לייט-ארטיקעל פון דעם ערשטען נומער איז פאָרגע־קומען אזא זאך. געוועגליך האָט איהם געדארפט אָנשרייבען דער עלטסטער און געניטסטער צווישען אונז — באָרים פרומקין. און ער האָט איהם טאקע אָנגעשריבען. איך געדענק ניט גענוי דעם אינהאלט און דעם נאָמען, אָבער איך ווייס, אז ער האָט גערעדט וועגען די אויפגאבען פון דער באוועגונג און פון דער אָרגאני־זאציע. אויף א זיצונג פון דער רעדאקציע האָבען מיר איבערגע־לייענט דעם ארטיקעל און ער איז מיר ניט געפעלען געוואָרען. ס'איז ניט דאָס, וואָס מען דארף. די פראגע וועגען דעם, ווי אזוי עס דארף ארבייטען אונזער אָרגאניזאציע און וועלכע אויפ־גאבען זי דארף זיך שטעלען, — דאָס איז אַן אינערליכע פראגע; זי קען אינטערעסירען נאָר די נאָהענטע מענשען, נאָר די, וואָס זיינען שוין אין דער באוועגונג. מיר דארפען אָבער האָבען א צייטונג פאר די מאסען — טאקע פאר יענע ברייטע מאסען, וואָס שטעהען נאָך אַן א זייט, וואָס ווייסען נאָך ניט פון דער באווע־גונג. און פאר זיי דארף מען שרייבען אנדערש און וועגען אנ־דערע זאכען: ניט וועגען דער באוועגונג, נאָר וועגען זייער לעבען גופא.

דאָס האָב איך געזאָגט, און די חברה איז מיט מיר מסכים געווען. פרומקינ'ס ארטיקעל איז פארבראקירט געוואָרען און אנשטאט איהם האָב איך אָנגעשריבען דעם ארטיקעל, וואָס איך האָב פריהער דערמאָהנט: „דער ווינטער קומט". דאָס איז געווען א גאנץ פאָפולערע באשרייבונג פון די צרות, וואָס דער ווינטער ברענגט מיט זיך פאר די ארבייטער און דער אויספיהר איז געווען: מען דארף זיך פאראייניגען, כדי מיט געמיינזאמע כחות אויסקעמפען פאר זיך א בעסערען לעבען. אויך אין דעם צווייטען נומער האָט דער לייט-ארטיקעל (וועגען דעם ארבייטס־טאָג) געטראָגען א פאָפולערען כאראקטער.

איך וואָלט זיך ניט אָפגעשטעלט אויף דעם דאָזיגען קליינעם רעדאקציאָנעלען עפיזאָד, אויב ער וואָלט געווען גלאט א צופעל־ליגקייט. ס'איז אָבער ניט געווען קיין צופעליגקייט. עס האָט זיך דאָ געהאנדעלט וועגען א גאנצער שיטה. וועגען דעם דארף איך דערצעהלען באריכות.

.35

„אין די גאַסען, צו די מאַסען.״

איך האָב אמאָל געהאַט א חלום:

איך בין אויף דעם גרויסען מינסקער פּלאַץ — „סאָבאָרנאַיאַ פּלאָשטשאַד״, דאָרטען וואו ס'געפינט זיך דאָס הויז פון גובער־נאַטאָר, דאָס געריכט און פארשיידענע אמטען. ס'איז אן אויפ־שטאַנד. מען געהט שטורמען די רעגירונגס־אנשטאַלטען. ס'שפּרייזט א גרויסער עולם. איך לויף פאָראויס, — אזוי גיך, ווי איך קען. און פּלוצלונג שפּיר איך, אז עס ווערט ארום מיר פּוסט און שטיל. איך קוק זיך ארום: איך בין אליין. דער גאנצער עולם איז געבליבען שטעהן — העט־ווייט, הינטער מיר... און איך וואך אויף.

א חלום איז מעהר ניט א חלום. אָבער איך האָב איהם קיינ־מאָל ניט געקענט פארגעסען. ווייל ער איז טאַקע געווען א בילד, אן אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקליכקייט. ס'איז דער דראמאטישער שיקזאַל פון דער אמאָליגער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד.

נישט איינמאָל איז די רעוואָלוציאָנערע רוסישע אינטעלי־גענץ געלאָפען שטורמעווען די פעסטונג פון דער צארישער ממשלה. געשפּרייזט פאָראויס מיט דעם גאנצען אימפּעט פון אלע איהרע כחות. זיך ארומגעקוקט: זי איז אליין. און די אַטאַקע איז אָפּגעשלאָגען, און די פעסטונג שטעהט אויף איהר אָרט, און דער גרויסער עולם איז געבליבען ווייט הינטערשטעליג, און דער גרויסער עולם שלאָפט און ריהרט זיך ניט פון אָרט.

פּלעכאַנאָוו האָט געזאָגט — און דאָס איז געווען דער סיגנאַל פאַר'ן אויפקומען פון א נייער שיטה — : די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט זיגען אלס אן ארבייטער באַוועגונג אָדער זי וועט אין גאנצען ניט זיגען. דאָס איז געווען א

געשריי פון דעם רעוואָלוציאָנערען קאָלומבוס, וועלכער האָט צום ערשטען מאָל, נאָך לאַנגע וואַנדערונגען דערזעהן די יבשה. דאָס איז געווען דער געשריי פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, וועלכע האָט ענדליך געפונען יענע מאַסען־קראַפט, צו וועלכער זי קען געהן, און אויף וועלכע זי קען זיך שטיצען. מען האָט ענדעקט דעם טרעגער פון דער רעוואָלוציע.

דערוויילע איז עס אָבער געווען אויפ'ן פּאַפּיר. דער רוסי־שער ארבייטער איז נאָך געווען ווייט פון רעוואָלוציעס. ער האָט נאָך געשלאָפען. עס פלעגען אויפפלאַקערען פון צייט צו צייט סטרייקען, און דאָס איז געווען אלעס. עס פלעגען זיך בילדען גרופּען און קאָמיטעטען, — אָבער דאָס זיינען געווען קליינע הייפעלעך, אָהן אַ פעסטען, טיפען צוזאַמענבונד מיט דער מאַסע. מען האָט געשאַפען די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פּאַרטיי, — האָט זי אָבער לאַנגע יאָהרען עקזיסטירט נאָר אלס נאָמען. ווידער די אינטעליגענץ און ווידער אויסדערוועהל־טע ארבייטער־יחידים. ווידער דער זעלבער שווערער חלום...

אין זומער 1900 זיינען מיר אַמאָל געפאָהרען אויף אַ שיפעל (אַ „לאָדקע“). ס'איז געווען אַ שטיקעל באַנקעט, און מיר האָבען איהם געמאַכט אויפ'ן טייך. עס זיינען געווען די סאַמע נאָהענ־טע מיטגלידער פון דער „ראַזבאָרקע“. מיר זיינען ארויסגע־פאָהרען אונטער דער שטאָדט. און שטעהענדיג אויפ'ן שיפעל, אָנגעשפּאַרט אויף אַ רודער, האָב איך געהאַלטען אַ שטיקעל רעדע אָט וועגען דער דאָזיגער פראַגע. איך האָב געזאָגט, אז די רו־סישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג ווערט היינט ביי טאָג פאַרשפּרייט „פון אויבען אראָפּ“. זי שטאַמט פון די אויבערשטע פון שטויסעל. זי, נעהמט זיך פון דער אינטעליגענץ. און די אינטעליגענץ לאָזט זיך אראָפּ צו דער מאַסע און וויל איהר איי־בערגעבען איהרע אידעען, ווי זיי געהען און שטעהען. דאָס איז אָבער ניט דער ריכטיגער וועג. אַן ארבייטער־באַוועגונג קאָן ניט געשאַפען ווערען פון אויבען. זי מוז אליין אויסוואַקסען, פון א ו נ ט ע ן, פון דער טיפעניש פון דער ארבייטער מאַסע און פון דעם ארבייטער לעבען. פון אונטען ארויף! אָט דאָס איז די אמת'ע, די קערענדיגע, די ממשות'דיגע באַוועגונג. און די אויפ־גאַבע פון די אינטעליגענטע אָנפיהרער איז נאָר צו באַלייכטען אָט

דעם דאָזיגען גרויסען שטראָם, מאַכען איהם קלאָרער, אָפּרייניגען דעם וועג, העלפען, דינען.

אָט דאָס איז געווען מיין געדאַנק. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מין דעבאַטע. וועגען דער עצם־זאַך איז אייגענטליך נישט געווען קיין חלוקי דעות. איך געדענק אָבער, אַז איינציגע האָבען גע'טענה'ט, אַז די איצטיגע באַוועגונג איז טאַקע שוין איצט אַ באַוועגונג „פון אונטען אַרויף". מיט אַ באַזונדערער היציגקייט האָט וועגען דעם גערעדט פסח. און מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער, ווען מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ ביים ברעג, און ער איז אַרויס פון שיפעל, האָט ער זיך גענומען אַרויפקריכען אויף אַ זאַמדיגען בערגעל — געקראָכען, געשטרויכעלט געוואָרען, געפאַלען און ווייטער געקראָכען און געשריען צו אונז מיט אַ צופרידענער מינע: „פון אונטען אַרויף!"...

אין תוך אַריין זיינען מיר ביידע געווען גערעכט, בפרט נאָך אויף וויפיל עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער אידישער באַוועגונג. עס זיינען טאַקע געווען צוויי שטראָמען: ס'איז געווען דער אינטעליגענטער געדאַנק, וואָס איז געגאַנגען פון אויבען צו די מאַסען, און ס'איז געווען דער מאַסען־דראַנג, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון דער טיפעניש פון דער אַרבייטער־באַוועגונג. מען האָט אָבער געדאַרפט שטענדיג אַכטונג געבען, אַז די ביידע שטראָמען זאָלען זיך צונויפטרעפען, צונויפגיסען און ניט פאַרביי־געהן איינער ביי דעם צווייטען. וואָרים וואָלטען זיי יאָ פאַר־בייגעגאַנגען, וואָלט דאָס געווען אַ סכנה פאַר ביידע: די אינ־טעליגענץ וואָלט געקענט ווידער בלייבען אַ שטאַב אָהן אַן אַרמעע, און די מאַסען־באַוועגונג וואָלט געקאָנט פאַרבלאָנדזשען אויף פאַל־שע וועגען. די אידישע אַרבייטער־באַוועגונג האָט טאַקע אויס־געמידען די דאָזיגע סכנות. די רוסישע באַוועגונג אָבער איז נאָך אַ לאַנגע צייט געבליבען אַ שוואַכע און אַ צעבראָכענע. און דאָס, וואָס מיר האָבען דעמאָלט געשמועסט, איז געווען אַן אָפּ־קלאַנג פון די מיינונגען און שטימונגען, וואָס האָבען געהערשט אין יענער צייט אין די רייהען פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטען.

ס'איז געווען אין די רייהען פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטען אַ שיטה, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען פון „עקאָנאָ־

מיזם". די הויפּט־דאגה פון די דאָזיגע „עקאָנאָמיסטען" איז באַשטאַנען אין דעם: ווי אַזוי איז עס מעגליך אויפ'ן בעסטען אופן ארויסצורופען אַ מאַסען־באַוועגונג פון די ברייטע, אָפּגעשטאַנענע, אומבאַוואוסטזיניגע ארבייטער? ס'איז ארויס מיט יאָהרען פריהער אַ בראָשורע „וועגען אגיטאַציע"; זי איז אנטשטאַנען טאַקע אין די קרייזען פון די צוקונפטיגע בונדיסטען: איהר מחבר איז געווען דער אָנגעזעהענסטער אידישער טוער פון יענער צייט, איינער פון די גרינדער פון „בונד" — אַלעקסאַנדער (ארקאַדי קרעמער); זי האָט אָבער געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די רוסישע חברים און פון איהר שטאַמט, אייגענטליך, די אויבענדערמאָנטע שיטה פון די „עקאָנאָמיסטען". אין דער דאָזיגער בראָשור איז געזאָגט געוואָרען:

„די פאָלקס־מאַסע ווערט אריינגעצויגען אין קאַמף ניט דורך סברות, נאָר דורך די אָביעקטיווע לאָגיק פון די מעשים, דורך דעם גאַנג פון די געשעהענישען, וואָס שטופּט זי צום קאַמף". די מאַסע וועט קענען פיהלען די נויטיגקייט פון אַ פּאָליטישען קאַמף ערשט דעמאָלסט, ווען איהרע טאָג־טעגליכע אינטערעסען וועלען איהר שטופען דערצו; די דאָזיגע נויטיגקייט „מוז זיך לאָזען פיהלען אויף יעדען שריט און טריט, מוז שטענדיג עגבערען דעם כח פון ארבייטער און זיך לאָזען שפּירען אין אַלע קליינינקייטען."

„דאָס דערגרייכען די פּאָליטישע מאַכט איז די הויפּט־אויפגאַבע פון דעם קעמפּענדען פּראָלעטאַריאַט. אָבער די דאָזיגע אויפגאַבע קאָן זיך אוועקשטעלען פאַר'ן ארבייטער־קלאַס נאָר דעמאָלט, ווען דער עקאָנאָמישער קאַמף וועט פאַר איהם באַשיינפּערליך ארויסווייזען די אוממעגליכקייט צו פארבעסערען זיין לעבען ביי די איצטיגע פּאָליטישע באַדינגונגען, נאָר דעמאָלט, ווען די שטרעבונגען פון פּראָלעטאַריאַט וועלען זיך צונויפשטויסען פּנים אל פּנים מיט די היינטיגע פאָרמען פון פּאָליטישען לעבען, נאָר דעמאָלט, ווען דער שטראָם פון דער ארבייטער־באַוועגונג וועט זיך צונויפטרעפען מיט אַ פּאָליטישער מאַכט, נאָר דעמאָלט וועט קומען דער מאָמענט פון איבערגאַנג פון דעם קלאַסען־קאַמף אין אַ תקופה פון באַוואוסטזיניגען פּאָליטישען קאַמף".

„די אויפגאַבע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען איז דעריבער אַ שטענדיגע אגיטאַציע צווישען די ארבייטער אויפ'ן באָדען פון די

עקזיסטירענדע קליינע נויטען און פאָדערונגען. דער קאמף, וואָס ווערט ארויסגערופען דורך אזא אגיטאציע, וועט צוגעוואוינען די ארבייטער צו פארטיידיגען זייערע אינטערעסען, וועט אויפהויבען זייער מוט, וועט ביי זיי באשאפען א גלויבען אין זייערע כוחות, א באוואוסטזיין, אז ס'איז נויטיג די איינינקייט, און סוף כל סוף וועט ער פאר זיי אוועקשטעלען די מעהר וויכטיגע פראגען, וואָס באדארפען געלייזט צו ווערען".

דער געדאנק איז קלאָר: די ארבייטער-באוועגונג ווערט געבוירען פון די טאָג-טעגליכע קליינע נויטען און באדערפנישען פון דער מאסע. אונזער ערשטע אויפגאבע איז צו אָרגאניזירען די ארבייטער אין קאמף פאר די דאָזיגע נויטען; דאָס הייסט — פאר זייערע עקאָנאָמישע פאָדערונגען: פארגרעסערען די שכירות, פארקלענערען דעם ארבייטס-טאָג, בעסערע באהאנדלונג און א. וו.; און ערשט שפעטער, ווען אויף דעם דאָזיגען באָדען וועט זיך אויפהויבען דער גרויסער שטראָם פון דער מאסען-באוועגונג, וועט ער זיך ממילא צונויפטרעפען מיט דער געגנערשאפט פון דער רע־גירונג, וועט זיך איבערצייגען דורך זיין טאָג-טעגליכע פראקטיק, אז די רעגירונג איז א פיינד, און ערשט דעמאָלט וועט קומען די צייט, ווען די מאסע וועט קענען אריינגעצויגען ווערען אין א ברייטען פאָליטישען קאמף. אָנהויבען דארף מען אָבער פון דער ערשטער, צוגרייטונגס-שטופע.

דער דאָזיגער געדאנק האָט געהאט א גרויסען אָפּקלאנג אין גאנץ רוסלאנד. און פון דעם, וואָס מען האָט ארויסגערוקט אויפ'ן ערשטען פּלאן דעם עקאָנאָמישען קאמף, שטאמט טאקע דער נאָמען „עקאָנאָמיסטען". אין דער צייט, ווען מיר האָבען געארבייט אין מינסק, האָט די דאָזיגע שטימונג געהערשט אין פעטערבורג און זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דער צייטונג, וואָס דער פעטערבורגער קאָ־מיטעט האָט ארויסגעגעבען אונטער'ן נאָמען „ראבאָטשאיא מיסל" („דער ארבייטער-געדאנק"). א טייל פון די רוסישע טוער זיינען פארקראָכען אפילו צו ווייט. אָנגעהויבען האָבען זיי פון עקאָ־נאָמישען קאמף אלס אַן ערשטע שטופע, אָבער הערנאָך האָבען זיי זיך פארטראָגען ביז א צו א משונה'דיגען געדאנק, אז דער ארבייטער דארף זיך בכלל ניט פארנעהמען מיט פּאָליטיק — אויך אין דער צוקונפט ניט. אזא געדאנק האָט מען געקאָנט טרע־

פען אין א בראָשור, וואָס איז דעמאָלט אַרויס אין אויסלאנד אונ־טער'ן נאָמען „קרעדא" („דער אני מאמין"). דאָס איז אָבער גע־ווען אַן עקסטרעמע מיינונג פון אַ קליינעם הייפעל. ביי אונז, צווישען די אידישע אַרבייטער־טוער, איז קיינער ניט געגאַנגען אַזוי ווייט. די אידישע אַרבייטער־באַוועגונג אַז געווען אַ סך מעהר אַנטוויקעלט, ווי די רוסישע, און איז שוין דעמאָלט געווען מעהר נאָהענט צום פּאָליטישען קאַמף. מיר האָבען אָבער געהאַלטען, אַז די ערשטע אויפגאַבע, דאָס שאַפען פון אַ ברייטער מאַסען־באַוועגונג, איז אויך ביי אונז נאָך ניט פאַרענדיגט. אמת, מיר האָ־בען שוין געהאַט אַ גאַנץ באַדייטענדע צאָהל פון מעהר באַוואוסט־זיניגע אַרבייטער, מיט וועלכע מיר האָבען שוין געקענט רעדען אויך וועגען פּאָליטישע פראַגען. אָבער ביי דער מאַסען־אַגיטאַציע פלעגען מיר זיך נאָך אַלץ באַנוגענען מיט עקאָנאָמישע פראַגען. די הויפּט־זאַך, וועגען וועלכער מיר האָבען געזאָרגט, איז באַשטאַנען אין האָבען וואָס ברייטערע וואָרצלען אין דעם מאַסען־לעבען. און מיר האָבען טאַקע געפאָלגט די עצה פון דער זעלבער בראָשור, וועלכע האָט געזאָגט, אַז דער אַגיטאַטאָר מוז זיך „שטענדיג אַרומ־דרעהען צווישען דער מאַסע, צוהערען זיך, טרעפען דעם געהע־ריגען פונקט, אָנטאַפּען דעם דופק פון דעם עולם". ער מוז קענען די לעבענס־באַדינגונגען, די געפיהלען פון דער מאַסע, ער מוז פאַר־שטעהן, וואָס פאַר אַ פאָדערונגען קאָנען אין דעם מאָמענט, ביי די איצטיגע באַדינגונגען פאַראייניגען אַרום זיך די אַרבייטער.

אָט וועגען דעם האָבען מיר טאַקע שטענדיג געזאָרגט. און אַזוי ווי די צייט איז געווען אין פּאָליטישער הינזיכט אַ טויטע, און דער הויפּט־אינטערעס פון דער מאַסע איז טאַקע געווענדעט צו די עקאָנאָמישע פאָדערונגען, זיינען מיר געווען אריינגעטאָן אין דעם עקאָנאָמישען קאַמף. און מיר האָבען טאַקע דערגרייכט דעם געווינשטען רעזולטאַט. עס איז געשאַפען געוואָרען אַן אמת'ע מאַ־סען־באַוועגונג. אַי, וואָס איהר אינהאַלט איז געווען אַ שמאָלער, האָבען מיר זיך אָבער געטרייסט מיט דעם, אַז דאָס איז מעהר ניט אַ צייטווייליגע זאַך. זאָל נאָר עקזיסטירען די באַוועגונג. דאָס לעבען וועט שוין זאָרגען דערפאַר, אַז זי זאָל שפּעטער אָנ־נעהמען אַ מעהר ברייטען און בולט'ען פּאָליטישען געשטאַלט.

— וואָס טיפער אין די מאַסע, שטענדיג מיט דער מאַסע!

דאָס איז געווען דער הויפּט־מאָטיוו פון אונזער גאַנצער אַרבייט.

און ניט אומזיסט פלעגט מען זינגען אַמאָל מיט'ן גאַנצען האַרצען דאָס אַלטע שעהנע אַרבייטער־ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „אין די גאַסען צו די מאַסען!" דאָס זיינען געווען ניט נאָר געזונגענע ווערטער. דאָס איז געווען דער אמת'ער זין און אינהאַלט פון אונזער גאַנצער אַרבייט. עס איז מעגליך, אַז מיר האָבען געמאַכט טעות'ען — מיר זיינען נאָך געווען זעהר יונג און זעהר ווייניג געניט; — מעגליך, אַז מיר פלעגען בלאָנדזשען, אָבער אונזער וואונש איז געווען אַ געזונטער און דער ציל — אַ ריכטיגער.

.36

שפּראָצונגען פון בונדישען געדאַנק.

איך בין געווען אַ מיטגליד פון „בונד“, הייסט עס אַ בונדיסט (הגם מיר פלעגען דעמאָלט נאָך ניט געברויכען דאָס דאָזיגע וואָרט). איך צווייפעל אָבער זעהר שטאַרק, אויב איך האָב געהאַט אַ גאַנץ קלאָרען באַגריף וועגען דעם, וואָס איז עס אַזעלכעס דער „בונד“ אַלס אַ אידישע אָרגאַניזאַציע, און וואָס פאַר אַ ראָליע דאַרף ער שפּילען אין דעם אידישען לעבען.

ס'איז שווער זיך צו דערמאָנען מיט דער פולער קלאָרקייט וועגען די געדאַנקען, וואָס מען האָט געהאַט מיט 21 יאָהר צוריק. ווען איך פּרואוו זיך צו טאָן דאָס, זעה איך פאַר מיר עפּעס אַ נעבעלדיגע זאַך. מעגליך, אַז די נעבעלדיגקייט שטאַמט טאַקע דערפון, וואָס מיין זכרון איז ניט שטאַרק גענוג, די געדאַנקען גופא זיינען אין יענער צייט געווען קלאָר. איך מיין אָבער, אַז די נעבעלדיגקייט איז אויך דאַמאָלט געווען. דער בונדישער געדאַנק איז נאָך ניט געווען קלאָר און בולט. וואָרים דער בונדיזם אַלס אַ שיטה, אַלס אַ ריכטונג, מיט איהר באַזונדערען קוק אויף דאָס אידישע לעבען בכלל און אויף די אידישע אַרבייטער־באַוועגונג בפרט, האָט זיך ערשט געהאַלטען אין געשאַפען ווערען; מען האָט ערשטע געשטעלט די ערשטע טריט. יענער היסטאָרישער צוזאַמענפאָהר פון „בונד“, וועלכער האָט צום ערשטען מאָל פאָרמולירט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, איז פאָרגעקומען ערשט שפּעטער, אין אַפּריל, 1901, ווען איך בין שוין געזעסען אין טורמע, און מיט זיינע רעזאָלוציעס האָב איך זיך באַקענט נאָך שפּעטער, שוין זייענדיג אין אויסלאַנד. די צייט ווען איך האָב געאַרבייט אין מינסק, איז נאָך געווען אַ פּעריאָד פון זוכעניש, פון טאַפּען אין דער פינסטער. אין דער בונדישער ליטעראַטור איז די פראגע

נאָך זעהר ווענינ באַריהרט געוואָרען, און אפילו די פּאָר אַרטיקלען וואָס זיינען יאָ געווען, האָב איך דעמאָלט ניט געלייענט, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס איך האָב נאָך ניט געקאָנט לייענען קיין אידיש. און דעריבער האָב איך געהאט מעהר ניט ווי שוואַכע שפּראָצונגען פון אַ בונדישען באַוואוסטזיין.

ווי געזאָגט, איז עס זעהר שווער אויפצופרישען אין זכרון די אַמאָליגע געדאַנקען. עס זיינען אָבער פאַרבליבען אין מיין גע־דעכטניש עטליכע שמועסען וואָס איך האָב געהאט אין יענע צייטען.

איך געדענק, ווי מיין פריינד יאַשקאַ איז אַמאָל געקומען צו מיר (דאַכט זיך אפילו, אַז עס איז געווען נאָך איידער איך בין פאָרמעל אריינגעטראָטען אין דער באַוועגונג), מיט אַזאַ פראַגע: „ווי מיינסטו, — האָט ער געפרעגט, — צי זיינען די אידען אַ נאַציע אָדער ניט?” איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. איך האָב וועגען דעם קיינמאָל נישט געטראַכט. דאַכט זיך, אַז איך האָב געזאָגט: עס ווענדעט זיך אָן דעם, וואָס מען פאַר־שטעהט אונטער דעם נאָמען „נאַציע”. אָבער פאַרוואָס פרעגסטו וועגען דעם? ווייל אַ פּאָר שול־חברים אונזערע — האָט ער מיר געזאָגט — זיינען נאַציאָנאַליסטען. וואָס הייסט נאַציאָנאַליסטען? — פרעג איך צוריק. — זיי טענה'ן, — ענטפערט ער, — אַז די אידען זיינען יאָ אַ נאַציע. — נו, און אויב שוין יאָ, וואָס־זשע ווייטער? וואָס־זשע ווילען זיי טאָן? האָט ער מיר נישט גע־קענט ענטפערען, און די פראַגע איז געבליבען אַ פראַגע... פון דער צווייטער זייט האָב איך געהערט, אַז ס'זיינען דאָ פאַראַן ציוניסטען. זיי האָבען זיך דעמאָלט גאַנץ שטאַרק געטומעלט אין אונזער שטאָדט. אָבער צו זייערע פּלענער האָבען מיר ניט גע־האט קיין שום סימפּאַטיע און קיין שום אינטערעס. דער סך־הכל איז געווען, אַז וועגען אַ אידישער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר פראַ־גע האָב איך נישט געהאט קיין קלאָרען באַגריף.

אַנדערש איז עס געווען מיט דער אידישער אַרבייטער באַ־וועגונג. אַז אונזער באַוועגונג איז אַ באַזונדערע, אַן אייגענאַר־טיגע, — וועגען דעם האָב איך זיך דעמאָלט אָפּגעגעבען אַ גאַנץ קלאָרען דין וחשבון.

איינמאָל האָבען מיר געהאט אויף דער „ראַזבאָרקע” אַזאַ מין

פאסירונג: ווי איך האָב שוין דערצעהלט אין איינעם פון די פריהערדיגע קאפּיטלען, האָבען מיר געפּרואווט צו פיהרען אַן אַר־בייט צווישען די קריסטליכע ארבייטער. די „ראזבאָרקע" האט זיך באַצויגען צו דער דאָזיגער ארבייט מיט גרויס אינטערעס און האָט מיט אַ שטאַרקער אונגעדולד געוואַרט אויף די רעזול־טאַטען. כמעט אויף יעדער זיצונג איז די דאָזיגע פראַגע געשטאַ־נען אויף דער טאָג־אָרדנונג און מען פלעגט אונז שטענדיג מאַ־טערען און אויספרעגען: וואס־זשע הערט זיך דאַרטען ביי די גויים? פלעגען מיר אָפּגעבען אַ באַריכט, און דער באַריכט איז אַלע מאָל געווען נישט קיין פויגעלדיגער. איז דער עולם ניט געווען צופריעדען. און איינמאָל האָט מען זיך גענומען ארומריידען די גאַנצע פראַגע און אָננעהמען באַשליסע ווי אַזוי מען דאַרף פיהרען די דאָזיגע ארבייט. דעמאָלט האָב איך גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט: חברה, מישט זיך ניט אריין אין די דאָזיגע זאַכען. איהר זיינט אַן אָרגאַן פון דער א י ד י ש ע ר ארבייטער באַוועגונג אין אונזער שטאָדט. איהר קענט פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל אייך געבען צו וויסען וועגען דעם, וואָס עס הערט זיך ביי די „גויים". דאָס טוען מיר און דאָס וועלען מיר ווייטער טאָן. אָבער באַשליסען וועגען דעם קענט איהר נישט, ווייל דאָס איז ניט אייער עסק. פּונקט אַזוי ווי די אידישע באַוועגונג איז אַ באַזונדערע, אַ זעלבסטשטענדיגע, פּונקט אַזוי מוז די באַוועגונג פון די קריסטליכע ארבייטער זיין אַ באַזונדערע, אַ זעלבסטשטענדיגע. עס מוז זיין אַן ארבייטס־צוטיילונג.

דער דאָזיגער ענטפער מיינער איז ניט געווען קיין צופעליגער. מיר — די דריי סטודענטען — האָבען זיך דעמאָלט טאַקע ארומ־געטראָגען מיט'ן געדאַנק צו שאַפען אַזאַ באַזונדערע, זעלבסט־שטענדיגע אָרגאַניזאַציע. מיר האָבען געוואָלט בילדען אַ באַ־זונדערען מינסקער קאָמיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער פּאַרטיי. און ס'איז שיעור ניט געמאַכט געוואָרען. אין יענע צייטען האָט די רוסלענדער פּאַרטיי, אַלס גאַנצעס, עק־זיסטירט אייגענטליך נאָר אויפ'ן פּאַפּיר. דער צענטראַלער קאָ־מיטעט, וועלכער איז אויסגעקליבען געוואָרען אויפ'ן צוזאַמענ־פאָהר פון דער פּאַרטיי אין 1898, איז אין אַ פּאָר וואָכען נאָכ'ן צוזאַמענפאָהר ארעסטירט געוואָרען, און קיין נייעס האָט מען ניט

באשאפען. עס איז דעריבער געווען א מנהג אין דער פארטיי, אז ווען א גרופע חברים האט געוואלט גרינדען ערגעץ אין א שטאדט א נייע פארטיי־ארגאניזאציע, האבען זיי געדארפט האבען די באשטעטיגונג פון 2 עקזיסטירענדע לאקאלע קאמיטעטען. האבען מיר זיך טאקע געווענדעט צו דעם קיעווער קאמיטעט פון דער פארטיי און צום צענטראלען קאמיטעט פון „בונד", מיט דער מעלדונג, אז מיר ווילען בילדען אין מינסק א קאמיטעט פון דער פארטיי, און מיט דער ביטע, אז זיי זאלען אונז געבען זייער הכשר. דער קיעווער קאמיטעט האט אונז באלד געענטפערט, אז ער האט גארנישט געגען דעם. דער צענטראלער קאמיטעט פון „בונד" האט אבער געהאט בעסערע ידיעות וועגען דער לאגע. ער האט געוואוסט, אז קיין אמת'ע ארגאניזאציע פון די קריסטליכע ארבייטער איז אין אונזער שטאדט נאך ניטא, און אז די גאנצע זאך איז אן אויפטו פון דריי יונגע סטודענטען. האט ער אונז געענטפערט, אז מיר דארפען נאך זעהר און זעהר לאנג ווארטען. און אזוי ארום איז אונזער אמביציע ניט באפרידיגט געווארען.

ניט דאס איז אבער וויכטיג. איך דערצעהל וועגען דעם דאזיגען קליינעם אינצידענט, כדי צו ווייזען, אז מיר האבען שוין דעמאלט קלאר פארשטאנען, אז די אידישע באוועגונג איז גאר א באזונדער זאך, און דאס איז אייגענטליך די ערשטע שפראצונג פון בונדישען געדאנק.

וועגען דער אייגענארטיגקייט פון דער אידישער באוועגונג געדענק איך א שמועס, וואס מיר האבען געהאט אביסעל שפעטער, אין יאהר 1901. דאס איז שוין געווען נאך אונזער ארעסט; מיר האבען זיך צונויפגעטראפען אין איין קאמער הינטער די גראטעס, און צווישען אנדערעס האבען מיר אמאל גרינדליך דורכגערעדט די פראגע וועגען דעם, וואס איז עס אייגענטליך אזוינס אונזער באוועגונג. איך האב זיך דעמאלט געפרופט צו מאכען א שטיקעל סך־הכל. אונזער באוועגונג — האב איך געזאגט — האט צוויי באזונדערע אייגענשאפטען. די ערשטע אייגענשאפט באשטעהט אין דעם, וואס מיר פארמאגען זעהר ווייניג ארבייטער אין די גרויסע פאבריקען. דאס רוב אונזערע מענשען זיינען פארנומען אין די קליינע און גאר קלייניטשקע ווערקשטאטען פון די בעלי־מלאכות

און האנדוועראקער. די צווייטע איינענשאפט באשטעהט אבער אין דעם, וואס אונזערע ארבייטער זיינען אידען, קינדער פון אידישען פאלק, און ס'איז דא פאראן צוויי טרייב־קרעפטען, וואס שטופען דעם אידישען ארבייטער אין דער באוועגונג אריין. די ערשטע איז — זיין קלאסען־געפיהל, דאס באוואוסטזיין, אז ער איז אן ארביי־טער, וואס ווערט עקספלואטירט, און וואס מוז געמיינזאם מיט זיינע ברידער קעמפפען פאר א בעסערען לעבען. די צווייטע קראפט אבער איז זיין אידישקייט־געפיהל, דאס באוואוסטזיין, אז ער איז א איד. און ווער ווייס וועלכע פון די דאזיגע צוויי קרעפטען וויר־קען שטארקער ?

שטעלט זיך פאר, — האב איך ווייטער געזאגט, — אז עס האט זיך ערגעץ אין דער גאס געטראפען אן אונגליק מיט א מענ־שען, און מען דארף איהם העלפען. איהר ווענדעט זיך צו א אידישען ארבייטער און זאגט איהם: קום, לאמיר לויפען, לאמיר העלפען, אן ארבייטער נויטינט זיך אין אונזער הילף. איך ווייס ניט, צו די דאזיגע ווערטער וועלען אויף איהםווירקען, — סיידען עס איז פון די גאר בעסערע ארבייטער, א חבר. אבער ווען איהר קומט צו איהם און זאגט: „א איד איז אין סכנה! קום העלפען!" — ווער ווייס, צו דאס וועט ניט האבען א בעסערע פעולה?

די פראגע איז דעריבער, אויף וואס מען דארף לעגען מעהר אכט ביי אונזער אגיטאציע אין די מאסען: אויפ'ן קלאסען־געפיהל פון דעם פראלעטאריער אדער אויפ'ן פינטעלע איד.

אזוי האב איך דעמאלט געשטעלט די פראגע. בלויז גע־שטעלט; פארענטפערט האב איך זי ניט. ס'איז בכלל געווען מעהר ניט א טורמע־שמועס און א טורמע־איינפאל. סוף כל סוף איז ביי מיר גובר געווען דער קלאסען־שטאנדפונקט.

איך געדענק א צווייטען שמועס — אויך אין טורמע. מען האט צו אונז געבראכט א ווילנער טוער. ס'איז געווען איינער פון די בעסטע ווילנער ארבייטער, א הענדשקע־מאכער, צלאל בולקין, א מיטגליד פון ווילנער קאמיטעט. ער האט אונז דערצעהלט וועגען דעם, ווי אזוי זיי האבען געפיהרט די ארבייט אין ווילנע. צוויי־שען אנדערעס האט ער אונז דערמאהנט וועגען דער אידישער שפראך. ביי זיי אין ווילנא איז שוין געווען גאנץ שטארק ענטוויי־קעלט דאס, וואס מען האט שפעטער אנגערופען מיט'ן נאמען

„אידישיזם". אלס א ביישפיל האָט ער אונז געזאָגט, אז ביי זיי אין דער אָרגאַניזאַציע באַנוצט מען זיך אויסשליסליך מיט דער אי־דישער שפּראַך. אפילו אויף די זיצונגען פון קאָמיטעט — וואו אַלע קענען גוט רוסיש — איז אָנגענומען דער כּלל, אז אַלע מוזען ריידען ניט אַנדערש ווי אידיש. מיר איז עס אויסגעקומען מאָדנע. איך האָב געהאַלטען, אז מיט דער אידישער שפּראַך דאַרף מען זיך טאַקע באַנוצען דעמאָלט, ווען ס'איז באמת נויטיג — אויף א מאַ־סענפאַרזאַמלונג, אפילו אויף דער „ראַזבאָרקע", בכלל דאָרטען, וואו מען טרעפט זיך מיט מענשען, וועלכע רעדען ניט קיין רוסיש, אָבער רעדען אידיש אויף א זיצונג פון קאָמיטעט, נאָר צוליב פּרינ־ציפּ, צוליב א דעמאָנסטראַציע, — דאָס האָב איך ניט געהאַלטען פאַר ריכטיג.

אָט די עטליכע איינצעלנע עפּיזאָדען — דאָס איז אַלץ, וואָס איך געדענק וועגען אונזער דאַמאָלטדיגער באַציהונג צו דעם אי־דישען כאַראַקטער פון אונזער באַוועגונג. ס'איז נאָך געווען א צייט פון בין השמשות.

37.

ווייטער אידישקייט.

ווי־זשע האָט דאָס געהאַלטען דעמאָלט מיט מיין פערזענליכער אידישקייט ? מיינע נייע פריינד, די ארבייטער פלעגען מיך אין שפּאַס רופען „דער גוי". און אויסערליך בין איך נאָך געוועזען שטאַרק „פאַר'גוי'שט. מיט דער אידישער שפּראַך האָב איך נאָך געהאַט גרויסע צרות. פאַרשטאַנען אידיש האָב איך שוין דאַמאָלט. ניט אומזיסט האָב איך שטענדיג אַרום זיך געהערט רעדען אידיש ; אויך די קענטשאַפט פון דער דייטשער שפּראַך האָט מיר ניט ווייניג געהאָלפען. אָבער מאַנכע העברעאישע ווערטער, וואָס ווערען געברויכט אין אידיש, זיינען מיר נאָך געוועזען פרעמד, און דאָס האָט מיר זעהר שטאַרק געשטערט. פונדעסטוועגען פלעג איך גאַנץ גוט כאַפּען דעם אַלגעמיינעם אינהאַלט פון די אידישע רעדעס. נאָך מעהר, איך געדענק, גראַד אין יענער צייט האָב איך געהערט צום ערשטען מאָל לייענען אַ זאַך פון י. ל. פּרץ. דאָס איז געוועזען : „דער קראַנקער אינגעל". און איך האָב עס זעהר גוט פאַרשטאַנען, און די זאַך האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוועהנליך שטאַרקען איינדרוק. רעדען האָב איך אָבער ניט געקענט. עס האָט זיך אַמאָל געטראָפען, אַז איך בין געקומען צו אַן ארבייטער, און ער איז גראָד ניט געוועזען אין דער היים. האָב איך געפּרופּט פרעגען ביי דער בעל־הבית'טע — דוקא אויף אידיש : „ווען וועט ער קומען ?" איך האָב אַרויסגעזאָגט נאָר אָט די פיר פּשוט'ע ווערטער. זי האָט אָבער די מינוט געשפּירט אַז עס רעדט אַ גוי, און געענטפערט מיר אויף רוסיש. לייענען האָב איך אויך ניט געקענט. אביסעל האָב איך זיך געלערנט. איך האָב דאָס געטאָן צוזאַמען מיט ווילענקינ'ען, וועלכער איז געוועזען פּונקט אַזאַ גוי, ווי איך. איך געדענק, ווי מיר האָבען אַמאָל צוזאַמען מיט איהם געלייענט אַ קליינע אידישע בראָשורע. און מיר האָבען זיך אָנגע־

שטייסען אָן דעם וואָרט „פריץ״. וואָס דאָס וואָרט באַדייט, האָט ער גראָד געוואוסט, און ער האָט דאָס ריכטיג אויסגעטייטשט. אָבער ווי אַזוי מען לייענט דאָס, האָט ער ניט געוואוסט. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז עס לייענט זיך „פריץ״, און אַזוי איז עס געבליבען. שרייבען אידיש האָב איך אין גאַנצען ניט געקענט, און איך האָב זיך עס אויסגעלערנט אַ סך שפּעטער.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז די אַרטיקלען פאַר׳ן „מינסקער אַרבייטער״ האָב איך געשריבען אויף רוסיש, און מען פלעגט זיי דערנאָך איבערזעצען. איך האָב אָבער שוין דאַמאָלט געהאַט אַ געוויסען חוש פאַר דער אידישער שפּראַך. און שרייבענדיג רוסיש, פלעג איך געברויכען אַזעלכע אויסדריקע, וואָס זאָלען זיך לאָזען גרינג איבערזעצען אויף אידיש.

אַלענפאַלס האָט די אידישע אַרבייטער־סביבה געהאַט אויף מיר אַ שטאַרקע ווירקונג. איך קען ניט זאָגען גענוי, אין וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט, אָבער דאָס שטענדיגע צונויפטרעפען זיך מיט׳ן אידישען לעבען, האָט מיך שטאַרק פאַראידישט. אַ גאַנץ גרויסע ווירקונג האָט אויף מיר געהאַט אויך די פריינדשאַפט מיט טעומין׳ען. ער איז געווען אַ מענש, טיף אויסגעקאָכט מיט דעם אידישען לעבען. אַ כאַראַקטעריסטישער פּרט: גראָד דעמאָלט איז געשטאָרבען זיין מוטער, און ער פלעגט זאָגען נאָך איהר קדיש; אַליין איז ער געווען אַ סאָציאַליסט, אַ פרייזיניגער; אָבער ער האָט איהר דאָס צוגעזאָגט פאַר׳ן טויט, און ער האָט געהאַלטען וואָרט. דורך איהם פלעג איך זיך דערוויסען אַ סך פּרטים וועגען דעם אידישען לעבען. מיט איהם בין איך דאָס געווען אין דער אַלטער שול צו כל נדרי. אַ דאַנק איהם האָב איך צום ערשטען מאָל געזעהן אַ טראַדיציאָנעלע אידישע חתונה מיט אַ בדחן, מיט אַן אל מלא רחמים (די כלה איז געווען אַ יתומה) און ד. גל.

ס׳איז ביי מיר אין זכרון פאַרבליבען איין אָוענד, ווען מיר זיינען געגאַנגען מיט טעומין׳ען איבער די אידישע גאַסען — אין די וויטע, אָרימע געסלאַך מיט די קליינע הייזלאַך. ס׳איז געווען פרייטאָג צו־נאַכט, און אין די גאַסען איז געווען שטיל און פּוסט, און אין די הייזלאַך האָבען געברענט די שבת־ליכטלאַך. מיר האָבען געשמועסט עפּעס וועגען אידישע זאַכען. דעם אינהאַלט פון דעם שמועס געדענק איך ניט. איך געדענק אָבער, אַז איך

האָב שטאַרק געפיהלט דעם אייגענאַרטיגען חן פון דעם שטילען פרייטאָג־צו־נאַכטס און איך האָב געשפּירט אין זיך יענע ראָמאַנטי־שע צוגעבונדענקייט צו דער גראָהער אידישער פאַרגאַנגענהייט, יענע וואַרימע, אינטימע נאָהענטקייט, וואָס מען האָט נאָר צו אַן א י י ג ע נ ע ר פאַרגאַנגענהייט...

אָבער דאָס דאָזיגע וואַרימע געפיהל צו דער פאַרגאַנגענהייט איז ביי מיר שטענדיג געבליבען צונויפגעוואַקסען אָט מיט די קליי־נע הייזלאַך אין די שטילע גאַסען פון אַ ליטווישען שטעדטעל. מיין סענטימענט צו דעם יודענטום איז שטענדיג געווען — ווי אַ ציוניסט וועט זיך אויסדריקען — אַ „גלות־געפיהל". די פּאַל־מען און וויין־גערטנער פון פּאַלעסטינאַ זיינען מיר אַלעמאָל גע־ווען און געבליבען פרעמד. און איך מיין, אַז דאָס איז גראָד אַ סימן דערפון, וואָס מיין אידישקייט איז טאַקע אַ קערענדיגע לע־בענס־אידישקייט און נישט קיין ליטעראַרישע איינריידעניש...

ווי געזאָגט, קען איך נישט פעסטשטעלען גענוי און קאָנקרעט, אין וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט די „נאַציאָנאַליזירענדע" ווירקונג פון דער אידישער ארבייטער־סביבה. ס'איז געווען אַ שטילע ווירקונג פון טאָג־טעגליכען לעבען. דאָס דאָזיגע לעבען איז פאַר מיר געוואָרען נאָהענט און טייער. דאָס דאָזיגע לעבען איז אָבער געווען אידיש, און עס האָט מיך אריינגעצויגען אין זיין קרייז. ווען איז געווען דער מאָמענט, ווען איך האָב זיך ענטגילטיג און קלאָר געפיהלט אַלס אַ איד? איך וויים עס נישט, אָבער איך וויים, אַז אין אָנהויב 1901, ווען איך בין ארעסטירט געוואָרען און דער זשאַנדאַרם האָט מיר געגעבען אויספילען אַ פראַגע־בויגען, האָב איך אין דער רובריק „נאַציאָנאַליטעט" אריינגעשריבען דעם ענט־פער „איד".

און שפּעטער, נאָך דער טורמע, ווען איך בין אַנטלאָפען אין דער שווייץ און געהאַט דאָרטען עטליכע גוטע באַקאַנטע גראָד צווישען ציוניסטישע סטודענטקעס, פלעגען זיי כסדר טענה'ן: „מעדעם, איהר זייט אַ גוטער איד". וואָס פאַר אַ גרונד האָבען זיי געהאַט צו אַזאַ טענה, וויים איך נישט. זיי האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איך בין אַ בונדיסט און אַ געגנער פון ציוניזם. אָבער אין יענע צייטען האָבען די מעהר אָנשטענדיגע ציוניסטען נאָך פאַרשטאַנען, אַז דער ציוניזם האָט ניט קיין חזקה אויף אידישקייט.

.38

דער שפּיטאָל.

אין סאַמע ברען פון דער אַרבייט, האָט זיך געמאַכט אַ קורצע אָבער זעהר נישט קיין אַנגענעהמע אונטערברעכונג. ס'איז געקור־מען דער חודש נאָוועמבער — די צייט פון מיליטערישען „פּריזיוו". און אַזוי ווי איך בין גראַד געוואָרען 21 יאָהר אַלט, האָב איך זיך געמוזט שטעלען.

די „וואַאינסקאַיע פּריסוטסטוויע" — דער אָרט וואו מען פּלעגט אָננעהמען רעקרוטען, האָט זיך געפונען אויף זאַבאַריעווער גאַס, אין אַ קליינעם, הילצערנעם הייזעל. איך האָב גוט געקענט דאָס דאָזיגע הייזעל. אָפטמאָל פּלעג איך אין די פריהערדיגע יאָה־רען, אין דער צייט פון „פּריזיוו" פאַרבייגעהן דעם הויז און זעהן די גרויסע הונדערטקעפּיגע מאַסע, וואָס פּלעגט זיך שטופּען אויף דער גאַס, וואַרטענדיג אַן ענטשיידונג. דעמאָלט בין איך געווען בלויז אַ זייטיגער צושויער, איצט בין איך אָבער געוואָרען אַליין אַן'אַנטיילנעהמער. אין דעם באַשטימטען טאָג בין איך אַריין אין די „פּריסוטסטוויע". דאָס קליינע צימער איז געווען פול גע־פּאַקט מיט יונגעלייט. אַלץ אומבאַקאַנטע מענשען. נאָר איינער איז געווען יאָ באַקאַנט. און ס'איז געווען דוקא אַ רוסישער אַרביי־טער — איינער פון די מיט וועמען איך פּלעג זיך טרעפען בשעת מיינע פּראָבען צו פיהרען אַן אַגיטאַציע צווישען די קריסטען. דער בחור האָט פריהער נישט געקענט מיין נאָמען, און ס'איז מיר געווען זעהר נישט אַנגענעהם, אַז עס וועט איצט פּלאַצען די „קאָנספּי־ראַציע" אָבער פאַרפאַלען. ער האָט מיך דערקאָנט, איז צו מיר צוגעגאַנגען און האָט זיך גענומען צו געבען מיר נאַאיווע עצות וועגען דעם, ווי אַזוי זיך אָם בעסטען צו באַפרייען פון מיליטער־דינסט. ער האָט עפּעס גערעדט וועגען דעם, ווי אַזוי מען דאַרף פאַרהאַלטען דעם אָטעם, כדי צו שאַפען ביי זיך אַ האַרץ־קלאַפּעניש.

איך ווייס ניט, צו די דאָזיגע עצה האָט איהם אליין געהאָלפען. איך האָב זיך אלענפאלס ניט באַנוצט מיט איהר. איבעריגענס בין איך געווען זיכער, אַז מען וועט מיך סיי ווי סיי באַפרייען. איך האָב נישט געדאַרפט מאַכען קיין שום אָנשטעלען און נישט געברויכט צו געבען כּאבאר, ווי עס האָבען געטאָן מאַנכע אַנדערע. איך בין געווען באמת קראַנק. נאָך דעם „טיף" וואָס איך האָב געהאַט אין קיעוו מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער, איז ביי מיר פאַרבליבען אַ כראָנישע נירען־קראַנקהייט און ס'איז געווען אַ גאַנץ גענוגענדער געזעצליכער גרונד באַפרייט צו ווערען פון מיליטער. אָבער די פּראָצעדור גופא איז געווען זעהר אַ פּיינליכע. איינעם נאָכ'ן צווייטען פלעגט מען אַרויסרופען די אַלע מענשען אין אַ צווייטע צימער, וואו עס איז געזעסען די „קאָמיסיע". יעדער איינער געהט דאָרטען אַריין אויסגעטאָן, נאַקעט, ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט. מען מעסט איהם, מען באַקוקט איהם, מען טאַפּט איהם אַרום, און דער מענש באַקומט זיין פּסק. ס'איז עקעלדיג און מיאוס, און מען האָט אַ געפיהל פון אַ גרויסער ערנידערונג. אָבער פאַרפאַלען. ס'איז נישטאָ קיין ברירה, מען מוז דאָס דורכמאַכען. און איך האָב דאָס טאַקע דורכגעמאַכט.

די נירען־קרענק איז אַן אינערליכע. זי לאָזט זיך נישט פעסטשטעלען אויפ'ן אויג, מען מוז מאַכען געוויסע אויספאָרשונגען, און דאָס קען מען ניט אָב'פּטור'ען באַלד אויפ'ן אָרט. אין אַזעלכע פאַלען שיקט מען אָפּ דעם מענשען אין מיליטערישען שפּיטאָל און דאָרטען מוז ער אָפּליגען אַ באַשטימטע צייט ,ביז וואַנען מען וועט זיך איבערצייגען, צי ער איז באמת קראַנק אָדער ער מאַכט בלויז אַן אָנשטעל. אַזוי איז עס געווען אויך מיט מיר. מען האָט מיך אַריינגעשיקט אין שפּיטאָל אויף 10 טעג.

פון יענער צייט איז אַריבער העכער 20 יאָהר. איך האָב איבערגעלעבט געגוג צרות, זיך באַקענט מיט אַ טוץ טורמעס, גענאַנגען אַ סך מאָל מיט'ן עטאַפּ, געהונגערט און געפרווירען. איך מוז אָבער זאָגען, אַז ס'איז מיר זעלטען ווען אויסגעקומען צו לייַדען אַזוי שטאַרק, ווי אין יענע 10 טעג. וואָס איך בין געווען אַריינגעשפּאַרט אין דעם מיליטערישען שפּיטאָל.

ס'איז נישט געווען קיין פיזישע ליידען. איך האָב ניט געהאַט אויסצושטעהן נישט קיין הונגער און נישט קיין קעלט, און ניט

קיין קלעפ; און איך האָב געהאַט אַ בעט מיט אַ קישען און מיט אַ קאָלדרע; און אויב מען האָט ביי מיר צוגע־נומען מיינע קליידער און געגעבען עפּעס אַ פּאַסקודנע שפּיטאָל־אַנטועכץ, איז עס געוועזן אַ קלייניגקייט, ניט דאָס איז געוועזן די צרה. שווער איז געוועזן די גאַנצע אַטמאָספערע פון שפּיטאָל. צום ערשטען מאָל האָב איך געשפּירט אויף מיינע אייגענע פּליי־צעס די שווערע לאַסט פון דער ברוטאַלער, גראָבער מיליטערישער דיסציפּלין. צום ערשטען מאָל האָב איך געשפּירט וואָס דאָס הייסט צו ווערען אוים מענש, אוים יחסן, נאָר אַ פּשוט'ע מוראַשקע אין דעם גרויסען גראָבען המון, אַ מוראַשקע, וואָס יעדער שכור'־ער אונטער־אָפיצער קען אויף איהר שרייען, זידלען און טאָן וואָס ער וויל, און דו מוזט שווייגען און דולדען. איך בין נאָך געווען זעהר יונג, נאָך זעהר צופּיעשטשעט פון דעם פריהערדיגען לעבען, און עס איז געווען גוואַלדיג שווער. אָבער אויך דאָס איז געווען ניט דאָס ערגסטע. דאָס ערגסטע זיינען געווען... די עפּילעפּטי־קער.

ווי דער שטייגער איז, בין איך געלעגען אין דער אָפּטיילונג פאַר אינערליכע קרענק. די קאַמער איז געווען אַ גאַנץ גרויסע, מיט אַ צוואַנציג בעטען. די הויפּט־טיר האָט געפיהרט צום גרוי־סען און לאַנגען קאָרידאָר, וואָס האָט זיך געצויגען פון איין עק בנין ביז'ן צווייטען; חוץ דעם זיינען פון ביידע זייטען קאַמער געווען צוויי טירען, וואָס האָבען געפיהרט צו צוויי שכנ'ישע קאַ־מערען. אָט די קאַמערען, דאָס איז געווען די אָפּטיילונג פאַר אינערליכע קרענק. ווייטער, לענגאויס דעם קאָרידאָר, האָט זיך געצויגען אַ לאַנגע רייהע אַנדערע קאַמערען: פאַר אויגען קראַנקע, פאַר הויט־קראַנקע און א. וו.

איין אָפּטיילונג האָט אָבער אין גאַנצען געפעהלט אין דעם גרויסען שפּיטאָל. דאָס איז געווען די אָפּטיילונג פאַר נערווען־קראַנקע. און אַזוי ווי אַזעלכע קראַנקע זיינען צווישען די יונגע רעקרוטען יאָ געווען, האָט מען זיי אַריינגעשפּאַרט צו אונז, אין אונזערע דריי קאַמערען. און דאָס איז געווען די שרעקליכסטע זאַך, וואָס מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלען.

איינע פון די שוידערליכסטע קרענק, וואָס ס'איז דאָ אויף דער וועלט, איז די עפּילעפּסיע, וועניגסטענס אין איהר שאַרפער שווע־

רער פֿאָרם. און אפשר איז עס נאָר מיינער אַ פּערזענליכער איינדרוק. ווען איך פֿלעג אָבער זעהן אַן עפּילעפּטישען אָנפֿאַל, ווען דער קראַנקער מענש פֿאַלט אויף דער ערד, מיט אַ ווילדען געשריי און הויבט זיך אָן וואַרפֿען אין גרויזאַמע קאָנוואולסיעס, מיט אַ שרעקליכען פּנים, מיט שוים אין מויל, האָט דאָס אויף מיר געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק. און אָט מיט אַזעלכע קראַנקע בין איך געלעגען צוזאַמען צעהן טעג און צעהן נעכט...

ס׳איז געווען ביי אונז אַ האַלבער טוץ עפּילעפּטיקער, און איך האָב ניט קיין ווערטער צו באַשרייבען, וואָס איך האָב געפֿיהלט ווען עס פֿלעגט זיך דערהערען אין מיטען נאַכט דער שרעקליכער געשריי פֿון דעם קראַנקען און דאָס שרעקליכע קלאַפּען פֿון אַ מענשליכען קאָפּ, וואָס שלאָגט זיך אָן די האַרטע, קאַלטע פּאָדלאָגע. איינער פֿון די עפּילעפּטיקער איז געלעגען גראָד לעבען מיר. ס׳איז דוקא געווען אַ באַקאַנטער, אַפֿילו אַ שול־חבר מיינער. די אָנפֿאַלען פֿלעגען זיך טרעפֿען ביי איהם גראָד זעהר זעלטען. אָבער די גאַנצע צעהן טעג פֿלעג איך לעבען אין איין מורא און אין איין ערוואַרטונג: אָט־אָט וועט זיך אָנהויבען די שרעקליכע זאַך, מיר האָבען זיך גראָד באַקענט מיט אַ יונגען יונקער, וואָס איז געלעגען אין אַ צווייטער אָפּטיילונג, מיט אַן עטאַזש נידעריגער און מיר פֿלעגען פֿון צייט צו צייט געהן צוזאַמען מיט מיין קראַנקען שול־חבר די טרעפּ אַראָפּ צו יענעם בחור צו גאַסט. עס פֿלעגט אויסקומען אַזוי, אַז איך בין געגאַנגען דער ערשטער און דער עפּילעפּטיקער איז געגאַנגען נאָך מיר. און איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט, וואָס וועט זיין, ווען ער וועט פּלוצלונג, אָט אַזוי געהענדיג, באַקומען אַן אָנפֿאַל, און ער וועט פֿאַלען אויף מיר אין דער פֿינסטערניש פֿון די ניט באַלויכטענע טרעפּ, און זיך נעהמען וואַרפֿען אין קאָנוואולסיעס, ליגענדיג אויף מיר און באַגיסענדיג מיך מיט׳ן שוים פֿון זיין מויל... פֿון דעם געדאַנק גופֿא בין איך שיעור ניט משוגע געוואָרען. איינמאָל האָב איך אויפֿגעוואַכט אין מיטען נאַכט פֿון עפּעס אַ ליאַרם, און איך האָב געזעהן, ווי דער חבר מיינער ליגט אויף דער ערד, צווישען אונזערע צוויי בעטען, גלייך אונטער מיר, און וואַרפֿט זיך און שלאָגט זיך. איך בין אויפֿגעשפּרונגען אין אַ ווילדען פּחד און אַרויסגעלאָפֿען אויפֿ׳ן קאָרידאָר און געלאָפֿען העט ווייט, אַבי ניט צו זעהן, אַבי ניט צו הערען...

דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען אַלעס. צווישען די עפּילעפּ־טיקער, וואָס זיינען געלעגען אין אונזער קאַמער, איז געווען איינער, ביי וועמען די קרענק איז שוין דערגאַנגען גאָר ווייט. זיין פּנים גופא איז געווען שרעקליך, מורא'דיג דאַר און בלאַס, (ס'איז אַ באַזונדער בלוּיליכע בלאַסקייט, וואָס איז ספּעציעל כאַראַקטערים־טיש פאַר דער דאָזיגער קרענק) מיט שרעקליכע משוגע'נע אויגען. ער איז טאַקע געווען האַלב משוגע. אין אַ שעהנעם נאָכמיטאָג האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט ביי זיין בעט און אָנגעהויבען צו זינגען. ס'איז אייגענטליך ניט געווען קיין זינגען, נאָר אַ מין זאָגען, כמעט אָהן אַ ניגון. און ס'איז ניט געווען קיין ליעד, נאָר גלאַט ווילדע ווערטער, אָבער דוקא צום גראַם. און ער האָט גע־זונגען און געפּאַטשט מיט די הענד צום טאַקט, און געזונגען אַ שעה און נאָך אַ שעה, און נאָך אַ שעה, אָהן אַן אויפהער, אָהן אַן אונ־טערברעכונג. „כ'בין געגאַנגען אויפ'ן בריקעל — האָט ער געזונגען — און געטראָפען אַ קאַרניקעל און דאָס און דאָס און דעם, און דאָס און דאָס און דעם!" און אַזוי ווייטער אויפ'ן זעלבען שטיי־גער. און נאָך יעדען „קופּלעט" פון משוגע'דיגען ליד פלעגט זיך איבער'חזר'ען דאָס צוזינגאַכץ: „און דאָס און דאָס און דעם!" און פּאַטשענדיג מיט די הענד צום טאַקט, איז ער געגאַנגען און האָט געזונגען און ווייטער געזונגען און ווייטער אַרומגעגאַנגען, און אַז מען האָט איהם געוואָלט אָפּשטעלען, האָט ער געמאַכט סקאַנדאַלען.

סוף־כל־סוף האָט מען איהם צוגעבונדען און אָוועקגע־לעגט אין זיין בעט. ס'איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. דער גאַנצער עולם איז אַנשלאָפען געוואָרען און אויך דער משוגע'נער האָט אויפגעהערט צו זינגען.

נאָר איך האָב ניט געקענט שלאָפען. איך בין געלעגען אין מיין בעט מיט אָפענע אויגען. ס'איז געווען שטיל. קיין וועכטער איז אין אונזער קאַמער ניט געווען. ס'האָט געברענט אַ קליין לעמ־פּעל, און מען האָט קוים געקאָנט זעהן די לאַנג־אויסגעצויגענע פיגורען פון די קראַנקע.

און פּלוצלונג — וואָס איז דאָס? פון אַ ווינקעל הויבט זיך אויף עפּעס אַ מורמעל, אַ מין ברומען, — שטיל, קוים צו הערען; און דאַן ווערט עס העכער און שטאַרקער און באַקומט אַ ניגון

און אַ ריטם און ווערטער, און דאָס איז אַ געזאַנג, און אין מיינע אויערען קלינגט ווידער: „און דאָס און דאָס און דעם, און דאָס און דאָס און דעם". דער משוגע׳נער זינגט ווידער! און פּלוצלונג זעה איך: ער הויבט זיך אויף. ווי האָט ער געקענט פאַנאַנדערבינדען זיך, ווייס איך ניט. אָבער ער שטעהט אויף, ער שטעלט זיך אַוועק אויף די פיס, און ער נעהמט זיך געהן. אַלץ זינגענדיג און פּאַטשענדיג מיט די הענד, געהט ער אַרום איבער דער גרויסער קאַמער, פון איין בעט צום צווייטען. און זינגט און זינגט. און דער גאַנצער עולם שלאָפט, און איך בין אַליין מיט דעם משוגע׳נעם.

און איך ליג און קען זיך נישט ריהרען פון אָרט. און איך ציטער און טראַכט: וואָס וועט זיין, אויב ער וועט צוקומען צו מיר?!

און ער קומט צו צו מיר!

אונזערע בעטען זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט מיט׳ן קאָפּ צו דער וואַנד איינע לעבען דער צווייטער. אָבער זיי זיינען ניט געווען צוגערוקט צו דער סאַמע וואַנד, נאָר צווישען דער וואַנד און די בעטען איז געבליבען אַ פרייער אָרט, וואו מען האָט געקענט דורכגעהן. און ער לאָזט זיך טאַקע אריין דאָרטען אין יענעם דורכגאַנג און קומט אַלץ נעהענטער און נעהעטער, און ער שטעלט זיך אַוועק הינטער מיין בעט, גראָד ביי מיר צוקאָפּענס. איך זעה איהם נישט. איך האָב מורא זיך אַ ריהר צו טאָן. איך ליג ווי אַ פאַרגליווערטער, און איך הער נאָר, ווי ער שטעהט אָט דאָ, ביים סאַמע קאָפּ מיינעם, און זינגט און פּאַטשט מיט די הענד צום טאַקט. און איך טראַכט ביי זיך: אָט וועט ער כאַפּען דעם שווערען קופּערנעם קרוג, וואָס שטעהט אויף אַ טישעל ביי מיין בעט — ער ברויכט נאָר אויסצוציהען זיין האַנד און ער האָט איהם שוין — און צוברעכט מיין קאָפּ! איך קען זיך אָבער ניט ריהרען, איך קען ניט אויפשפּרינגען. איך ליג און איך וואַרט.

און ענדליך איז ער געגאַנגען ווייטער. און ענדליך איז דער עולם אויפגעוואַכט, און מען האָט גערופען אַ וועכטער, און מען האָט ווייטער צוזאַמענגעבונדען דעם משוגע׳נעם און איהם ווייטער אַוועקגעלעגט אין בעט. ער איז געלעגען און האָט ווייטער געזונגען.

און אַזוי האָט דאָס געדויערט אַ גאַנצען מעת־לעת...

שרעקליך זיינען געווען אָט די לאַנגע הערבסט־נעכט אין שפּי־

טאָל. איך האָב ניט געקענט שלאָפֿן. און איך בין געלעגן מיט אָפֿענע אויגען, אין דער שטילקייט פֿון דער שטיקענדער שפּיטאָל־לופֿט, וואָס פֿלעגט נאָר פֿון צייט צו צייט דורכשניידן דער ווילדער געשריי פֿון אַן עפּילעפּטישען אָנפֿאַל. און איך האָב געטראַכט וועגן טויט. גראָד דאַמאָלט האָב איך זיך צופֿעליג דערוואוסט פֿון אַ דאָקטאָר אַ זאַך, וואָס מען פֿלעגט פֿריהער פֿאַר מיר באַהאַלטען: אַז מיין אייגענע נירען־קרענק איז ניט קיין צייטווייליגע, נאָר אַ שטענדיגע און אַז מען קען זי קיינמאָל ניט אויסהיילען. ס'איז געווען ווי אַ טויט־אורטייל. איך האָב נאָך פֿריהער געהערט, אַז מיט אַן אמת'ער שטענדיגער נירען־קרענק קען מען לאַנג ניט לעבען, אפשר אַ צעהנדליג יאָהר מעהר נישט. (אַי וואָס איך לעב שוין 23 יאָהר טאַקע מיט דער דאָזיגער אמת'ער קרענק — איז עס טאַקע אַ וואונדער, און די דאָקטוירים שאָקלען טאַקע מיט די קעפּ און קענען דאָס ניט פֿאַרשטעהן). און ס'איז גרינג צו פֿאַרשטעהן, אַז אין די שלאָפֿלאָזע שפּיטאָל־נעכט ווערט דער געדאַנק פֿון טויט באַזונדער בולט, און די טרויעריגע מחשבות קאָנען זיך צוהוליען מיט'ן פֿולען ברען.

איך האָב זיך קוים דערוואַרט ביז'ן וף פֿון די אמת קאַטאָרזשנע 10 טעג. צום סוף האָב איך געהאַט אויסצושטעהן נאָך אַ גוטען שרעק. דער הויפּט דאָקטאָר פֿון שפּיטאָל — אַ מענש, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדער שנאה צו דער אינטעליגענץ — האָט ניט אַנדערש געוואָלט, איך זאָל געהן דינען. ער האָט ניט געוואָלט אָנערקענען, אַז איך בין באמת קראַנק. און איך וואָלט ניט געוואָלט איבערלעבען נאָך אַמאָל יענע מינוטען, ווען איך בין געשטאַנען פֿאַר דער טיר פֿון דעם קאַבינעט, וואו עס האָט זיך געדאַרפֿט ענטשיידען מיין גורל און געוואַרט אויפֿ'ן באַשלוס. סוף־כל־סוף האָט זיך די אַנדערע דאָקטוירים איינגעגעבען צו ענדערען די זאַך. אָבער אין גאַנצען האָט מען מיך ניט באַפֿרייט. מען האָט מיר בלויז געגעבען אַן „אָטסראָטשקע", דאָס הייסט, אָפּגעלייגט די ענדגילטיגע ענטשיידונג אויף אַ יאָהר. אויב עס וועט זיך דאַמאָלס אַרויסווייזען, אַז מיינע נירען זיינען נאָך אַלץ ניט אין אָרדנונג, דאַמאָלט וועט דאָס זיין אַ סימן, אַז די קרענק איז טאַקע אַ כראָנישע, און מען וועט מיר באַפֿרייען. און מיט דעם בין איך אַרויס פֿון שפּיטאָל.

39.

„אין די ליכטיגע טעג"...

ארויס פון שפיטאָל, האָב איך זיך, פארשטעהט זיך, תיכף אומגעקעהרט אויף מיין אָרט און געפיהרט ווייטער מיין ארבייט. און די ארבייט איז ווייטער געגאנגען מיט איהר פריהערדיגען גאנג און מיט איהר פריהערדיגען ברען, און מיט'ן פריהערדיגען ערפאָלג.

עס זיינען געווען שווערע צייטען. די פאָליטישע אטמאָספערע איז געווען שטיקענד טויט. די רעאקציע איז געווען אויפ'ן פערד. די ארבייטער־באוועגונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א מין אינזעל אין א גרויסען שווארצען ים. שונאים פון אלע זייטען! און פון ערגעץ נישט קיין שטיצע און קיין הילף. די גרויסע פויערשע אונרוהען האָבען זיך אָנגעהויבען ערשט מיט א פאָר יאָהר שפעטער. די סימפאטיעס פון די ליבעראלע קרייזען זיינען אויך אויפגעקומען א סך שפעטער. אין יאָהר 1900 זיינען מיר געווען איינע אליין, פנים אל פנים מיט דעם גרויזאמען געגנער. און דער געגנער איז נאָך געווען מורא'דיג שטארק, און אונזערע כחות זיינען געווען נישטיג.

איך דערמאָהן זיך ווי איך בין אמאָל געגאנגען אין א שעהנעם פריהמאָרגען אויף א זיצונג פון דער „ראזבאָרקע". גראָד אין יענעם טאָג האָט מען געדארפט עפענען אין מינסק א דענקמאָל, דאכט זיך אלעקסאנדער דעם צווייטען, און אויף מיין וועג האָב איך געטראָפען גרויסע מחנות מיליטער, וואָס זיינען געגאנגען צו דעם פאראד. עס האָבען זיך געצויגען לאנגע רייהען פון פוסגעהער, מיט די בלישטשענדע באיאָנעטען; עס זיינען געפאָהרען מיט'ן גרויסען אייזערנעם געקלאפער די הארמאטען, איינער נאָך דעם

צווייטען, גרויס, שווער, שרעקליך — און עס איז מיר נישט ווי־לענדיג ארויפגעקומען א פארגלייך צווישען אט דער גרויסער, גוואלדיגער מאכט, וואס געפינט זיך אין די הענד פון אונזערע געג־נער, און דעם קליינעם, אונבאוואפענטען הייפעל פון יונגע אר־בייטער, וואס שטעהען אין אונזערע רייהען. און ס׳איז געווארען גאנץ קאלאמוטנע אויפ׳ן הארצען.

איך האב דערנאך געדערדט וועגען דעם אויף א קליינער „ווע־טשערינקע״, וואו עס זיינען זיך צונויפגעקומען א האלבער מנין אייגענע מענשען. איך האב דערמאהנט די ווערטער פון א רוסישען לידעל, וואס מיר פלעגען דעמאלט זינגען: „טרודנא, בראטצי, נאם זשיוויאטסיא נא רוסי סוויאטאי״ („שווער לעבט זיך אונז, ברי־דערלעך, אין דעם הייליגען רוסלאנד״). מיר פיהרען אונזער אר־בייט גלייך ווי קראטעס, וואס גראבען זיך טיף אונטער דער ערד. און עס הערשט ארום אונז א טיפע נאכט, און קיין האפנונג אויף א גיכען זיג איז נישטא. מיר גראבען זיך אונטער דער ערד, ווי אין א לאנגען, שמאלען קארידאר, און נאר ווייט־ווייט, צום סאמע סוף פונ׳ם קארידאר, צאנקט ערגעץ־וואו א קליינער ליכטיגער פונק — דער ווייטער, ווייטער זיג. אבער דער וועג איז לאנג און דער פונק איז קליין, און עס איז שווער צו לעבען.

און דאך איז די ארבייט געגאנגען. און די טרויעריגע פער־ספעקטיווע פון דעם לאנגען, לאנגען וועג האט געקענט העכסטענס אויף א ווילע באשאפען א שטיקעל מעלאנכאלישע שטימונג, — העכסטענס אויף א רגע, — און דאן פלעגט מען א שאקעל טאן מיט׳ן קאפ און ארבייטען ווייטער מיט א נייער פרישקייט און ענטשלא־סענקייט.

וואס ארט אונז, אז דער וועג איז לאנג און שווער. וואלטען מיר פריהער געהאט מגזם׳דיגע פארשטעלונגען וועגען די שאנסען פון א גיכען זיג, — מילא, דעמאלט וואלט געקענט קומען אן ענ־טוישונג; אן ענטוישונג ברענגט א יאוש און אן אפהענדיגקייט. מיר האבען אבער סאי ווי ניט געהאט קיין אילוזיעס. מיר האבען לכתחילה געוואוסט, אז עס וועט אונז אויסקומען דערווייל צו לעגען בלויז די ערשטע שטיינער פון דעם גרויסען באפרייאונגס־בנין. און אזוי ווי מיר האבען געוואוסט, אז די ארבייט איז גוט

און נויטיג און טייער, האָבען מיר צונויפגעפרעסט די צייהן און געפיהרט ווייטער די ארבייט מיט יענער פארביסענער ענערגיע און ענטשלאָסענקייט, וועלכע נויטיגט זיך ניט אין קיין ספעציעלע מאָרפיום־איינשפּריצונגען, נאָר ווערט אויפגעהאַלטען דורכ'ן באַוואוסטזיין פון אַן ערפילטען חוב.

און חוץ דעם אַלעמען זיינען מיר געוועזן יונג, און נישט נאָר לויט'ן פּאַס, נאָר אויך לויט די נשמות. אמת, אויב מען זאָל נעמען אונזער אַמאָליגען בונדישען מאַסשטאַב, — בין איך אריין אין דער באוועגונג פאַרהעלטניסמעסיג שפּעט. ביי אונז פּלעגען מענ־שען אריינגעצויגען ווערען אין דער באוועגונג שוין אַלס אינגלאַך פון 16 אָדער 17 יאָהר און אַמאָל נאָך פריהער. איך אָבער בין אריין אין דער אָרגאַניזאַציע שוין זייענדיג 20, אפילו כמעט 21 יאָהר אַלט, ממש אַן „אַלטער" מענש. אָבער מעסטענדיג מיט דער אַלגעמיין־מענשליכער מאָס, בין איך נאָך געוועזן באמת יונג, זעהר יונג, — סאַי אויסערליך, און סאַי אינערליך, און איך האָב זיך וועגען דעם אָפּגעגעבען אַ גאַנץ קלאָרען דין וחשבון. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט צו יענע „אַלט־קלוגע" (ווי די דייטשען דריי־קען זיך אויס) יונגע לייט, וועלכע רעדען זיך איין, אַז זיי זיינען שוין גאָר רייפע, סאָלידע מענשען. פאַרקעהרט, איך פלעג זיך פיהלען, אפילו נאָך אין די שפּעטערדיגע יאָהרען — נאָך שטענדיג אַלס אַ אינגעל. אפשר האָט זיך דאָס גענומען פון דעם, וואָס איך בין געוועזן אַ מיזיניק אין דער משפחה און בין געוועזן צוגעוועהנט צו קוקען אויף די אַרומיגע מענשען ווי אויף עלטערע, און אויף זיך ווי אויף אַ קינד, — נאָר איך האָב נאָך יאָהרען־לאַנג נישט געקענט פּטור ווערען פון אַ געפיהל, אַז איך בין נאָך אַלץ ניט קיין אמת'ער ערוואַקסענער, און אַז דאָס וואָס איך טו איז טאַקע אַ שטיקעל פון אַן אמת'ן „דערוואַקסענעם" לעבען. דאָס הייסט ניט אַז איך האָב זיך ניט באַצויגען צו מיין ארבייט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט און געוויסענהאַפטיגקייט. אָבער איך האָב פּאָרט ניט געקענט קוקען אויף זיך ווי אויף אַ פאַרטיגען מענשען.

אין יענעם יאָהר האָב איך זיך אַלענפאַלס געפיהלט זעהר יונג און זעהר פריש. און איך האָב זיך באמת געקוויקט מיט דעם דאָ־זיגען געפיהל און געהאַט פון איהם גרויס הנאה. ס'איז געוועזן אַ

גליקליכע צייט: איך האָב געוואוסט, אז עס וועט ניט לאַנג דויערען. איך האָב געוואוסט, אז עס וועט קומען אין גיכען דער אַרעסט און די תפיסה, און ווער וויים וואָס נאָך; און אז די זאָרג־לאָזע, ליכטיגע יוגענד־יאָהרען וועלען פאַראיבערגעהן און ניט אומקעהרען זיך צוריק. דאָס איז אָבער אַלץ צוקונפטס־מוזיק, דערווייל איז ליכטיג, דערווייל איז פרעהליך, און איך פיהל אין מיר די קראַפט פון דער יוגענד, און איך גענים פון איהר, וויפיל איך קען. און די פערספעקטיווע פון די צוקונפטיגע שטורמס האָט געקענט אפשר באַשאַפען אַרום מיר אַ לייכטען נעבעל פון אַ שטילער מעלאַנכאָליע, וועלכע איז אָבער ניט געווען בכח בייצוקומען דעם יוגענדליכען געפיהל פון פרישקייט און פרעהליכקייט. איך געדענק אַ געדיכט, וואָס איך האָב באַזונדערס ליב געהאַט און וואָס איך האָב אָנגעשריבען (אָדער געהאַט בדעה אָנצושרייבען) אויף מיין פאָטאָגראַפיע, וואָס איך האָב געגעבען מיינער אַ גוטער פריינ־דין. ס'איז אַ געדיכט פון דעם באַוואוסטען רוסישען דיכטער פּ. יאַ. (פּ. יאַקובאָוויטש), אַן אַלטער רעוואָלוציאָנערער טוער, וואָס האָט פאַרבראַכט לאַנגע יאָהרען אין סיביר אויף קאַטאָרגע. עס איז געווען אויך אַ יוגענד־געדיכט, און דעריבער האָב איך איהם 'טאַקע אַזוי ליב געהאַט. איך מוז דאָ ברענגען דעם רוסישען טעקסט פון דעם דאָזיגען קורצען געדיכט (די אידישע איבערזעצונג מיינע איז פראָזאאיש און גיט ניט איבער דעם אמת'ן טעם).

„וו'עטי סוועטליע דני, נאַ זאַריע
נאַשעי זשיזני, סולאַשטשעי ניענאַסטיע אי וויוגו,
סוואַי פּאָרטרעט יאַ וואַם שליו קאַק סעסטריע
אי ליובימאַמו דרוגו.
בודיעט נאַטש, מאַזשעט ביט בעז זאַרי ווספּערעדי,
אי ראַזסטאַניעמסיאַ מי, אי ניע בודיעט וואַזוורַאטאַ,
אַ, טאַגדאַ כאַט פאַראַי ס'סאַזשאַליעניעם וו'גרודי
ווספּאָמינאַיטיע דאַליאַקאַוואַ בראַטאַ.“

(אין די דאָזיגע ליכטיגע טעג צום באַגינען פון אונזער לע־בען, וואָס זאָגט אונז צו שטורעמס און שנעען, שיק איך אייך מיין בילד ווי צו אַ שוועסטער און אַ געליבטען פריינד. עס וועט קומען די נאַכט, אפשר אָהן אַ פאַרטאָג, און מיר וועלען זיך צושיידען, און עס וועט ניט זיין קיין אומקעהר. אָ, דעמאָלט, דערמאָנט אייך

כאַטש פון צייט צו צייט מיט אַ בענקשאַפט אין הארצען, אַז דעם ווייטען ברודער!").

אגב וועגען דער פריינדשאַפט. עס איז אויך געווען אַ שעהן בלעטעל אין מיינע יוגענדליכע יאָהרען. עס זיינען געווען אין מינסק דריי מיידלאַך, דריי שול־חבר'טעס, — ראָזע, גיניע און פאַניאַ. מיר האָבען זיך באַקאַנט מיט זיי אין 1899, ווען זיי האָבען גראָד געענדיגט די גימנאַזיע און מיר זיינען געקומען „ארויסגעוואָרפענע" סטודענטען פון קיעוו, זיך באַקענט און גע־וואָרען גוטע פריינד. איך בין אין דער הינזיכט אַביסעל שווער־ליך; איך ווער ניט אַזוי גיך באַפריינדעט מיט פרישע מענשען. אָבער ביי די איבעריגע צוויי חברה־לייט, ביי קאַפּלאַנ'ען און ווילענ־קינען, איז עס געגאַנגען גאַנץ גיך, און אַביסעל שפּעטער בין איך אויך צוגעשטאַנען צו דעם נייעם פריינדשאַפט־קרייזעל. דריי מיידלעך און דריי בחורים — האָבען מיר זיך צונויפגעשלאָסען און געוואָרען באמת הארציגע פריינד. די דריי מיידלעך האָבען מיט זיך פאַר־געשטעלט אַזאַ קונציג־צונויפגעפּאַרטען קאָמפּלעט, ווי מען וואָלט זיי ספּעציעל צונויפגעבונדען לויט אַ באַשטימטען פּלאַן. ראָזע איז געווען צווישען זיי די נשמה־דיגע, גיניע — די שכל־דיגע, און פאַניאַ — דער שטורמישער ווילענס־מענש. מיר, די דריי בחורים, זיינען אויך געווען גענוג פאַרשידענע נאַטורען, און אַזוי אַרום פלעגט מען דערגענצען איינער דעם צווייטען, און עס האָט זיך באַשאַפען אַ שעהנע האַרמאָניע. מיר אַלע זעקס זיינען געווען אויף „דו" צווישען זיך. ס'איז אָבער געווען אַ גאַנץ ריינע פריינד־שאַפט. איך פלעג זיין זעהר שטאָלץ דערמיט. מיר האָבען מיט אונזער ביישפּיל דערוויזען — האָב איך זיך געטראַכט — אַז עס קען זיין צווישען מענער און פרויען אַן אמת'ע ריינע פריינדשאַפט אָהן קיין שום צומישונג פון אַנדערע זאַכען. און ווען איך דער־מאָהן זיך אָן די פאַרגאַנגענע יאָהרען, בלייבט אין מיין זכרון די דאָזיגע פריינדשאַפט ווי אַ טייערער יוגענד־אוצר — ליכטיג, וואַ־רים און איידעל.

.40

דער אַרעסט.

ס'איז געווען פאַר מיר גאַנץ קלאָר, אַז עס וועט מיר ניט אויסקומען צו וואַרטען לאַנג אויפ'ן אַרעסט. עס קאָן זיך אַמאָל האַלטען יאָהרען-לאַנג אַ מענש, אַ שטרענג „פאַרקאָנספּירירטער", וואָס קיינער קען איהם ניט אין שטאָדט, וואָס האָט אַ כשר'ן נאָמען, אָדער ווענינסטענס אַ כשר'ן פּאַס. מיך אָבער האָט מען יאָ גע-קענט; איך בין דאָך געווען אַ „געוועזענער סטודענט", אַן אַרויס-געוואָרפענער — און דאָס איז שוין אליין גענוג טריף; און אַרעס-טירט בין איך שוין אויך געווען, און ביי דער פּאָליציי בין איך געווען „פּאָד נאַדזאָראָם", — איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועל איך אַריינפאַלען אין טורמע. אין משך פון 1900 איז מען צוויי מאָל נאָכאַנאַנד געווען ביי מיר מיט אַן „אָבּיסק"; אונזער אַלטע קעכין (די זעלבע „פּאַני מיכאַלינאַ", וועלכע האָט מיך נאָך געטראָגען אויף די הענט אַלס קליינעם אינגעל) איז שוין געווען צוגעוואוינט צו די דאָזיגע נאַכט-וויזיטען און פלעגט שוין ביים קלינגען פון דעם גלאָק אַריינלויפען קודם כל צו מיר אין צימער און מיך וועקען און מיר אָנזאָגען די גוטע בשורה: „די פּאַסקודניאַקעס זיינע שוין ווידער דאָ".

און אַזוי ווי איך האָב געוואוסט, אַז מען וועט מיך סיי ווי אין גיכען אַרעסטירען, פלעג איך זיך ערלויבען פון צייט צו צייט קליינע אינגעלשע אונפאָרזיכטיגקייטען. אַזוי, למשל, האָבען מיר נאָך פון קיעוו געבראַכט אַ דאָרטיגען סטודענטישען מנהג: צו רייצען זיך מיט שפּיאָנען. ביי די סטודענטען איז אַמאָל געווען אַ מין שפּילעריי: כאַפּען אַ שפּיאָן, וואָס געהט נאָך נאָך זיי, און בייטען די ראָלעס — נאָכגעהן נאָך איהם. מען דערצעהלט אפילו — אפשר איז עס בלויז אַ וויץ — אַז דער זשאַנדאַרמען-גענעראַל

נאָוויצקי האָט אַמאָל גערופען צו זיך אַ פּאָר פון די סטודענטישע חברה־לײַם און זיי געבעטען, זיי זאָלען ניט „מאַכען אַ טויט זיינע לייט". אָט די שפּילערייע האָבען מיר איבערגענומען אין מינסק. איינמאָל זיינען מיר נאָכגעגאַנגען אַ נפש אַ גאַס נאָך אַ גאַס, זעהר לאַנג, ביז וואַנען ער האָט זיך סוף כל סוף ערגעץ וואו פאַרבאַהאַל־טען; צי ער איז געווען טאַקע אַן אמת'ער שפּיאָן, ווייס איך ניט; אפשר האָט ער גראַד געמיינט, אַז מיר זיינען דאָס די שפּיאָנען. אַן אַנדערס מאָל האָב איך אָבער געהאַט צו טאָן טאַקע מיט אַן אמת'ן שפּיאָן. מיר האָבען גראָד פאַרשפּרייט אין שטאָדט פּראָקלאַמאַ־ציעס, און איך האָב בפירוש געזעהן, ווי דער דאָזיגער פאַרשווין האָט זיך גענומען וואַרפען פון איין גאַס אין די צווייטע און ווייטער צוריק, ווי אַ פאַר'סם'טע מויז, זוכענדיג די פאַרשפּרייטער. איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך איהם, און איך האָב דאָס געטאָן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער האָט פאַרלוירען די געדולד, איז צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט, וואָס וויל איך פון איהם האָבען. ס'איז פאָרגעקומען צווישען אונז אַ קורצער אָבער שאַרפער שמועס, און איך האָב איהם סוף כל סוף געלאָזט צו רוה.

ארעסטען פלעגען פאָרקומען כסדר. ס'איז אָבער אַלץ ניט געווען דאָס, וואָס מען פלעגט אָנרופען אַ גרויסער „דורכפאַל". די אָרגאַניזאַציע פלעגט בלייבען כמעט ווי ניט געשעדיגט. מען פלעגט נעהמען כסדר מענשען פון דער זייט, — געוועזענע טוער, סימפּאַטייזערס א. ד. גל. אַזוי האָט מען ארעסטירט גערשוני'ן און אין גיכען ארויסגעלאָזט; ארעסטירט טעומינען (וועלכער איז אין דער אָרגאַניזאַציע ניט געווען) — און ארויסגעלאָזט; ארעסטירט ווילענקין'ען (איידער ער איז אריין אין דער אָרגאַ־ניזאַציע) — און ארויסגעלאָזט; ארעסטירט עטליכע בערשטער (וואָס זיינען אויך ניט געווען אקטיוו) און ארויסגעלאָזט; און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. דאָס איז געווען זובאַטאָוו'ס אַר־בייט. דער באַריהמטער מאָסקווער אָכראַניק, מיט וועמענס נאָמען איז צונויפגעבונדען אַ גאַנצע „באַוועגונג" — די „זובאַטאָווטשינע" — האָט זיך דעמאָלט גענומען ברייט פאַנאַנדערצוּוויקלען זיינע נע־צען. די ארעסטען האָבען ניט געהאַט דעם ציל צו באַשטראָפען די אַרעסטירטע מיט טורמע און סיביר. ניין, זובאַטאָוו'ס כונה איז געווען צו מאַכען פון זיי זיינע תלמידים און אַגענטען. ער פלעגט זיי

ארויסרופען צו זיך און פיהרען מיט זיי שטונדען־לאנגע שמועסען. ער פלעגט מיט זיי טענה'ן, אז ער איז א פריינד פון די ארבייטער און פון דער ארבייטער־באוועגונג, און די ארבייטער־באוועגונג איז א נויטיגע און גוטע זאך. די צרה איז אבער, אז אין דער דאזיגער באוועגונג האט זיך אריינגעמישט די אינטעליגענץ, און די אינטעליגענץ וויל אויסנוצען די ארבייטער פאר איהרע אייגענע פאליטישע צוועקען. די ארבייטער דארפען זיך אבער ניט לאזען פארפיהרען פון די אינטעליגענטען, זיי מוזען אוועקווארפען די רעוואלוציאנערע מעשיות, ווען זיי וועלען זיך באגנוגענען מיט א פארנינפטיגער פארטיידיגונג פון זייערע טאגטעגליכע מאטעריעלע אינטערעסען, וועט די רעגירונג זיין אויף זייער זייט, און וועט זיי שיצען געגען די בעלי־הבתים און וועט ערלויבען די ארבייטער־ארגאניזאציעס.

אט מיט אזעלכע דרשות פלעגט זובאטאוו באארבייטען דעם עולם. ער איז געווען א קלוגער און א פיפיגער מענש, א געניטער פסיכאלאג, האט פארשטאנען אנצוטאפען דעם שוואכען פינטעלע ביי יעדען איינצעלנעם פון זיינע „פאציענטען", און אויף א געוויסען טייל פון זיי האט ער געמאכט א גרויסען איינדרוק. עטליכע פון די ארעסטירטע זיינען טאקע געווארען זיינע חסידים. און אויף אנדערע, ווען ער האט ניט געקענט איבערציינגען אידעאיש, פלעגט ער ווירקען אויף א מעהר פראקטישען שטייגער. ער פלעגט זיי צוזאגען, אז ער וועט זיי תיכף באפרייען, און ער פארלאנגט פון זיי קיין זאך ניט, נאר וואס? זיי זאלען איהם געבען זייער ווארט, אז זיי וועלען ניט זיין טעטיג אין דער באוועגונג. און אזוי ווי ער פלעגט נעהמען דאס רוב מענשען, וואס זיינען טאקע ניט געווען טעטיג, פלעגען זיי טראכטען: „וואס ארט דאס מיך, איך האב דאך סיי ווי ניט בדעה צו ארבייטען! טא זאל ער האבען מיין ווארט און זיך ווערגען מיט איהם". און זיי פלעגען געבען דאס ווארט און באפרייט ווערען. אזעלכע פאלען זיינען געווען ניט קיין סך, אבער ס'איז געווען גענוג כדי צו באשאפען א גרויסע דעמאראליזאציע, און דאס איז טאקע געווען זובאטאוו'ס מיין.

אזוי האט ער געארבייט א חודש נאר א חודש. און נאכדעם, ווי ער האט ארויסגעפיהרט פון דער שטאדט אלץ, וואס עס

האָט פאַר איהם געפּאַסט, האָט ער אָפּגערופען פון מינסק זיין שליח, דעם יונגען זשאַנדאַרם געראַרדי, וועלכער פלעגט איהם צושטעלען די לעבעדיגע סחורה, און איבערגעלאָזט פרייע הענט די אָרטיגע זשאַנדאַרמען. זיי האָבען זיך אין דער ערשטער צייט גענומען צו דער ארבייט אויף אַן אַלט־פרענקישען שטייגער: אַרעסטירען און אַרויסשיקען אָהן קונצען; די אַלטע אויסראָטונגס־פּאָליטיק. און ערשט שפּעטער, ווען מען האָט טאַקע דערלאַנגט אַ געהעריגען קלאַפּ דער אָרגאַניזאַציע, דעמאָלט האָבען זיי צוגעצויגען די תלמידים פון זובאַטאָוו׳ען און געהייסען זיי אויפבויען אויפ׳ן „אָפּגעריינעגטען" פּלאַץ זייער קרעמעל. דאָס איז אָבער געווען שפּעטער. אין יענער צייט, ביי וועלכער איך האַלט איצט — אין ווינטער 1900־1901 — האָבען זיך אָנגעהויבען די פּשוט׳ע, טראַדיציאָנעלע אַרעסטען. ביי איינעם פון די אַרעסטען — מען האָט גענומען אַ גאַנצע גרופּע אַרבייטער פון אַ געוויסען פאַך (איך געדענק ניט פון וועלכען), האָט די פּאָליציי אכזריות׳דיג געשלאָגען די אַרבייטער. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מינסק, אַז מען האָט זיך ערלויבט צו שלאָגען פּאָליטישע אַרעסטירטע. מיר זיינען געווען שרעקליך אויפגערעגט. אויף דער זיצונג פון „ראַזבאָרקע" האָט מערקע געוויינט פון צאָרן און כעס. ס׳איז באַשלאָסען געוואָרען אַרויסצולאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע. באָריס פרומקין האָט זי אָנגעשריבען און מיר האָבען זי אַרויסגעגעבען, הגם מיר פּערזענליך האָט זי ניט באַפרידיגט. ער האָט ניט געהאַט געהעריגע שטאַרקע ווערטער, וואָס זאָלען ענטשפּרעכען דעם גאַנצען ברען פון אונזער אויפרעגונג. ס׳איז אָבער טאַקע שווער צו געפינען ווערטער, וואָס זאָלען זיין גענוג שטאַרק, ווען מען רעדט וועגען די מענשליכע חיות...

אין מיטען ווינטער האָט מען ווידער אַרעסטירט ווילענקין׳ען, און נאָך אַ פּאָר מענשען פון דער אָרגאַניזאַציע. און מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער האָט מען גענומען מיך און נאָך אַ גאַנציען בינטעל נאָהענטע מענשען. אין דעם לעצטען אָוונט פאַר דעם אַרעסט האָבען מיר געהאַט גראַד אַ פאַרזאַמלונג — אָדער אַ „וועטשערינקע". ס׳איז געווען דאָרטען אַ פּאָר צעהנדליג מענשען, די סאַמע סמעטענע פון אונזער אָרגאַניזאַציע. ס׳איז

געוועזן ערגעץ ביים אלטען מארק. מיר האָבען זעהר גוט פאַר־בראַכט דעם אָוועגט, — ריכטיגער געזאָגט: די נאכט; וואָרים ווען איך בין געקומען אהיים איז שוין געוועזן א זייגער 3 ביינאכט, און די פּאָליציי האָט שוין געוואַרט אויף מיר. מיט א שעה שפּע־טער בין איך שוין געוועזן אין טורמע.

די מינסקער תפיסה מיט איהרע פיער קיילעכדיגע טורעמס, פלעגט אויסזעהן פון דרויסען ווי א שעהנע אלטע פעסטונג. ס'איז דאָך א באוואוסטער כלל, אז אין די רוסישע גובערניאַלע שטעדט איז די שעהנסטע געביידע — די טורמע. אינוועניג איז זי אָבער געוועזן אַן אָפּגעלאָזענע, א ברודיגע און א שטי־קענדיגע. ס'איז דאָ פאַראַן אין די טורמעס — וועניגסטענס אין די אַמאָליגע, אַלטע — א באַזונדערער טורמע ריח, און דער דאָזיגער ריח גופא איז דער ערשטער קבלת פנים פאַר א פריי־שען מענשען, וואָס טרעט אריין אין דעם גאַסטפריינדליכען מויער.

מען האָט מיך פאַרשפּאַרט אין א גרויסע קאַמער. איך בין געוועזן איינער אליין, דאָס הייסט, אלס מענש בין איך געוועזן דער איינציגער, וואָרים אַנדערע לעבעדיגע באַשעפעניסען — מיט פיער און נאָך מעהר פיס — זיינען דאָרטען יאָ געוועזן. די מייז האָבען געקערט וועלטען. איך האָב געמוזט באַלד דעם ערשטען אָוועגט אויפהענגען מיינע שיך אויף א שטריקעל, מעגליכסט הויך, ווייל איך האָב געהאַט מורא, אז אויף דער פּאָדלאָגע וועלען זיי צופרעסען ווערען פון די מייז.

אָבער די באַהאַנדלונג איז געוועזן אַן אַנשטענדיגע. ס'איז געקומען דער נאַטשאַלניק אליין און האָט מיר געבעטען, איך זאָל נור זאָגען, וואָס איך וויל עסען, וועט מען מיר ברענגען פון שטאָדט. באַזונדערס האָט ער מיר רעקאָמענדירט צו באַ־שטעלען קאָטלעטען (ער האָט דעם דאָזיגען וואָרט ארויסגעזאָגט „קאָקלעטען"). איך האָב אָבער קיין קאָטלעטען ניט געוואָלט. איך האָב געוואָלט... גריבענעס! גריבענעס — דאָס איז גע־וועזן איינע פון מיינע נייע באַקאַנטשאַפטען. ביי אונז אין שטוב האָב איך דאָס קיינמאָל ניט געזעהן און אפילו נישט געהערט פון אַזאַ זאַך. ווען איך האָב אָבער אָנגעהויבען צו געהן צו

די ארבייטער, האָב איך עס ביי זיי א פּאָר מאָל געגעסען, און בין געוואָרען א הייסער חסיד פון דעם דאָזיגען באמת טאקע געשמאקען מאכל. האָב איך אין טורמע די ערשטע זאַך פאַר־לאַנגט, מען זאָל מיר ברענגען געגזעגע גריבענעס. מען האָט אויף מיר אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען, אָבער מיין וואונש איז ערפילט געוואָרען, און איך האָב באקומען די גריבענעס.

ליידער האָב איך ניט געהאט גענוג צייט זיי אויפצועסען. סך הכל האָב איך פארבראכט אין מינסקער טורמע צוויי און אפשר אפילו איין מעת־לעת. דער מנהג צו פיהרען פּאָליטישע ארעסטאנטען פון מינסק קיין מאָסקווע איז געבליבען אפילו נאָכדעם ווי די עניגים זייערע זיינען אריבער פון זובאטאָוו׳ען צוריק צו די מינסקער זשאנדארמען. און אזוי ארום האָט מען מיך אויך ארייגעזעצט אין וואגאָן — צוזאמען מיט צוויי זשאנדארמען (אין יענע צייטען פלעגט מען אונז, די נאָך ניט פאר׳משפט׳ע, ניט שיקען מיט׳ן עטאפּ) — און אויפ׳ן צווייטען טאָג בין איך שוין געווען אין מאָסקווע.

.41

הינטער די גראַטעס.

מאָסקווע איז דעמאָלט געווען אַ צענטער, וואו מען פלעגט צונויפשלעפּען פּאָליטישע ארעסטירטע פון אַלע צפון־מערב גובערניעס, און אויך פון אַנדערע געגענדען, ווי למשל, פון יעקאטערינאָסלאַוו. די הונדערטע איינצעל־קעמערלעך פון דער גרויסער „טאַגאַנקאַ"־טורמע זיינען געווען שטענדיג איבערפילט. מען פלעגט דעריבער די פריש־אָנגעקומענע ארייננזעצען אין אַ גאָליציי־ציירקעל (אוטשאַסטאָק), און אזוי ארום האָב איך אויך די ערשטע וואָכען פארבראַכט אין אַ „אוטשאַסטאָק". וועלכער פון די פילע מאָסקווער „אוטשאַסטקעס" איז עס געווען, געדענק איך ניט. ס'איז געווען אַ באַזונדערע געביידע פאַר ארעסטאַנטען. נישט קיין גרויסע — א קאָרידאָר מיט א צעהנדליג קאמערען. און אַלע קאמערען זיינען געווען באַזעצט מיט אונזערע מינסקער חברה־לייט. ס'איז געווען גאַנץ פרעהליך. אמת, מיר זיינען געווען פארשפּאַרט יעדערער ביי זיך און קיין איין מאָל ניט געטראָפען זיך איינער מיט'ן צווייטען; אָבער דורכריידען פלעגט מען זיך יאָ. די מעשה איז, אַז איינער פון אונזערע צוויי וועכטערס (ביידע זיינען געווען פשוט'ע פּאָליציאַנטען) האָט גוואַלדיג ליעב געהאַט צו שלאָפען; און געשלאָפען האָט ער ווי א טויטער. מען האָט געקענט שיסען פון האַרמאַטען, האָט ער ניט געהערט. אפשר איז עס געווען דערפון, וואָס ער פלעגט כראָפּען... ס'איז ניט געווען קיין געוועהנליכער מין כראָפּען. ס'איז געווען ווי אַ דונער. און קענטיג, אַז דער דאָזיגער איינטאָניגער דונער פלעגט, אזוי צו זאָגען, פארשפּארען פאַר זיינע אויערען אַלע אנדערע קלאַנגען פון דער ארומיגער

וועלט. פלעגען מיר ליארימען וויפיל דאָס הארץ האָט געלוסט. צוערשט פלעגען מיר זינגען לידער, דערנאָך פלעגען מיר שוין אויסזיינגען גאַנצע שמועסען. און אזוי פלעגט מען זיך טומלען ביז שפעט ביינאכט און ניט געלאָזט שלאָפען איינער דעם צווייטען. סוף כל סוף האָב איך שוין געוואָלט, אז אונזער שומר זאָל זיך ענדליך אויפכאַפּען און מאַכען אַ סוף צו דעם געזינגעכץ — די חברה האָט ניט געלאָזט שלאָפען, און עס האָט זיך דוקא געוואָלט כאַפּען אַ דרעמעל. אָבער עס איז געווען פארפאַלען: דער איינציגער מענש, וואס האָט יאָ געשלאָפען אין מיטען פון דעם ווילדען ליארם, איז געווען גראָד דער משגיח אונזערער.

באהאנדעלט האָט מען אונז גוט. און דאָס איז די וויכטיגסטע זאַך. מען קען אין טורמע אריבערטראָגען אַלץ, אַלע פיזישע אומבאַקוועמליכקייטען, הונגער און קעלט און ברודיגקייט, אָבער מען זאָל באהאנדעלט ווערען מענשליך. אפשר איז עס ריין־סוביעקטיוו, אָבער פאַר מיר איז דאָס די ערשטע און די וויכטיגסטע זאַך.

איך געדענק, ווי נאָך אַ פּאָר וואָכען זיצען איז אַמאָל אריין צו מיר דער „אָקאָלאָדאָטשני“ וועגען עפּעס אַן ענין. אַ קוק געטאָן אויף מיר און אַ זאָג געטאָן: „איהר זעהט אויס אַ סך בעסער, ווי אין אָנהויב; קענטיג, אז אונזער קלימאַט איז פאַר אייך גוט“. דאכט זיך, גאָרנישט? אָבער די פּאָר געוועהנליכע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרען מיט אַ הארציגען שמייכעל און מיט אַ הארציגער שטים, און דאָס האָט מיך גוואלטיג געריהרט. איך האָב געפיהלט, ווי עס הויבט זיך אויף ביי מיר אין ברוסט אַ ווייכע, ווארימע כוואליע און ס'איז געווען שיער ניט אַ געפיהל פון גליק. די טורמע מאכט זעהר עמפפינדליך פאַר אַזעלכע זאכען.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט מען מיך אוועקגעזעצט אויף אַן איזוואָשטשיק און אוועקגעפיהרט אין די אמת'ע גרויסע טורמע — אין „טאַגאַנקע“. אַזאַ טורמע האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. איך בין שוין פריהער געווען אַ גאַסט אין אַ פּאָר גרויסע טורמעס אין קיעוו. אָבער ס'איז געווען גאָר אַנ־

דערש. דאָרטען איז א טורמע עהנליך צו א געוועהנליכער גרויסע געביידע. מען געהט אריין אין אן אונטערשטען עטאזש, — ציהט זיך א לאַנגער קאָרידאָר מיט קאַמערען פוןביידע זייטען; געהט מען ארויף מיט אן עטאזש העכער, — ווייטער א קאָרידאָר מיט קאַמערען, און אזוי געהט דאָס כסדר. דאָ האָב איך אָבער דערזעהן גאָר א נייע זאַך. מען געהט אריין אינוועניג, אין א גרויסען פיער־שטאָקיגען בנין, וואָס ציהט זיך פון איין צענטראַלען פונקט אין דריי זייטען, ווי א האלבער שטערן (אָדער ווי א צלם מיט אן אָפּגעבראָכענעם פוס) און — ס'איז ניטאָ קיין עטאַזשען. פון סאַמע אונטען זעהט מען דעם אויבערשטען באַלקען. ס'איז ווי א גרויסער טעאטער־זאַל, נאָר זעהר א לאַנגער און זעהר א שמאָלער. און לענגאוים די הויכע לאַנגע ווענט ציהען זיך שמאָלינקע אייזערנע גאַלערייען. איינע איבער דער צווייטער, אין פיער רייהען, אויב איך האָב ניט קיין טעות. יעדע גאַלערייע איז באַזייט מיט טירלעך, — קליינע, שווערע אייזערנע טירלעך, מיט א קיילעכדיגען קליינעם „אויגעל" אין יעדער טיר: איינצעל־קאַמערען — „אָדינאָטשקעס". פון איין גאַלערייע צו דער צווייטער, פון איין וואנט צו דער צווייטער — זיינען אריבערגעוואָרפען, הענגענדיג אין דער לופט, שמאָלע אייזערנע בריקעלעך; און פון איין בריק צו דער צווייטער, אראָפּ און ארויף, ציהען זיך שמאָלע אייזערנע טרעפּעלעך. און אזוי ארום איז דער גאַנצער שטח פול מיט א מין אייזערנע שפּינוועב. און אַז מען שטעלט זיך אוועק אין מיטען, זעהט מען די גאַלערייען מיט די בריקען, מיט די טרעפּען און די אַלע טירלעך — איינע לעבען דער צווייטער, איינע לעבען דער צווייטער, אָהן א שיעור, אין די הונדערטער, און אויף די גאַלערייען געהען ארום די וועכטער, און הינטער יעדער טירעל זיצט פארשפּארט אין א פּיטשינקען קעמערעל, ווי אין א שטייג — אן ארעסטאַנט.

מען פיהרט מיך אריין אין אַזאַ קאַמער. קליין: דריי טריט אין די ברייט, פינף טריט אין די לענג, א שמאָל אייזען בעטעל, צוגעשמידט צו דער וואנט; אן אייזען ברעטעל, וואָס שטאַרצט ארויס פון דער וואנט — דאָס איז א טיש, א צווייטע

ברעטעל, א ביסעל נידריגער, דאס איז א בענקעל; א קליי־ניצקע פּאָליצע מיט א קופּערנעם קרוג און א קופּערנעם טעפּעל, א שטיקעל ציעגעל צו רייניגען דאָס געשיר. אין א ווינקעל — די באריהמטע „פּאַראשע", און דאָס איז אלעס.

ערשט דאָ האָב איך זיך צום ערשטען מאָל געפיהלט אלס אן אמת'ער ארעסטאנט, א מענש אָהן א נאָמען. אפילו דער וועכטער, וואָס שטעהט ביי מיין טיר, ווייס ניט ווי איך הייס. נומער 249 — און מעהר קיין זאך ניט. און עס האָט זיך אָנ־געהויבען דער נודנער ארעסטאנטישער רעזשים; די גלאָק, וואס וועקט אויף אין דער פריה, דער „טשייניק" מיט הייסען וואסער, וואָס ווערט אריינגערוקט דורך א קליין פענסטערל אין דער טיר; די „פּאָווערקא"; די גרויסע טויטע שטילקייט אין די לאנגע נעכט, — דאָס גאנצע לעבען, ווי א לאנגזאמער גאנג פון א קאָלעסאלער, פעסט איינגעאָרדענטער מאשין. דער מענש ווערט פארוואנדעלט אין א שרייפעל פון דער דאָזיגער מאשין. דער מענש איז נישטאָ. ס'איז געבליבען דער נומער, איינער צווישען הונדערטער, אָבער אָפּגעטיילט פון די דאָזיגע הונדערטער מיט די גראָבע שטיינערנע מויערען פון זיין שטייג.

על פּי דין האָבען מיר געמוזט זיין שטרענג אָפּגעזונדערט איינער פון צווייטען. מען האָט זיך ניט באגנוגענט מיט די מויערען, מען פלעגט פאנאנדערזעצען די ארעסטאנטען אזוי, אז יעדער פּאָליטישער פלעגט פון אלע פיער זייטען — (פון רעכטס, פון לינקס, פון אויבען און פון אונטען) האָבען אלס שכנים די קרימינעלע. דאָס איז געמאכט געוואָרען, כדי מען זאָל זיך נישט קענען „צוזאמענקלאפּען". ווי באוואוסט, איז דאָ פאראן א ספּעציעלער טורמע אלף בית: יעדער אות ווערט באצייכענט מיט א געוויסער צאָהל קלעפּ, און אזוי ארום ווערט איינגעשטעלט א מין טעלעגראפישע פארבינדונג צווישען איין ארעסטאנט און א צווייטען. די שכנה'שאפט מיט די קרימי־נעלע האָט דאָס געדארפט מאכען פאר אונמעגליך. זי האָט דאָס אָבער ניט געמאכט. דער איינציגער רעזולטאט איז געווען, אז מ'האָט געדארפט קלאפּען שטארקער, כדי דער קלאנג זאָל קענען דערגעהן ביז צו א דריטער קאמער. מילא, פלעגט מען

טאקע נעהמען א קליידער־בארשט און קלאפּען אין וואנט אזוי, אז קאלך האָט זיך געהאלטען אין איין שיטען און עס פלעגען זיך ארייגגראָבען אין וואנט טיפע גרובען. די וועכטער פלעגען טאקע פון צייט צו צייט אָפּשטעלען די קלאפּעריי, אָבער מיר פלעגען זיי הערען ווי די וואנט. די באַציהונג צו די פּאָליטישע איז אין יענע יאָהרען געווען א גאַנץ „ליבעראלע", און סוף כל סוף האָט מען אויף אונזערע „זינד" געקוקט דורך די פינגער. פלעגען מיר שמועסען וויפיל דאָס הארץ האָט געלוסט. איך האָב זיך אויף אזא אופן זעהר באפריינדעט מיט איינעם א רו־סישען סאָציאל־דעמאָקראט פון יעקאַטערינאָסלאַוו — קאמער נומער 365. מיר פלעגען פיהרען מיט איהם לאנגע שמועסען (אז מען געוועהנט זיך צו צו דעם קלאפּען, געהט דאָס בליץ־שנעל), וויצלען זיך, לאכען. פון דער זייט מוז דאָס אויסזעהן גאָר משונה'דיג: א מענש זיצט מיט א בארשט אין האַנט, קלאַפּט אין וואנט און לאכט אויפ'ן קול.

שפּעטער, ווען ס'איז געקומען דער פריהלינג, האָט מען גע־עפענט די פענסטער, און אנשטאָט זיך איבערצוקלאפּען, האָבען מיר אָנגעהויבען זיך איבערצושרייבען. נישט ווייט פון מיר זיינען געזעסען צוויי האָמלער, און אַלע פינף מינוט פלעג איך הערען, ווי איינער פון זיי רופט דעם צווייטען, און דער צווייטער ענטפערט איהם:

„איטשע!" — „הא?" און אין פינף מינוט ארום ווידער: „איטשע!" — „הא?" מיט אַן עכטען אידישען נגון. די מאָסקווער וועַנט האָבען זיכער אַזעלכעס קיינמאָל ניט געהערט.

בינו לבינו איז געקומען פון מינסק דער געהילף פון זשאַנ־דארמען־פּאָלקאָווניק, און ארויסגערופען מיך אויף א „דאָפּראָס". קיין ערנסטע באַווייזע האָט ער נישט געהאַט. די באשולדיגונג איז צום טייל געווען א נארישע. אזוי האָט ער מיר ערקלערט, אז איך האָב אויסגעבראָכען א שויב ביי א ציוניסטישער פאַר־זאמלונג. אזא פאַל איז טאקע געווען אין מינסק; איך געדענק שוין ניט צוליב וואָס און ווי אזוי, נאָר א פּאָר אונזערע חברה־לייט האָבען טאקע „אויסגעקנייטשט" א שויב. זעלבסטפאַר־שטענדליך, אז איך האָב זיך אין אזא נארישער זאַך קיינמאָל ניט

באטייליגט און אפילו ניט געווען דערביי... וואָלט איך יאָ גע־וועז, וואָלט דער גאַנצער סקאַנדאַל ניט פאָרגעקומען. דער זשאַנדאַרם האָט אָבער געהאַט זיינע „ידיעות". אַנדערע פּונק־טען זיינען אויך ניט געווען א סך שטאַרקער. אָבער פון דעסט־וועגען האָב איך באַקומען א רמז, אַז די שטראָף וועט זיין א האַרבע.

דאָס איז געווען פאַר מיר א נייעס. איך האָב טאַקע געוואוסט פון לאַנג אָן, אַז מען וועט מיך אַרעסטירען. איך האָב אָבער געמיינט, אַז מען וועט מיך אין עטליכע חדשים אַרום באַפרייען און — צום ערשטען מאָל — איבערלאָזען אויף א פּאָר יאָהר אונטער דער השגחה פון דער פּאָליציי אין מינסק גופא. און איך האָב זיך שטאַרק געריכט אויפ'ן אומקעהרען זיך אין מינסק. די גאַנצע פראַגע איז געווען — ווען וועט דאָס זיין, צי מיט א פּאָר חדשים שפּעטער, צי מיט א פּאָר חדשים פריהער. און איך האָב טאַקע שטאַרק געבענקט נאָך מינסק. ניט נאָר סתם נאָך דער פרייהייט, נאָר דוקא נאָך מינסק; איך בין געווען זעהר צוגעבונדען צו מיין שטאָדט.

און פּלוצלונג זאָגט מען מיר: קיין מינסק וועט איהר זיך נישט אומקעהרען, איהר וועט אָפּזיצען אין טורמע ביז'ן סוף פון דער אויספאָרשונג, און דערנאָך וועט איהר ווערען פאַרשיקט אין סיביר.

דאָס איז געווען א האַרבער קלאַפּ. איך מוז זיך מודה זיין, אַז די ידיעה האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון א גרוי־סען אומגליק, און ס'איז מיר געוואָרען זעהר קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען. צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען האָב איך דער־מאָלט געהאַט יענעם באַזונדערען געפיהל, וואָס מען באַקומט נאָך א גאָר שווערען און — די הויפּט־זאַך — אַן אומגע־ריכטען קלאַפּ. ס'איז מיר זעהר שווער אויסצודריקען אין ווערטער, אין וואָס עס באַשטעהט יענער אייגענאַרטיגער געפיהל. מען ווערט עפּעס ווי אָפּגעהאַקט פון זיך אליין. ס'איז פּונקט ווי עפּעס א געהיימניספולע האַנט האָט איבערגעשניטען דעם פאָדים, וואָס פאַרבינדט דעם היינט מיט דעם נעכטען. אין א געוועהנליכער צייט פיהלט דאָך דער מענש א בולט'ן צוזאַמענ־

בונד צווישען דעם היינט מיט זיין נעכטיגען און עהרנעכטיגען לעבען. און דאָ פיהלט מען פלוצלונג, אז דאָס גאַנצע נעכטיגע „איך" איז אוועק, איז אָפּגעשניטען געוואָרען. מען האָט פאַר־לאָרען זיך אַליין. איך בין ניט אימשטאַנד צו באַשרייבען גענויער דעם דאָזיגען צושטאַנד; אָבער דער צושטאַנד איז זעהר אַ שווערער, און איך האָב זיך געפיהלט גאָר עלענד.

אמת, ס'איז ניט געווען קיין יאוש. און אפילו אין די ערגסטע מאָמענטען האָב איך ניט געהאַט קיין חרטה. אדרבה, איך האָב זיך אַליין געשטעלט די פראַגע: „נו, אריינגעפאַלען! וואָלסטו געוואוסט וועגען דעם, אַז עס וועט זיך אַזוי ביטער אויסלאָזען, וואָלסטו פונדעסטוועגען געטאָן דאָסזעלבע, זייענדיג פריי?" און איך האָב זיך אַליין געענטפערט: „יאָ, איך וואָלט דאָס פּאָרט געטאָן". אָבער ס'איז דאָך געווען ביטער... וועניגסטענס די ערשטע צייט. די שווערסטע זאַך איז דאָך אַלע מאָל, אַז דער אומגליק קומט אומגעריכטערהייט. ווען מען האָט זיך שוין צוגעוועהנט צו דעם שווערען געדאַנק, איז שוין דאָן גרינגער אויפ'ן הארצען. און איך האָב זיך טאַקע צוגע־וועהנט גאַנץ גיך און געקומען צו זיך און געוואָרען ווייטער פרעהליך.

בפרט נאָך, אַז איך בין געבליבען אין דער „אָדינאָטשקע" נישט לאַנג, סך הכל אַ פּאָר חדשים. דערנאָך האָט מען מיך ווייטער געהייסען פּאַקען מיינע זאכען און ווייטער אוועקגעזעצט אויף אַ „איזוואָשטשיק", און ווייטער אוועקגעפיהרט אויף אַ נייעם אָרט, ווידער אין אַ פּאָליציי־צירקעל; דאָס מאָל איז עס געווען אַן אַנדערער — דער „סושטשאָווסקי אוטשאַסטאָק", — און דאָרטען האָט מען מיך אריינגעזעצט ניט אין אַן איינ־צעל־קאַמער, נאָר אין אַ געמיינזאַמע, צוזאַמען מיט מיינע מינ־סקער פריינד; דאָרטען איז שוין געווען ווילענקין און קאַפּלאַן און ווילענקין'ס אַ אינגערער ברודער, און פּסח, און סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש, און עטליכע מינסקער ארבייטער, און אַ חבר פון קאָוונא, און אַ חבר פון ווילנא; און ס'איז געווען פרעהליך, און מיר האָבען געזונגען און געשמועסט און געשטיפּט און גע־לעבט אַ טאָג.

אָבער אין מיטען פון פרעהליכען לעבען קומט מען פּלוצ־לונג און מען הייסט מיך ווידער, איך זאָל פּאַקען די זאַכען. וואָס איז? מען ווייסט נישט. איך דאַרף פאָהרען. וואו אהין? קיינער קען מיר נישט זאָגען. פאַרפאַלען; אַז מען הייסט, האָט מען נישט קיין ברירה. איך געזעגען זיך מיט מיינע פריינד און איך זיץ שוין ווידער אויפ'ן איזוואָשטשיק. און איך טראַכט: אפשר האָבען מיינע קרובים גע'פּועל'ט, אַז מען זאָל מיך שוין איצט, ניט וואַרטענדיג אויף די ווייטער־דיגע אויספאָרשונג, אַרויסשיקען אין סיביר? און ס'איז מיר ווידער קאַלאַמוטנע אויפ'ן האַרצען. אמת, איך וועל דורך דעם פאַרשפּאָרען עטליכע חדשים זיצען און דאָס גנהן מיט'ן עטאַפּ, און דאָס איז טאַקע אַ מציאה, אָבער פאָהרען אין סיביר איינער אַליין, טויזענדער וויאָרסט ווייט, צו פרעמדע מענשען, אָהן פריינד, אָהן בקאַנטע, — נישט גוט.

מען ברענגט מיך אין די אָכראַנע. מען פיהרט מיך אריין צו זובאַטאָוו'ן. און דאָ וואַרט אויף מיר גראַד אַ גוטע בשורה: איך פאָהר קיין מינסק. וואָס איז? די קרובים האָבען זיך משתדל געווען, אַז מען זאָל מיך ביז'ן סוף פון פּראָצעס באַ־פרייען פון טורמע, צוליב מיין שוואַכען געזונד. דער טורמע־דאָקטאָר האָט געגעבען זעהר אַ גוטע אַטעסטאַציע. נישט נאָר האָט ער ביי מיר פעסטגעשטעלט מיין ניערען־קראַנקהייט, וואָס איך האָב באמת געהאַט, נאָר ער האָט ביי מיר אויך געפונען אַ לונגען־קרענק און אַ האַרץ־קרענק, וואָס איז נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. האָט מען מיר ערלויבט צו פאָהרען אין מינסק און פאַרבלייבען דאָרטען ביז וואַנען דער פּראָצעס וועט זיך ענדיגען און עס וועט אויסגעפיהרט ווערען דער פסק דין. די קרובים מיינע האָבען מיך געדאַרפט היטען און ערוב זיין פאַר מיר, אַז איך וועל ניט אנטלויפען.

און אַזוי אַרום איז עס אויסגעקומען, אַז איך האָב גאָר אונגעריכטערהייט נאָך אַמאָל דערזעהן מיין היימישע שטאָדט.

.42

פאַר׳ן אַנטלויפן

געקומען אין מינסק, בין איך באַלד דעם צווייטען אָווענט געגאַנגען זוכען מיינע חברה־לייט פון דער אָרגאַניזאַציע. אריינגעכאַפּט זיך אויף דער „בירזשע״, דערזעהן מוישקען, דערלאַנגט אַ וואונק מיט אַן אויג און באַשטעלט זיך צו טרעפען מיט איהם ביי יאקאָוולעוו׳ן. יאקאָוולעוו — דאָס איז געווען אַן אַלטער רוסישער „סאַכאַרני־מאָראָזשניק״; געהאט אַ קליינינקשקען גאָרטען אויף מאַגאַזינער גאַס, און אין זיין גאָרטען פלעג איך נאָך אין מיינע שול־יאָהרען אָפט אריינקומען עסען אַ גלעזעל „מאָראָזשנע״. דאָרטען האָב איך זיך געטראָפען מיט מוישקען. ער האָט דערצעהלט, וואס עס טוט זיך אין דער באוועגונג. ס׳איז געווען ביטער. זובאַטאָוו׳ס תלמידים האָבען אויפגעהויבען זייערע קעפּ און עס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען די אַרבייטער אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע. אונזער אָרגאַניזאַציע איז געווען זעהר אָרים אין כחות. און מוישקע האָט געבעטען, איך זאָל זיי העלפען, כל זמן איך בין נאָך דאָ. וועגען אַן אמת׳ער באַטייליגונג אין דער אַרבייט, האָב איך, פאַרשטעהט זיך, ניט געקענט טראַכטען. מען וואָלט דאָך נאָכגעגאַנגען נאָך מיר טריט ביי טריט.

עס זיינען אַריבער אַ פּאָר טעג. אין אַ שעהנעם נאָכמיטאָג קום איך אהיים און געפין אַ גרויסע אויפרודערונג. וואס איז? לאָזט זיך אויס, אַז דער זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו האָט ארויסגערופען מיין שוואָגער און געמאכט איהם דעם גרעסטען סקאַנדאַל. „איך האָב — זאָגט ער — באַפרייט מעדעם׳ען אויף אייער אחריות. איך האָב געמיינט, אַז מען וועט איהם אַוועקזעצען אין אַ סאַניטאַריום צו היילען זיך, — און אַנשטאַט

דעם פארנעהמט ער זיך גאר ווייטער מיט דער רעוואלוציאנערער ארבייט. דאס קען איך ניט דולדען. איך וועל איהם צוריק ארעסטירען און אוועקשיקען אין מאסקווע". נאך א לאנגען אמפערען זיך, איז מען געקומען צו א פשרה. וואסיליעוו האט איינגעשטימט מיך לאזען אויף דער פרייהייט, אבער בתנאי, אז איך זאל תיכף אוועקפאהרען צו מיין עלטערען ברודער, דעם אפיציער. ס'איז געוועזן זומער־צייט און דער ברודער איז געוועזן אין זיין מיליטערישען לאגער אין אראני. דארטען זאל איך זיצען אויף זיין פאראנטווארטליכקייט און ניט ריהרען זיך פון ארט.

ס'איז ניט געוועזן קיין ברירה, און איך בין באלד, אויפ'ן צווייטען טאג, אוועקגעפאהרען אין אראני.

אין א מיליטערישען לאגער ביי מיין ברודער בין איך שוין געוועזן עטליכע מאל, נאך אין מיינע שילער־יאהרען. דעמאלט פלעגט איך זיך ארומדרעהען סיי צווישען די אפיצערען, סיי צווישען די זעלנער און פיהלען זיך גאנץ היימיש. איצטיגעס מאל בין איך אבער געוועזן א מין אינטערנירטער, א פאליטיש „פאר־דעכטיגער", און עס איז שוין ממילא אויסגעקומען, אז איך האב זיך געמוזט האלטען פון דער ווייטענס. איבריגענס האב איך אין אראני פארבראכט בלויז עטליכע וואכען. די לאגער־צייט האט זיך געענדיגט און איך בין אוועקגעפאהרען מיט'ן ברודער אין קאוונא, — אייגענטליך ניט אין קאוונא גופא, נאר אין דער פארשטאדט שאנצי, וואו דער ברודער פלעגט וואהנען; דערנאך האט ער געמוזט אוועקפאהרען קיין מינסק, און דעם רעשט זומער האב איך פארבראכט ביי זיינעם א חבר, אין דער שטאדט גופא. און ווען דער זומער האט זיך געענדיגט, האט מען פאר מיר גע־פועל'ט ביי וואסיליעוו'ן אן ערלויבניש אומצוקעהרען זיך אין מינסק. די אויספארשונג, וואס די זשאנדארמען האבען געפיהרט, האט זיך שוין דעמאלט פארענדיגט. און פון טאג צו טאג האב איך זיך געמוזט ריכטען אויף דער ארויסשיקונג קיין סיביר. לויט די ידיעה, וואס איך האב געהאט, האב איך געמוזט פארשיקט ווע־רען אויף פינף יאהר אין מזרח־סיביר (יאקוטער געגענד), אין א שטעדטעל אליאקמינסק.

ס'איז זעלבסטפארשטענדליך, אז קיין חשק צו פאהרען אין

סיביר האָב איך נישט געהאט. עס וואָלט שוין געווען גלייכער צו אַנטלויפען אין אויסלאַנד. אָבער ווי טוט מען דאָס ? וואסי־ליעוו האָט דאָך בפירוש ערקלערט, אז די קרובים וועלען זיין פאַר־אַנטוואָרטליך, אויב איך וועל נעלם ווערען. ער האָט געשטעלט א תנאי ,אז זיי זאָלען מיך אפילו ניט לאָזען ארויסגעהן פון שטוב איינעם אַליין. האָבען מיר זיך געשלאָגען מיט דער דעה און זיך געבראָכען דעם קאָפּ, וואָס צו טאָן.

געהאָלפען האָט מיר דער פּריזיוו. ווי איך האָב שוין פריי־הער דערצעהלט, בין איך מיט א יאָהר פריהער געשטאַנען צום פּריזיוו און באַקומען אַן „אָטסראָטשקע" אויף א יאָהר. דאָס דאָ־זיגע יאָהר האָט זיך שוין געהאַלטען ביים פאַרענדיגען. און עס האָט זיך דערנעהענטערט די צייט פון שטעלען זיך דאָס צווייטע מאָל. איך בין אוועק צו וואסיליעוו'ען און איהם געזאָגט, אז איך וויל ערלעדיגען די זאַך פאַר'ן אוועקגעהן אין סיביר. ער איז געווען מיט דעם מסכים און האָט מיר צוגעזאָגט, אז טאָמער וועט אָנקומען דער באַפעהל וועגען פאַרשיקונג, וועט ער איהם אָפּהאַל־טען אויף עטליכע טעג, כדי מיר געבען די מעגליכקייט צו פאַר־ענדיגען דעם עסק מיט'ן מיליטער־דינסט. דאַן בין איך געגאַנגען אין די „וואָינסקאָיע פּריסוטסטוויע" און ערקלערט, אז איך וויל זיך שטעלען. דאָ האָט זיך אָבער געטראָפען אן אומגעריכטע זאַך. דער טערמין פון שטעלען זיך איז געווען דער 15טער נאָוועמבער : געהאַלטען האָבען מיר אָבער ערשט אין מיטען סעפּטעמבער. איך האָב געמיינט, אז דאָס וועט ניט זיין קיין מניעה : אויב איך וויל אליין זיך שטעלען פריהער, פאַר וואָס זאָלען זיי מיך ניט צולאָזען ? לאָזט זיך אָבער אויס, אז דאָס וואָלט מען געקענט מאַכען נאָר דעמאָלט, ווען איך וואָלט געווען... א איד, — דאָס הייסט, א פאַרמעלער איד, מיט א אידישער „מעטריקע". וואָרים א אידען מעג מען יאָ רופען צום פּריזיוו אין מיטען יאָהר, טאַקע כדי איהם צו כאַפּען אומגעריכטערהייט ; א קריסט מוז אָבער וואַרטען ביז'ן געזעצליכען טאָג. און ביז'ן געזעצליכען טאָג איז נאָך פאַר־בליבען ארום צוויי חדשים, אז אזוי לאַנג איז געווען אוממעגליך צו וואַרטען. צום ערשטען מאָל איז עס געווען א חסרון צו זיין א קריסט !

אָבער דערמיט האָט זיך די זאַך ניט געענדיגט. וואסיליעוו האָט קיין זאַך ניט געוואוסט וועגען מיין מפּלה אין דער „פּריסוטסטוויע״. פאַרקעהרט, איך האָב איהם געמאָלדען, אז איך האָב זיך יאָ געשטעלט, און אז מ׳שיקט מיר ווידער אין שפּיטאָל אריין, און עס איז פאַרשטענדליך, אז ווען איך וועל ליגען אין שפּיטאָל קענען שוין מיינע קרובים מיך ניט היטען. די פאַראַנטוואָרטליכקייט זייערע דויערט בלויז אזוי לאַנג, ווי איך געפין זיך ביי זיי אין שטוב. פון דעם מאָמענט אָן, ווען איך טרעט איבער די שוועל פון שפּיטאָל, טראָגען זיי שוין ניט קיין אחריות: וועגען דעם ווייטערדיגען גורל זאָל שוין זאָרגען וואסיליעוו אליין. ער האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען און האָט שוין באַשטעלט ספּעציעלע שומרים צו היטען מיך אין שפּיטאָל.

און דאָן האָבען מיר דורכגעפיהרט א געניי צוגעגרייטע קאָמעדיע. אין א שעהנעם אבענד האָט מיך מיין שוואָגער אוועקגעפיהרט אין שפּיטאָל. אוועקגעפיהרט, איבערגעגעבען דעם וועכטער ביים אַרייננאַנג, אוועק אהיים. איך זאָג דעם זעלנער מיין נאָמען און פרעג, צי עס איז שוין אָנגעקומען א באַפעהל פון דער „פּריסוטסטוויע״ מיך אויפצונעהמען אין שפּיטאָל. דער זעלנער ווייסט ניט. ער מוז פרעגען ביים פעלדשער, און דער פעלדשער איז גראַד ניטאָ. ער וועט קומען ערשט אין א פערטעל שעה ארום. „אויב אזוי — זאָג איך — וועל איך זיך דערווייל אריינכאַפּען אין א געוועלב עפּעס קויפען און אין א פּאָר מינוטען ארום וועל איך זיך אומקעהרען״. און איך געה ארויס... און אין א פּאָר שעה ארום זיץ איך שוין אין א צוג און פאָהר צו דער גרענעץ.

די קאָמעדיע דויערט אָבער ווייטער. אויפ׳ן צווייטען טאָג נעהמט מיין שוואָגער א פּעקעל גוטע זאכען, זעצט זיך אוועק אויף א „איזוואָשטשיק״ און פאָהרט אין שפּיטאָל, צו מיר צו גאַסט. קומט צופאָהרען, פרעגט זיך נאָך אויף מיר, און עס פאַרשטעהט זיך, אז קיינער ווייס נישט פון אזא פּאַציענט. ניטאָ! דער שוואָגער נעהמט דעם פּעקעל און זעצט זיך אוועק אויפ׳ן זעלבען „איזוואָשטשיק״ און פאָהרט דירעקט אין זשאַנדאַרמעריע צו וואסיליעוו׳ן. אריין צום פּאָלקאָווניק פאַלט ער אויף איהם אָן: „וואו האָט איהר אהינגעטאָן מעדעם׳ען איהר האָט דאָך צוגעזאָגט, אז

איהר וועט איהם נישט טשעפּען ביז וואנען ער וועט נישט ער־לעדיגען דעם פּריזיוור־ענין. איך האָב איהם אליין אוועקגעפיהרט אין שפּיטאָל, און איצט איז ער ניטאָ. וואָס האָט איהר געמאַכט מיט איהם

וואסיליעוו איז נישט געוועזן קיין נאַר. „איך פאַרשטעה די קונץ — האָט ער געזאָגט, — מעדעם איז אנטלאָפען, און איהר האָט וועגען דעם געוואוסט". מיין שוואָגער האָט אָבער ווייטער געשפּילט די קאָמעדיע, און געמאַכט דאָס גוט. און סוף כל סוף האָט מען צו איהם גאָר ניט געקענט האָבען. אין שפּיטאָל קען ער מיך נישט היטען. און אזוי ארום האָט איהם וואסיליעוו קיין זאַך ניט געקאָנט טאָן. איך בין אָבער געזעסען אין צוג און גע־פאָהרען אין אויסלאנד.

.43

איבער דער גרעניץ

אין די שפּעטערדיגע יאָהרען איז מיר אויסגעקומען ניט איין מאָל צו „גנב'ענען די גרענעץ". געוועהנליך פלעג איך עס מאַכען מיט א פּאַס — מיט א פרעמדען אָדער מיט א פאַלשען, אָבער דאָך מיט א פּאַס. און אז מען האָט דאָס דאָזיגע טייערע פּאַפּירעל, פאָהרט מען מיט אַלע באַקוועמליכקייטען. דאָס ערשטע מאָל איז עס אָבער געווען אַנדערש. איך בין געפאָהרען אויפ'ן אַלט־פרענקישען פּראָסטען אופן, טאַקע „געשוואַרצט" די גרענעץ, מעשה קאָנטראַבאַנדיסט, מיט'ן גאַנצען ראָמאַנטיזם און מיט די אַלע צרות.

איך בין ארויסגעפאָהרען פון מינסק שפּעט אין אבענד. צו־זאַמען מיט מיר איז געפאָהרען א איד א קאָנטראַבאַנדיסט, וועל־כער האָט גענומען 50 רובעל און זיך פאַרפליכטעט צוזושטעלען מיר ביז סאַמע לייפּציג. פאַרוואָס גראַד לייפּציג? ווייל פון יענער זייט דייטשער גרענעץ האָט זיך געצויגען א רייהע קאָנטראָל־פונקטען —אזעלכע סטאַנציעס, וואו מען פלעגט כאַפּען די עמי־גראַנטען. די דאָזיגע כאַפּעריי פלעגט פאָרקומען כלומר'שט צו־ליב סאַניטאַרע טעמים. מען פלעגט אריינגעהמען די עמיגראַנטען (געוועהנליך, אזעלכע, וואָס פאָהרען אָהן א פּאַס) אין באָד אריין, אויסרייניגען זיי, אריינשפּאַרען אין א וואַגאָן ווי אַרעסטאַנטען אָפּפיהרען ביז האַמבורג, אוועקזעצען אויף א שיף און אָפּשיקען קיין אַמעריקא. איי וואָס איינער וויל ניט פאָהרען קיין אַמעריקא, — איז טאַקע ביטער, קען מען איהם אָפּשיקען צוריק קיין רוסלאַנד. איך האָב טאַקע נישט געוואָלט פאָהרען קיין אַמעריקא און נישט געוואָלט „אריינפאַלען אין א באָד", ווי מען פלעגט דאָס רופען; האָט מען געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט'ן אידען, ער זאָל פאָהרען מיט

מיר און העלפען מיר אויסמיידען די קאָנטראָל־סטאַנציעס. פון יענער זייט לייפּציג האָט מען שוין געקענט פאָהרען רוהיג, אזש אין די שווייץ אריין, און איך האָב זיך טאַקע געקליבען צו פאָהרען אין בערן.

געפאָהרען זיינען מיר די גאנצע נאַכט און דעם גאנצען טאָג. דעם צווייטען טאָג אָנגעקומען קיין אָסטראָלענקאָ. אראָב פון באהן, אריין אין א פוהר — א מין אלטפרענקישע קארעטע, פול געפּאקט מיט אידען — און שפּעט ביינאַכט אריינגעפאָהרען אינ'ם שטעדטעל גופא. געשלאָפען אין א אידישער שטוב, טאַקע ביים קאָנטראַבאַנדיסט. נו־נו, איז עס געווען א נאַכט! געשלאָפען האָבען אלע אין איין צימער. און אז איך זאָג „אלע" מיין איך א א י ד י ש ע משפחה, און א אידישע משפחה—דאָס איז שיער ניט א גאַנץ שטעדטעל. וואו נאָר מען גיט א קוק, — איז פערענעס און קישענס און מענשליכע לייבער און ווידער פּערינעס און ווי־דער קישענס. ווענען אומפּליט איז שוין אָפּגערעדט. און אין מיטען צימער — מעשה טורמע! — א „פּאַראַשע", א גרויסער עמער און דוקא אָן אָפּענער, און די קינדער שטעהן אויף אין מיטען נאַכט ... און ס'איז א מחיה!

אין דער פריה האָט מען מיר געזאָגט, אז מיר וועלען וייטער פאָהרען ערשט ביינאַכט. האָב איך זיך געמאַטערט אין דער שטוב דעם גאַנצען טאָג. איך בין אפילו ארוים אויף א ווילע אין שטאָדט — הגם דאָס איז ניט געווען פאָרזיכטיג, — אין אזא שטאָדט באמערקט מען גלייך א פרישען פּנים, — איך האָב אָבער געוואָלט זיך קויפען עפּעס אויפ'ן וועג. פון מינסק בין איך אוועק מיט גאָר ליידיגע הענט. האָב איך זיך אריינגעכאפּט אין א קראָם, געקויפט א קליינעם קאָשיקעל און א פּאָר פונט וואורשט. אריינגעלעגט די וואורשט אין קאָשיקל, — און דאָס איז געווען מיין גאנצער באַ־גאַזש. געקומען צוריק אין שטוב, האָב איך ערגעץ אוועקגעשטעלט דעם קאָשיקעל און פארגעסען אָן איהם. פארנאכט בין איך ווידער ארוים אויף א ווילע, — איך קער זיך אום, — וועה איז צו מיר! דער קאָשיקעל ליגט אויף דער ערד און עס זיצט לעבען איהם א גרויסע קאַץ און באלעקט זיך דאָס מויל, און פון דער גאנצער וואורשט זענען פארבליבען בלויז נישטיגע שריים. האָב איך

געמוזט פאָהרען מיט'ן לייזיגען קאַשיקעל און — מיט א ליידיגען מאָגען.

אין מיטען נאַכט האָט מען אונז ארויסגעזעצט אויף א פוהר. דאָס מאָל איז עס טאַקע געווען א טראַדיציאָנעלע אידישע בויד — מיט א האַלב-קיילעכדיגען לייוועגטענעם דאַך — איינע פון יענע באַריהמטע פוהרען, וואו מען שטאָפּט אריין מענשען ווי הערינג אין פאַס, אזוי, אז מען קען אפילו ניט פאַנאַנדערקלייבען וואו איז וועמעס א פוס. אין אונזער בויד איז טאַקע געווען אַן אַנדערט־האַלבען צעהנדליג פּאַרשוין. צוויי יונגע אידישע בחורים (ווי עס האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען, זיינען דאָס געווען „חברים" פון א שטעדטעל יאַנאָוו), אַן עלטערע אידענע מיט א פּאָר קליינע קינ־דערלאַך, און א צעהנדליג פויערם; אלע — א חוץ מיר — זיינען געפאָהרען קיין אַמעריקע.

ארויס פון שטעדטעל אין סאַמע מיטען נאַכט, זיינען מיר געפאָהרען און געפאָהרען ביז אזייגער 5 נאָכמיטאָג. אריינגע־פאָהרען טיעף אין א וואַלד אריין, אראָפּ פון דער פוהר, אוועק־געזעצט זיך אויף דער ערד. די פוהר איז אוועק צוריק, מיר וועלען ווייטער געהן צו-פוס.

דערוויילע איז אָבער צו פריה, עס איז נאָך ליכטיג. מיר וואַרטען. דער איד, וואָס האָט אונז געפיהרט, איז שוין אוועק. איידער וואָס, האָט ער צוגענומען ביי אונז דאָס גאַנצע געלד וואָס מיר האָבען געהאַט, געגעבען קוויטלאַך, — „מען וועט אייך באַ־צאָהלען אויף יענער זייט גרעניץ; ס'איז געפעהרליך צו געהן מיט געלד אין קעשענע". געבליבען זיינען מיט אונז א פּאָר קריסט־ליכע קאָנטראַבאַנדיסטען. געניטע, פלינק מענשען — איינער אַן אַלטער, א צווייטער א יונגער — מיט גזלנ'ישע פּנים'ער.

פּלוצלינג — טריט! שווערע, זעלנערישע טריט! צווישען די ביימער באַווייזט זיך א סאָלדאַט. דער עולם ווערט אונרוהיג. ס'איז אָבער גאָרניט. דער סאָלדאַט איז געקומען אָפּנעהמען זיין לוין. ס'קומט איהם צוויי רובל פון א נפש. צעהלט ער אונז איבער, באַקומט די צוויי רובעלדינגע און טראָגט זיך אָפּ. און מיר וואַרטען ווייטער.

עס קומט די נאַכט און מיר הויבען אָן צו געהן. איך ווייס

נישט, צו די חברה קאָנטראַבאַנדיסטען האָבען אונז געוואָלט אָנ־שרעקען, אָדער ס'איז דאָ געווען אַן אמת'ע סכנה (מען האָט טאַקע באַצאָהלט דעם זעלנער, אָבער חוץ איהם איז דאָך פאַראַן נאָך ספּעציעלע ארומפאַהרערס), אָבער מען איז געגאַנגען מיט גרויס פּאָרזיכטיגקייט. מען האָט אונז אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגע רייהע — איינעם נאָכ'ן צווייטען, ווי די גענז, — און געפיהרט אַלץ טיעפער און טיעפער אין וואַלד אריין. פּלוצלינג — סטאָפּ! אימיצער דערנעהנטערט זיך. מיר פאַלען אַלע אויף דער ערד און ליגען שטיל מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם. און מיר הערען ווי עס פאַהרט אימיצער — אַלץ נעהנטער און נעהנטער, און אַ גע־זונטע גוי'אישע שטימע זינגט אַ רוסישע זעלנערישע ליעדעל. אַלץ נעהנטער און נעהנטער, — און דאַן ווערט דאָס ליעדעל ווידער שוואַכער און שוואַכער און פאַרליערט זיך ערגעץ ווייט אין דעם שטילען ברומען פון דעם גרויסען שוואַרצען וואַלד. און מיר שטעהען אויף און געהן ווייטער.

אַלץ נעהנטער און נעהנטער ווערט די גרענעץ־ליניע. די פיהרער אונזערע ריידען שוין נישט. זיי קאָמאַנדעווען בלויז מיט די באַוועגונגען פון די הענד. ס'איז טויט שטיל, און אין מיטען פון דער אָנגעשטרענקטער שטילקייט, הויבט פּלוצלינג אָן דאָס קינד פון אונזער אידענע צו וויינען. מיר ווערען דערציטערט. דער קאָנטראַבאַנדיסט דערלאַנגט אַ ווילדען שפּרונג, אַ דראָהונג, אַ טרייסעל מיט דער פויסט, אַ גראָבען רוסישען זידעל־וואָרט.... פאַרשטאָפּען דאָס מויל! דאָס קינד ווערט שטיל. מיר געהן ווייטער.

און פּלוצלונג דערלאַנגט דער פיהרער אַ מאַך מיט דער האַנט: שפּרינגט! — און מיר שפּרינגען. לויפט! — און מיר לויפען. דער וואַלד האָט זיך געענדיגט. מיר לויפען איבער אַ פעלד. דאָס פעלד איז פול מיט גריבער און בערגלאַך; די נאַכט איז פינסטער, די ערד איז נאַס און קלעפּט זיך צו די פיס. מען פאַרטשעפּעט זיך, מען פאַלט, מען כאַפּט זיך אויף, — ווייטער, אַלץ ווייטער, — דערטען צו אַן איינזאַמען הייזעל, וואָס מ'זעהט ערגעץ ווייט מיט זיינע באַלויכטענע פענסטער. מען איז שוין אויף יענער זייט גרענעץ!

אריין אין די שטוב, פארשוויצטע, פארסאפעטע, אָבער מיט גרויס שמחה. דאָס ערגסטע איז פאַרביי. די פיהרער מאַכען שטימונג: „משקה אהער! אַ טרונק טהאָן!" מיט מזל אריבער! זעצט זיך אוועק, קינדערלאך, שרייבט קארטלאך צו אייערע קרובים, אַז איהר זייט צופרידען. גיך! גיך! פארליערט נישט קיין צייט!.... זאָלען יענע וויסען, אַז מיר האָבען אייך גוט געפיהרט!...

דאן כאפען מיר זיך ארויף אויף אַ בוידעם און פאלען ווי טויטע אין אַ שווערען שלאָף. ביז'ן פריהמאָרגען בלייבט בלויז עטליכע שעה'ען.

אויפגעשטאַנען אין דער פריה בין איך הונגעריג ווי אַ וואָלף — העכער אַ מעת־לעת גאָר ניט געגעסען. אוועק צום בעל הבית: וואָס הערט זיך מיט אַ גלעזעלע קאַווע? עס הערט זיך אָבער גאָר ניט. דער בעל הבית, אַ געזונטער דייטש מיט גרויסע בלאָנדע פרייסישע וואָנצעס, וויל מיר אפילו ניט ענטפערען. פרעג איך איהם אַ צווייטען מאָל. ענטפערט ער מיר מיט אַ גראָבען וואָרט. און טאַקע אויף „דו". ענטפער איך איהם אויך אויף „דו" און אויך מיט אַ גראָבען וואָרט. צעווערטלען מיר זיך, און קיין קאַווע איז נישטאָ, און קיין ברויט איז נישטאָ, און אין מאָגען ביי מיר שפּילט אַ גאַנצער אָרקעסטער. אַ גליק וואָס די פויערים, די אַמע־ריקאַנער עמיגראַנטען, האָבען געהאַט מיט זיך אביסעל טרוקענע קעז, האָבען זיי מיר געגעבען אַ שטיקעל. ווען ניט זיי, וואָלט איך אויסגעגאַנגען פון הונגער.

דאן האָט זיך באוויזען עפּעס אַ אידעל און האָט זיך גענומען אויסצאָהלען אונז דאָס געלד, וואָס מען האָט ביי אונז צוגענומען פאר'ן אריבערגעהן דעם גרעניץ. צאָהלט ער אויס אין מארקען, רעכענט אָבער אַ גזלנ'ישען קורס, — אַ שווינדעל אין מיטען העלען טאָג! איך האָב אָבער צובונטעוועט די פויערים, האָט זיך געמאַכט אַ סקאַנדאַל, און סוף כל סוף איז דער איד ווייכער געוואָרען און בעצאָהלט ווי עס באַדאַרפט צו זיין. דערנאָך קומט אַ נייע צרה. דער איד נעהמט ארויס פון קעשענע אַ פּעקעל ברודיגע פּאַפּירלאך און גיט יעדען איינעם פון אונז אַ בלעטעל. וואָס איז דאָס אזעלכעס? אַ געדרוקטע רשימה פון סטאַנציעס. וואָס טויג דאָס מיר? לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז דער וועג, מיט וועלכען

מען דאַרף פאָהרען, כדי ניט אריינצופאַלען „אין באַד אריין". סטייטש, ס'איז דאָך געווען אָפּגערעדט, אז עס וועט מיט מיר פאָהרען א מענש ביז לייפּציג! און ס'איז דאָך באַצאָהלט געוואָרען דערפאר! עס הייבט זיך אָבער ניט אָן. ווער האָט דאָס צייט צו פאָהרען מיט אייך! ניש־קשה, איהר זייט ניט קראַנק אליין צו פאָהרען. מיר צעווערטלען זיך ווידער. עס מישט זיך אריין דער דייטש. איך גיס אויס מיין גאַנצען זאַפּאַס פון דייטשע זידעל־ווערטער. ער הערט מיר אָבער ווי די קאַץ. און איך בלייב מיט מיין געדרוקטער רשימה אין האַנד און מוז פאָהרען אליין.

דעם גאַנצען טאָג זיצען מיר באַהאַלטענערהייט אויפ'ן בוידעם. פּאַרנאַכט הויבט זיך אָן די ווייטערדיגע רייזע. ביז צו דער נאָהענסטער באַהן־סטאַנציע איז א מהלך פון א וויאָרסט פופצעהן. איך האַלט זיך קוים אויף די פיס. פּיער נעכט ניט געשלאָפען, צוויי טעג ניט געגעסען קיין ווארעמס. ווייטער אוועק צום דייטש: איך קען ניט געהן צו פוס; דו מוזט מיר געבען א פוהר! — וועסט האָבען א פוהר. לאָמיר נאָר ארויסגעהן פון דאָרף, די פוהר וואַרט אויפ'ן שאָסעע.

מיר געהען ארויס. א שאָסעע — שעהן, ברייט, גלאַט ווי א טישטוך; איך האָב נאָך אַזעלכעס קיין מאָל ניט געזעהן. אָבער קיין סימן ניטאָ פון א פוהר. וואו־זשע איז זי? „רעדט ניט קיין סך. די צייט איז קורץ. מען דאַרף לויפען, אז ניט, וועט מען פאַרזאַמען דעם צוג!" און מיר לויפען. מיר לויפען ווי משוגעים. קוים באַווייזט זיך אימיצער אויפ'ן וועג, דאַרפען מיר אראָפּשפּרינגען פון שאָסעע און באַהאַלטען זיך הינטער די בוימער, און דאַן לויפען מיר ווייטער. ס'איז געווען א פיינער „שפּאַציער". הונגעריגע, אויסגעמאַטערטע האָבען מיר דורכגעמאַכט די 15 וויאָרסט אין משך פון קנאַפּע צוויי שעה, און קוים, קוים געקומען צו דער צייט. ס'איז נאָך געבליבען עטליכע הונדערט טריט ביז דער סטאַנציע, ווען מיר האָבען שוין דערזעהן דעם אָנקומענדיגען צוג. „לויפט, קינדערלאַך, אויף וואָס די וועלט שטעהט!" און מיר לויפען ווייטער, און קומען אהן אָן אָטעם צו דער סטאַנציע, קויפען די בילעטען, שפּרינגען ארויס אויף דער פּלאַטפאָרם, — דער צוג האַלט שוין ביים אוועקגעהן. איך שפּרינג ארום איבער דער

פלאטפארם און זוך א וואגאן פון דריטען קלאס. און איך קען איהם ניט געפינען. ערשטענס בין איך אין רוסלאנד געווען צוגעוועהנט אז יעדער קלאס זאל האבען א באזונדער קאליר: דער ערשטער איז בלוי, דער צווייטער—געל, דער דריטער—גרין. דא זיינען זיי אלע איין פארב. און אז איך דערלאנג א קוק דורך די פענסטערלאך, זעה איך אומעדום — ריינקייט, ציכטיגקייט, עלעקטרישע לעמפ־לאך. דאס קען דאך ניט זיין קיין דריטע קלאס! לויף איך ווי א פאר'סמ'טע מויז. לסוף פרעגט מיך א קאנדוקטאר: „וואס זוכט איהר דא?" ענטפער איך: „א דריטען קלאס." — „טא געהט-זשע אריין! דאס איז דאך אלץ דער דריטער קלאס!" און איך שפרינג אריין, און דער צוג דערלאנגט זיך א ריהר און מיר פאהרען. און איך זיץ און חידוש זיך אויף די דייטשען, וואס ביי זיי איז דער דריטער קלאס אזוי ריין און ליכטיג ווי ביי די רוסען דער ער־שטער.

מיר פאהרען. אין וואגאן איז פוסט. אין מיין אפטיילונג, האבען זיך צוזאמען מיט מיר, אריינגעכאפט בלויז די צוויי בחורים פון יאנאוו. איך זיץ און טראכט: וואס וועל איך זאגען, אויב עס וועט אריינקומען א פאליציאנט און פרעגען, פון וואנען און וואו אהין איך פאהר. און איך וויים אפילו ניט אין וועלכער ריכטונג עס געהט דער צוג: אויף צפון אדער אויף דרום אדער אוף מערב. אמת, איך האב ביי זיך די רשימה פון די סטאנציעס, דורך וועלכע איך דארף דורכפאהרען, אבער דאס זיינען אלץ עפעס קליינע נעסטלאך, פון וועלכע איך האב פריהער קיין מאל ניט געהערט: מאריענבורג, ניידענבורג, אלענשטיין און אזוי ווייטער, און איך וויים בלויז, אז דאס איז ניט קיין גראדער וועג, נור מיט דריידלאך, און אז איך מוז א פינף—זעקס מאל בייטען דעם צוג. וועגען דעם קען איך אבער ניט דערצעהלען דעם פאליציאנט. דארף איך דאך וויסען, וואוהין געהט אייגענטליך אט דער צוג, אין וועלכען איך זיץ. קוק איך אויף די ווענט, און עסווארפט זיך מיר אין די אויגען עפעס אן אויפשריפט, אין וועלכער עס ווערט דערמאהנט די שטאדט קעניגסבערג. און דאס איז שוין א באקאנטער נאמען! אבער איך מוז נאך וויסען, וואס פאר א שייכות האט מיין צוג צו קעניגסבערג: צו ער געהט אהין, צו ער

געהט פון דאָרטען. און איך פרעג וועגען דעם ביים קאָנדוקטאָר, וואָס קומט גראַדע אריין אין וואַגאָן, און איך באמיה זיך צו רעדען מיט דער שעהנסטער דייטשער אויסשפּראַך, נעביך, ער זאָל ניט דערקענען, אז איך בין א פרעמדער. דער קאָנדוקטאָר גיט אָבער א קוק אויף מיר, און פיהרט מיך צו צום פענסטער און ווייזט מיר מיט א פינגער אויף א לאַנגען שוואַרצען פּאַס פון א וואַלד, וואָס ציהט זיך לענגאויס דער באַהן: „אָט דאָס איז די רוסישע גרע־נעץ", זאָגט ער מיר גוטמוטיג. קענטיג, אז מיין „גוטע" דייטשע אויסשפּראַך האָט ניט געהאָלפען....

עס קומט אָבער ניט קיין פּאָליציאַנט, און מיר פאָהרען בשלום עטליכע שעה נאָכאַנאַנד, און מיר קומען צו דער ערשטער סטאַנציע, וואו מיר דאַרפען בייטען דעם צוג.

מיר געהען אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרם. דער צוג געהט אוועק. ווען קומט דער צווייטער, אין וועלכען מיר דאַרפען פאָה־רען? אין דער פריה, — זאָגט מען אונז. און איצט איז אזייגער צוועלף ביינאַכט. און דער וואָקזאַל ווערט פאַרמאַכט, און ביז צום שטעדטיל איז א צעהנדליג ווערסט, אין דרויסען איז עס ביטער קאַלט. וואו טהוט מען זיך אַהין? סוף כל סוף האָבען מיר גע'פּועל'ט, אז מען זאָל אונז ערלויבען צו פאַרברייננגען די נאַכט אין א ליידיגען וואַגאָן. דאָס איז געווען די פינפטע נאַכט, וואָס איך האָב ניט געשלאָפען ווי עס באַדאַרפט צו זיין.

אין דער פריה זיינען מיר געפאָהרען ווייטער. נאָך אמאָל געביטען דעם צוג און ווידער אמאָל געביטען דעם צוג, און געפאָה־רען און געפאָהרען אויף רעכטס און לינקס מיט א קרומען, פאַר־דרעהטען וועג, אלץ כדי אויסצומיידען די קאָנטראָל־סטאַנציעס. איך האָב זיך די גאַנצע צייט שטאַרק געהיט, און איך האָב גערע־כענט, אז איך וואַרף זיך ניט שטאַרק אין די אויגען, איינמאָל אויף א סטאַנציע, בין איך אָבער אריין אין דעם זאָל פון צווייטען קלאַס, און פאַרבייגעהענדיג האָב איך דערלאַנגט א קוק אין א גרויסען שפּיעגעל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. איז מיר געוואָרען פינסטער אין די אויגען: נאָך די פינף טעג אַרומוואָגלען זיך האָב איך באַקומען אַזא „באָסיאַצקען" אויסזעהן, אז איך האָב זיך וואָס גיכער אריבערגעפּעקעלט אפילו ניט אין דריטען, נאָר

טאַקע אין דעם פערטען קלאַס. און וואָלט דאָ געווען אַ פינפטער קלאַס, וואָלט איך דאָרטען געווען נאָך מעהר אויפ'ן אָרט.

און אַזוי בין איך געפאָהרען ווייטער, נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ נאַכט, געקומען קיין לייפּציג און פון דאָרט קיין פראַנקפורט און פון דאָרטען גענומען אַ דירעקטען צוג צו דער שווייצארישער גרע־נעץ. ס'איז געווען אַ רייזע אָהן אַ ענד. איך בין געזעסען אויס־געמאַטערט און שלעפעריג ביז גאָר. איך ווייס מעהר ניט איין זאַך, אַז אַלע פינף מינוט פלעג איך אויפהייבען מיין היטעל פון דער פּאָדלאָגע: קענטיג, אַז איך פלעג אַלע ווײַלע איינדרעמלען, און מיין קאָפּ פלעגט זיך אַראָפּלאָזען אויף די ברוסט אַראָפּ, און איך וואַך אויף — און דאָס היטעל ליגט אויף דער פּאָדלאָגע: דערלאַנג איך עס אַ הויב אויף, און איך טהו דאָס היטעלע ווידער אָן, און איך דרעמעל איין, און דאָס היטעל ליעגט ווידער, און אַזוי פאָהר איך און פאָהר לאַנגע, לאַנגע שעה'ן.

און ענדליך, ענדליך האָבען זיך באַוויזען די שעהנע גרינע בערג פון דער שווייץ. און אויפ'ן זיבעטען טאָג פון מיין רייזע, בין איך אָנגעקומען אין בערן. אַראָפּ פון וואָקזאַל, אַריינגעכאַפּט זיך אין ערשטען בעסטען האָטעל, געוואָרפען זיך אין מיטען העלען טאָג אין דעם ריינעם ווייכען בעט מיט דער שווייצערישע פּערענע, און אנשלאָפען געוואָרען ווי אַ בער.

44

אַליין אין דער פרעמד.

אויסגעשלאָפּען זיך, אויפגעשטאַנען, געמאַכט א גוטען בּיס. וואָס ווייטער? איך דאַרף דאָ זאָגען, אז איך בין געפאָהרען דוקא אין בערן נים צופעליג, סתם אין דער וועלט אריין. עס וואָלט פאַר מיר געווען גוואַלטיג שווער אַנצוקומען אין א פרעמדע שטאָדט אהן קיין שום באַקאַנטע אָדער פריינד. און איך האָב אויסגעקליבען בערן טאַקע דערפאַר, וואָס איך האָב דאָרטען יא געהאַט א פריינד. און דוקא א גוטען פריינד — טעומין'ען. ער איז שוין אין די פריהעריגע צייטען געווען אמאָל א בערנער סטודענט, און מיט עטליכע חדשים פריהער איז ער אוועקגעפאָהרען פון מינסק און זיך צוריק באַזעצט אין בערן. צו איהם בין איך דאָס געפאָהרען.

אין מינסק האָב איך אָבער ניט געקענט באַקומען זיין אדרעס, נור מען האָט מיר געזאָגט, אז בערן איז א קליין שטעדטעל, אין דער רוסישער קאָלאָניע ווייסט מען טעומין'ען זעהר גוט, און ס'איז גענוג, מען זאָל זיך אריינכאַפּען אין דער רוסישער ביבליאָטעק, און דאָרט וועט מען מיר שוין זאָגען, ווי אזוי איהם צו געפינען. און דער אדרעס פון דער ביבליאָטעק? דאָס איז פון די גרינגסטע זאַכען: יעדער אינגעל אויף דער גאַס וועט מיר זאָגען וואו זי איז.

איך פרעג טאַקע אין האָטעל, וואו איז דאָ די רוסישע ביב־ליאָטעק. ס'איז אָבער א קליינינטשקער אָרימער האָטעל, און מען וויים נישט. גיט מען מיר אן עצה, איך זאָל זיך אריינכאַפּען אין דעם „אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ", וואָס איז דאָ פאַראַן ביים וואָק־זאַל: דאָרטען וועט מען מיר זיכער געבען די נויטיגע ידיעות. געה איך אהין. „א רוסישע ביבליאָטעק? ניין, מיר האָבען ניט איהר אדרעס. אָבער איהר וועט זי גרינג געפינען. ס'איז דאָ אזא

מאַסע רוסען. מען זעהט זיי אויף יעדען טריט און שריט. איב־ריגענס פּרופט זיך צו פרעגען אין אוניווערזיטעט". געה איך אין אוניווערזיטעט. ס'איז אבער נאָך פאר'ן אָנפאַנג פון שול יאהר, און קיינער איז נישטאָ. און איך געה ווידער אוועק מיט לעדיגע הענד.

איך שפּרייז איבער דער שטאָדט. און איך געפין קיין זאַך ניט. ס'איז טאַקע פאראַן אין שטאָדט הונדערטער און הונדער־טער רוסען, און די שטאָדט איז טאַקע קליין, אָבער איך האָב ניט קיין מזל, איך טרעף קיין איינעם ניט. און אזוי געהט פארביי דער ערשטער טאָג און דער צווייטער טאָג, און — גאָר ניט.

מיין לאַגע ווערט ביטער. איך האָב תמיד מורא געהאַט פאר איינזאמקייט. דאָ בין איך אָבער ניט סתם איינזאַם. דאָ בין איך אין אַ פרעמדען לאַנד, טויזענדער וויאָרסט ווייט פון דער היים, מיעד, אויסגעמאַטערט. טאָמער ווער איך קראַנק נאָך דער שווערער רייזע — וואָס וועל איך מאכען איינער אַליין? איך פיהל זיך וויסט און עלענד.

עס קומט אָן דער דריטער טאָג, איך באַשליס צו דינגען אַ צימער, צו באַזעצען זיך דערוויילע, און שפּעטער — וועט מען זעהן. סוף כל סוף וועל איך דאָך אימיצען געפינען. איך נעהם אַ צייטונג, לייען איבער די מודעות וועגען צימערען און געה זוכען אַ מקום מקלט.

איך געה אַריין אין אַ הויז: פּלוצלונג זעה איך אויף אַ טיר אַ וויזיט־קאַרטעל מיט אַ רוסיש־אידישען נאָמען. אַ רוסי־שע סטודענטקע. ענדליך געפונען! איך דערלאַנג אַ קלאַפּ. די בעל הבית'טע עפענט. דאָס מיידעל איז נישטאָ. מיין מזל! איך געה אַרויס צוריק אויף די טרעפּ. און פּלוצלונג הער איך: רוסישע ווערטער! מענשען געהען די טרעפּ אַרויף: אַ מיידעל־שע שטים און אַ מענערשע שטים: און די מענערשע שטים איז עפּעס גוט באַקאַנט, און איך שפּרינג אַראָפּ די שטופּען פון די טרעפּ: אָן אויסגעשריי — און מיר האַלטען זיך שוין אין קו־שען. דאָס איז טעומין!

ס'איז גרינג זיך פאַרצושטעלען, ווי גרויס ס'איז געווען מיין שמחה. פאַר טעומין איז מיין אָנקומען אויך געווען אַן אומ־

גערינכטע זאַך. ער האָט ניט געהאַט קיין אַהנונג וועגען דעם, אַז איך בין אַנטלאָפען, ער איז געווען זיכער, אַז איך בין שוין אויפ'ן וועג קיין סיביר. האָבען מיר ביידע שיער ניט געשפּרונגען אין דער לופטען. ער האָט מיך תיכף גענומען צו זיך, דערנאָך האָט ער פאַר מיר געפונען אַ צימער, געזאָרגט וועגען מיר ווי אַן אַם, פאַרבראַכט מיט מיר טעג און נעכט, אַריינגעפיהרט מיך אין די רוסישע קאָלאָניע. עס האָט טאַקע באמת געשוויבעלט און געגריבעלט מיט רוסען (אייגענטליך — מיט אידען). און ס'איז אַ וואונדער, וואס איך האָב זיי געמוזט זוכען גאַנצע דריי טעג. די מעשה איז אבער, אַז זיי פּלעגען וואוינען אין באַשטימטע טיילען פון שטאָדט, און איך האָב זיך די גאַנצע צייט געדרעהט ניט אין יענע טיילען, נאָר דוקא אין די צענטראַלע גאַסען, וואָס זיינען באַוואוינט מיט די אמת'ע שווייצער.

די ערשטע פּאָר וואָכען האָב איך זיך געפיהלט ממש ווי נייגעבוירען. נאָכ'ן שרעקליכען געפיהל פון פאַר'יתום'טקייט, איינזאַמקייט, פאַרלאָזענקייט, בין איך פּלוצלונג צוריק אַריין אין אַ וואַרימע, היימישע סביבה, אונטער די פליגלען פון ליבע, סימפּאַטישע מענשען. איך האָב גוטע פריינד, אייגענע מענשען מיר פלעגען פאַרברייננגען צוזאַמען די טעג און אבענדען און די קליינע סטודענטישע צימערלאַך האָבען ממש געהילכט פון געלעכטער, געזאַנג און שטיפעריי.

.45

די בערנער „קאָלאָניע".

בארג־ארויף — בארג־אראָפּ, לאַנגע שמאָלע גאַסען און געס־לאַך, אַלט־פרענקישע הייזער, באצירט מיט סמנים פון אמאָליגע האַנדוועקער־חברות; מאָדנע מויערען, וואָס רוקען זייערע אויבערשטע עטאַזשען טיף אין גאַס אריין און שפּאַרען זיך אונטער מיט גראָבע סלופּעס — אַז איהר געהט אויפ׳ן טראָטואַר, זייט איהר ווי אין א טונעל. ערגעץ א הערליכער גאָטישער קלויסטער. ערגעץ אן אַלטער טורעם מיט׳ן שטאָדט־זייגער; און אַז עס ווערט מיטאָג־צייט הויבען אָן די גלאָקען פון טורעם צו שפּילען א שווייצאַרישע ליעד, און הויך אויבען פון א פענסטערל געהט ארויס אויפ׳ן געזימס א גאַנצע פּראָצעסיע פון קליינע פיגורען, — און דער עולם שטעהט מיט פאַרריסענע קעפּ און קוקט. ערגעץ א גרויסע, טיפע שטיינערנע גרוב מיט א גאַנצער משפחה לעבעדיגע בערען. א שוואַרצער בער איז דער צייכען פון דער שטאָדט. און די מענשען, וואָס געהן ארום אין די שטילע, רוהיגע גאַסן, זיינען אויך עהנליך צו גרויסע, געזונטע בערען: לאַנגזאַם, רוהיג, שווער. און הינטער דער שעהנער געביידע פון דעם פאַרלאַמענט הויבען זיך אויף — ווייט — אָבער קענטיג — די ווייסע שפּיצען פון די אַלפּען, באַדעקט מיט אייביגען אייז און שנעע. די שטילע, וואונדער־שעהנע שטאָדט בערן.

דאָס איז די אַלט־שטאָדט. דער צענטראַלער אַלטער טייל. צו איהם זיינען אָבער פון פיער זייטען צוגעוואַקסען פיר פליג־לען, צוגעטשעפּעט ווי אויף דינע פעדים, אויף לאַנגע אייזערנע בריקען אָדער גלאַט צוגעבונדען דורך א פּאָר גאַסן, — פיער נייע שטאָדט־טיילען. מאָדערנע קליינע הייזלאַך, מיט בלומען און בוי־מער, ליכטיג און היימיש. און אין צוויי פון די דאָזיגע קליינע

פליגלען וואָהנט די רוסישע קאָלאָניע. „לענג־גאַס" און „מאַטענ־האָף" רופען זיך די דאָזיגע צוויי שטאָדט-טיילען. און דאָס איז דאָס רוסיש־אידישע געטאָ.

איהר געהט אַרוים אויף דער גאַס און איהר פיהלט זיך שיער ניט ווי אין אַ אידישע שטעדטעל. מעהר ניט דער שמוץ איז ניטאָ און קיין אַלטע אידען זיינען ניטאָ, בלויז יונגוואַרג. אָבער יונג־וואַרג אָהן אַ שיעור. אידישע פּנים'ער, מיידעלשע דאָס רוב, לוי־טער סטודענטקעס, מיט די שוואַרצע צעראַטענע פּאָרטפּעלען אונ־טער'ן אָרעם. עס ליגט נאָך אויף זיי דער שטעמפּעל פון דעם אידישען קליינשטעדטעל. די קליידער, דער גאַנג, דאָס אויס־זעהן, די שפּראַך, די גאַנצע אויפפיהרונג — אַלץ געבראַכט פון דאָרטען. און די לעבעדיגקייט, און די האַרציגקייט — אַלץ פון פון דאָרטען. דאָס איז די בערנער „קאָלאָניע" מיט צוואַנציג יאָהר צוריק.

הונדערטער יונגע לייט, די גרעסטע מעהרהייט אידען; זעל־טען ווען מ'טרעפט אַן אמת רוסישען פּנים. און דאָס רוב זיינען דאָס מיידלאך. מיידלאך, וואָס האָבען געענדיגט אַ גימנאַזיע און ווילען ווייטער שטודירען, — געוועהנליך אויף אַ דאָקטאָר, — אין רוסלאַנד איז ניטאָ פאַר זיי קיין אָרט, פאָהרען זיי אין דער שווייץ, צום גרעסטען טייל אָרימע מיידלאך, וועמען די עלטערען פלעגען שיקען אַ פּאָר צעהנדליג רובעל אַ חודש; עסען זיי איין מיטאָג זאַלבע-צווייט; אַנגעטאָן אָרימלאך, אמאָל אפילו אָפּגע־לאָזען, צווישען די מאַנסלייט — אַ היבש ביסעל טיפּישע ישיבה־בחורים. ס'איז געווען אַ צייט, ווען דער בערנער אוניווערסיטעט איז געווען זעהר גאַסטפריינדליך. ער פלעגט ניט פרעגען קיין אַטעסטאַטען, אריינגענומען אַלעמען, ווער עס האָט נאָר גע־וואָלט. שפּעטער איז געוואָרען שטרענגער. בעת איך בין אָנ־געקומען, האָט מען שוין פאַרלאַנגט אַ צייגעניש וועגען ענדיגען אַ גימנאַזיע; עס איז אָבער נאָך פאַרבליבען אַ הייפעל „אַלטע" סטודענטען, וואָס מען פלעגט וועגען זיי דערצעהלען אין שפּאַס, אַז אַנשטאַט אַן אַטעסטאַנט האָבען זיי צוגעשטעלט אַן אייזענ־באַהן־בילעט.

מען האָט ניט ליב די „קאָלאָניע". זי איז ווי אַ אינזעל אין

א פרעמדען ים. און דער ים איז קאַלט און אַפילו פיינדליך. דער שווייצער איז בטבע אַ קאָנסערוואַטיווער מענש, אַ טיפּישער קליינ-בירגער. ער האָט ניט ליב קיין נייעס. ער האָט זיינע איינגעפונ-דעוועטע געוואוינהייטען און מנהגים, און אַז מען האַלט זיך ניט אָן די מנהגים, ווערט ער אין כעס. אַזוי איז ער אַ שטילער און אַ רוהיגער מענש, אָבער ווען ער ווערט אין כעס, ווערט ער גראָב און ברוטאַל. און עס קומען פאַר צוזאַמענשטויסען. אַלץ וואָס די „רוסען" טוען, אַלץ, ווי זיי פיהרען זיך, ווי זיי לעבען, איז איהם פרעמד, משונה'דיג ווילד; שטעכט איהם די אויגען. יונגע מיידלאַך פאַרלאָזען זייערע היימען און קומען צו פאָהרען איבער טויזענד וואָרסט שטודירען אין אַ אוניווערסיטעט. אַן אונערהערטע זאַך. ביי די שווייצארישע מיידלאַך זעהט מען נישט אַזעלכעס. און ווי זיי לעבען! יונגע בחורים קומען צו־גאַסט צו די מיידלאַך. נאָך מעהר: אַ מיידעל כאַפּט זיך אַמאָל אריין צו אַ בחור אין שטוב. אַמאָל אַפילו אין אָוועט. דאָס קען שוין דער שווייצער בשום אופן ניט פאַרטראָגען. ער מאַכט אַ סקאַנדאַל און וואַרפט אַרויס דאָס מיידעל צוזאַמען מיט'ן בחור. און ס'איז ניטאָ קיין אָרדנונג, און ס'איז ניטאָ קיין שטילקייט. ביינאַכט, ווען אַלע ווילען שלאָפען, שפּרייזט מען אַרום איבער די גאַסען און מען רעדט, און מען שרייט, און מען זינגט, און מען פייפט אונטער די פענסטער, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער; טענות אָהן אַ שיעור און אָהן אַ ברעג. האָט מען אונז פיינט. און אַלץ עפטער און עפטער באַווייזט זיך אויף די טירען פון די הייזער, וואו עס ווערען געדונגען צימערען, די גוט־באַקאַנטע אויפשריפט: „ניט קיין רוסען!" אָדער מיט אַ צווייטען נוסח: „ניט קיין סלאַוועו!" דער שווייצער קלייבט זיך נעבאַך נישט פאַנאַנדער אין דער ראַ-סען־פראַגע. ער מיינט, אַז געגרייזעלטע שוואַרצע האָר און אַ לאַנגער נאָז — דאָס זיינען סלאַווישע סמנים. וועגען דער אַי-דישקייט וויים ער ווייניג. איינע אַ בעל־הבית'טע האָט אַמאָל געזאָגט: „אַלע רוסען זיינען דאָך יודען!"

אַזוי לעבט מען, ארומגערינגלט מיט פרעמדע מענשען. אַפילו אין אוניווערסיטעט זיינען די באַציהונגען מיט די שווייצארישע חברים זעהר אָנגעצויגענע. זעלטען ווען מען חבר'ט זיך

מיט אימיצען פון די תושבים. אין אַלגעמיין איז מען אָפּגעזונ־דערט, מען פאַרבערענגט אין סאַמע האַרצען פון דער שווייץ יאָה־רען־לאַנג, און מ׳האָט פּאַרט קיין אהנונג ניט פון דעם שווייצערי־שען לעבען. אפילו די שפּראַך לערענט מען נישט אויס ווי גע־העריג איז; אַז עס קומט צום עקזאַמען העלפט מען זיך מיט מאַמע־לשון; און כדי עס זאָל זיין מעהר „ליטעראַריש", האַקט מען אַריין וואָס מעהר העברעאישע ווערטער. וועגען דעם דער־צעהלט מען אַ סך אַנעקדאָטען; די אַנעקדאָטען זיינען אָבער ניט גאָר ווייט פון דער ווירקליכקייט.

אָפּגעזונדערט פון דער אויסערליכער וועלט, אַרומעגרינגעלט מיט קאַלטקייט, און פרעמדקייט, לעבט מען אַ „קאָלאָניע"־לעבען. די קאָלאָניע איז אַ שטעדטעל פאַר זיך. מען לעבט ענג צונויפ־געבונדען איינער מיט׳ן צווייטען. מען פיהלט דאָס באַדערפעניש צוצוטוליען זיך איינער צום צווייטען. געצעהלטע מענשען בליי־בען אָן אַ זייט. דער גרויסער עולם בילדעט איין מאַסע, וואו אַלע זיינען אויסגעקאָכט מיט אַלעמען. די „גרויסע" מאַסע איז טאַקע קליין. דאָס שטעדטעל איז טאַקע אַ קליינ־שטעדטעל. ס׳איז ענג. אָבער וואַרים. מען איז צונויפגעקוועטשט ווי יאַג־דעם אין קויש. די פערזענליכקייט פאַרלירט זיך. אָבער ס׳איז וואַרעם און היימיש. און אַ געוויסע צייט — ביז וואַנען עס ווערט ניט צו ענג, צו נודנע און צו שטיקענד, — האָט מען ליב די דאָזיגע וואַרימקייט, פּאַרוואָגעלטע, וויסטע, איינזאַמע מענ־שען געפינען פאַר זיך אַ מקום מקלט. איך גדענק, ווי אַ גוטע באַקאַנטע מיינע, וואָס האָט פאַרבראַכט עטליכע יאָהר אין דער בערנער קאָלאָניע, האָט זיך דערנאָך אומגעקעהרט אין רוסלאַנד; האָט זי פון דאָרטען געשריבען: „עס ווילט זיך אַ ה י י ם, — אין בערן".

איך האָב געהאַט גרויס הנאה פון דעם „קאָלאָניאַלען" לעבען. טאַקע צוליב דעם געפיהל פון וואַרימער היימישקייט, אין וועלכען מען נויטיגט זיך אַזוי שטאַרק. מען איז שטענדיג צווישען דעם עולם, צווישען אייגענע מענשען. מיטאָג־צייט איז מען אין דער רוסישער קיך; נאָך מיטאָג כאַפּט מען זיך אַריין צו אימיצען אויף אַ גלעזעל טיי מיט אַ שטיקעל שאָקאָלאַד.

אין אָווענט האָט מען א פארזאמלונג, א רעפעראַט, א דיס־קוסיע. רעפעראַטען קומען פאַר זעהר אָפט. און אז ס'איז דאָ א רעפעראט, אין אונמעגליך איינצוזיצען אין דערהיים. הערט מען אויס די פאָרלעזונג און די דיסקוסיע, און נאָך דער דיסקוסיע פארבלייבט מען נאָך א שעה צייט צוזאמען, און מען זינגט לידער און מען ווילט זיך ווי אם בעסטען. און אויפ'ן צווייטען מאָרגען זאָגט שוין דער בעמיע־פּראָפעסאָר (זיינע לעקציעס פלעגען זיין די ערשטע, און אָנהויבען זיך 8 אזייגער אין דערפריה): „קענטיג, אז נעכטען איז אין דער רו־סישער קאָלאָניע ווידער געווען א רעפעראַט: די בענק זיינען עפּעס לעדיג". און די בענק אויף זיינע לעקציעס פלעגען נעבאך זעהר אָפט זיין לעדיג; דער עולם האָט זיך געמוזט אויסשלאָ־פען שיער ניט יעדען צווייטען טאָג. א רוסישער דאָקטאָר, וואָס האָט געלעבט אין דער קאָלאָניע, האָט זיך אמאָל באקלאָגט, אז צוליב די פילע רעפעראַטען ווערט דער עולם קראַנק: דאָס ביסעל איינטריטס־געלד האָט מען געדארפט אָפּשפּאָרען פון דעם עסען. די דאָזיגע טענה איז געווען א שפּאַס, אָבער ניט אינגאנצען א שפּאַס. מען וואָלט זיך טאקע גיכער אָפּגעזאָגט פון א מיטאָג, איידער פון א רעפעראַט.

און א חוץ די רעפעראַטען — גלאַט פארזאמלונגען: א הילפּס־פאראיין, א „קאסע פון ניט־באצאָהלטע מיטאָגען", סתם קאָלאָניאלע אינצידענטען, קליינע קאָנפליקטען, גרעסערע סקאַנ־דאַלען און ערשט די „וועטשערינקעס" און פארשידענע פייע־רונגען. איך מוז מודה זיין: ס'איז געווען ווייניג גלאַנץ אין דעם לעבען, אָבער ס'איז דאָך געווען וואַרים און היימיש. און איך האָב עס ליב געהאַט.

פון דער גראָהער סטודענטישער מאסע האָבען זיך אויס־געטיילט עטליכע אָנגעזעהענע, עלטערע מענשען, — מענשען מיט נעמען, די „גדולים" פון דער קאָלאָניע. דער הויפּט פון דער קאָלאָניע איז געווען פּראָפעסאָר רייכעסבערג, — א רו־סישער איד, א סאָציאַליסט, אָבער א פּראָפעסאָר פון בערנער אוניווערסיטעט. אלס אן אָפיציעלער מענש און אן אָנגעזע־הענער פּערזאָן אין שטאָדט, האָט ער געהאַט די קאָלאָניע אונ־

טער זיינע פליגלען, און מען פלעגט אנקומען צו איהם ביי אלע צרות און נויטען. אויף די קאלאניאלע פארזאמלונגען פלעגט ער זיך אבער באווייזען זעהר זעלטען. אפטע געסט אויף די פארזאמלונגען זיינען דערפאר געווען דריי סאציא־ליסטען־רעוואלוציאנערען — טאקע פון די אנגעזעהענסטע. דער ערשטער איז געווען וויקטאר טשערנאוו, דער פיהרער פון דער פארטיי. ער האט דעמאלט געלעבט צוזאמען מיט זיין פרוי אין בערן, און זיין שטוב האט געהאט א גרויסע צוצי־הונגס־קראפט פאר דער יוגענד. א פרעהליכער שמועס ביי א גלעזעל טיי — און דוקא פון סאמאוואר (א גרויסע זעלטענ־הייט אין דער שווייץ) — אין א היימישער הארציגער סביבה איז א גרויסע זאך. טשערנאוו'ס שטוב איז טאקע שטענדיג געווען פול מיט יונגע־לייט. ער האט געהאט א ניש'קשה'דיגע שטים, און נאך די רעפעראטען אין דער קאלאניע פלעגט ער דאס געוועהנליך זיין דער זינגער, און זיין פרוי — א סימפאטישע רו־סישע דאמע — פלעגט אמאל זיך א לאז טאן אין א רוסישען טענצעל.

דער צווייטער אנגעזעהענער ס. ר. איז געווען דר. זשיטלאוו־סקי. זיין „פאך" איז געווען — צו באקעמפען דעם מארקסיזם און ספעציעל פלעכאנאוו'ן. דעם גרעסטען ערפאלג אין דער קא־לאניע האט אבער געהאט אנ—סקי (ש. ראפאפארט). דאס איז גע־ווען איינער פון די סאמע אינטערעסאנטע און סימפאטישע גע־שטאלטען פון דער קאלאניע. ער איז נאך דאמאלסט געווען א מענש אין די מיטעלע יאהרען — א יאהר 38 אלט — אבער אויס־געזעהן האט ער א סך עלטער. זיינע האר איז שוין געווען גראה־ליך. די פלייצע — שטארק איינגעבויגען, און דער אינטעליגענ־טער, סימפאטישער פנים מיט'ן גרויסען אדלער־נאז און א קליי־נעם שפיצינען בערדעל איז געווען באדעקט מיט טיפע קנייטשען — סמנים פון שווערע גייסטליכע ליידען. ער האט אויסגעזעהן ווי אן אלטער מידער מאן. ער איז אבער געווען פריש און לע־בעדיג ווי א יונגער בחור. שטענדיג געווען ארומגערינגעלט מיט מיידלאך, שטענדיג געשאטען מיט גלענצענדע וויצען, מעשה'לאך, דערצעהלונגען, הארציג, אינטערעסאנט. — אלע האבען איהם ליב

געהאַט, און ער האָט כּשר פאַרדינט די דאָזיגע ליבשאַפט און אַכטונג.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען פאַרגעשטעלט דורך די צוויי שוועסטער אַקסעלראָד. די מעהר באַדייטענדע איז געווען די עלטערע — מיט׳ן נאָמען ליובא. איהר ליטעראַרישער פּסעוו־דאָנים, אונטער וועלכע זי האָט אָנגעשריבען אַ רייהע זאַכען, — הויפּטזעכליך אויף׳ן פילאָזאָפישען געביט, — איז „אָרטאָדאָקס״. אַ קליינע פרוי שוין נישט קיין יונגע, מיט אַ קליינעם, טונקעלען פּנים, מיט קליינע, קלוגע שווארצע אויגעלאַך, מיט ענערגישע באַ־וועגונגען, מיט אַ שאַרפען מענערשען שכל, מיט אַ גרויסער סאָציאַ־ליסטישער בילדונג, איז זי געווען די אָנגעזעהענסטע סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע טוערין אין דער קאָלאָניע. איהר אינגערע שוועס־טער, אידאַ, האָט זיך פאַרנומען הויפּטזעכליך מיט ליטעראַרישע פראַגען און איז שפּעטער אויך געוואָרען אַ שרייבערין. ווי איך האָב געהערט, איז זי מיט אַ קורצער צייט צוריק געשטאָרבען אין רוסלאַנד פון הונגער. ביידע שוועסטער זיינען געווען געטרייע שילערינס פון פּלעכאַנאָוו׳ן. זייער געטריישאַפט צו פּלעכאַנאָוו׳ן איז געווען ממש אַ חסידישע; ער איז געווען פאַר זיי אַן אמת׳ער אָפּגאָט.

דער אָפיציעלער בונדישער פאָרשטעהער אין דער קאָלאָניע איז געווען אברהם מוטניק, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „גליעב״, איינער פון די אַלטע בונדישע טוערס. אַנדערע בונדישע טוער פלעגען קומען צופאָהרען פון צייט צו צייט.

אַ באַזונדערע קאָלאָניע האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט די ציוניסטען. זיי האָבען געהאַט זייערע אַ באַזונדערע קיך און פלע־גען זיך האַלטען אָן אַ זייט. מען פלעגט זיך אָבער טרעפען מיט זיי, און איך פערזענליך האָב געהאַט צווישען זיי גוטע פריינד. דער אָנגעזעהענסטער צווישען זיי איז געווען ש. ראָזענפעלד. שפּע־טער איז ער געוואָרען אויס ציוניסט און אַ רעדאַקטאָר פון „פריינד״. לעצטענס האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט צום ציוניזם. דעמאָלט איז ער געווען איינער פון די אָנפיהרער פון דער אַזוי גערופענער „דעמאָקראַטישער פראַקציע״ אין ציוניזם. דער הויפּט פיהרער פון דער פראַקציע, דר. חיים ווייצמאַן, דער איצטיגער פּרעזידענט

פון דער אַלוועלטליכער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, האָט דאַמאָלט געוואוינט אין זשענעווא, פלעגט אָבער אָפט אריבערקומען אין בערן. דאָרטען האָט געוואוינט זיין געוועזענע כלה, זעהר אַ סימפּאַטישע סטודענטקע; זי איז געווען מיינע אַ פריינדין, און ניט קוקענדיג אויף די שאַרפסטע חלוקי דעות, פלעג איך מיט איהר גאַנצען קרייז לעבען זעהר גוט. אויך מיט ווייצמאַן'ען פלעגען מיר אַלע יענע יאָהרען זיין אין פריינדליכע באַציהונגען (מיט אַ פּאָר יאָהר שפּע־טער איז ער אַוועקגעפאָהרען אין ענגלאַנד, און איך האָב איהם מעהר ניט געזעהן). אַ צווייטער אָנגעזעהנער ציוניסט איז געווען דר. קיסין, וועלכער איז שפּעטער אַוועקגעפאָהרען קיין ארץ ישראל. איך פלעג זיך אָפט טרעפען מיט דער גאַנצער חברה, און אפילו זיך אריינכאַפּען צו זיי אויף זייערע פאַרזאַמלונגען. מיין באַציהונג צום ציוניזם האָט זיך אָבער צוליב די דאָזיגע פערזענליכע באַ־ציהונגען ניט געביטען.

אין דער סאָציאַליסטישער קאָלאָניע האָט יעדע ריכטונג געהאַט איהר אָרגאַניזירטען קערנדעל, אַ „קרייז" און אַ מחנה סימפּאַטיי־זער. די גרעסטע סימפּאַטיעס האָט אין דער קאָלאָניע געהאַט דער „בונד".

איך געדענק באַלד אין די ערשטע טעג פון מיין לעבען אין בערן פלעגט מיר טעומין ווייזען אויף דער גאַס פאַרשידענע מענ־שען און זאָגען: דאָס איז אַ „בונדיסט". איך בין דעמאָלט גע־ווען נאָך אַ גרינער, און אין דער ערשטער צייט האָב איך ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס הייסט. דאָס וואָרט „בונדיסט" איז מיר נאָך געווען פרעמד. אין רוסלאַנד פלעגען מיר איהם ניט געברויכען. ווען מען געפינט זיך אין דער באַוועגונג גופא — אין אַ מינסק, למשל, אָדער אין אַ ווילנא — ארבייט מען אין „בונד"; דאָס איז פאַרשטענדליך. אָבער וואָס הייסט דאָס: זיין אַ „בונדיסט" אין בערן, אין דער שווייץ, וואו עס איז ניטאָ קיין אידישע ארביי־טער־באַוועגונג? אין גיכען האָב איך אָבער פאַרשטאַנען, אַז אויך דאָ קען מען ארבייטען לטובת דעם „בונד". מען קלייבט געלד, מען גיט אַרויס ליטעראַטור, מען גרייט צו מענשען, וואָס וועלען פאָהרען ארבייטען. מ'דאַרף דאָך האָבען אַ צוגעגרייטע אינטעליגענץ. גראָד דער לעצטער צוזאַמענפאָהר פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען בעת איך בין געזעסען אין טורמע, האָט באַשלאָסען צו ווענדען אַ גרוי־

סע אויפמערקזאַמקייט אויף דער אַרבייט צווישען דער אינטעלי־גענץ. און די אויסלענדישע סטודענטישע קאָלאָניעס זיינען געווען אַ גרייט פעלד פאַר אַזאַ טעטיגקייט. אין בערן האָט זיך געפונען אַ גרופּע זעהר ענערגישע און העכסט איבערגעבענע טוער, און זיי האָבען געפיהרט זייער אַרבייט מיט'ן גרעסטען ערפאָלג. בערן איז געוואָרען אַן אמת'ע בונדישע פעסטונג, און אַ סך פון די מענשען, וואָס זיינען דעמאָלט אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער באַוועגונג, זיינען שפּעטער געוואָרען ניצליכע און וויכטיגע טוער אין רוסלאַנד.

אין עטליכע וואָכען אַרום, נאָכדעם ווי מען האָט זיך מיט מיר באַקאַנט אין בערן, האָט מען מיר פאָרגעלייגט צו ווערען אַ מיטגליד אין דער בונדישער גרופּע. די דאָזיגע אויסלענדישע גרופּען אונ־זערע זיינען געווען שטרענג קאָנספּיראַטיוו. נישט בלויז דער זייטיגער עולם האָט ניט געוואוסט ווער איז אַ מיטגליד אין דער גרופּע, נאָר אפילו די עקזיסטענץ פון די גרופּען גופא איז געווען אַ גרויסער סוד. און אַז מען פלעגט פאָרלעגען אימיצען אַריינצוטרע־טען אין דער גרופּע, פלעגט מען איהם פרעגען: צו וואָלט איהר וועלען אַריינטרעטען אין אַ בונדישע גרופּע, אויב עס וואָלט זיך אַזעלכע געבילדעט? איך האָב, פאַרשטעהט זיך, געגעבען מיין הסכמה, און בין אַריין אין דער אַרבייט.

.46

„איסקראַ״.

די „קאָלאָניע״ האָט זיך זעהר וועניג געלערנט און זעהר אַ סך פאַרנומען מיט פּאָליטיק. ס׳איז גאַנץ פאַרשטענדליך. מענ־שען זיינען געקומען פון רוסלאַנד — פון דעם אמאָליגען צאַרישען רוסלאַנד — אין די פרייע שווייץ. דאָרטען איז אַלץ פאַרווערט, דאָ איז אַלץ ערלויבט. דאָרטען האָט מען זעלטען ווען געהאַט די מעגליכקייט צו קריגען אַ שטיקעל אונלעגאַלע צייטונג, אָדער אַ קליין ביכעל, געדרוקט אויף אַ דינעם פּאַפּיר און איבערגעשמוגעלט פון אויסלאַנד. דאָס ביכעל איז געווען אַ גרויסע זעלטענהייט און מען פלעגט דאָס לייענען, איבערגעבענדיג פון האַנד צו האַנד, ביז וואַנען עס פלעגט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ צוריבענע און צוריסענע שמאַטקעלע. אָבער דאָ האָט מען געקענט שעפּען מיט ביידע הענד: סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען, סאָ־ציאַליסטישע טוער — אַלץ איז געווען אין דער ברייטסטער מאָס, און עס איז קיין חידוש ניט, אַז די „קאָלאָניע״ איז געווען פול אָנ־געזאַפּט מיט פּאָליטיק. די סטודענטישע מאַסע איז געווען אַ גרוי־סער רעזערוואואַר פון לעבעדיגע יונגע כחות, פון וועלכען יעדע פּאַרטיי־גרופּע און פּאַרט־ריכטונג פלעגט שעפּען איהר מענשען־מאַטעריאַל. און דער פּאַרטיי־קאַמף פלעגט שטענדיג פלאַקערען מיט׳ן פולען ברען.

געקעמפט האָט מען שאַרף און היציג. אָבער צווישען אַלע פּאַרטיי־גרופּען איז דאָ געווען איינע, נאָך אַ יונגע, נאָך אַ שוואַכע, וועלכע איז געווען דער גרעסטער שייגעץ פון אַלעמען, און דאָס איז געווען די „איסקראַ״.

„איסקראַ״ (אַ רוסיש וואָרט, וואָס דער טייטש איז „דער פונק״), איז געווען דער נאָמען פון אַ צייטונג, וואָס האָט אין יענער צייט אָנגעהויבען צו ערשיינען. ס׳איז אָבער געווען מעהר ווי

א צייטונג. דער נאָמען „איסקריזם" איז געוואָרען א באַצייכנונג פון א שיטה, פון א ריכטונג; און די דאָזיגע שיטה איז אייגענט־ליך, אין תוך גענומען, געווען דער קערענדעל פון דעם איצטיגען באָלשעוויזם.

אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען האָב איך דערמאָהנט וועגען די „עקאָנאָמיסטען", — וועגען יענער ריכטונג אין דער רו־סישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט געזוכט, טאַפּענדיג אין דער פינסטערניש — וועגען און מיטלען, ווי אַזוי אַריינצודרינגען אין די טיפעניש פון די רוסישע אַרבייטער־מאַסען. זי האָט גע־מיינט, אַז דער בעסטער וועג איז — אָנצוהויבען פון א ריין־עקאָנאָ־מישען קאַמפּף, אוועקלייגענדיג דערווייל אָן א זייט די ברייטערע פּאָליטישע אויפגאַבען. זי האָט געהאַט א טיפען צוטרוי צו דעם לעבענס־חוש פון דער אַרבייטער־מאַסע, און זי איז געווען זיכער, אַז כל זמן די דאָזיגע מאַסע וועט זיך שוין דערלאַנגען א ריהר און אַריינגעצויגען ווערען אין א באַוועגונג, וועט זי שוין ממילא גע־פינען דעם ריכטיגען וועג און קומען צו א פולען און ברייטען רע־וואָלוציאָנערען באַוואוסטזיין. די גרויסע מאַסע קומט אָבער נישט צום באַוואוסטזיין פּלוצלינג, מיט איין שפּרונג. זי הויבט זיך אויף לאַנגזאַם פון איין שטופע צו דער צווייטער, און די אויפגאַבע פון די פיהרער איז — צו געהן צוזאַמען מיט דער מאַסע, מיט איין טריט פּאָראויס, אָבער נישט אָפּרייסענדיג זיך פון איהר.

די שיטה פון דער „איסקראַ" איז געווען גאָר אַן אַנדערע. א גרופּע פון גלענצענדע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שרייבער, האָט אַנט־וויקעלט איהר אַרבייט אין יענער צייט, ווען אין די קרייזען פון דער רוסישער אינטעליגענץ האָט זיך ווידער אַמאָל אָנגעהויבען א גרעסערע פּאָליטישע אויפלעבונג. אין אָנהויב 1901 זיינען אין רוסלאַנד ווידער אַמאָל פּאָרגעקומען גרויסע סטודענטישע אונרוהען, נאָך גרעסערע ווי אין יאָהר 1899. ס'איז געווען נישט נאָר א סטודענטישער סטרייק, נאָר אויך גרויסע פּאָליטישע מאַסען־דע־מאָנסטראַציעס. ס'איז פּאָרגעקומען דער ערשטער — נאָך א לאַנ־גער הפסקה — טעראָריסטישער אַקט: דער סטודענט קאַרפּאָוויטש האָט דער'הרג'עט דעם בילדונגס־מיניסטער באָגאָליובאָוו. אויפ'ן אָרט פון דעם דער'הרג'עטען מיניסטער האָט מען באַשטימט גאָר א מיליטערישען מענשען — דעם גענעראַל וואַנאָווסקי. אויף די

אנטייל־נעמער אין דער סטודענטישער באוועגונג האט מען ארויפ־געלייגט נאר א נייע שטראף: גענומען זיי אין מיליטער אלס פראס־טע סאלדאטען. דאס אלעס האט אנגעמאכט אין לאנד א גרויסען רושם. גלייכצייטיג האט מען אנגעהויבען שטארק צו ריידען וועגען דער נויטווענדיגקייט פון א שול־רעפארם. בקיצור, דער פאר־גליווערטער פאליטישער זומפ איז אויפגערודערט געווארען, און עס האט זיך געפיהלט א באדערפניש נאך א שארפען און בולט'ען פאליטישען ווארט. דאס איז געווען די אטמאספערע, אין וועלכער עס איז אויסגעוואקסען די „איסקרא".

די דאזיגע אטמאספערע איז געווען אן אינטעליגענטישע. די ברייטע ארבייטער־מאסען זיינען געווען נאך אלץ זעהר ווייט נישט נאר פון א רעוואלוציאנערען באוואוסטזיין, נאר אפילו פון א פשוט'ען פאליטישען אינטערעס. אבער די אינטעליגענץ איז גע־ווען אונגעדולדיג (די אינטעליגענץ איז שטענדיג אונגעדולדיג). זי האט נישט געוואלט דורכמאכען טריט ביי טריט דעם לאנגען וועג פון די ארבייער־מאסען, ווי דאס האבען געהאט בדעה די „עקאנאמיסטען". פאר איהר אליין איז דאך די זאך געווען אזוי קלאר: די זעלבסטהערשונג איז שעדליך, מען דארף זי אראפּווואר־פען! און זי אזי געוועזן זיכער, אז ס'איז גענוג צו קומען צו דער ארבייטער־מאסע און זאגען איהר די דאזיגע פשוט'ע ווערטער, — און די מאסע וועט זיך באלד אפרופען און זיך נעהמען צו דער זאך...

די ערשטע זאך, מיט וועלכע די „איסקרא" האט אנגעהויבען איהר ארבייט, איז געווען — א פארביטערטער קאמף געגען די „עקאנאמיסטען". דעם דאזיגען קאמף האט נאך מיט א פאר יאהר פריהער אנגעהויבען פלעכאנאוו, אבער איצט האט מען זיך גענומען צו דער זאך מעהר סיסטעמאטיש און ארגאניזירטערהייט.

איהר זייט נישט קיין פיהרער — האט גע'טענה'ט די „איסק־רא" צו די „עקאנאמיסטען". איהר שלעפט זיך נאך דער מאסע. די מאסע האט אבער אזא טבע, אז טאמער לאזט מען איהר געהן מיט איהר נאטירליכען גאנג, פארבלאנדזשעט זי אין בלאטע. דאס שטענדיגע גראבען זיך אין די קליינינקייטען פון ריין־עקאנאמישען קאמף, האט אין זיך א גרויסע סכנה: עס פיהרט צו דעם צו־שטאנד פון דער ענגלישער ארבייטער־באוועגונג, מיט זייערע טרייד־

יוניאָנס, וואָס ווילען זיך ניט אַריינמישען אין קיין שום פּאָלי־טיק, אַ פּשיטה שוין אין אַ סאָציאַליסטישער פּאָליטיק (אַזוי איז עס טאַקע געווען אַמאָל אין ענגלאַנד). די אַרבייטער־באַוועגונג האָט תמיד אַ נייגונג אַראָפּצוגליטשען זיך אָט אין דער דאָזיגער בלאָטע פון פּאָליטישער גלייכגילטיגקייט און עקאָנאָמישער קליינליכקייט. מען טאָר איהר אָבער נישט נאָכגעבען. מען דאַרף זי פיהרען מיט אַ שטאַרקער האַנד און שטענדיג אָוועקשטעלען פאַר דער ברייטער מאַסע די ברייטסטע פּאָליטישע אויפגאַבען אין זייער גאַנצער גרויס.

די דאָזיגע טענות האָבען געהאַט אַ געוויסען גרונד. אויף וויפיל די „איסקראַ" פלעגט אַרויסטרעטען געגען די עקסטרעמע „עקאָנאָמיסטען", געגען יענע, וואָס פלעגען אין גאַנצען אָפּלייקענען אַ זעלבסטשטענדיגע אַרבייטער־פּאָליטיק, איז זי געווען גע־רעכט. די דאָזיגע עקסטרעמע „עקאָנאָמיסטען" זיינען אָבער געווען אַ קליינע, ניט־וויכטיגע גרופּע. די איבעריגע האָבען געשאַפען אַ נוצליכע און וויכטיגע אַרבייט. אודאי זיינען זיי באַגאַנגען פעהלערען, אָבער דער עיקר איז געווען אַ ריכטיגער: זיי האָבען זיך באַצויגען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו דעם מאַסען־לעבען און האָבען זיך באַמיהט אַריינצודרינגען אין די נשמות פון די מאַסען־אַרבייטער. צו זיי האָבען דאָס געמאַכט גוט, צו זיי האָבען דאָס געמאַכט שלעכט — דער ציל גופא איז געווען אַ ריכטיגער און וויכטיגער. אפשר טאַקע דער סאַמע וויכטיגסטער און דער סאַמע נויטיגסטער אין יענער צייט. די „איסקראַ" האָט אָט דאָס נויטיגע און וויכטיגע צעבראָכען. זי האָט זיך געשטעלט איבער דער מאַסע. זי האָט געוואָלט ווערען אַ קאָמאַנדיר. דער רעזולטאַט איז אָבער געווען, וואָס מען האָט אין גאַנצען אָנגעוואָרען די מאַסע און געבליבען אַ אינטעליגענטנער קרייזעל, און דאָס אויף לאַנגע יאָהרען.

דער פיהרער און די נשמה פון דער „איסקראַ" איז געווען לענין. און הגם ער איז אַרומגערינגעלט געווען מיט אַ גאַנצער גרופּע גלענצענדע שרייבער און ערשט־קלאַסיגע טוער (און פאָרמעל האָבען אַלע געהאַט די גלייכע רעכט), האָט ער שוין דעמאָלט אָוועקגעלעגט אויף דער גאַנצער אונטערנעהמונג אַ בולט'ען שטעמפּעל פון זיין פּערזענליכען כאַראַקטער.

ווען כ'האָב איהם געזעהן צום ערשטען מאָל (דאָס איז גע־

ווען, דאכט זיך, אין אָנהויב 1902), בין איך פון איהם נישט נתפעל געוואָרען. אויסערליך האָט ער נישט געמאכט קיין גוּ־טען איינדרוק. לויט דעם, ווי איך האָב פריהער געהערט פון איהם, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט א גרויסען, וויכטיגען, סאָלידען רע־וואָלוציאָנער — איינעם פון דער „שווערער ארטילעריע”. איך האָב אָבער געזעהן פאר מיר א ריהרעוודיגען מענשעלע, א קליינעם (ער איז אייגענטליך נישט קיין קליינער, א מיטעלער, אָבער צוליב די ברייטע פלייצעס זעהט ער אויס קליין), מיט א קליינינטשקען גע־לען בערדעל, מיט א ליסען קאָפּ, מיט קליינינטשקע ברוינע אויי־געלאך. א קלוגער, אָבער ניט קיין אינטעליגענטער פּנים. ס'איז ביי מיר באלד אויפגעקומען דער פארגלייך מיט א געניטען רוסישען תבואה־הענדלער. אזא איינדרוק איז ביי מיר געווען דעמאָלט.

ער האָט דעמאָלט געלייענט א רעפעראט אין בערן. גערעדט גלאַטיג, מיט א שטילער, פארביסענער ענערגיע, טרוקען, אָהן מליצה און אָהן באגייסטערונג. אגב, ס'איז אינטערעסאנט צו דער־מאָהנען : ס'איז יאָ געווען איין זאך , וועגען וועלכער ער פלעגט האַלטען באגייסטערטע רעדעס און ארויסרופען גרויס התפּעלות ביי די צוהערער, און (העכסט כאראקטעריסטיש) ס'איז געווען — די פּאריזער קאָמונע.

אין משך פון די ווייטערדיגע יאָהרען איז מיר אויסגעקומען צו טרעפען זיך מיט לענין'ען א סך מאָל, און איך וועל נאָך ריי־דען וועגען איהם אין די ווייטערדיגע קאפּיטלען. איך האַלט דער־ווייל ביי דער כאראקטעריסטיק פון דער „איסקרא”, און דאָ איז וויכטיג פעסטצושטעלען צוויי אייגענשאפטען פון לענין'ס כאראק־טער. **און דאָס איז, ערשטענס, די שטארקע פויסט, און צווייטענס, דער גרויסער אונצוטרוי צו די מענשען.**

לענין איז אַן אייזערנער מענש. ער האָט די פעהיגקייט צו הערשען און דעם ווילען צו הערשען. ער ווייס, וואָס ער וויל. און ווען ער וויל עפּעס, טוט ער דאָס. ער שטעלט זיך נישט אָפּ פאר קיין זאך. ווען ער וויל דורכפיהרען א באשלוס, און ער איז אין דער מינדערהייט, ארט דאָס איהם זעהר ווייניג. ער גיט זיך אַן עצה : ער ווארפט זיך אויף די געגנער מיט א ווילדען אימפּעט און ציהט אריבער דעם עולם אויף זיין זייט, — האָט ער שוין די מעהרהייט. אָדער, ווען דאָס לאָזט זיך ניט מאכען —

שרעקט ער זיך ניט אָפּ פאַר א פּאָר „אונשולדיגע" קונצען, מיט וועלכע מען שאַפט זיך א מעהרהייט אפילו דעמאָלט, ווען זי איז פּאַקטיש ניטאָ... און ווען דאָס גיט זיך אויך ניט איין, נעהמט ער זיך צו שפּאַלטונג און מאַכט שבת פאַר זיך. אזוי אָדער אַנדערש, אָבער דאָס וואָס ער וויל פיהרט ער דורך. און אין דעם זין איז ער טאַקע אַ געבאָרענער דיקטאַטאָר.

און די צווייטע זאך: ער גלויבט אייך נישט. ווען איהר רעדט מיט איהם, קוקט ער אויף אייך מיט זיינע קליינע אויגעלאַך, אַזוי אַביסעל פון דער זייט, מיט אַ פּיפיגען גזלן'ישען שמייכעל, גלייך, ווי ער וואָלט געזאָגט: ס'איז נאָך ניטאָ קיין איין וואָרט אמת אין דעם, וואָס דו זאָגסט! אָבער מילא, רעד ווייטער; מיך וועסטו ניט אָפּנאַרען".

אָט דער מענש גלויבט קיינעם ניט און פאַרטרויט קיינעם ניט, נאָר זיך אַליין. דאָס איז אָבער ביי איהם ניט קיין פאַרליבטקייט אין זיך אַליין, ניט קיין אַרומטראָגען זיך און צאַצקען זיך מיט דער אייגענער פּערזאָן, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגען ביי מאַנכע אַנדערע. אין דער הינזיכט איז ער דער דירעקטער היפּוך פון טראָצקי; יענער איז אַ „איך"־מענש. ביי לענין'ען אין מויל הערט מען גאָר ניט דאָס וואָרט „איך". אָבער ער גלויבט פאָרט קיינעם, ניט, און ווען ער האָט די קראַפט צו הערשען אַליין — הערשט ער. ניט צוליב זיין אַמביציע, נאָר פּשוט עס קומט אויס אַזוי.

אָט די צוויי אייגענשאַפטען פון לענין'ס כאַראַקטער האָבען זיך בולט אָפּגעשפּיגעלט אויף דעם גייסטיגען פּנים פון דער „איסקראַ". דער אונצוטרוי צו די אַרבייטער־מאַסען, דער פאַרלאַנג פון אַ פעסטער האַנד וואָס זאָל זיי פיהרען, אַניט וועלען זיי פאַרבלאָנדזשען אין אַ בלאָטע — דאָס איז לענין. און דער אָרגאַניזאַציאָנס־פּלאַן פון דער „איסקראַ" — דאָס איז געווען הונדערט פּראָצענט לענין. דער פּלאַן איז געווען העכסט אינטערעסאַנט.

ס'איז געווען די פראַגע, ווי אזוי דאַרף מען אויפבויען די פּאַרטיי. פון וואָס הויבט מען אָן? דאַכט זיך, ס'איז דאָ אַ נאַטירליכער, דער איינציג נאַטירליכער וועג: אין דעם קאַמף פון די אַרבייטער־מאַסען וואַקסען אויס די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, ווערען שטאַרקער, פאַרצווייגען זיך, פאַרבינדען זיך, פאַר־

איינינען זיך — און עס ווערט אַ פּאַרטיי. לעני׳ס פּלאַן איז אָבער געווען פּונקט אַ פאַרקעהרטער: דער אָנהויב האָט גע־דאַרפט קומען ניט פון דעם פונדאַמענט, נאָר פון דאַך. דער אָנ־הויב איז פאַר איהם געווען — די צייטונג, אַט טאַקע די „איס־קרא" גופא, אַרויסגעגעבען ווייט אין אויסלאַנד פון אַ קליינעם הייפעל עמיגראַנטען. די רעדאַקציע פון דער „איסקרא" דאַרף האָבען אין די רוסישע שטעדט איהרע אַגענטען, וואָס וועלען פאַר־שפּרייטען די צייטונג און פאַרבינדען זיך מיט די לעזער. און אַט פון דעם נעץ צייטונגס־אַגענטען דאַרף אויסוואַקסען די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

וואָס איז געווען דער זין פון דעם אויפּטו? אַ גאַנץ פּשוט׳ער. מען האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צו די אָרטיגע טוער און צו די אָרטיגע אַרבייטער־מאַסען. האָט מען געוואָלט באַוואָרענען זיך אַליין מיט דער פּאַרטיי־ממשלה: אַט דאָס הייפעל עמיגראַנטען מוז בלייבען דער בעל־הבית אין דער פּאַרטיי, און אין דעם היי־פעל אינווענינג איז דער בעל הבית געווען לענין. מיט אַנדער־האַלבען צעהנדליג יאָהר איידער ער איז געוואָרען דער דיקטאַ־טאָר פון רוסלאַנד, האָט זיך לענין שוין געשאַפען אַ קליינע דיק־טאַטור אין די שמאָלע ד׳ אמות פון אַן אונלעגאַלער פּאַרטיי...

ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, איז דער „איסקריזם" געווען אַ קערנדעל פון דער שפּעטערדיגער באָלשעוויסטישער שיטה. אָבער די צושפּאַלטונג אויף „באָלשעוויקעס" און „מענ־שעוויקעס" איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער, און אויך די דאָזיגע נעמען זיינען אויפגעקומען ערשט אין יאהר 1903. אין דער צייט, וועגען וועלכער איך רייד איצט (1901—1902), זיינען די צוקינפטיגע פיהרער פון מענשעוויזם געווען מיט לע־נינ׳ען. נאָך מעהר, מיט׳ן אויסנאַהם פון לענינ׳ען איז כמעט די גאַנצע אויסלענדישע גרופּע פון דער „איסקרא" באַשטאַנען פון די צוקונפטיגע מענשעוויקעס. די אָנגעזעהענסטע „איסקראָוצעס" זיינען געווען: פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, מאַרטאָוו, דאַן און פּאָט־רעסאָוו (סטאַראָווער).

אויב לענין איז געווען דער פּאַקטישער טאָנגעבער אין דער פּאָליטיק פון דער „איסקרא", איז פּלעכאַנאָוו געווען דער אָנער־קענטער גייסטיגער פיהרער, דער פּאָטער פון דער רוסישער סאָ־

ציאַל־דעמאָקראַטיע. צום ערשטען מאָל האָב איך איהם געזעהן דעם 1טען מאַי, 1902, ווען די בערנער קאָלאָניע האָט איהם איינגעלאַדען צו קומען רעדען אויף אַ מאַי־פאַרזאַמלונג. איך האָב געוואַרט אויפ'ן דאָזיגען אָווענד מיט דער גרעסטער אונגעדולד. דער נאָמען „פּלעכאַנאָוו" איז פאַר אונז אַלעמען געווען ממש אַ סימוואָל פון דער רוסישער ארבייטער־באַוועגונג; איך האָב זיך געריכט צו זעהן און צו הערען עפּעס אויסערגעוועהנליכעס: איך האָב זיך אויסגעמאָלט אין מיין פאַנטאַזיע אַ גיבור, אַ לייב, מיט אַ דונער־שטים מיט אַ פייערדיגען כח־הדבור, — אַ העלדישע געשטאַלט, וואָס רופט אַרויס אַ ציטער פון אויפרעגונג און התפעלות. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך בין געוואָרען ענטטוישט. עס האָט זיך באַוויזען אויף דער טריבונע אַ דזשענטעלמען אין די מיטעלע יאָהרען, גוט בעל־הבית'יש אָנגעטאָן, טאַקע מיט אַ זעהר אינטערעסאַנטען פּנים, מיט זעלטען קלוגע, שאַרפע אויגען, אָבער — וואָכעדיג. אָנשטאָט אַ דונער־רעדע, האָב איך פּלוצלונג דערהערט גאָר אַ ניכטערע הקדמה. די ערשטע ווערטער פון פּלעכאַנאָוו'ען זיינען געווען: „איך בין אַרויסגעפאָהרען היינט אין דער פריה פון זשענעוו, געפאָהרען מיט זעהר אַ שלעכטען צוג, וואָס האָט זיך קוים געשלעפּט און וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַלע סטאַנציעס, און איך בין געוואָרען זעהר אויסגעמאַטערט. איהר דאַרפט מיר דעריבער מוחל זיין, אויב איך וועל ניט קענען רעדען גענוג הויך". די דאָזיגע וואָכעדיגע ווערטער האָבען ביי מיר באַלד אויפ'ן אָרט איבערגעפיהרט די גאַנצע שטימונג. און די וויטערדיגע רעדע איז אויך געווען גאַנץ וואָסערדיג און האָט ניט געמאַכט קיין איינדרוק. גראָד דאָס, אויף וואָס איך האָב געוואַרט, האָט געפעהלט: דער פּאַפאָס פון באַגייסטערונג.

ערשט אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ווען איך בין שוין אליין געוואָרען אַביסעל געניטער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיגער איינדרוק מיינער איז געווען אַ גאַנץ נאַאיווער. איך האָב פאַרשטאַנען — פון מיין אייגענער פּראַקטיק — אַז ס'איז ניט אזוי גרינג אָוועקצושטעלען זיך פאַר אַ פרעמדען, קאַלטען עולם, בפרט נאָך אין אַן אויסלענדישער „קאָלאָניע" טויזענד וויאָרסט וויט פון דעם אמת'ן קאַמף־פּלאַץ, און — ווערען באַגייסטערט.

אין אמת׳ן איז פלעכאנאָוו געווען פאַרט א גלענצענדער רעדנער. אָבער „פעסט־רעדעס“, ווי די דייטשען רופען דאָס אָן, דאָס הייסט יום־טוב׳דיגע, פּאַראַד־רעדעס — דאָס איז נישט געווען זיין פאַך. און ווען אַ מענש נעהמט זיך צו אַ זאַך, וואָס ענטשפּרעכט ניט זיין כאַראַקטער, קומט דאָס ארויס קינסטליך און נישט גוט. כמעט אַלע מאָל ווען פלעכאנאָוו פלעגט פּראוואוען ריידען מיט א געהויבענעם טאָן, פלעגט דאָס ביי איהם זיין טעאַטראַליש. ס׳איז אויך געווען קענטיג די ווירקונג פון דער פראַנצויזישער סביבה מיט איהר נויגונג צו טעאטראַלישער דעקלאַמאַציע. פלעכאנאָוו איז געווען בטבע ניט קיין געפיהל־מענש, נאָר אַ שכל־מענש, מיט אַן אויסערגעוועהנליכען שאַרפען מח. און זיין גרעסטע קראַפט איז געווען — פּאָלעמיק. אין א דיסקוסיע איז ער געווען ניט צו באַזיגען. אַזא שאַרפע צונג, אַזא שטעכיגען וויץ האָב איך נאָך ביי קיינעם ניט געטראָפען. אָבער אין א מאַי־רעדע האָב איך געזוכט התפעלות, — און דאָס האָב איך נישט געפונען.

חוץ לעניג׳ען און פלעכאנאָוו׳ן האָט די „קאָלאָניע“ געהאַט די געלעגענהייט צו הערען מאַרטאָוו׳ן. ער פלעגט דעמאָלט ארומפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט און פיהרען א קאַמף מיט א צווייטער גרופּע פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען. עס פלעגט דעמאָלט ארויסגעהן אין אויסלאַנד נאָך א צווייטער אָרגאַן: „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“ („די ארבייטער־זאַך“) ארויסגעגעבען פון דעם „פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען“. די „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“ איז געווען עלטער פון דער „איסקרא“ און איז געשטאַנען נעהנטער צו די „עקאָנאָמיסטען“. פלעגט זי ווערען באַקעמפט פון דער „איסקרא“ מיט דער גרעסטער פאַרבי־סענקייט. צוויי פאָרשטעהער פון דעם דאָזיגען אָרגאַן — מאַר־טונאָוו און אַקימאָוו — זיינען דעמאָלט געפאָהרען פון איין קאָ־לאָניע אין די צווייטע, געלייענט רעפעראַטען און פאַרטיידיגט זייער פאָזיציע. מאַרטאָוו פלעגט נאָכפאָהרען נאָך זיי און פיהרען מיט זיי אַ דיסקוסיע. ווי דער שטייגער איז, האָט זיך אַזאַ דיס־קוסיע געצויגען ביי אונז אין בערן עטליכע טעג נאָכ־אַנאַנד. מאַרטאָוו איז קיינמאָל ניט געווען קיין רעד־נער. ער האָט נישט קיין שטים און ניט קיין קלאָרע

אויסשפּראַך, און קען ניט ווירקען אויף'ן ברייטען עולם. קיין ברייטע סימפּאַטיעס אין דער קאָלאָניע האָט דעמאָלט די „איסקראַ" נט געהאַט, זי איז געווען אַ פּריש־אויפגעקומענע גרופּע, און די „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" איז געווען פון לאַנג איינגעפונדעוועט. זיי־נען מאַרטינאָוו מיט אַקימאָוו'ן געבליבען די זיגער. דער זיג איז אָבער געווען אַ ציימווייליגער. די שטימונג פון דער יוגענד בייט זיך זעהר גיך, און אין אַ פּאָר יאָהר אַרום איז פון דער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" ניט געבליבען קיין זכר. די „איסקראַ" האָט פּאַרט געזיגט. אמת, באַלד נאָכ'ן זיג האָט זי זיך אַליין צושפּאָלטען, און דער אַל־טער קאַמף האָט זיך צוריק אָנגעהויבען אונטער אַ נייעם נאָמען און ביי אַ נייער גרופּירונג פון די מענשען. אָבער וועגען דעם וועט מיר אויסקומען צו דערצעהלען שפּעטער.

47.

דער „בונדיזם"

אין איהר שטרעבען צו ווערען דער גאַנצער בעל הבית אויף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גאַס, האָט זיך די „איסקראַ" באַלד פון אָנהויב אָנגעשטויסען אָן דעם „בונד", און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ פאַרביסענער קאַמף.

ס'איז שוין פריהער אָנגעוויזען געוואָרען, אַז לענין'ס פּלאַן ווי אַזוי צו בויען די פּאַרטיי איז געווען: „פון אויבען אַראָפּ". די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פריהער אויסגעוואַקסען, דאַרפען איגנאָרירט אָדער צוריבען ווערען. עס דאַרף געשאַפען ווערען אַ ליידיג אָרט, און אויף דעם דאָזיגען הוילען פּלאַץ אויפגעבויט ווערען אַ נעץ פון אַגענטען, וואָס וועלען דורכפיהרען די באַפעהלען פון דעם אויסלענדישען צענטר. אין אַלגעמיין איז דער דאָזיגער פּלאַן דורכגעפיהרט געוואָרען, ניט אָנטרעפענדיג קיין גרויסען ווידערשטאַנד. די אַלטע אָרגאַניזאַציעס זיינען טאַקע געווען שוואַך, צוזייט און צושפּרייט, און ס'איז געווען גרינג פון זיי פּטור צו ווערען. אין איין אָרט האָט מען זיך אָבער יאָ אָנגעשטויסען אָן אַן אונגעריכטע מניעה; און דאָס איז געווען דער „בונד". די בונדישע אָרגאַניזאַציע איז געווען די גרעסטע און שטאַרקסטע אין לאַנד. פאַרשפּרייט איבער צעהנדליגע שטעדט און שטעדטלאַך, פעסט פאַרקניפּט אין איין שטאַרקען פאַרבאַנד, צונויפגעוואַקסען מיט די ברייטעסטע אַרבייטער־מאַסען, איז עס געווען אַן איינהייטליכער אָרגאַניזם, אַ לעבעדיגער גוף מיט אַ גוואַלדיגער אינוועניגסטער לעבענס־קראַפט, מיט אַן אייגענאַרטיגען פּנים און באַזונדערע באַדערפעונישען. דער דאָזיגער לעבעדיגער אָרגאַניזם האָט זיך ניט געוואָלט און ניט געקאָנט לאָזען פאַנאַנדערשיטען, פאַנאַדערברעקלען, כדי איבערצולאָזען נאָך זיך אַ פוסטען אָרט, וואו עס וועלען קענען אַרומשפּרייזען די אַגענטען

פון דער „איסקרא". און דעריבער איז ער געשטאַנען ווי אַ בייז אין האַלז פון די „איסקרא"־לייט, און זיי האָבען באַשלאָסען איהם צו פאַרשלינגען אָדער צו פאַרניכטען פאַר יעדען פּרייז.

גראַד דעמאָלט, — אין אַפּריל 1901 — איז פאָרגעקומען דער פיערטער צוזאַמענפאָהר פון „בונד" — איינער פון די וויכטיגסטע אין זיין גאַנצער געשיכטע. און גראַד דער צוזאַמענפאָהר האָט צווישען אַנדערס אָנגענומען אַ באַשלוס וועגען דעם אָרט וואָס דער „בונד" דאַרף פאַרנעהמען אין די רייהען פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

דער „בונד" איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער רוסלענדער פּאַרטיי. אויפ'ן ערשטען גרינדונגס־צוזאַמענפאָהר (1898) איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז דער „בונד" געהט אריין אין די פּאַרטיי אַלס אַן אויטאָנאָמער טייל פון איהר. דער פערטער צוזאַמענפאָהר פון „בונד" איז געגאַנגען אַ טריט ווייטער און האָט ערקלעהרט, אַז די פּאַרטיי דאַרף געבויט ווערען אויף פעדעראַטיווע יסודות; זי דאַרף באַשטעהען פון אַ רייהע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס — רוסישע, פּוילישע, אידישע, לעטישע א. אז. וו. און אַלע צוזאַמען זאָלען בילדען די אַלגעמיינע פּאַרטיי. ס'איז געווען אַ דורכאויס ריכטיגער באַשלוס. נאָך מעהר, ס'איז געווען דער איינציגער מיטעל, ווי צו שאַפען אַ באמת גרויסע און פעסטע פּאַרטיי, אָבער די „איסקרא"־לייט האָבען זיך צוגעטשעפּעט צו דעם וואָרט „פעדעראַציע" און געפונען אַז דאָס וואָרט איז טריף און די זאַך — נאָך טריפ'ער (היינט צו טאָג שטעהט דאָס וואָרט „פעדעראַציע" אפילו אין דעם נאָמען פון דער רוסישען סאָוועטען רעפּובליק. מען מעג שוין!) און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ געשריי וועגען דעם, אַז דער „בונד" שטרעבט צו סעפּאַראַטיזם, אַז דער „בונד" פּריידיגט נאַציאָנאַליזם, שאָוועניזם און ווי די אַלע שעהנע זאַכען הייסען.

ס'איז אָבער געווען נאָך אַ צווייטער, אַ סך מעהר וויכטיגער באַשלוס, אָנגענומען פון דעם זעלבען בונדישען צוזאַמענפאָהר. עס איז געווען דאָס פּראָגראַם פון נאַציאָנאַל קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין דעם מלוכה־לעבען. און ס'איז געווען אַן ערקלעהרונג, אַז די אידען זיינען אויך אַ נאַציע. אָט דאָס האָט ארויסגערופען נאָך אַ גרעסערען שטורם.

די „איסקראַ"־לייט (ווי דאָס רוב רוסישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטען בכלל) האָבען וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע געהאַט אַ העכסט שוואַכען בעגריף. זיי פלעגען זיך מיט איהר אין גאַנצען ניט אינטערעסירען און האָבען געהאַלטען, אַז דאָס איז בכלל אַ בורזשואַזע זאַך. וואָס איז אָבער שייך ספּעציעל די אידען, האָבען זיי געהאַט אין זייערע רייהען גענוג אידישע חברים, וועלכע זיינען געווען געשטימט דורכאויס אַסימיליאַטאָריש און פלעגען זיין די פאַרביסענסטע געגנער פון אידישען נאַציאָנאַלען געדאַנק. די אי־דען זיינען ניט קיין נאַציע, די אידישע שפּראַך איז אַ מיאוסער „זשאַרגאָן" און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. און אויב דער „בונד" דערוועגט זיך אַרויסצושטעלען נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, איז עס אַ נייער סימן פון זיין נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם.

אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבען אַ פאַרביסענע אַטאַקע. דער־צו האָט מען די בונדישע פאָדערונגען פאַרשטאַנען שלעכט און פאַלש און אויסגעטייטשט זיי נאָך ערגער און נאָך פאַלשער, און ס'האָט זיך געשאַפען אַן אַטמאָספערע פון אַ היציגער פיינדשאַפט און ליידענשאַפטליכער פאָלעמיק. דער דאָזיגער קאַמף האָט זיך געצויגען יאָהרען־לאַנג און האָט געבראַכט דערצו, אַז אין 1903 איז דער „בונד" ממש אַרויסגעשטופּט געוואָרען פון דער פאַרטיי. אָבער דער ערפאָלג, אויף וועלכער די „איסקראַ"־לייט האָבען גע־האָפט, איז נישט געקומען. פאַרקעהרט, דער בונדישער געדאַנק איז פון דעם דאָזיגען קאַמף אַרויס מיט אַ גרעסערער קלאָהרקייט און גרעסערער קראַפט.

אָט אין דער אַטמאָספערע פון פאָלעמיק און קאַמף האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעוויקעלט אויך ביי מיר דער „בונדישער פּאַט־ריאָטיזם". פריהער, ביי דער אַרבייט אין מינסק, פלעגט מיר אין קאָפּ ניט אַריינפאַלען אַזאַ פראַגע: צי דאַרף מען האָבען דעם „בונד"? ס'איז גאָר קיין פראַגע נישט געווען. דער „בונדיזם" איז געווען ווי די געזונדהייט: מען האָט זי און מען פיהלט זי נישט. דאָ אָבער, אין אויסלאַנד, האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס האָבען יאָ אַוועקגעשטעלט די פראַגע און טאַקע פאַרענט־פערט איהר „אויף נישט". דער דאָזיגער ענטפער איז פאַר מיר געווען — און געבליבען ביז'ן היינטיגען טאָג — אַ ווילדער און נאַרישער. אין דער געגנערשאַפט צום „בונד" איז דאָ געווען עפּעס

ווי א מין קנאה פון א קראנקען מענשען צו א געזונטען. האָב איך זיך טאַקע דעמאָלט אָפּגעגעבען א דין וחשבון, אז מיר זיינען געזונד. האָב איך זיך טאַקע גענומען טיעפער אריינטראַכטען אין דעם עצם פון „בונד" און וואָס מעהר איך האָב געטראַכט, אַלץ טיעפער בין איך צוגעבונדען געוואָרען.

פון דער ווייטענס זעהט מען אמאָל בעסער. פון דער ווייטענס פיהלט מען אמאָל שטאַרקער. און ערשט אין די שווייצער בערג, טויזענדער ווייאַרסט ווייט פון דער אידישער ארבייטער־גאַס, איז פאַר מיר אויפגעשטאַנען אין דער גאַנצער גרויס און שעהנקייט די געשטאַלט פון „בונד".

דער „בונד" איז געווען די לעבעדיגע לייזונג פון יענער אויפגאַבע, וועגען וועלכער איז האָב אמאָל געשמועסט ביינאַכט אויפ'ן קליינעם שיפעל אונטער'ן שטאָדט ביי אונז אין מינסק. די גרויסע פראַגע, ווי אזוי צונויפצוגיסען די צוויי שטראָמען פון וועלכע עס מוז געשאַפען ווערען די סאָציאַליסטישע באוועגונג — דער שטראָם פון אינטעליגענטען געדאַנק און פון ארבייטער־באוועגונג, — דאָס פון „אויבען אראָפּ" און „פון אונטער ארויף" — די דאָזיגע פראַגע האָט דער „בונד" געלעזט. און אין יענע צייטען איז ער געווען דער איינציגער אין דער גאַנצער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

פאַר וואָס האָט דאָס גראָד דער אידישער ארבייטער געהאַט די זכיה צו זיין די שעהנע אויסנאַהם, ווייס איך נישט. אָבער אזוי איז עס געווען. דער „בונד" איז שוין דעמאָלט געווען א פּאַרטיי און נישט קיין אינטעליגענטישע קלייזעל. פון אויבען ביז אראָפּ און פון די אונטערשטע מאַסען־שיכטען ביז ארויף צום צענטר האָט זיך געפיהלט אין איהם דער דופק פון אמת'ען קערענדיגען ארבייטער־לעבען. ס'איז געווען איין גרויסער גוף און איין גרויסע נשמה. אין די אומלעגאַלע באַדינגונגען פון יענע יאָהרען איז ער געווען די איינציגע אמת'ע אָרגאַניזאַציע פון ברייטע ארבייטער־מאַסען. די איבעריגע פלעגען זיין געווידמעט די ארבייטער־אינטערעסען. דער „בונד" איז אָבער באַשטאַנען פון די ארבייטער גופא.

און גלייכצייטיג האָט ער געהאַט אין זיך א צווייטע זאַך. ער איז געווען ווי איין גרויסע משפחה. א כאַראַקטעריסטישער שטריך האָט זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען אויף איינעם פון די בונדישע

צוזאַמענפאָהרען. עס זיינען געקומען צו פאָהרען עטליכע צעהנדליג מענשען פון די פארשידענסטע שטעדט און שטעדטלאך; מאנכע זיינען אין גאַנצען נישט געווען באַקאַנט איינער מיט׳ן צווייטען, צום ערשטען מאָל זיך געטראָפען ערשט דאָ, בעת די זיצונגען. אָבער ווען דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך געענדיגט, האָבען זיך פאר׳ן פאַנאַנדערפאָהרען אַלע צוקושט איינער מיט׳ן צווייטען. דאָס געפיהל פון ברידערליכקייט!

דאָס איז בלויז איין שטריך, איין ביישפּיעל. די זאַך גופא, וועלכע איך וויל קלאָר מאַכען, באַשטעהט אין עפּעס אַ געהיימניספולען ספּעציפישען גייסט, וואָס פלעגט הערשען אין די בונדישע רייהען. און אַ דאַנק דעם דאָזיגען אייגענאַרטיגען גייסט, איז דער „בונד" געוואָרען ניט סתם אַן ארבייטער־פּאַרטיי, נישט גלאַט אַ מאַסען־אָרגאַניזאַציע, נאָר באמת אַ לעבעדיגע באַשעפעניש מיט זיין באַזונדערען פּנים, מיט זיין באַזונדערען כאַראַקטער, — גלייך ווי אַ מענשליכע פּערזענליכקייט, וואָס איז ליב און טייער. און מען האָט טאַקע ליב געהאַט די דאָזיגע קאָלעקטיווע פּערזענליכקייט, און איהר פּנים איז געווען הייליג און טייער. ס׳איז געווען מעהר ווי אַן איבערגעבענקייט צו אַן אידעע אָדער צו אַ זאַך; ס׳איז געווען ממש אַ פּערזענליכע פאַרליבטקייט.

אַנדערע האָבען זיך געקרימט איבער אונזער „בונדישען פּאַטריאָטיזם". וואייטער קנאה! מיר זיינען שטאָלץ געווען מיט אונזער געפיהל. און דאָס מיט׳ן פולען רעכט. די יעניגע, ביי וועמען דאָס געפיהל איז פארבליבען ביז׳ן היינטיגען טאָג, מעגען דאָס היטען, ווי אַ טייערען אוצר.

.48

מיין לעבען אין בערן.

איך האָב ליב געהאַט בערן און האָב זיך געפיהלט היימיש. באַקאַנטע האָב איך געהאַט אויף יעדן טריט און שריט. מיט 12 יאָהר שפּעטער, זיצענדיג אין טורמע און האָבענדיג זעהר אַ סך פרייע צייט, האָב איך זיך גענומען צו דערמאָהנען די נעמען פון די אַלע מיינע בקאַנטע אין דעם משך פון די אָנדערהאַלבען יאָהר, וואָס איך האָב דאָרטען פאַרבראַכט. איך האָב אָנגעצעהלט איבער 80 מיידלאַך און אַ פּאָר צעהנדליג מענער, און וויפיל האָב איך פאַרגעסען אין די 12 יאָהר!

די גרעסטע מעהרהייט זיינען געווען נייע באַקאַנטע; ס'איז אָבער געווען אויך עטליכע אַלטע פריינד, נאָך פון מינסק. חוץ טעומינ'ען זיינען אין בערן געווען נאָך צוויי מיידלעך פון יענע דריי מינסקער פריינדינען, וועגען וועלכע איך האָב פריהער געשריבען. איך פלעג ביי זיי זיין אַ טאָג־טעגליכער גאַסט און זיי פלעגען זאָרגען וועגען מיר מיט אַ שוועסטערליכער האַרציגקייט.

און דאָך האָב איך געבענקט. און נאָך ווי געבענקט! ס'איז געווען די זעלבע שטעכעדיגע, בייסענדע בענקשאַפט, וועלכע פלעגט מיך אַמאָל פּייניגען אין מיינע סטודענטישע יאָהרען אין קיעוו. דעמאָלט האָב איך אָבער געוואוסט: נאָך אַ חודש, נאָך צוויי חדשים, און איך וועל זיין אין דערהיים. דאָ איז אָבער די בענקשאַפט געווען אָהן אַן אויסוועג און אָהן אַ האָפנונג.

איך האָב געבענקט נאָך מיין שטאָדט, איך האָב געבענקט נאָך דער משפחה, געבענקט נאָך אונזער אַלטער דירה אויף דער סקאָבעלעווער גאַס. און ווען איך פלעג אין אָוועגט געהן איבער די בערנער גאַסען און זעהן דורך אַ פענסטער אַ וואַרימע שווייצערישע היים, אַן עס־צימער מיט אַ קיילעכדיגען טיש, מיט אַ לאָמפּ וואָס שיינט איבער'ן טיש, מיט די מענשען, וואָס זיצען אזוי פרידליך

און צופרידען ארום דעם טיש, פלעג איך פיהלען ווי עס פרעסט זיך מיר צוזאמען דאס הארץ אין א שארפען, גרויזאמען וועהטאג...

איך האב זיך פארשריבען אין דעם בערנער אוניווערסיטעט. אייגענטליך האבען מיינע קרובים געוואלט, איך זאל פאהרען אין בעלגיען און ווערען אן אינזשעניער. ס'איז טאקע געווען א גאנץ גערעכטער וואונש, אז איך זאל האבען עפעס א פאך אין האנד. עס האט זיך מיר אבער נישט געוואלט. און דא איז גראד אונטער־געקומען דער בערנער דאקטאר.

ס'איז געווען אזא מעשה: נאכדעם ווי איך בין אנגעקומען אין בערן, האט מיך טעומען גענומען שלעפען צו א דאקטאר. „איהר זייט דאך א קראנקער; דא זיינען פאראן זעהר גוטע דאקטוירים; קומט!" איך האב זיך געשפארט (איך האב גוואלדיג פיינט צו געהן צו דאקטוירים), אבער סוף כל סוף זיך אונטערגעגעבען. זיינען מיר געגאנגען. ווי דער דאקטאר הייסט איז נית וויכטיג; ס'איז געווען נאך א יונגער מענש, אבער פון די בעסטע דאקטוירים, אן אסיסטענט אין דער קליניק. האט ער מיך אונטערזוכט, און נאכדעם ווי די צערעמאניע איז געענדיגט, מאכט ער: „וואס־זשע זאל איך אייך זאגען! אויסהיילען אייערע נירען קען מען נישט; לעבען מיט דער דאזיגער קרענק קען מען יא, אבער נישט גאר לאנג. איך האב געהאט א פריינד, וואס האט געהאט קראנקע נירען; האט ער קוים דערלעבט ביז דרייסיג יאהר".

דאס איז געזאגט געווארען מיט אן אמת שווייצארישער פראסטקייט און אפענהערציגקייט. ס'איז אבער גרינג צו פארשטעהן, אז איך בין אוועק אהיים נישט אין קיין געהויבענער שטימונג, און דעמאלט האב איך מיר געזאגט: אויב אזוי, טא כאפ־זשע דער קלאג די בעלגישע פאליטעכניקומס מיט די אינזשעניער־דיפלאמען! וואס פאר א זין האט מיר צו פארלירען פיער אדער פינף יאהר אויף די נודנע זאכען; אויב ס'איז מיר אין גאנצען באשערט אפשר צו לעבען נאך עטליכע יאהר, וועל איך כאטש די יאהרען זיך פארנעהמען מיט דעם, וואס איך האב ליעב. און איך בין געבליבען אין בערן און פארשריבען זיך אויפ'ן פילאזאפישען פאקולטעט.

איך בין אבער נישט געווען פון די פלייסיגסטע סטודענטען.

אזעלכעס איז בכלל געווען א גרויסע זעלטענהייט אין יענע יאָהרען. דאָס „קאָלאָניאַלע“ לעבען און די פּאָליטיק פלעגט פאַר־נעהמען כמעט די גאַנצע צייט.

די פּאָליטישע ארבייט, וואָס מיר האָבען געפיהרט, איז געווען א גאַנץ באַשיידענע: געקליבען געלד, פאַרשפּרייט די בונדישע אויסגאַבען, געמאַכט אונטערנעהמונגען, געפיהרט קרייז־לאַך, איינגעאָרדענט רעפעראַטען. איך בין עטליכע מאָל ארויס־געטראָטען אויף קאָלאָניאַלע פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס און געהאַט ערפאָלג. איך האָב זיך אָבער נאָך נישט דערוועגט מכבד צו זיין דעם עולם מיט א זעלבסטשטענדיגען רעפעראַט. איך געדענק, איך בין געגאַנגען אַמאָל איבער די בערנער גאַסען מיט אַנסקי'ן און נאָך מיט איינעם און מיר האָבען געשמועסט וועגען פאַרשידענע זאַכען. פרעגט מיך אַנסקי: „פאַרוואָס לייענט איהר ניט קיין רעפעראַטען?“ איך בין ממש דער־שראָקען געוואָרען. וואו רעפעראַטען, וואָס רעפעראַטען? — ווי קום איך צו אַזאַ זאַך! און ס'איז טאַקע אריבער גאַנצע צוויי יאָהר ביז וואַנען איך האָב געהאַלטען אין בערן מיין ערשטען רעפעראַט.

אגב, מיט אַנסקי'ן איז מיר פאַרבונדען א שעהנע עראַי־נערונג. דאָס איז געווען אין ווינטער 1901. מיר האָבען איינ־געאָרדערט א פייערונג לכבוד דעם 25־טען נומער פון דער „ארבייטער־שטימע“. פינף און צוואַנציג נומערען פון א צייט־טונג, וואָס געהט אַרויס אונלעגאַל, אין דאַמאָלסטיגע רוסישע באַדינגונגען, — און ווערט געדרוקט טאַקע אין רוסלאַנד גופא, אין א געהיימער דרוקעריי, נישט אין אויסלאַנד — דאָס איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכע פּאַסירונג. דער צענטראַלער קאָ־מיטעט פון „בונד“ האָט אַרויסגעגעבען דעם יובילעאום־נומער פון זיין אָרגאַן יום־טוב'דיג. חוץ דער אידישער אויסגאַבע, איז דער נומער ערשינען אויך אויף רוסיש, געדרוקט מיט רויטע פאַרב (דעם דאָזיגען רוסישען נומער האָט מען אויסנאַהמסווייז געדרוקט אין אויסלאַנד), און סאַי אין רוסלאַנד גופא, סאַי אין אונזערע אויסלענדישע קאָלאָניעס, האָט מען איינגעאָרדענט ספּעציעלע אָווענדען לכבוד דעם בונדישען יום־טוב.

אין בערן איז דער אָווענד פאַרגעקומען אין דעם אזוי

גערופענעם „שווייצער־בונד“ — א זאל, וואו עס פלעגען שטענדיג פאַרקומען די פאַרזאמלונגען פון דער קאָלאָניע. דער עולם איז געווען יום־טוב'דיג אָנגעטאָן, מיט רויטע בענדלאך, און ביים אריינקומען האָבען מיר זיך געווינשט איינער דעם צווייטען. ס'איז געווען אַן אמת'ע שמחה. מען האָט אויסגעהערט א רעדע, מען האָט געזונגען, דעקלאמירט. עס איז געווען היימיש און לוסטיג. פלוצלינג באַווייזט זיך אויף דער עסטראַדע אַנסקי, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסען אין ווינקעלע אזוי, אַז מען האָט איהם אפילו נישט געזעהן. „חברים — זאָגט ער — ס'איז מיר אַקאָרשט איינגעפאַלען אין קאָפּ א גערדיכט. איך האָב עס אָנגעשריבען און איך וויל אייך פאָרלעזען“. און ער הויבט אָן:

„אין זאַלציגען ים פון די מענשליכע טרערען“...

מיר זיינען געזעסען ווי באַצויבערטע. צוואַנציג יאָהר זיינען פאַרביי זייט יענעם אָוונד, אָבער ביז'ן היינטיגען טאָג איז דאָס דאָזיגע ליעד געבליבען איינע פון די באַליעבטעסטע אין די בונדישע קרייזען, און מען זינגט דאָס שטענדיג אויף יעדער בונדישער „וועטשערינקא“. דעמאָלט האָט דאָס נאָך דערצו געהאַט דעם חן פון דער נייקייט. און אַנסקי האָט גע־לייענט הארציג און שעהן. און אז ער האָט געזאָגט דעם לעצטען פערז:

„עס לעבע פון רוסלאנד, פון ליטא און פוילען דער
אידישער ארבייטער־בונד“

האָט זיך אויפגעהויבען אַן אמת'ער שטורם פון באַגייסטערונג און מענשען זיינען געריהרט געוואָרען ביז טרעהרען.

בכלל פלעגט זיך אַנסקי אין יענע יאָהרען באַציהען צום „בונד“ מיט די וואַרימסטע סימפאַטיעס. ער איז אפילו געווען אין „ס.ר.“, אָבער ניט קיין שמאָלער פאַרטיי־מענש, און דאָס אידישע געפיהל, וואָס האָט דאמאָלט אָנגעהויבען שטאַרקער צו פלאַקערען אין זיין הארץ, האָט איהם געצויגען צו דער אידישער ארבייטער־באַוועגונג. אויף די בונדישע „שבועה“ האָט ער אָנגעשריבען. ביידע זאכען זיינען ערשינען אונטער'ן פסעוו־דאָנים „סינאַני“.

שפּעטער האָבען זיך אַנסקי'ס סימפּאַטיעס צום „בונד“

אביסעל אָפּגעקיהלט. ס'איז געווען דאמאָלט, ווען עס האָט זיך פארשארפט דער ויכוח צווישען די „ס. ר.'ען" און די סאָציאַל־דעמאָקראטען וועגען דעם טעראָר. דער „בונד" איז ארויסגעטראָטען געגען דער „ס. ר."'ישער טאקטיק, און דאָס האָט אנסקי'ן זעהר פאַרדראָסען.

דעם ניי־יאָהר 1902 האָב איך צום ערשטער מאָל אין מיין לעבען באַגעגענט אין דער פרעמד. אמאָל פלעג איך איהם שטענדיג פארברייננגען ביי אונז אין דער משפּחה, — די לעצטע צוויי יאָהר פאר'ן עמיגרירען האָב איך איהם פארבראכט ביי געראשוני אין א פרעהליכער, ווארימער סביבה. איצט בין איך פארוואָרפען געוואָרען אין דער פרעמד. און קיין זאך פיהלט זיך ניט אזוי פיינליך, אין דער פרעמד, ווי גראָד א היימישער יום־טוב.

אין דער „קאָלאָניע" פלעגט מען האָבען א דאָפּעלטען ניי־יאָהר: איין מאָל א אייראָפּעאישען, און א צווייטען מאָל א רוסישען, לויט'ן אלטען סטיל, מיט 13טעג שפּעטער.

דעם רוסישען ניי־יאָהר האָבען די „ס. ר." 'ען געמאכט א וועטשערינקע. איך האָב ניט געוואָלט געהן צו זיי, און בין געבליבען גאָר אין דער היים. ס'איז געווען זעהר טרויעריג. דעם אייראָפּעאישען ניי־יאָהר זיינען מיר אָבער געגאנגען צו די דייטשען.

די דייטשע סאָציאַליסטען האָבען איינגעאָרדענט אַן אָוונד אין א גרויסען זאַל — דוקא אין אונזער „געטאָ". פאַר מיר, א „גרינעם", איז עס געווען גאָר א משונה'דיגע זאך. זיצען געזונטע דייטשען מיט זייערע פרויען ביי די טישלאך און טרינקען ביער. אויף דער עסטראַדא קומט פאַר א מאָדנער מיש־מאַש: ערשט טרעט ארויס א רעדנער און האַלט אַן ערנסטע סאָציאַליסטישע רעדע. דאַן קומען ארויס פיער פארשוינען און זינגען א קאָמישע ליעדעל. דאַן שפּיעלט די מוזיק, און דאכט זיך, אז צום סוף טאַנצט מען גאָר. איצט בין איך שוין געוועהנט צו אזעלכע זאכען (בפרט נאָכדעם ווי איך בין געקומען אין אמעריקא), אָבער דעמאָלט איז עס פאַר מיינע רוסישע אויגען און אויערען געווען ווילד. נישט דערוואַרטענדיג זיך ביז'ן סוף, זיינען מיר ארויס אויף דער גאַס און אָוועק אין אַלטשטאָדט אריין. דאָרטען איז דאָ א מנהג אין דער נאכט

פון ניי־יאָהר, פּונקט 12 אזייגער, הויבט אָן צו קלינגען די גרויסע גלאָק פון גרויסען קלויסטער, און טויזענדער מענשען קומען זיך צונויף פון אלע עקען שטאָדט צום קלויסטער הערען די גלאָק. זיינען מיר אויך געגאַנגען אַהין, און ווידער עפּעס ווילדעס און משונה'דיגעס. די רוהיגע, שטילע שווייצער זיינען ווי פון א פליעג געביסען געוואָרען. לויפען איבער די גאַסען מחנות־וויז, יונגעלייט מיט מאַסקעס אויף די פּנים'ער, און שרייען, שרייען מיט גוואַלדיגע קולות, גלאַט אַזוי, אָהן זין און אָהן סדר. ווידער האָט איך זיך געפיהלט איינזאַם, וויסט און עלענד. א יום־טוב אין דער פרעמד...

ארום ניי־יאָהר האָבען מיר געהאַט א קליינעם צוזאַמענפּאָהר. די בונדישע קרייזלאַך, וואָס האָבען עקזיסטירט אין פארשידענע קאָלאָניעס, האָבען זיך דעמאָלט צום ערשטען מאָל צונויפגעקומען, און טאַקע אין בערן, וואו ס'איז געווען די עלטסטע און די שטאַרקסטע גרופּע. ס'איז אויך געקומען פון לאָנדאָן א פאַרשטעהער פון אויסלענדישען קאָמיטעט פון „בונד" — וולאַדימיר קאָסאָווסקי. דער צוזאַמענפּאָהר האָט באַשלאָסען צו שאַפען א פאַראייניגטע אָרגאַניזאַציע פון די בונדישע גרופּען און האָט איבערגעגעבען דעם בערנ'ער קרייז די אויפגאַבע צו בילדען א צענטראַל־ביוראָ. איך בין געוואָרען דער ערשטער סעקרעטער פון דער דאָזיגער נייער אָרגאַניזאַציע. זי האָט עקזיסטירט ביז דער רעוואָלוציע פון 1917, ווען דער אויסלענדישער קאָמיטעט און דער גאַנצער אויסלענדישער פאַרבאַנד איז ליקווידירט געוואָרען.

בשעת דעם צוזאַמענפּאָהר פון די בונדישע גרופּען איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט, וועלכער האָט אויך מיר געמאַכט זעהר א שטאַרקען און זעהר א שווערען איינדרוק.

צווישען איין זיצונג און דער צווייטער האָט זיך צונויפגעקליבען די בערנ'ער גרופּע, כדי צו ערליידיגען עפּעס א שטרייט. וועגען וואָס איז געווען דער סכסוך, געדענק איך נישט. דאַכט זיך, אז אונזער דעלעגאַט (איך וויל נישט אָנרופען זיין נאָמען, לאָמיר איהם באַצייכענען מיט'ן אות ב.) האָט עפּעס געהאַנדעלט נישט בהסכם מיט דער גרופּע. די זיצונג איז געווען זעהר א שטורמישע. איך בין געווען דער פאָרזיצענדער פון דער זיצונג. איך האָב

אָבער אויך געוואָלט ריידען, און טאַקע געגען דעם דעלעגאַט. האָב איך איבערגעגעבען מיין אַמט אַ צווייטען חבר, אַ געוויסען פּ. און אָנגעהויבען צו ריידען. גערעדט האָב איך שאַרף, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען צווישענרופען און צוזאַמענשטויסען. די כּלה פון דעם דעלעגאַט, אויך אַ מיטגליד פון דער גרופּע, איז עפּעס געוואָרען גוואַלדיג אויפגעבראַכט אויף פּ. און האָט זיך געוואָרפען אויף איהם מיט זידלערייען, און פּ. האָט איהר געענטפערט מיט אַ שאַרפען וואָרט. קוים האָט ער אַרויסגעלאָזט פון זיין מויל דאָס דאָזיגע וואָרט, איז צו איהם צוגעשפּרונגען ב. און האָט איהם דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכער טומעל. פּ. איז געווען זעהר אַ נערוועזער מענש. עטליכע סעקונדען איז ער געבליבען שטעהן, ניט געקענט זיך ריהרען פון אָרט. דאַן איז ער געפאַלען אויף דער ערד און זיך גענומען וואַרפען און וויינען, און סוף כּל סוף האָט ער גע'חלש'ט. אַ צווייטע מיידעל האָט געשריען „אַי, ער שטאַרבט!" ער איז אָבער געקומען צו זיך, מען האָט איהם אַוועקגעפיהרט אַהיים, און ער איז אַ צייט לאַנג אָפּגעלעגען אַ קראַנקער.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען בין איך געווען אָנוועזענד ביי אַזאַ סצענע. זי איז אָבער געווען דאָפּעלט פּיינליך. ערשטענס איז דער פּ. אַ שוואַכער, קליינער מענש — שוין איינמאָל געשלאָגען געוואָרען; מיט אַ צייט צוריק האָט איהם אַ סטודענט, אַ כוליגאַן, אויך געגעבען קלעפּ, און אויך דאַמאָלט האָט ער געהאַט נאָכדעם אַ שווערע נערוועזע ערשיטערונג. און ס'איז געווען באַזונדערס מיאוס מצד דעם ב. — אַ געזונטען בחור — צו וואַרפען זיך אויף איהם נאָך אַמאָל. די צווייטע זאַך אָבער וואָס האָט מיך גוואַלטיג אויפגערעגט איז געווען, וואָס ב. האָט זיך ערלויבט צו שלאָגען אַ חבר, און דוקא בעת אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג און דערצו נאָך אַ מענשען וואָס איז געווען אַ פאָרזיצענדער פון דער זיצונג. דאָס איז געווען אַ באַליידיגונג פאַר דער גרופּע גופא, און איך האָב זיך פּשוט ניט געקענט פאָרשטעלען, ווי אַזוי מען קען דאָס זיין אַזוי גראָב און ברוטאַל.

אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען מיר צוזאַמען מיט דעם אַלטען בונדיסט גלעב געגאַנגען אַהיים צו פּ. באַזוכען דעם קראַנקען. ער איז געלעגען אין בעט. באַלד ווי מיר זיינען אַריין אין צי־

מער, איז גלעיב צוגעגאנגען צו איהם און געגעבען איהם א קוש. דאס איז געוועזן זעהר צארט און זעהר שעהן, און איך האב געהאט דערפון אן אמת'ע באפרידיגונג. פ. איז באלד געזונט געווארען. אבער דער דאקטאר האט געזאגט, אז זיין נערוועזן־סיסטעם איז זעהר צוטרייסעלט און אז ער קען האבען א מיאוס'ען פסק. מיט יאהרען שפעטער, נאכדעם ווי ער האט זיך אומגעקעהרט אין רוס־לאנד, האב איך געהערט, אז ער איז אין דער אדעסער טורמע משוגע געווארען, און נאך שפעטער האט מען מיר איבערגעגעבען אז ער איז געשטארבען.

אויף ב. זיינען מיר מורא'דיג בייז געווען. באלד נאכ'ן סוף פון צוזאמענפאהר האט איהם די גרופע גע'משפט און מען האט איהם אויסגעשלאסען. איך האב פשוט ניט געקענט קוקען אויף איהם, און איך האב מיט איהם נישט גערעדט קנאפע צוויי יאהר. שפעטער האט מען איהם צוריקגענומען אין דער גרופע. דער גאנצער אינצידענט האט אויף מיר געמאכט א שרעקליכען איינ־דרוק. איך בין אליין שיער ניט קראנק געווארען.

49.

קלאַראַן.

דער חודש מערץ און די ערשטע העלפט פון אַפּריל — דאָס איז אין די שווייצערישע אוניווערסיטעטען די צייט פון פריהלינגס־וואַקאַציעס. דער עולם פאָהרט זיך פאַנאַנדער און פאַרברענגט די דאָזיגע אָנדערהאַלבען חדשים ערגעץ אין אַ דאָרף. מיט אַ פּאָר וואָכען פריהער איז גראָד געקומען צופאָהרען פון מינסק מיין שוועסטער מיט איהר זוהן, דעם אַכט־יאָהריגען סעריאָזשאַ; זי איז געוועזען קראַנק, און די דאָקטוירים האָבען איהר געשיקט אין דער שווייץ. זי האָט זיך באַזעצט ביי דער זשענעווער אָזערע, און איך בין געפאָהרען צו איהר פאַרברענגען צוזאַמען די זעקס וואָכען פון די וואַקאַציעס.

צום ערשטען מאָל האָב איך דאָ געזעהן די אמת'ע שעהנקייט פון דער שווייצערישער נאַטור. שוין אויפ'ן וועג אַהין בין איך פּשוט פאַר'כשופ'ט געוואָרען. עס איז דאָ אַן אָרט אויפ'ן וועג, וואו עס באַווייזט זיך פון דערווייטענס אַ גרויסע וואַסער. דער צוג געהט אַרויס פון אַ טונעל, און פּלוצלונג זעה איך דורכ'ן פענסטער עפּעס אַ פאַנטאַסטישע זאַך. דער טאָג איז גראָד נישט קיין זוניגער: אַ ביסעל וואָלקענס, אַ לייכטער לופטיגער נעבעל, און אין דעם דאָזיגען נעבעל זעה איך פאַר מיר ווייטע, לאַנג־אויסגעצויגענע בלויליך־זילבערנע געשטאַלטען. וואָלקענס? עס זעהט אַזוי אויס. זיי זיינען אַרומגענומען מיט אַ זילבערנעם נעבעל, פון אויבען און פון אונטען. אָבער דאָס זיינען נישט קיין וואָלקענס. און דער זילבערנער נעבעל פון אויבען איז דער הימעל, און פון אונטען — דאָס וואַסער. און די „וואָלקענס" — דאָס זיינען די בערג אויף יענער זייט. טיף אונטען ליגט די אָזערע. דער צוג לויפט איבער דעם הויכען, הויכען ברעג, לנגאויס דעם וואַסער; דער וועג לאָזט זיך ביסלעכווייז אַראָפּ און קומט אין

דעם קליינעם שעהנעם שטעדטעל לאַזאַן, דאַן פאַרקירעוועט ער זיך צוריק, און מען פאָהרט ווידער לענגאויס דער וואַסער, אָבער אין אַ פאַרקעהרטער ריכטונג; דאָס מאָל נידעריג, ביים סאַמע ברעג, און דאָס וואַסער גרייכט שיעור ניט צו די רעדער; און מען קומט קיין קלאַראַן.

קלאַראַן איז אַ שטעדטעל ביים ברעג, אין אַ ווינקעל פון זשע־נעווער אָזערע. עס ציהט זיך אין דעם דאָזיגען ווינקעל אַ גאַנצע קייט פון אַזעלכע קליינע, ציכטיגע, פיין אויסגעפּוצטע שטעדטלאַך — וועווע, קלאַראַן, מאָנטרע, טעריטע, שיליאָן מיט'ן באַריהמטען שיליאָנער שלאָס. די שווייצערישע ריוויערא. פול מיט האָטעלען, פול מיט געסט, וואָס פאָהרען זיך דאָ צונויף פון אַלע עקען וועלט. אביסעל ווייטער פון ברעג הויבען זיך אויף קליינע בערגלאַך, דאַן ווערען זיי אַלץ העכער און העכער, און ס'איז ווי אַ גרויסע וואַנד, וואָס שיצט די גאַנצע געגענד פון די קאַלטע צפון־ווינטען. דער גאַנצער ווינקעל ליגט ווי אין אַ היימישען וואַרימען נעסט. און אויף די בערגלאַך און אויף די בערג — קליינע היימישע דערפ־לאַך און גרויסע גלאַנציגע האָטעלס. אונטען ביים ברעג איז אַן אייביגער יום־טוב. אַן אויסגעפּוצטער עולם, שעהנע קראָמען, רעס־טאָראַנען, מוזיק. אַן אָרט פאַר די רייכע. אָבער ווייטער אַרויף — דאָרטען איז די אמת'ע שעהנקייט. דאָרטען איז שטיל. דאָרטען ציהען זיך די וויינגערטנער, אַרומגערינגעלט מיט שטיינער־נע מויערען; קלייניטשקע יאַשטשערקעס שפּילען זיך אויף דער זון און קריכען אונטער די שטיינער. עפּעל־בוימער ווערען באַדעקט מיט ווייסע בלומען; אַ קליינער טייכעל זינגט אין גראָז אַ שטילע לידעל; קלייניטשקע פריהלינגס־בלומען באַווייזען זיך דאָ און דאָר־טען. אַלץ איז מאָדנע ווייך. די פאָרמען פון די בערג זיינען ווייך, די פאַרבען זיינען מילד. ס'איז ניטאָ די שרייענדיגע בונטקייט פון דער דייטשער שווייץ. עס ליגט דאָ אַ שטעמפּעל פון אַ באַ־שיידענער איידעלקייט. די גאַנצע געגענד האָט עפּעס אַריסטאָ־קראַטישעס. ס'איז ווי אַ פיינע, שעהנע פרוי, וואָס דאַרף זיך ניט פּוצען און צירען. זילבער־גרוי, וויים און בלוי זיינען די קאָ־לירען. דאָס וואַסער האָט אין זיך אַ ליכטיגע זילבערנע בלויקייט, און בלויז ווען מען קוקט פון די הויכע בערג אַראָפּ, דאַן נעהמט עס אָן אַ זאַפטיגע, טיפע גרינע פאַרב.

און די „בערג־ליניע" ציהט זיך מיט איהרע וואונדער־שעהנע אויסגוסען אויך מיט א זעלטענער ווייכקייט. און די לופט גופא האט אין זיך א באזונדערען חן. איהר געהט ארום פון וואגאן און איהר פיהלט פלוצלינג, ווי זי גיסט זיך אייך אריין אין די לונגען מיט א מילדער זיסקייט.

אויף די שפיצען בערג אויף יענער זייט ליגט דער ווייסער שנעע, און אין מיטען פון דעם זילבערנעם וואסער בליצען ווייסע זעגלען פון די פישער־שיפלאך, און אויף די שטיינער, ביים ברעג זיצען ווייסע וואסער־פויגלאך. און צווישען איין שטעדטעל און א צווייטען זעהט איהר א שעהנע ווייסע ווילע, באהאלטען צווישען הויכע שווארצע בוימער, ווי אן אלטער גריכישער פאלאץ שטיל שוויגענדיג אין זיין שטאלצער שעהנקייט. און ווייטער ארויף אין די בערג די גרויסע אלטע וועלדער, און די גרינע לאנקעס, און גאנצע פעלדער מיט ווייסע נארציסען, וואס הויבען אן אין חודש מאי צו בליהען מיט אזא פראכט און מיט אזא אראמאט, ווי זיי האבען מסתמא אמאל געבליהט אין יענעם גן עדן, וועגען וועלכען עס דערצעהלען אונז די אלטע ספרים.

יאהרען־לאנג פלעג איך יעדען פריהלינג קומען אין די געגענד. זי איז פאר מיר די שעהנסטע און די ליבסטע געגענד פון דער גאנצער שעהנער שווייץ. טאקע צוליב יענער זעלטען־פיינער איידעלקייט, מיט וועלכער ס'איז דורכגעדרונגען יעדער ווינקעל. און איך קען טאקע דארטען יעדען שטילען ווינקעל, וואו עס הערען זיך ניט די טריט און די שטימען פון די אנגעפאהרענע טוריסטען.

אויף א קליינעם בערגעל ביי קלאראן איז דא א דערפעל שאאי, און ביים דערפעל א קליינער, באשיידענער פענסיאן (באָרדינג־הויז); דער פענטיאן איז באוואהנט פון לויטער רוסען. און דארטען האבען מיר זיך באזעצט און פארבראכט עטליכע וואכען.

ס'איז געווען דארטען כמעט אויסשליסליך א סטודענטישער עולם. דאס רוב טאקע מיינע באקאנטע פון בערן. ס'איז אבער געווען איינער גאר אן אינטערעסאנטער שכן, מיט וועלכען איך האב זיך דעמאלט באקענט. ער האט געלעבט אין א קליינעם צימערל אונטער'ן דאך, און דאס איז געווען דער באריהמטער בורצעוו.

דעמאלט איז בורצעוו נאך ניט געווען אזוי באריהמט ווי

איצט. איצט איז ער באַריהמט אַלס אַ רענעגאַט פון סאָציאַליזם און אַנהענגער פון די זעקינס און וורַאנגעלס. מיט אַ יאָהר צוועלף צוריק איז ער באַריהמט געוואָרען אַלס דער ענטפּלעקער פון אַזעפ'ן און בכלל אַלס געפינער פון פּראָוואָקאַטאָרען. אין יענע יאָהרען איז ער אָבער געווען באַקאַנט אין די ענגערע סאָציאַליסטישע קרייזען אַלס אַן עקסטרעמער רעוואָלוציאָנער און טעראָריסט. ער איז דעמאָלט גראַד אַרויס פון דער ענגלישער קאַטאָרגע, וואו ער איז אָפּגעזעסען אַנדערהאַלבען יאָהר פאַר אַן אַרטיקעל, אין וועלכען ער האָט גערופען צו הרג'ענען דעם רוסישען קייזער. ער איז געווען דער עקסטרעמער צווישען אַלע רוסישע טעראָריסטען. די „ס. ר.'ן זיינען פאַר איהם געווען צו מילד, ניט קוקענדיג אויף זייער טעראָר. וואָרים זיי פלעגען הרג'ענען מיניסטאָרען און אַנדערע הויכע באַאַמטע, זיי האָבען אָבער ניט געוואָלט מאַכען אַטענטאַטען אויף'ן קייזער גופא. בורצעוו האָט אָבער געהאַלטען, אַז מען דאַרף אוועקלייגען דוקא דעם קייזער אַליין, און ער פלעגט זיך אַרומטראָגען מיט דעם דאָזיגען געדאַנק טאָג און נאַכט.

געוועהנליך האָב איך שוין פריהער געהערט פון איהם און איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס מוז זיין אַ פינסטערער, פאַרביסענער מענש. ווען איך האָב זיך אָבער באַקאַנט מיט איהם, האָב איך נישט געגלויבט מיינע אויגען. אַלס פערזענליכקייט איז ער געווען די פאַרקערפּערונג פון ווייכקייט און גוטמוטיגקייט. אַ טיפּישער רוסישער אינטעליגענט — אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ לאַנגען פּנים און אַ שפּיציגען בלאָנדען בערדעל, מיט אַ סימפּאַטישען שמייכעל, גוטמוטיג, הארציג, פּראָסט ווי אַ קינד. מען האָט געדאַרפט זעהן ווי דער דאָזיגער הויכער מענש פון עטליכע און פערציג יאָהר פלעגט נאָכלויפען נאָך אַ קראַנקער מיידעל מיט אַ פּאָר קאַלאָשען אין די הענד און בעטען זיך ביי איהר, זי זאָל אָנטאָן די דאָזיגע קאַלאָשען, אַניט וועט זי זיך חלילה פאַרקיהלען. מען האָט געדאַרפט הערען, מיט וואָס פאַר אַ גוטמוטיגער שטים ער פלעגט ריידען וועגען אַ נייעם טיפּ באָמבען — קליינינטשקע באָמבען, צו הרג'ענען ניקאָלאַי דעם צווייטען, — וואָס ער פלעגט אָנרופען מיט'ן נאָמען „מאַראַנצעלעך". מיט דעם דאָזיגען געדאַנק פלעגט ער זיך טאַקע שפּילען ווי אַ קינד מיט אַ צאַצקע. ער האָט געהאַט צו דעם קייזער ממש אַ פערזענליכע פיינדשאַפט. אָבער

אפילו די דאָזיגע פיינדשאַפט האָט ביי איהם געהאַט עפּעס גוט־מוטיגעס. „איהר ווייסט — פלעגט ער זאָגען — ס'איז דאָ פאַראַן אין רוסלאַנד אַזאַ שפּילצייג פאַר קינדער: אַ הילצערנער בער און פון ביידע זייטען צוויי פּויערים פיגורען מיט האַמערס; ווען מען דערלאַנגט אַ ציה הויבען אָן די פּויערים צו קלאַפּען איינער נאָכ'ן צווייטען אין דעם בער'ס קאָפּ אריין. אָט אַזעלכע שפּילצייג דאַרף מען מאַכען פאַר רוסישע קינדער. נאָר אָנשטאָט דעם בער אריינזעצען אַ פיגור פון ניקאָלאַי; זאָלען די עופּה'לאַך זיך לערנען צו קלאַפּען דעם פאַרשוין.

ער איז אַליין געווען ווי אַ גרויס קינד. ער פלעגט ארויסגע־בען אַ זשורנאַל אונטער'ן נאָמען „דאָלאָי צאַריאַ" (נידער מיט'ן צאַר); און אַז עס פלעגט פאַרטיג ווערען אַ נייער נומער, פלעגט ער אויפשטיין גאָר אין דער פריה און ארומגעהן איבער'ן קאָרידאָר און אריינלייגען אַ נומער יעדען שכן אין די שיך, וואָס מען פלעגט ארויסשטעלען פאַר דער טיר צום רייניגען. קיין גרויסער חכם איז ער קיינמאָל ניט געווען. און נאָכדעם ווי ניקאָלאַי איז אַראָפּ פון דער סצענע, איז פאַרשוואונדען דער הויפּט־יסוד פון בור־צעוו'ס רעוואָלוציאָניזם. האָט ער זיך גענומען קייקלען אַלץ ניד־ריגער און נידריגער און האָט זיך אַראָפּגעקייקעלט אין דעם זומפּ פון דער שווארצער מאה. מארקסיסטען האָט ער אַלעמאָל פיינט געהאַט, און דער איינציגער מענש, וועמען ער האָט אין יענע יאָה־רען געהאַסט חוץ ניקאָלאַי דעם צווייטען, איז געווען פּלעכאַ־נאָוו.

צוליב דעם שכנה'שאַפט מיט בורצעוו'ן האָט מיין שוועס־טער שפּעטער געהאַט אַ ביסעל צרות. מיט אַ האַלבען יאָהר שפּע־טער האָב איך אָנגעהויבען צו באַקומען פון מיינע חברים אין סיביר קאָפּיעס פון די צירקולאַרען, וואָס דער רוסישער פּאָליציי־דעפּאַרט־מענט פלעגט פאַנאַנדערשיקען אין די אָרטיגע זשאַנדאַרמעריע־אַמטען; דאָס זיינען געווען רשימות פון „פאַרדעכטיגטע" מענ־שען, וואָס מען דאַרף געפינען און ארעסטירען. מיינע חברים האָ־בען ערגעץ אין סיביר געפונען אַן אָרט, וואו זיי האָבען געקענט באַקומען די דאָזיגע צירקולאַרען; פלעג איך זיי באַקומען און איבערגעבען דעם אויסלענדישען קאָמיטעט פון „בונד", און ער פלעגט זיי פאַרעפענטליכען. אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען (דאָס

איז געווען מיט עטליכע חדשים נאָך דעם, ווי מיר האָבען גע־
וואהנט צוזאַמען מיט בורצעוו'ן), באַקום איך אַ בריף פון סיביר.
איך עפען דעם בריף; ס'איז אַ נייע קאָפּיע פון אַ צירקולאַר.
איך לייען, און פּלוצלינג שטוים איך זיך אָן אין דעם נאָמען פון
מיין שוועסטער. און ביי דעם נאָמען איז אַן אָנמערקונג, אַז
זי פלעגט זיך טרעפען מיט עמיגראַנטען, און אַז ווי נאָר זי וועט
קומען אין רוסלאַנד, זאָל מען זי אַרעסטירען. מען האָט זי טאַקע
אַרעסטירט, אָבער אין עטליכע טעג אַרום אַרויסגעלאָזט. זי איז
באמת געווען גאַנץ ווייט פון יעדער „שולד"; די מעשה האָט
זיך גענומען דערפון, וואָס אַרום בורצעוו'ן האָט שטענדיג געגרי־
בעלט און געשוויבעלט מיט שפּיאָנען. אין יענע יאָהרען פלעגט
מען וועגען איהם זאָגען לאַכענדיג, אַז בורצעוו האָט אַ מערקווירדי־
גע פעהיגקייט צו געפינען שפּיאָנען; מעהר ניט ער פלעגט זיי
אַלעמאָל האַלטען פאַר אָרענטליכע מענשען. ווי געזאָגט האָט זיך
זיין קאַריערע אַלס ענטפּלעקער פון פּראָוואָקאַטאָרען אָנגעהויבען
ערשט שפּעטער.

50

מעשה לעקערט

דער פריהלינג האָט זיך געענדיגט, און איך האָב זיך אומגעקעהרט צוריק אין בערן. דאָס לעבען איז ווייטער געגאַנגען מיט'ן פריהערדיגען גאַנג. מעהר נישט איך האָב זיך גענומען צו אַ פּאָר ליטעראַרישע אַרבייטען. אין יענעם זומער איז גראַד פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינער סטרייק אין בעלגיען מיט'ן צוועק צו דערשלאָגען זיך צו א וואַהל־רעפאָרם. דער דאָזיגער סטרייק האָט זיך געענדיגט מיט א מפּלה פאר די ארבייטער. דער בערנער פאַרשטעהער פון בונדישען אויסלענדישען קאָמיטעט האָט מיר פאָרגעלעגט אָנצושרייבען אַן אַרטיקעל פאַר דעם אָרגאַן פון אויסלענדישען קאָמיטעט, דעם „יודישען אַרבייטער" וועגען די אורזאַכען פון דער דאָזיגער מפּלה. איך האָב דאָס געטאָן. געוועהנליך, האָב איך דעם דאָזיגען ארטיקעל אָנגעשריבען אין רוסיש. מען האָט איהם איבערזעצט, און ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרען. דערנאָך האָט מיר דער קאָמיטעט פאָרגעלעגט אַ גרעסערע ליטעראַרישע אַרבייט. אַ פּאָפּולערע בראָשור וועגען דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. איך האָב זיך געמאַטערט מיט דער זאַך אַ גאַנצען זומער. אָנגעשריבען די בראָשור און אַוועקגעשיקט קיין לאָנדאָן. אין גיכען האָב איך באַקומען אַן ענטפער פון וולאַדימיר קאָסאָווסקי. ער האָט מיר געשריבען, אַז העלפט פון דער בראָשור איז אַ גוטע,אַ צווייטע העלפט איז אָבער ניט אַזוי פויגעלדיג. די עפּאָכע פון קאָנווענט מיט'ן טעראָר איז אַרויסגעקומען בלאַס. ער האָט מיר פאָרגעלעגט, איך זאָל דעם דאָזיגען טייל איבערמאַכען. איך בין אָבער ניט געקומען דערצו, און די בראָשור איז קיינמאָל ניט פאַרענדיגט געוואָרען.

אין די ערשטע טעג פון חודש מאַי איז פון רוסלאַנד אָנגעקו־

מען א שרעקליכע ידיעה, וואָס האָט אונז אַלעמען שרעקליך אויפ־געדעגט. דאָס איז געווען די מעשה מיט די שמיץ, וואָס דער ווילנער גובערנאַטאָר פאָן וואַל האָט געהייסען געבען די ווילנער דע־מאָנסטראַנטען.

עס איז געווען די דעמאָנסטראַציע פון ערשטען מאַי. מען האָט אַרעסטירט אַ טייל פון די דעמאָנסטראַנטען, און אין דעם פּאָליציי־צירקעל, וואו מען האָט זיי פאַרשלעפּט, האָט מען זיי געשמיסען מיט ריטער. אין דער היינטיגער גרויזאַמער צייט, ווען מיר זיינען שוין צוגעוועהנט געוואָרען צו די שרעקליכסטע זאַכען, וואָלט דאָס אפשר ניט געמאַכט אַזאַ שווידערליכען איינדרוק. דע־מאָלט איז דאָס אָבער געווען אַ נייעס. אויף וויפיל איך געדענק האָט זיך אַזאַ מעשה אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע געטראָפען בלויז צוויי מאָל. דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען מיט אַ פערטעל יאָהרהונדערט פריהער, אין פּעטערבורג, ווען גענעראַל טרעפּאָוו האָט געהייסען שמייסען אַ פּאָליטישען אַרעסטירטען דערפאַר, וואָס ער האָט ניט אַראָפּגענומען פאַר איהם דאָס היטעל. דער ענטפער דערויף איז געווען דער אַטענטאַט פון וויערא זאַסוליטש. דעם צווייטען מאָל איז עס געווען אין די אַכציגער יאָהרען אין אַ סיבירער קאַטאָרגע. דעמאָלט האָט מען געשמיסען אַ פרוי, און אַלס פּראָטעסט געגען דעם האָבען זיך עט־ליכע פּאָליטישע קאַרטאָרזשאַנעס גענומען דאָס לעבען. דאָס זיי־נען אָבער אַלץ געווען אַלטע, פאַרגעסענע זאַכען. און ערשט נאָך אַ הפסקה פון אַנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהר האָט זיך ווידער גע־טראָפען די זעלבע שרעקליכע געוואַלדטאַט, און דאָס מאָל האָט מען פאַרשאָפט די גרויזאַמע ערנידערונג באַוואוסטזיניגע אַרבייטער־דעמאָנסטראַנטען. מיטגלידער פון „בונד״.

עס זיינען אַריבער נאָך עטליכע טעג, און ס׳איז אָנגעקו־מען אַ נייע בשורה: אַ אידישער שוסטער־אַרבייטער, הירש לע־קערט, האָט געשאָסען אין פאָן וואַל׳ען. ער האָט איהם ניט גע־הרג׳עט אויף טויט, אָבער אַ פּראָקלאַמאַציע פון דעם בונדישען צענטראַל קאָמיטעט האָט דאָך באַגריסט די מוטיגע טאַט פון דעם יונגען אַרבייטער. „מיר האָבען — האָט געשריבען דער אויפ־רוף — אָפּגעאָטעמט מיט אַן ערלייכטערונג״. און נאָך אַ ביסעל שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ בונדישע קאָנפערענץ, וועלכע האָט

באשלאָסען, אַז אין אַזעלכע פאַלען זאָל די אָרגאַניזאַציע נעהמען אויף זיך די אויפגאַבע צו נוקם זיין זיך פאַר די מערדערשע מאַ־טען פון די רעגירונגס־סאַטראַפּען: דאָס איז געווען די רעזאָלו־ציע וועגען דער „אָרגאַניזירטער נקמה".

די דאָזיגע רעזאָלוציע האָט אין די בונדישע קרייזען אַרויסגערופען אַ גרויסע צומישונג און ליידענשאַפטליכע דיסקו־סיעס. ווי אַלע אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס איז דער „בונד" געווען אַ געגנער פון טעראָר. די נייע רעזאָלו־ציע האָט אָבער געדראָהט אומצואוואַרפען די פריהעריגע שטע־לונג. אמת, די אָנהענגער פון דער רעזאָלוציע האָבען גע'טענה'ט, אַז זייער פּרינציפּיעלע שטעלונג לגבי דעם טעראָר האָט זיך אויף אַ האָר ניט געביטען. פּונקט אַזוי ווי פריהער, אַזוי זיינען זיי אויך איצט געגען דעם טעראָר אַלס מיטעל פון פּאָליטישען קאַמף. דאָס, וואָס זיי רעקאָמענדירען, איז ניט קיין מיטעל אויסצוקעמפען די פּאָליטישע פרייהייט, נאָר בלויז אַ נויטווענדיגער נקמה־אַקט, וועלכער וועט געבען אַ מאָראַלישע באַפרידיגונג די ברייטסטע מאַסען.

אין רוסלאַנד גופא, אונטער דעם פרישען איינדרוק פון דעם גרויזאַמען געשעהניש, האָט זיך די דאָזיגע שטימונג זעהר ברייט פאַרשפּרייט. מיר, אין אויסלאַנד, זיינען געווען אין אַ מעהר גינ־סטיגער לאַגע. מיר האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו באַטראַכ־טען די זאַך אַביסעל רוהיגער. און מיר האָבען אַלע פאַרשטאַנען, אַז אין דעם נייעם קורס ליגט אַ סכנה. איך פערזענליך האָב זיך דאַמאָלסט גענומען דורכשטודירען די געשיכטע פון דער אַמאָלי־גער טעראָריסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד. און איך האָב גע־פונען, אַז דער אַמאָליגער טעראָריזם איז אויסגעוואַקסען פּונקט אויפ'ן זעלבען אופן — פון נקמה אַקטען. דער ערשטער סיג־נאַל צו דער ברייטער טעראָריסטישער באַוועגונג אין די 70ער יאָהרען איז טאַקע געווען אַט יענער אויבענדערמאָנטער אַטענ־טאַט פון וויערא זאַסוליטש. אַ רייהע אַנדערע אַקטען האָבען אויך געהאַט דעם צוועק בלויז אָפּצורעכענען זיך מיט דעם אָדער יענעם צאַרישען דינער פאַר זיינע גרויל־טאַטען, אָדער צו באַוואָרענען זיך פאַר אַ שפּיאָן. ווען מען איז אָבער אַרויף אויף דעם וועג, האָט שוין די זאַך איהר אייגענע לאָגיק, און דער טעראָר איז

געוואָרען אַ מיטעל פון פּאָליטישען קאַמף, און דערצו אַזאַ מי־טעל, וואָס האָט ביסלעכווייז צונישט געמאַכט אַלע אַנדערע פאָר־מען פון פּאָליטישער באַוועגונג.

ס'איז פאַר מיר געווען זעהר אנגענעהם צו דערוויסען זיך, אַז אונזער אויסלענדישער קאָמיטעט שטעהט פּונקט אויף דעם זעלבען שטאַנדפּונקט. ער האָט אין גיכען ארויסגעלאָזען אַ ספּעציעלען בלעטעל, אין וועלכען מען האָט געוואָרענט פאַר דעם נייעם קורס. פון שטאַנדפּונקט פון דער פּאַרטיי־דיסציפּלין איז די דאָזיגע ארויסטרעטונג געווען ניט אין גאַנצען אין אָרדנונג. דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז געווען מעהר ניט אַ פאַרטרעטער פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט און ער איז געווען מחויב צו פאָלגען זיינע דירעקטיוועןּ; און דער צענטראַלער קאָמיטעט האָט גוטגעהייסען די רעזאָלוציע פון דער קאָנפערענץ. די אויסלענדישע חברים האָבען אָבער פאַרשטאַנען, אַז די רעזאָלוציע איז אָנגענומען אונטער דער ווירקונג פון אַ מאָמענט־שטימונג און האָבען גענומען אויף זיך די אחריות אנטקעגנצושטעלען זיך דער דאָזיגער שטימונג. דער עולם אין רוסלאַנד איז טאַקע געווען זעהר ברוגז, אָבער סוף כל סוף האָט מען פאַרשטאַנען, אַז די „לאָנדאָנער” זיינען פאַרט גערעכט. און אין אַ יאָהר אַרום, ווען עס איז פאָרגעקומען דער פינפטער צוזאַמענפאָהר פון „בונד”, איז די רעזאָלוציע וועגען דער „אָרגאַניזירטער נקמה” אָפּגערופען געוואָרען איינשטימיג און אָהן דעבאַטען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ווילנער געשעהנים איז מיר אויסגעקומען צו רעדען אויף אַ גרויסען מיטינג צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוו'ן. אין ציריך איז פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט־מיטינג, און מען האָט געדאַרפט האָבען אַ בונדישען רעדנער. אין דער שווייץ זיינען דאַמאָלט געווען צוויי אָפיציעלע פאָרשטעהער פון דעם אויסלענדישען קאָמיטעט פון „בונד” : דער פריהער דערמאָנטער „גלעיב” און דזשאַן מיל, אויך אַן אַלטער אָנגעזעהענער בונדישער טוער. זיי זיינען גראַד ביידע געווען אין בערן, אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געקענט פאָהרען קיין צוריך; האָבען זיי געשיקט מיר. איך האָב זיך אפילו אַ ביסעל געוואָקעלט. איך האָב געוואוסט, אַז אויף דעם דאָזיגען מיטינג וועט ארויסטרעטען פּלעכאַנאָוו, און ס'איז מיר געווען קשה : ווי אַזוי וועל איך, אַ יונגער סטודענטעל.

אָהן אַן אָפיציעלע שטעלונג, זיך באַווייזען אויף דער טריבונע צו־זאַמען מיט'ן גרייז־גרויען פיהרער פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער פארפאַלען: ווען מען הייסט, מוז מען פאָלגען, בין איך געפאָהרען.

אין ציריך זיינען דאַמאָלסט געווען צוויי באַזונדערע קאָלאָניעס: די רוסישע (אָדער ריכטיגער: רוסיש־אידישע) און די פוילישע (אויך א געמישטע מיט אידען, ווי דער שטייגער איז). האָט מען איינגעלאַדען דריי רעדנער. פלעכאַנאָוו און איך האָבען גערעדט אויף רוסיש, און ווארסקי — איינער פון די פיהרער פון דער פוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — האָט גערעדט אויף פויליש. דער מיטינג איז געווען זעהר אַ שטורמישער. פלעכאַנאָוו האָט שוין געהאַט אַזאַ מזל: ווי נאָר ער פלעגט זיך באַווייזען אויף אַ מיטינג, פלעגט פאָרקומען אַ טומעל. ניט חלילה צוליב זיין האַלטונג, נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט אומעטום געהאַט פאַר־ביסענע געגנער, און זיי פלעגען ניט דורכלאָזען קיין איין געלעגענ־הייט צו מאַכען אַ סקאַנדאַל. חוץ דעם זיינען אויך פאָרגעקו־מען שטורמישע סצענעס צוליב די סכסוכים אין דער פוילישער קאָלאָניע. ווארסקי האָט אין זיין רעדע געברויכט עפעס אַ שאַר־פען אויסדרוק רעדענדיג וועגען די פוילישע פריצים; האָבען די פוילישע נאַציאָנאַליסטען געמאַכט אַ געוואַלדיגען טומעל, און מען האָט מיט גרויס מיה דערפיהרט דעם מיטינג ביז'ן סוף.

אַ קליינער פרט: פאָהרענדיג אין ציריך האָב איך באַקומען אַן אדרעס פון אַ חבר, אַ בונדאָוועץ, וועלכער איז דאָרטען געווען אַזוי צו זאָגען, מיין „מענעדזשער". דאָס איז געווען אַ געוויסער קובאַ פירסטענבערג, אַ פוילישער איד; אַ געלער יונגערמאַן, ניט קיין נאַר; ער איז מיר גאַנץ גוט געפעלען געוואָרען. אין גיכען איז ער אָבער געוואָרען אויס בונדאָוועץ און איז אַריבער צו די פוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען. איצט איז ער אָבער אַן אָנגע־זעהענער באָלשעוויסטישער טוער, באַוואוסט אונטער'ן נאָמען האַ־נעצקי; אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז ער היינט צו טאָג אַן אָפיציעלער פאָרשטעהער פון דער רוסישער סאָוועטען רעפוב־ליק אין רעוואַל.

אַגב איז עס ווייט ניט דער איינציגער מענש, מיט וועלכען דער „בונד" האָט מכבד געווען די באָלשעוויסטישע פאַרטיי.

איך דערמאָהן זיך צווישען אַנדערע, אַז דער איצטיגער פאָרזיצענ־דער פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, זינאָוויעוו, איז אין יענע צייטען אויך געווען גאַנץ נאָהענט צום „בונד". איך ווייס ניט, צי ער איז געווען אין גאַנצען אַ בונדאָווער, אָבער איך געדענק, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ בונדישען דיסקוסיאָנס־קרייז. ער איז דאַמאָלט געקומען פון רוסלאַנד אין בערן. אַ יונגער סטודענט, מיט אַ קיילעכדיגען פּנים, מיט וואַסערדיגע אויגען, מיט אַ ווייבערשע שטים: נישט אויסגעצייכענט זיך נישט מיט קיין באַזונדער חכמה, נישט מיט קיין באַזונדערע פעהיגקייטען. זיין נאָמען איז געווען ראַדאָמיסלסקי. אויך זיין איצטיגע פרוי, וואָס איז געוואָרען אין רוסלאַנד אַ גאַנץ וויכטיגע טוערין אונ־טער'ן נאָמען לילינאַ, איז דעמאָלט געווען אַ סטודענטקע אין בערן, איז אויך געווען נאָהענט צום „בונד" און אויך זיך ניט אויסגעצייכענט מיט קיין שום באַזונדערע מעלות.

מיט פינף יאָהר שפּעטער האָב איך געטראָפען זינאָוויעוו'ן אויפ'ן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי, און איך בין גוואַלדיג פאַרוואונדערט געוואָרען דערוויסענדיג זיך, אַז ער איז געוואָרען אַן אַגענט פון צענטראַלען קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. קיינער פון די, וואָס האָבען איהם אַמאָל געקענט אין בערן, האָבען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז ער קען פאַרנעהמען אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכע שטעלע. נאָך שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין פּאַריז און איז געוואָרען לעניג'ס אַן אדיוטאַנט. דאַמאָלט איז די שכינה פון רבי'ן מסתמא אריבער אויף'ן תלמיד.

.51

דער ערשטער זומער אין די בערג

מיין שוועסטער איז נאָך אַלץ געווען אין דער שווייץ און האָט זיך באַזעצט אין אַ וויַיטען טאָל הויך אין די בערג, אין אַ שטילען, שעהנעם זומער־אָרט. אין חודש יולי בין איך געפאָהרען צו איהר פאַרברענגען צוזאַמען די זומער וואַקאַציעס.

צום ערשטען מאָל בין איך אַריינגעקומען אין אַ הויכע, איינזאַמע בערג־געגענד. איך בין געפאָהרען פון בערן מיט דער באַהן אַ שעה פינף־זעקס אויף דרום, אין די פראַנצויזישע שווייץ אַריין. אָנגעקומען אויף אַ קליינע סטאַנציע — ווערנאַיאַ מיט'ן נאָמען — און פון דאָרטען האָט מען שוין געדאַרפט פאָהרען עטליכע שעה מיט פערד. איך דינג אַ פוהר, און מען לאָזט זיך אין וועג אַריין. מיר פאָהרען אַ פערטעל שעה און עס נעהמט מיך אַ וואונדער: וואוהין פאָהרט מען דאָס? גראָד געגענ־איבער פאַר אונזערע אויגען הייבט זיך אויף אַ באַרג. אויף רעכטס און אויף לינקס ציהט ער זיך אָהן אַ שיעור, און ער איז גוואַלדיג הויך און גראָד ווי אַ מויער. און ס'איז ניטאָ קיין סימן פון עפּעס אַ שפּאַלט, אַ צופאָהר, גלאַט אַ פּראָסטע וואַנד. און מיר פאָהרען צו איהר, און איך ווייס, אַז אונטער דעם מויער קאָן זיך ניט געפינען דער פּלאַץ, וואו מיין שוועסטער וואוינט, וויַיל זי האָט מיר געשריבען, אַז פון דער סטאַנציע דאַרף מען פאָהרען אַ פּאָר שעה, און מיר זיינען אין וועג ערשט אַ פופצעהן מינוט, און די וואַנד איז שוין אָט דאָ, פאַר אונזערע אויגען. אָבער דער פוהרמאַן טרייבט וויַיטער דעם פערד, און ערשט ווען מיר קומען צום סאַמע באַרג, זעה איך — ס'איז פאַרט דאָ אַ וועג, און טאַקע באַרג־אַרויף. ווי אַ לאַנגע, דינע שלאַנג קריכט ער און דרעהט זיך: אַ שטיקעל אויף רעכטס, אַ שטיקעל אויף לינקס, און ווידער אויף רעכטס און ווידער אויף לינקס, אין צעהנדליגער

זיגזאַגנען הויבט מען זיך אַרויף אַלץ העכער און העכער, און אַט זיינען מיר שוין אויבען, און ערשט דאָ שפּאַלט זיך די וואַנד און עס עפענט זיך אַ דורכפאָהר און עס באַווייזט זיך אַ לאַנגער טאָל, און מיר לאָזען זיך אין דעם טאָל אַריין און פאָהרען אַלץ ווייטער און ווייטער, און ענדליך קומען מיר אויפ'ן אָרט.

טריקאַן הייסט דער פּלאַץ. אַ קליין דערפעלע אין אַ טאָל אין מיטען פון וויסטע בערג. איצט איז שוין דאָרטען פאַראַן אַן אייזענבאַהן. אָבער דאַמאָלט, מיט 20 יאָהר צוריק, איז עס געווען אַ פאַרוואָרפען נעסטעל, פאַרלוירען צווישען הויכע בערג.

אַ לאַנגער שמאָלער טאָל. אַ לאַנגער באַרג פון רעכטס, אַ לאַנגער באַרג פון לינקס, הויך, אין די הימלען אַריין. טיעף אונטען, וואו ביידע בערג טרעפען זיך צוזאַמען, אָדער פון וואַנען זיי וואַקסען אַרויס — אַ קליין טייכעל. אַ באַרג־טייכעל, אונרוהיג, שטורמיש, טאָג און נאַכט הערט מען איהם. און אויפ'ן האַלבען וועג צווישען דעם טייכעל אין דער טיפעניש און די שפּיצען אין דערהויך שטעהט אונזער הויז. ניט אויף אַ גלייכען אָרט, — ס'איז ניטאָ קיין גלייכע ערטער אין דעם טאָל, — נאָר צוגעקלעפּט צום באַרג. אַזוי אַז פון איין זייט, — וואָס קוקט אַראָפּ צום טייכעל — האָט ער דריי עטאַזשען, און פון דער צווייטער זייט, — וואָס שטעלט אַרויס איהרע פענסטער צום הויכען שפּיץ, — בלויז איין עטאַזש. און אין אַ שטורמישע נאַכט, ווען עס וואָיעט דער בערג־ווינט, און עס בויגען זיך די בוימער אין וואַלד און עס ציטערען די ווענד, דאַכט זיך, אַז אָט־אָט וועט דאָס גאַנצע הייזעל זיך אָפּרייסען פון דעם שטיקעל באַרג, צו וועלכען ער האָט זיך צוגעטוליעט, און וועט זיך אַראָפּקייקלען אין די שרעקליכע טיפעניש.

אַ הייפעל דאָרפישע כאַטעס, פּונקט אַזוי צוגעקלעפּט צום באַרג, ווי אונזער הויז. אַ קוואַל מיט הערליכען קאַלטען וואַסער, און דאָס איז אַלעס. שטיינער, גראָז און וועלדער אַרום אונז.

איך האָב פאַרבראַכט אַ פאָהר פרעהליכע חדשים מיט מיין שוועסטער און מיט'ן קליינעם סעריאָזשאַ. איך האָב דעם בחור ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם זוהן, און ער איז אויך געווען האַרציג צוגעבונדען צו מיר. פלעג איך מיט איהם פאַרברענגען שיעור ניט די גאַנצע צייט. מיט לאַנגע שטעקענס אין די הענד פלעגען

מיר צוזאמען מיט איהם ארומשפרייזען איבער די בערג, קריכען אויף די פעלזען, זיצען ערגעץ אויף א גראהען שטיין אין א וואלד און שמועסען. ביים אינגעלע פלעגט דער מח שטענדיג ארבייטען. שטענדיג פלעגט ער מיך באשיטען מיט פראגען, און עס איז ניט קיין גרינגע זאך צו פארענטפערען די טויזענדער פראגען, וואס עס שטעלט א קינד פון אכט יאהר. אמאל אין א הייסען נאכמיטאג, פלעג איך איהם דערצעהלען מעשיות. ניט קיין אייגענע, חלילה, איך קען דאס ניט, נאר פרעמדע, טיילמאל צונויפגעשטוקעוועטע.

דאן איז געקומען צו פאהרען מיין עלטערער ברודער מיט זיין פרוי, און ס'איז געווארען נאך היימישער. פרעמדע איז געווען וועניג. ארום אונז איז געווען א שטיל, דארפיש לעבען; קליינע דארפישע קינדערלאך פלעגען שפילען און פיהרען א קאראהאד און זינגען זייערע ליבע פראנצויזישע לידלאך. פון די בערג האבען זיך געהערט די גלעקלאך פון די קיה. דאס טייכעל אונטען אין דער טיפעניש שומעט טאג און נאכט. די בערג־לופט איז ריין און פריש און דורכזיכטיג. אמאל טרעפט מען א וואלקען. טאקע בוכשטעבליך: מ'געהט אויפ'ן וועג און אנטקעגען רוקט זיך א וואלקען. און ער נעהמט אייך ארום און פלוצלונג זייט איהר אין א געדיכטען נעבעל און זעהט אויף א טריט נישט וואס עס טוט זיך ארום אייך. און אין א פאהר מינוטען ארום איז ער שוין פארביי, און ס'איז ליכטיג ארום און ארום. און ווען איהר דערלאנגט א קוק צוריק, זעהט איהר, ווי ס'פארשווינדט אין דער ווייטענס, ווי א צובראכענע שטיקעל וואטע, דאס ביסעל ווייסקייט, וואס האט אייך גע־טראפען אויפ'ן וועג...

עס איז שעהן, ס'איז געווען הערליך אין די בערג. און ערשט נאך א לאנגער צייט פיהלט א מענש, אז ס'איז ענג, אז די בערג דריקען. און עס ווילט זיך ארויס פון די גרינע ווענד אין א ברייטער ווייטקייט אריין. און מען חלום'ט וועגען די ברייטע, גאלדענע פעלדער פון דער ווייטער רוסישער ערד.

דארטען האב איך פארבראכט א פאר זומער־חדשים. דאר־טען האב איך זיך געפארעט מיט מיין ניט געראטענער „פראנ־צויזישער רעוואלוציע", און דארטען האב איך אפגעבען עטליכע

וואָכען אויף דורכשטודירען אַ בוך, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוועהנליך שטאַרקען איינדרוק.

אין די דאָזיגע זכרונות מיינע דערצעהל איך וועגען געשעהענישען פון לעבען, נישט וועגען ביכער. אמאָל דאַרף מען אָבער מאַכען אַן אויסנאַהם. איך האָב דאָס געמאַכט מיט'ן „קאַפּיטאַל“ פון מאַרקס, און איך מוז מאַכען דאָס זעלבע מיט דער „עטיק“ פון ספּינאָזאַ, מיט ספּינאָזאַ'ס לעהרע און מיט זיין לעבען בין איך שוין געווען באַקאַנט פריהער — פון אַנדערע ביכער און פון בערנער פאָרלעזונגען. ס'איז געווען אין בערן אַ פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע, לודוויג שטיין. מען פלעגט קומען צו זיינע לעקציעס מאַסענווייז, הגם ער האָט דאָס אייגענטליך ניט פאַרדינט. אַ מענש איז ער געווען אַן אויבערפלעכליכער און אַן אַנטיפּאַטישער. איך האָב איהם פיינט געהאַט און האָב סוף־כל־סוף אויפגעהערט צו באַזוכען זיינע לעקציעס. אָבער ס'איז געווען איין טעמע, איבער וועלכע ער פלעגט רעדען באמת שעהן, פאַרביג און באַגייסטערט. און דאָס איז געווען ספּינאָזאַ און זיין לעבען. און ווען מיר זיינען אַוועק פון דער לעקציע, האָבען מיר אַוועקגעטראָגען מיט זיך יענעם געפיהל פון יראת הכבוד, וועלכען מען האָט, ווען מען זעהט פאַר זיך אַ הייליגקייט.

איך האָב זיך געקויפט דאָס קליינע ביכעל — געוועהנליך אין אַ דייטשער איבערזעצונג; דאָס אַכט־יאָהריגע לערנען די לאַטיינישע שפּראַך אין גימנאַזיע האָט ביי מיר איבערגעלאָזט צו שוואַכע שפּורען, כדי איך זאָל קענען לייענען דאָס בוך אין לאַטיינישען אָריגינאַל, — און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אַון האָב אָנגעהויבען צו לערנען.

איך געברויך בכיון דאָס וואָרט „לערנען“, וואָרום ספּינאָזאַ'ס „עטיק“ איז נישט פון די ביכער, וואָס מען קען לייענען. מען מוז דאָס „לערנען“, ווי מען לערנט די גמרא. ס'איז געשריבען אין אַ שטרענג מאַטעמאַטישער פאָרם, און מען מוז דורכנעהמען יעדע שורה, אריינטיפענדיג זיך אין יעדען וואָרט.

איך האָב דאָס געטאָן, און איך האָב געהאַט דעם זעלבען איינדרוק, ווי בעת איך האָב שטודירט דעם „קאַפּיטאַל“ פון מאַרקס. און דאַריבער דערצעהל איך טאַקע וועגען דעם. עס קלינגט מאָדנע. מאַרקס און ספּינאָזאַ, דער „קאַפּיטאַל“ און די

„עטיק“. א בוך וועגען ערדישע, עקאָנאָמישע זאכען, און א בוך פון דער העכסטער פילאָזאָפישער הימלישקייט. דאכט זיך, עס קען נישט זיין קיין גרעסערער געגענזאץ. און דאָך האָב איך געהאט דעם זעלבען געפיהל. איך האָב געשפירט די העכסטע שעהנקייט פון מענשליכען געדאנק. און לויט דער דאָזיגער שעהנקייט איז טאקע דער „קאפּיטאל“ עהנליך צו דעם בוך פון ספּינאָזא. ס'איז א בוך פון א שטאָהלענער לאָגיק. א רינג נאָך א רינג פלעכט זיך צונויף די הערליכע קייט; יעדער איינער פּרט פליסט ארויס פון דעם צווייטען מיט אן אבסאָלוטער, אייזערנער נויטוועגדיגקייט; איין עטאזש נאָכ'ן צווייטען ווערט אויפגעבויט אין אן אומפארגלייכליכער פעסטקייט, און עס הויבט זיך אויף פון שורה צו שורה א שטאָלצער בנין פון זעלטענער הערליכקייט. הויך און פעסט ווי די אייביגע פּיראמידען; גלאנציג און ליכטיג, ווי די ווייסע שפּיצען פון די שווייצערישע אלפּען.

מען דארף ניט ווערען דוקא אן אָנהענגער פון ספּינאָזא'ס לעהרע, ווי זי שטעהט און געהט. מען קען דאָס ניט ווערען אינ'ם צוואנציגסטען יאָהרהונדערט. אָבער ס'איז איינער פון די העכסטע קינסטלערישע גענוסען, וואָס עס קען נאָר האָבען א מענש, וועלכער האָט ליב די ריינקייט, די שטרענגקייט און די גענויקייט פון דעם שארפען און קלאָהרען מענשליכען געדאנק, די מעכטיגע קראפט פון אן אָנגעשטרענגטען מענשליכען טראכטען. דאָס איז די סימפּאָניע פון דער מענשליכער לאָגיק, און ס'איז שווער צו געפינען אן אָרט וואו די דאָזיגע סימפאָניע זאָל קלינגען שעהנער, ווי אין דער שטילער, קלאָהרער לופט פון די הויכע שווייגענדיגע בערג.

.52

די אַנאַרכיסטען.

נאָכדעם ווי מיר האָבען פארלאָזען אונזער שעהנעם בערג־נעסט, האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט אַ קורצע צייט אין דער קליינער, ריהרעוודיגער, קאָכעדיגער שטאָדט לאָזאַן. פון דאָרטען האָב איך זיך אויף עטליכע טעג אַריבערגעכאַפּט אין זשענעווע. איך האָב זיך דערוואוסט פון די צייטונגען, אַז אין זשענעוו איז ערקלעהרט געוואָרען אַן אַלגעמיינער סטרייק. פון לאָזאַן קיין זשענעוו איז גאַנץ נאָהענט; מען פאָהרט בלויז אַ שעה מיט דער באַהן, און איך בין געפאָהרען אַהין אַ קוק צו טאָן, ווי אַזוי מען טוט דאָס די מלאכה.

ליידער האָב איך נאָר געקענט זעהן, ווי אַזוי מען דאַרף די זאַך נ י ש ט טאָן. דער סטרייק איז געווען אַ קלאָגעדיגער.

אָנגעהויבען האָט זיך די זאַך דערפון וואָס עס האָבען געסטרייקט — צוליב עקאָנאָמישע פאָדערונגען — די אָנגעשטעלטע פון דעם זשענעווער טראַמוואַי. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס) פון זשענעוו זיינען דאַמאָלט געווען אונטער אַ ווירקונג פון די אַנאַרכיסטען. און ביי די אַנאַרכיסטען איז געווען אַ מאָדע: ווי נאָר עס מאַכט זיך אַ מעהר באַדייטענדער סטרייק אין עפּעס אַ פאַך, באַלד ערקלעהרט מען אַ סימפּאַטיע־סטרייק אין די איבעריגע פאַכען. מען רעכענט זיך נישט מיט די באַדינגונגען, ניט מיט די שאַנסען אויף אַן ערפאָלג, ניט מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע. אַבי געסטרייקט, אַבי געטומעלט זיך.

ווען איך בין געקומען אין זשענעוו איז טאַקע די שטאָדט געווען אויפגערודערט. דער סטרייק פון די טראַמווייען האָט זיך טאַקע געפיהלט. זעלטען ווען עס פלעגט דורכגעהן אַ וואַגאָן, באַוואַכט פון זעלנער. אַמאָל פלעגט מען איהם אָפּשטעלען און צוברעכען די שייבען מיט שטיינער. די גאַסען־אינגלאַך פלעג־

געז ארומלויפען און זינגען א ספעציעלע לידעל — דער ניגון איז געווען גענומען פון א באקאנטער פראנצויזישער פאלקס־לידל; די ווערטער האבען אויסגעלאכט דעם דירעקטאר פון די טראמוואיען. איך בין געגאנגען אויף די פארזאמלונגען און האב געהערט די פייערדיגע רעדעס — מיט דער כאראקטעריסטישער פראנצוזיישער טעאטראלישקייט און דער פראנצויזישער מליצה. איינע פון די פארזאמלונגען האט זיך פארוואנדעלט אין א דע־מאנסטראציע. איך בין געגאנגען צוזאמען מיט די דעמאנסטראנ־טען. ס׳איז געווען אין אבענד. די גאסען זיינען דאן געווען שוואך באלויכטען. פלוצלונג האט זיך באוויזען אן אפטיילונג פון קאוואלעריע (די רעפובליקאנישע רעגירונג האט צוליב דעם סטרייק מאביליזירט דאס מיליטער). די רייטער האבען זיך א לאז געטאן אויף אונז, פאכענדיג מיט די שווערדען און דראָ־הענדיג צו צודריקען אונז מיט זייערע שווערע פערד. דער עולם האט זיך א שאט געטאן צוריק. אבער אויך פון הינטען איז דער וועג פארשטעלט געווארען: דארטען איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסען א צווייטע אפטיילונג זעלנער — פוס־געהער מיט ביקסען, און מיר זיינען איינגעפרעסט געווארען צווישען צוויי לעבעדיגע ווענד, און ביידע האבען געטריבען דעם עולם, און ס׳איז נישט געווען וואו צו אנטלויפען. עס האט זיך אנגהויבן א פאניק. מענשען האבען זיך גענומען ווארפען אין די טהירען און אין די טויערען. צום גליק האט זיך דאס מי־ליטער אפגעשטעלט: מען האט אין זיינע רייהען געעפענט א דורכגאנג און געלאזט די מענשען אוועקגעהן. און מען איז אוועק ווי אפגעשמיסענע.

דערנאך האט מען אנגעהויבען צו ארעסטירען די אנפיהרער פון סטרייק. און איך בין געגאנגען אויף נייע מיטינגען, וואו די זעלבע רעדנער האבען גערופען דעם עולם אומצוקעהרען זיך צו דער ארבייט. זיי האבען גערעדט מיט דער זעלבער טעאטרא־לישקייט און מיט דער זעלבער מליצה, ווי פריהער. און די גאנצע זאך איז געווען א שטרויענער פייער. אן אמת אנארכיס־טישער אויפטו. און דער סטרייק איז געווען פארשפילט.

איך האב זיך אומגעקערט אין לאזאן. דארטען האבען מיר געהאט די געלעגענהייט צו הערען א בארימטען אנארכיסטישען

רעדנער. דאָס איז געווען סעבאסטיען פאָר. איך האָב איהם שוין פריהער אמאָל געהערט רעדען אין זשענעוו. דאָס ערש־טע מאָל האָב איך געהאט גרויס הנאה. נישט נאָר פון דעם רעדנער גופא, נאָר פון דעם עולם. א פראנצויזישע פארזאמלונג איז אלעמאָל אינטערעסאנט. ווארים דער עולם איז פול מיט טעמפעראמענט. אויף א דייטשער פארזאמלונג פלעגט מען זיצען ביי די לאַנגע טישען, טרינקען ביער און שווייגען. זעל־טען ווען מען דערלאַנגט א געשריי „פוי“. צום סוף, לויט דער קאָמאַנדע פון פאָרזיצענדען, שרייט מען אויס דריי מאָל „האָך!“ און דאָס איז אלעס. דער פראנצויזישער עולם לעבט אָבער, ער קאָכט, ער ברויזט, ער ליארעמט. ער איז ניט קיין צושויער, ער איז אן אנטיילנעמער. בפרט נאָך ווען עס קומט פאָר א דעבאטע. און עס איז גראד געווען א דעבאטע. ווי מאַנ־כע אַנאַרכיסטען, פלעגט ער פארפיהרען א ספעציעלע קאמ־פאניע געגען . . . דעם רבונו של עולם. ער איז ארומ־געפאָהרען מיט רעפעראטען צו באווייזען, אז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט. געגען איהם פלעגען ארויסטרעטען פראָ־טעסטאנטישע גלחים און באווייזען, אז עס איז דוקא דאָ פאראַן א גאָט. פאָר איז געווען זעהר א שעהנער רעדנער און זעהר א וויציגער רעדנער. פלעגען טאקע די גלחים האָבען א מיאוסען פסק, און דער עולם פלעגט קלייבען נחת.

איך האָב אויך געקליבען נחת. דאס ערשטע מאָל און דאָס צווייטע מאָל. אָבער ווען איך בין איהם געגאַנגען הערען דעם דריטען מאָל, איז ער מיר שוין דערעסען געוואָרען. ס'איז טאקע געווען שעהן און וויציג, ווי פריהער. אָבער סוף כל סוף זעהט מען, אז ס'איז פלאַך, אָהן א פילאָזאָפישער טיפקייט. איך האָב דאָס באמערקט נישט איינמאָל ביי די פראנצויזישע רעדנער און שרייבער. דער פראנצויזישער געדאנק און די פראנצויזישע שפראַך האָט אין זיך אזא טבע: עס האָט די פעהיגקייט פאָר־צושטעלען די זאַך מיט דער גרעסטער קלאָרקייט און דורכזיכ־טיגקייט, אזוי אז יעדער פשוט'ער בשר ודם זאָל דאָס קענען פארשטעהן... ער נעמט אָבער בלויז די אויבערפלעכע פון דער זאַך, און די אינעווניגסטע טיפעניש געהט פארלאָרען. אין דיזער הינזיכט האָב איך שוין א סך ליבער די דייטשען. זייער

גערדאַנק האָט אפשר װעניגער גלאַנץ, איז אפשר שװערער, אָבער ער האָט ניט דעם ערך מעהר טיפקייט און עהרליכקייט. פאַר־שטעהט זיך, אז ס'איז דאָ אויך צװישען די פּראָנצויזען אויס־נאַהמען. װעגען איינער פון די דאָזיגע אויסנאַהמען — דעם אונשטערבליכען זשאַן זשאָרעס — װעט מיר שפּעטער אויס־קומען צו ריידען. אָבער פאָר האָט נישט געהערט צו די דאָזיגע אויסנאַהמען. און הגם ער געהערט צו די בעסטע און גלענ־צענדסטע אייראָפּעאישע רעדנער, איז מיר דאָך סוף כל סוף מיאוס און נמאס געװאָרען איהם צו הערען.

.53

ווידער אין בערן

עס איז געקומען דער הערבסט, און איך בין געפאָהרען צו־ריק אין מיין בערן. אין אָקטאָבער 1902 איז געוואָרען פּונקט 5 יאָהר זינט עס האָט זיך געגרינדעט דער „בונד“, און מיר האָבען אומעטום אין די קאָלאָניעס געפייערט דעם יובּילעאום. אין בערן האָבען מיר אין א גרויסען זאַל געמאכט א יום־טוב'דיגע פארזאמלונג. איך האָב געהאלטען די „פעסט־רעדע“. דערנאָך זיינען ארויסגעטראָטען פאָרשטעהער פון פארשידענע פארטייען מיט באגריסונגען. עס איז כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט, אז עס האָבען באגריסט דעם „בונד“ די פאָרשטעהער פוןביידע פּוילישע פּארטייען, די פּ. פּ. ס. און די פּוילישע סאָציאל־דע־מאָקראטען. דערנאָך בין איך געפאָרען קיין ציריך, און דאָרטען האָט אויך גערעדט דער אָפיציעלער פאָרשטעהער פון דער פּוי־לישער סאָציאל־דעמאָקראטיע. אויך אין מינכען, וואו עס איז מיר אויך אויסגעקומען צו האלטען די יובּילעאום־רעדע, איז אויפ'ן אבענד געקומען דער באוואוסטער פּוילישער סאָציאל־דעמאָקראט מארכלעווסקי (קארסקי). דעמאָלט זיינען די חברה־לייט געווען געשטימט גאנץ פריינדליך צו אונז. עס איז געווען א צייט, ווען די פּ. פּ. ס. האָט נאָך א לאנג־יעהריגע הפסקה ווידער באנייט איהר טעטיגקייט; זי איז געווען זעהר שוואך, און דער „בונד“ אין רוסלאנד האָט איהר גאנץ שטארק געשטיצט און געהאָלפען. שפּעטער, ווען זיי האָבען זיך געשטעלט אויף די אייגענע פיס האָבען זיי אָנגעהויבען צו באקעמפען דעם זעלבען „בונד“. גערעכט איז יענער קלוגער מענש, וועלכער האָט געזאָגט, אז א טובה איז מען קיינמאָל ניט מוחל!

א חוץ ציריך און מינכען בין איך מיט מיין יובּילעאום־רעדע געפאָהרען אויך אין קארלסרוהע — אין דרום־דייטשלאנד.

דאָרטען איז צוזאמען מיט מיר געפאָהרען אויך טעומין און צוויי מיידלעך — צוויי שוועסטער לעווין (איינע פון זיי איז די איצטיגע פרוי פון זינאָוויעוו'ן) צו שפּילען אויפ'ן יובילעאום־אבענד. דערביי איז פאָרגעקומען א קאָמישער אינצידענט. טעומין האָט געדאַרפט האָבען א טשעמאָדאַן. איז ער געקומען צו א באקאנטער סטודענטקע צו בעטען, אז זי זאָל איהם דאָס אנטלייען, און זי האָט עס געטאָן, ער האָט אָבער דערביי גערעדט וועגען דער זאַך אין א גאַר געהיימניספוֹלען טאָן (אמאָליגע קאָנספּיראַציע) און דאָס מיידעל איז געװען זיכער, אז ער פאָהרט ניט אנדערש אין רוסלאנד מיט א וויכטיגער געהיימער שליחות און זי איז געוועזן גוואַלדיג ענטוישט ווען ער האָט זיך אומגע־קערט אין צוויי טעג ארום און עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז געוועזן ניט אין רוסלאנד, נאָר פּשוט אין קאַרלסרוהע.

נאָך דעם יובילעאום האָבען מיר אין בערן געהאַט א גרויסע דעבאַטע מיט ציוניסטען, וועלכע האָט אויפגערודערט די גאַנצע קאָלאָניע. קלענערע דעבאַטען פלעגען פאָרקומען אויך פריהער, אָבער דאָס מאָל האָבען די ציוניסטען געוואָלט מאַכען א גענע־ראַל־שלאַכט. עס איז געמאָלדען געוואָרען וועגען א רעפעראַט פון חיים ווייצמאַן. און צוזאמען מיט איהם זיינען געקומען צו פאָהרען נאָך צוויי ציוניסטישע רעדנער. איינער איז געוועזן דאָקטאָר פייוועל, א דייטשער איד, א דיכטער און שרייבער (ער האָט צווישען אנדערען איבערזעצט אויף דייטש א רייהע לידער פון מאָרים ראָזענפעלד) און א געוויסער אבערסאָן, וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר'ן טעאָרעטיקער פון דער „דעמאָקראַ־טישער פראַקציע".

מיר פון אונזער זייט האָבען געמוזט זיך באנוגענען מיט אונזערע באַשיידענע אָרטיגע כחות; עס איז אונז בלויז גע־קומען צו הילף איינער א חבר פון קאַרלסרוהע, א יונגער סטו־דענט, נישט קיין שלעכטער רעדנער, אָבער אלענפאַלס אויך ניט פון די אָנפיהרער. האָבען מיר מאָביליזירט דאָס ביסעל האָב און גוטס, וואָס מיר האָבען פארמאָגט, און די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבען און געדויערט גאַנצע דריי אָווענדען.

אָנגעהויבען האָט זיך עס מיט א רעפעראַט פון ווייצמאַן'ען. איך ווייס ניט, וואָס פאַר א רעדנער איז ווייצמאַן איצט; איך

האָב איהם שוין זעהר לאַנג נישט געזעהן און נישט געהערט; דעמאָלסט האָט ער זיך אַלענפאַלס נישט אויסגעצייכענט מיט א באַזונדערען רעדנער־טאַלאַנט. גערעדט גלאַטיג, לאַנגזאַם, טרוקען און אביסעל נודנע. ס׳איז געווען קענטיג, אז ער שניידט זיך אויף א „דיפּלאָמאַט": געוואויגען און געמאָסטען זיינע ווערטער און זעהר גוט געהערשט איבער זיך אליין. וואָס איז שייך דעם רעפעראַט גופא, איז ער געווען א געוואַלדיגע ענ־טוישונג. די „קאָלאָניע" איז געווען צוגעוואוינט צו גרויסע, גרינדליכע, אינהאַלטספולע רעפעראַטען; וויייצמאַן האָט אָבער אָפּגערעדט עטליכע צעהנדליג מינוט, און אין דעם מאָמענט, ווען אַלע האָבען געמיינט, אז אָט איצט ענדיגט זיך ערשט די הקדמה און עס הויבט זיך אָן די עצם פאַרלעזונג, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט און ערקלערט, אז דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען. דאָס האָט אויסגעזעהן ממש ווי א חוזק, און דער עולם איז געווען מורא׳דיג אויפגעבראַכט. מיר האָבען ערקלערט, אז דער רעפעראַט איז גאָר קיין רעפעראַט נישט, אז ס׳איז נישטאָ אויף וואָס צו ענטפערען, און אַז קיין דיסקוסיע וועט ניט זיין. דאַן איז אָבער ארויסגעקומען דער צווייטער ציוניסטישער רעד־נער אבערסאָן און האָט „געראַטעוועט די סיטואַציע". ער האָט אָנגעהויבען צו דרשנ׳ען; און זיין רעדע, פול מיט ווילד־סטע און משונה׳דיגסטע זאַכען האָט פונדעסטוועגען יאַ געהאַט א געוויסען אינהאַלט און יאָ געגעבען מאַטעריאַל פאַר דער דיס־קוסיע. און די דעבאַטע האָט זיך אָנגעהויבען. דריי אָוועַנדען נאָכאַנאַנד האָט מען זיך געריסען. ס׳איז געווען גאָר שטורמיש. וויייצמאַן׳ס גוואַרדיע, וואס איז באַשטאַנען דאָס רוב פון גאַלי־ציאַנער יונגע לייט — צוקונפטיגע רבנים — האָט זיך געפיהרט זעהר ווילד. איין פאָרזיצענדער נאָכ׳ן צווייטען האָט זיך גע־מוזט אָפּזאָגען פון פיהרען די פאַרזאַמלונג, — נישט בכח געווען בייצוקומען דעם צובושעוועטען עולם; דער לעצטער פאָרזיצענ־דער, וועלכער איז פאַרבליבען ביז׳ן סוף אין זיין אמט איז, דאַכט זיך, געווען אנסקי. דער שפּיץ פון דער דיסקוסיע איז געווען דער דריטער אָוועַנד, ווען מען האָט אויסגעקליבען צו דריי גענעראַל־רעדנער פון יעדען צד. דעם גרעסטען איינדרוק פון אַלע ציוניסטישע רעדנער האָט געמאַכט דער דייטש פּייוועל.

א פּאַעט, האָט ער גערעדט מיט פּאָעטישע בילדער, און אליין איז ער געווען א בלאַסער מיט גלאַנציגע שווארצע אויגען, און נאָך זיין רעדע האָט ער אליין געחלש'ט, און אויף א טייל פון די מיידלאך האָט דאָס געהאט א גוואלדיגע ווירקונג. ווי עס פיהרט זיך אָבער, האָבען געזיגט ביידע צדדים — יעדער האָט אויסגענומען ביי זיין עולם. די מעהרהייט פון דער קאָלאָניע איז, פארשטעהט זיך, געווען אויף אונזער זייט.

איך געדענק נאָך היינט די לעצטע ווערטער, מיט וועלכע וויצמאן האָט געענדיגט זיין שלום־רעדע. איצט — האָט ער געזאָגט — פיהרען מיר צווישען זיך א קאמף דאָ, אין דער שווייץ, וויים פון אונזער אייגענטליכען פּלאַץ, פון די אידישע מאַסען. עס וועט אָבער קומען די צייט און מיר וועלען זיך צונויפקומען דאָרטען, אין דעם ווייטען רוסלאנד, און דעמאָלט וועלען מיר טאקע קעמפען באמת איינע מיט די צווייטע, א ברוסט געגען א ברוסט, און די געשיכטע וועט זאָגען איבער אונז דעם פּסק דין.

ביז'ן היינטיגען טאָג האָט וויצמאן נישט אויסגעפיהרט זיין צוזאָג. אָנשטאָט רוסלאנד איז ער אוועקגעפאָהרען אין ענגלאנד און געוואָרען דאָרטען ערשט א גוטער כעמיקער און דערנאָך א שתדלן ביי ללאָיד דזשאָרדזש'ען און באלפור'ען.

חוץ די גרויסע אפענע דיסקוסיעס מיט די ציוניסטען און מיט די „ס. ר.'ען" האָבען מיר געהאַט קליינע געשלאָסענע דיס־קוסיאָנס־קרייזלאך פאר אונזערע אייגענע מענשען. און א בכבוד'יגען אָרט צווישען די פארשידענסטע פראַגען, וואָס מען פלעגט דאָרטען ארומרעדען, האָט פארנומען די נאציאָנאלע פראגע. מיך פערזענליך האָט די נאציאָנאלע פראַגע שוין מיט א יאָהר פריהער אָנגעהויבען ברענענד צו אינטערעסירען. דעם שטוים דערצו האָט געגעבען יענע רעזאָלוציע פון דעם פיערטען צוזאמענפאָהר פון „בונד", וועגען וועלכע איך האָב שוין פריהער דערמאנט; די רעזאָלוציע, וועלכע האָט פאָרמולירט דאָס פּראָגראַם פון דער נאציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. ס'איז געווען מעהר ניט א שטוים, נאָר נישט קיין קלאָרע און ענט־גילטיגע פארענטפערונג. די מחברים פון דער רעזאָלוציע גופא האָבען נאָך געטאפּט אין דער פינסטער. די פאָרמולירונג איז

געווען ניט קיין געלונגענע, די טעאָרעטישע באַגרינדונג איז געווען נאָך נישט גענוג אויסגעאַרבייט. די איינציגע בראָשור, וואָס איז ארויסעגעבען געוואָרען דעמאָלט פון בונדישען צענט־ראַלען קאָמיטעט וועגען דער פראַגע — אָנגעשריבען פון וו. קאָסאָווסקי — האָט געטראָגען א פּאָלעמישען כאראקטער, און האָט נישט געקענט אויסשעפּען די פראַגע. די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פון אנדערע פעלקער האָט מיט זעלטענע אויסנאַהמען אין גאַנצען פארשוויגען די נאַציאָנאַלע פראַגע; די גרויסע גרינדליכע ביכער פון קאַרל רענער און אָטאָ באַוער האָבען זיך באַוויזען ערשט שפּעטער. איך האָב געפיהלט א שאַרפע באַ־דערפניש צו געפינען א פעסטען שטאַנדפונקט, אן אמת'ען סאָ־ציאַליסטישען קוק אויף דאָס גרויסע און פארפּלאָנטעטע פּראָבלעם.

פון רוסלאַנד בין איך געקומען צו פאָהרען אָהן א קלאָרען בליק אין דער פראַגע. איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט בלויז פארשידענע שטימונגען, וועלכע איך האָב נאָך געדאַרפט אויס־לייטערען, איבערקאָכען און אונטערוואַרפען אונטער א שטרענגען קאָנטראָל פון דעם וויסענשאַפטליכען מאַרקסיסטישען געדאַנק.

נאָך פון די אמאָליגע סטודענטישע יאָהרען אין קיעוו איז ביי מיר פארבליבען א שאַרף נעגאַטיווע באַציהונג צו די נאַ־ציאָנאַליסטישע שטרעבונגען און אַפּעטיטען. דאָס וואָרט גופא „נאַציאָנאַליסט“ איז מיר געווען פאַרהאַסט ווי די גאַל. פון דער צווייטער זייט האָט די אַסימילאַטאָרישע שיטה, בפרט נאָך אין דער פאָרם ווי זי פלעגט שטאָלצירען אויף די שפּאַלטען פון דער „איסקרא“, ערוועקט אין מיר א טיפען אומ'חן. חוץ דעם אַלעמען, האָב איך נאָך אין די גרויע אידישע געסלאַך פון מינסק איינגעזאַפּט אין זיך א וואַרימען געפיהל צו דער אידישקייט. דאָס איז אַלץ געווען א רויהער מאַטעריאַל. איך האָב געפיהלט, אז אין דעם קאַמף צווישען נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע, וואָס האָט זיך געפיהרט אין דער אידישער בורזשואַזער פּרעסע, זיינעןביידע צדדים אומגערעכט. אז פון סאָציאַליסטישען שטאַנד־פּונקט טויגען ביידע נישט; אז דער סאָציאַליזם מוז זיך אויפ־הויבען איבער ביידע שטאַנדפּונקטען; אז דער סאָציאַליסטי־שער געדאַנק דאַרף אַרבייטען גאָר מיט אנדערע באַגריפען; אז

ער דארף מעסטען די ערשיינונגען גאָר מיט אן אנדער מאָס. איך פלעג ווערען אין כעס, הערענדיג, ווי נאציאָנאליסטען טענה'ן: ווער ס'איז נישט מיט אונז, דער איז אן אסימילאַ־טאָר; און ווי די אסימלאטאָרען טענה'ן: ווער ס'איז נישט מיט אונז, דער איז אַ נאציאָנאליסט. איך האָב געפיהלט, אז עס מוז זיין א דריטע שיטה. נישט עפּעס א מיטעל־זאך צווישען דיביידע — א ביסעל גענאַשט ביי דעם, אַ ביסעל גענאַשט ביי יענעם — נאָר טאקע א גאנץ זעלבסטשטענדיגע דריטע שיטה, וואָס שטעהט איבער זיי ביידע, וואָס געפינט זיך גאָר ערגעץ אויף אַן אנדער עטאזש פון דעם געזעלשאפטליכען דענקען און פיהלען. און עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבען אָנצומערקען אין מיין מוח יענע דריטע שיטה. בלויז אויפ'ן פאפיר בין איך גאָר נישט געווען בכח זי צו פאָרמולירען קלאָר און דייטליך.

דאָס איז געווען בנוגע צו די אַלגעמיינע טעאָרעטישע שטע־לונג צו דער נאציאָנאַלער פראגע. גלייכצייטיג האָב איך מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג געטראכט וועגען די קאָנקרעטע פּאָליטישע פאָדערונגען פון דעם נאציאָנאַלען פּראָגראם. דאָס דאָזיגע פּראָגראם, וואָס איז געווען א ביסעל מטושטש אָנגע־וואָרפען אין דער רעזאָלוציע פון פיערטען בונדיסטישען צוזא־מענפאָהר האָט אָנגעהויבען ביי מיר אין מוח אָנצונעמען אלץ מעהר קלאָרע, באשטימטע אויסגעטאָקטע פאָרמען, און אין דיס־קוסיעס, וואָס מיר פלעגען פיהרען אין אונזערע קרייזלאך, פלעג איך כסדר פארטיידיגען און פאָרמולירען דעם דאָזיגען פּראָגראם. עס פלעגט אויסקומען זיי צו פארטיידיגען נישט נאָר געגען די זייטיגע מענשען; אפילו אין אונזערע אייגענע רייהען האָבען נאָך נישט אלע געהאט געגוג פעסטע און קלאָרע שטימונג. מען האָט ערשט געשטעלט די ערשטע טריט און עס איז נאָך געווען גענוג וואקלעגישען. וועגען דעם וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדען א ביסעל שפּעטער.

54.

ווידער אָנגעוואָרען די היים

אויף א קורצע צייט איז בערן געוואָרען מיין צווייטע היים; נישט קיין אמת'ע, בלויז אן „ערזאַץ“. אָבער פאָרט עטוואס אזוינס, וואָס האָט אין זיך כאָטש א רמז פון א היים. עס האָט אָבער געדויערט נישט לאַנג, קוים אָנדערהאַלבען יאָהר. און דאן האָב איך ווידער גענומען דעם וואנדער־שטעקען.

גראָד די לעצטע חדשים, וואָס איך האָב פארבראכט אין בערן, איז מיר די דאָזיגע שטאָדט געוואָרען באזונדערס ליב און נאָהענט. נישט צוליב דער שטאָדט גופא, נאָר וויייל גראָד דאָרטען און גראָד דאמאָלט האָט זיך אריינגעפלאָכטען אין מיין לעבען א בלומען־קראנץ פון שעהנקייט און ליידען, בענקשאפט און גליק, און א מענש האָט ליב די שטאָדט, וואו ער האָט איבערגעלעבט גרויסע און שעהנע זאַכען.

איך האָב אמאָל געזאָגט — טאקע אין יענער צייט — צו א נאָהענטען מענשען: דער אינהאלט פון מיין לעבען איז די געזעלשאפטליכע ארבייט; די ראָמאנטיק פון געוויסע אינטימע פערזענליכע איבערלעבונגען איז גלייך ווי א רעמעל, וואָס נעהמט ארום דעם דאָזיגען אינהאלט; נעהמט ארום און באשיינט מיט איהרע שטראַהלען. עס האָט זיך דעמאָלט באַוויזען דאָס רעמעל.

איך וויל נישט און קען נישט דערצעהלען וועגען די דאָזיגע זאַכען. איך וויל נישט, וויייל דאָס איז צו פערזענליך. איך קען נישט, וויייל דערצו דאַרף מען זיין א קינסטלער. וואָלט איך געווען אַ קינסטלער, וואָלט איך פון דעם געקאָנט מאַכען א ראָמאַן. איך בין אָבער ניט קיין קינסטלער, און אנשטאט צו שרייבען דעם ראָמאַן האָב איך איהם געלעבט. אין בערן איז געווען דער אָנהויב, און בערן איז געבליבען טייער.

חוץ דעם האָב איך געהאַט פריינד. ריכטיגער געזאָגט —

פריינדינען. און אין דער פריינדשאפט איז געווען אויך א גרויסע שעהנקייט. די שעהנקייט פון לעבען גופא און די שעהנקייט פון דער קונסט. מיר האָבען זיך א סך פארנומען מיט דער מאָדערנער ליטעראטור — הויפטזעכליך מיט דער דייטשער. די מענשען זיינען אויך געווען זעהר מוזיקאליש, און זיי האָבען מיר געהאָלפען אריינצודרינגען אין אוצרות פון מוזיק. דאָס איז אפשר אויך בלויז א רעמעל פאר א כלל-טועה. אָבער ס'איז דאָך גוואלדיג וויכטיג. און ווען איך האָב, למשל, צום ערשטען מאָל געהערט די ניינטע סימפאָניע פון בעטהאָווען אָדער געוויסע אָפּערען פון וואגנער, איז עס געווען פון די גרויסע געשעהעניש'ען אין מיין לעבען...

ס'איז געקומען דער פריהלינג פון'ם יאָהר 1903 און איך בין ווידער ארויסגעפאָהרען קיין קלאראן און פארבראכט דאָרטען זעקס וואָכען. און די דאָזיגע וואָכען זיינען געווען פול שעהנקייט...

קיין בערן האָב איך זיך אָבער נים אומגעקערט צוריק.

ווען איך בין אוועקגעפאָהרען קיין קלאראן, האָב איך נאָך אליין ניט געוואוסט, אז איך פארלאָז בערן אין גאנצען. און ערשט שפּעטער האָב איך באשלאָסען דאָס צו טאָן.

פארוואָס? איך האָב דאָך ליב געהאט בערן? יאָ, אָבער איך האָב געפיהלט, אז אין דער קליינשטעדטעלדיגער לופט פון דער קאָלאָניע ווער איך פארשימעלט, און אז איך ריהר זיך נישט פון אָרט. איך האָב אָבער נישט געוואָלט בלייבען אויף איין אָרט.

איך האָב קיינמאָל נישט געהאט קיין אמביציעס (העכסטענס אפשר אין די קינדער-יאָהרען) און קיינמאָל ניט געטראכט וועגען א „קאריערע" — אפילו אין דעם איידעלסטען זין, אויפ'ן פּארטיי פּאָליטישען געביט. אָבער ביי דער גאנצער באשיידענקייט מיינער האָב איך גערעכענט, אז עס וואָלט פּאָרט געווען א שאָד צו פארבלייבען אויף שטענדיג אין א ראָלע פון א „קאָלאָניאלען קאָך-לעפעל". אין די דרייסטע חלומות מיינע האָב איך זיך פארמאָסטען אפילו צו ווערען אמאָל א שרייבער. אלענפאלס האָב איך געפיהלט, אז איך מוז נאָך א סך לערנען און ארבייטען איבער זיך אליין. און די בערנער אטמאָספערע איז ניט געווען פאסיג דערצו. איך האָב געפיהלט, אז איך ווער

ממש צוקראָכען, און עס האָט מיך ארומגענומען אן אמת'ער פחד. דעמאָלט האָב איך געזאגט: לאָמיך מאכען א פּרוף; לאָמיך בייטען דעם אָרט. און איך האָב באשלאָסען צו פאָהרען אין מינכען.

פארוואָס גראָד אין מינכען? גלאט אזוי. מען האָט מיר שטארק געלויבט די דאָזיגע שטאָדט. א סך קולטור, און דאָך שטיל, — מען קען זיך לערנען; סימפּאטיש, היימיש. „ליבע־ראַל" (פאר אן אימיגראנט אָהן א פּאס איז דאָס געווען א גרויסע מעלה). בין איך געפאָהרען אהין.

דאָס לעבען אין מינכען איז געווען גאנץ פיין. ווי געזאָגט, האָט דאָס אָבער געדויערט זעהר ניט לאנג; אפשר אנדערהאַל־בען חדשים, ניט מעהר.

ס'איז אָנגעקומען די ידיעה וועגען דעם קישינעווער פּאָגראָם.

(ענדע פון ערשטען טייל)